STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11458

# GEKLIBENE SHRIFTEN

Jente Serdatzky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יענטע סערדאצקי

Serdatzky, Jente, 1879-
Geklibene shriften
(Selected writings).

# געקליבענע
# שריפטען

היברו פאבלישינג קאמפאני
85-83 קאנאל סטריט, ניו יארק
1913

892.9

**COLLECTION OF WRITINGS**

by

# YENTE SERDATZKY.

*Copyright 1913, by the Hebrew Publishing Company, New York, N. Y.*

# אינהאַלטס־פֿערצייכניס

## אומעטיגע הערצער.


| | | | |
|---|---|---|---|
| צוויי קעפּ | 3 | מאָמענטען | 81 |
| ווער איז דאָרט ? | 7 | אַ נייע פּאָאר | 85 |
| ניט אויסגערעדט זיך | 15 | ראש השנה | 99 |
| אָהן אַ דירה | 21 | ווידוי | 107 |
| ראָמאַנען | 26 | אומגעביטען | 117 |
| דער זויערער | 49 | דער געסט | 123 |
| די פראַגע | 55 | אַמעריקאַניזירט | 133 |
| צוליעב אסתר׳קען | 58 | די בעדייטונג פון ווערטער | 140 |
| נאָך אַ פערזאַמלונג | 68 | מאַשאַ | 147 |
| נאָר איין אבענד | 76 | | |


## ד ר אַ מ אַ ט י ש ע ס


| | | | |
|---|---|---|---|
| אויף דער וואַך | 153 | בריאַנקאַ | 175 |
| צוריקגעקומענע | 168 | ביים וויעגעל | 183 |


## לעגענדען און מעשה׳לאַך


| | | | |
|---|---|---|---|
| צו שפּעט | 191 | די בלויע קעניגין | 235 |
| אַ זיפץ | 200 | דער קינסטלער | 247 |
| דאָס גליק | 207 | אָהן אַ ליעד | 256 |
| דער פערצווייפעלטער | 215 | דאָס פעלד פון זינד | 259 |
| די בייזע געטין | 221 | פערוועלקט | 265 |
| די פיעדעל | 229 | אַ זינדער | 267 |


MAY 15 1978

# אומעטיגע הערצער

# צוויי קעפ

גרוי און אומעטיג ציהט זיך איהר איינזאמעס לעבען . . . לאנגזאם שווימען די אומעדיגע ווינטערדיגע טעג . . . א גרויסער הימעל־שטרייף ציהט זיך דורכ'ן פענסטער אין איהר שטיבעל אריין, און גיסט זיך צוזאמען מיט די גרוי־געקאלכטע ווענד. אויף אלעם ליגט א גרויסער אומעט: אויפ'ן אייזערנעם בעטעל, הויקערדיגען שטוהל און טישעל, אויף די ביכער אהן טאוולען, און זי אליין איז אויך איינגעהילט אין א גרויען נעבעלדיגען שאטען . . .

זי קוקט אין שפיגעלע אריין און זעהט ברוינליכע רענדער ארום איהרע שווארצע טרויריגע אויגען, די מיעדע קרענקליכע רויטקייט, וואס גיסט זיך באלד פון אונטער די אויגען איבער'ן גאנצען געזיכט אראב, ווערט זי נאך אומעטיגער: דאס נאגט דאס הארץ, און שפארט עס דאס ארימע בלוט אין פנים אריין . . . לענגער ציהט זיך נאך די ווינטער־נאכט, לענ־גער און טרויריגער ביים בלייכען שיין פון קליינעם לעמפעל. זי ווארט אויף קיינעם ניט און קיינער קומט צו איהר נישט. זי האט זיך אבגעריסען פון דער וועלט.

אז אונטען האט דאס לעבען אנגעהויבען אזוי שטארק צו רוישען, אז די שויבען פון איהר איינזאם שטיבעל האבען אנגעהויבען ציטערן און קלינ־גען פון שטורמען אין גאס, האט זי זיך אויפגעכאפט, פערלאזט איהר ביכער־וועלט און געווארפען זיך אין קאכענדיגען שטראם אריין. עס איז אבער געווען שוין צו שפעט . . . דער שטראם האט זי ניט אריינגענומען. הייסען גלויבען האט מען געפאדערט . . . זי האט נאר קריטיק און צווייפעל געהאט.

זי איז צוריק געקומען נאך אומעטיגער אלס פריהער. אין איהר שטיבעל זיצט זי איינזאם, אין בלייכען שיין פון קליינעם לעמפעל, צווישען די שאטען, וואס ציטערן ארום איבער די ווענד; איינזאם און אהן א ציעל אין לעבען.

---

איינמאל דערהערט זי א געלעכטער דורך דער וואנד. דאס נאהענטע

צימער איז ביז אהער לעער געשטאנען, אצונד האט עס ווער פערנומען און — לאכט !

עס עמפערט זי : ארום אזא עלענד — און יענער לאכט ! איהרע מאגערע הענד האבען זיך אין פויסטען געבאלט . . . זי האט אנגעקלאפט אין וואנד . . . שטוק־שטוק־שטוק . . . און איהר דאכט, זי זאגט דער־מיט. . . „מיין הארץ וועהטאגט. . . העלפט מיר, ליידט מיט, פיהלט־מיט מיט מיר". . . און פון יענער זייט וואנד האט אבגעשלאגען ווי איין עכא : „שטוק, שטוק, שטוק" — גערעכט, גערעכט ! און דאס לאכען האט אויפ־געהערט. — פון דאמאלס אן האט זי אנגעהויבען אפט אין וואנד צו קלא־פען . . . שטוק־שטוק־שטוק . . . דאס האט געהייסען : „ווי שווער איז אויפ'ן הארץ, ווי אומעטיג אויף דער נשמה" שטוק־שטוק־שטוק, קלאפט עס אב פון יענער זייט וואנד, און איהר דאכט, מען ענטפערט איהר און דער ענטפער בעדייט : „מיר אויך !" „מיר אויך !" „מיר אויך !" — „שטוק־שטוק־שטוק" — ווי עס ציהט דאס ארימע לעבען . . . ווי עס ווילט זיך האבען נאך וואס און צוליעב וואס צו לעבען" . . . „מיר אויך", „מיר אויך", „מיר אויך", ענטפערט עס פון יענער זייט . . .

— „יענער מוז אויך זיין איין איינזאמער" זיפצט זי אב, און זי הייבט אן טראכטען וועגען איהם.

„איין איינזאמער מוז דארט וואהנען" . . . הייסען, וויל זי, זאל ער „לאזאר" זי האט ליעב דעם נאמען . . . ווי אלט קען ער זיין ? א יאהר 25 ! פון געשטאלט מוז ער זיין הויך, שלאנק . . . דאס געזיכט בלייך. . . צארטע שטריכען . . . האאר גאלדענע, קרויזע, א ביסעל צושויבערטע. . . איבערהויפט ביים שטערען. אויגען דארף ער האבען בלויע, גרויסע, פער־טראכטע . . . און זיי קוקען אזוי וואונדערליך פון אונטער די געדיכטע ברעמען.

— „ווי לעבט ער" ? . . . זיין צימער איז אויך געוויס אזוי גרוי. אזוי אומעטיג ווי איהרס . . . ביכער מוזען דארט אויף זיין פיעל . . . אויך נישט געבונדענע ! און ער לעזט . . . טאג און נאכט לעזט ער. און ער לייענט מיט אימפעט. . מיט אויפרעגונג. . ווי ער זאלט דארט פערלוירענע אוצרות געזוכט . . . אנגעוואהרענע קאסטבארקייטען . . . הייליגקייטען . . . וואס ער קען ניט צוריק געפינען . . . אויף זיין הויכען שטערן לעגען זיך קנייטשען ; זיי ווערען אלץ טיעפער און טיעפער . . . די בלויע אויגען ווערען טרויריגער . . . פערטראכטער . . .

און אן אונבעקאנט ווייך געפיהל נעהמט זי דורך . . . זי בעקומט אויף איהם רחמנות . . . אזוי איינזאם ! . . .

זי הערט דורך דער וואנד, ווי ער זיפצט . . . אט דאכט זיך איהר,

זעהט זי איהם בעשיינפּערליך דורך דער וואַנד, טרעהרען קויקלען זיך פון זיינע אויגען אויפ׳ן בלייכען געזיכט אַראָב . . .

„וואָס פעהלט איהם ? . . . פון וואָס ליידט ער ? . . . און זי פּרעסט איהר הייסען שטערן צו דער פייכטער, גרויער וואַנד ; זאָל איהר די וואַנד עפּעס דערצעהלען פון איהם... און דאָס ווייכע באַרעמהערציגע געפיהל וואַכסט אין איהר און נעהמט זי אַלץ מעהר און מעהר דורך . . . אין האַרץ וואַכסט אַזאַ וואונדערליכער טרויער . . . און טרעהרען קאַפּען וואַרעמע... און איהר דאַכט, אַז עפּעס קאַלטעס אין איהר נשמה צושמעלצט זיך... עפּעס שווערעס אין האַרץ ווערט לייכט און לייכטער. עס דריקט שוין נישט אַזוי, עס ווערט אַזוי לייכט . . . אַזוי לייכט . . . און דאָס רחמנות אויפ׳ן איינזאַמען שכן וואַכסט. עס ווילט זיך איהר זיין נעבען איהם . . . זי וואָלט איהם אַזוי גערן די טרעהרען פון זיינע אויגען אויסגעקושט . . . מיט איהרע צאַרטע הענד די לאָקען פעררירכט . . . איבער׳ן קאָפּ געגלעט... זי וואָלט איהם געקוקט אין די אויגען אריין אַזוי גוט־האַרציג אַזוי שוועס־טערליך . . . זי וואָלט׳ן געווים ליעב בעקומען . . . צוזאַמען, וואָלט זיי לייכטער געווען צו לעבען, צו געפינען אַ ציעל אין לעבען . . .

און איהרע קלעפּ אָן דער וואַנד ווערען ווייכער, צערטליכער, און פון יענער זייט קלינגען איהר צוריק אָב טענער פול האָפנונג, טרויסט און ליעבע, זי וויל איהם זעהען . . . זי בענקט . . . נאָר אריינגעהען צו איהם וועט זי נישט . . . אין טהייל ביכער טהוט מען אַזוי, נאָר אין לעבען איז שווער, זי קען נישט . . . זומער וואָלט זי אַ פענסטער געעפענט יענער אויך . . .

און נייע גאָלדענע חלומות הויבען זיך אָן צו וועבען אין איהר... זאָל נאָר קומען די ערשטע זונן, די ערשטע זונן ! דאָ פון די פענסטער, ער וועט זיך בעווייזען . . . זיין גאָלדענער קאָפּף !

---

און, אַז דער פריהלינג איז געקומען, און אויף די גרויע ווענד, און אויפ׳ן אָרימען מעבעל האָבען זיך גאָלדענע פלעקען צולעגט, און אַ זייל זאָנען־שטויב האָט זיך שיעף געשטעלט און פערשיעדענפאַרביג געפונקעלט, — האָט איהר האַרץ אַ זיסען ציטער געטהאָן... אַ פריידיגען צאַפּעל — שטוק־שטוק־שטוק . . . „דער פריהלינג רופט, צו ליעבען, צו לעבען, צום גליק" . . .

און פון יענער זייט האָט עס אָבגעקלונגען : „מיר אויך", „מיר אויך", „מיר אויך", און זי זעהט׳ן בחוש, מיט דער האַנד אויף דער בענקענדיגער ברוסט . . . מיט זיסע טרעהרען אין פערבענקטע אויגען !

— „מיר אויך !" „מיר אויך !" און זי האָט דאָס פּעסטער אויפגע־פּראלט —

און זי הערט, אַז דאָרטען אויך, דאָרטען אויך —

און ווירקליך, נישט זי אַליין בויגט דעם קאָפּ ארויס . . .

צוויי קעפּ האָבען זיך מיט אַ מאָל אין פענסטער בעוויעזען... צוויי בלאַסע בענגענדיגע געזיכטער, צוויי פּאָאר פערבענקטע אויגען . . . נאָר צוויי מערבען־קעפּ !



# ווער איז דאָרט?

## (דערצעהלט פון אַן איינזאמע)

---

איך קום דאָרט אָפּט אריין.

פיער אין איין שטוב וואָהנען זיי. עס ציהט זיך א לאַנגער קאָרידאָר, פוןביידע זייטען צו צוויי טהירען.

די ערשטע טהיר רעכטס. א גרויסער, פיער עקיגער צימער. די ווענד בעקלאַפּט מיט העלע טאַפּעטען, א ווייכער גארניטור מעבעל מיט ווייסען בעצויגען, אויף די צוויי גרויסע פענסטער ווייסע פאָרהאַנגען, א גרויסע ניקעל־בעט מיט ווייסען בעט־צייג, אויפ׳ן טיש א לאָמפּ מיט א ווייסען אבאזשור, נעבען טהיר א ווייסער האַנדטוך.

אין דעם צימער וואָהנט דער בעל־הבית. ער איז א הויכער מאַן פון א יאָהר פינף און זעכציג. מיט א לאַנגען ווייסען באָרד און מיט א בלייכען געזיכט. ער איז אַן אלמן. „זיינע" איז געשטאָרבען מיט א פּאָאר יאָהר צוריק ; וועגען אַן אנדערע טראכטען איז צו שפּעט : ער איז מיעד און אַלט... צוויי זיהן, וואָס וואָהנען זעהר ווייט פון איהם, האַלטען איהם אוים בכבוד עס פעהלט איהם קיין זאך ; ער עסט, טרינקט, שלאָפט, לייענט א בלאַט, קוקט אריין אין א ספר, כאָטש ער איז ניט איבריג פרום. אָבער זיין אַלטעס געזיכט איז שטענדיג מיט א מרה־שחורה־וואָלקען פערצויגען ; אָפּט זיפצט ער : ער בענקט נאך זיין אַלטער : צו פריה אָדער צו שפּעט איז זי איהם געשטאָרבען...

די טהיר אַנטקעגען איבער. א קליינער לענגליכער צימער ; די ווענד געפארבען מיט קופּער־רויטען פארב, א פיער־פּאַכיגע פּאַליצע מיט אַלערליי געשיר, דער אויבערשטער פאך איז אין גאַנצען אויסגעשטעלט מיט בלאַנקע קופּערנע כלים. א גרויסע קאַלכענע פּליטע, א הילצערנער טישעל, מיט א פּאָאר בענקלאך, א רויט־געבלומטער פאָרהאַנגעל אויפ׳ן איינציג פענסטער, אַן אייזערנע בעטעל מיט א רויטער קאָלדרע איבערגעדעקט.

דאָס איז דער קיך־צימער און די ממשלה פון דער „דיענסט".

די „דיענסט" איז א הויכע דארע ווייבעל פון א יאָהר דרייסיג. זי טראָגט א געלען פּארוק, א רויטען אָבגעליאַקעוועטען יאקעל, אַן אַלט־קליי־

דעל, א שירץ, אין די אויערען א פּאָאר רויטע שטיינער איינגעפאסט אין גאָלד, אן אנדענקונג פון איהר חתונה. דאָס הויט פון איהר געזיכט איז געל־רויט — פון זונן און פון פראָסט — זאָגט זי — איז איהר פּנים איבערגעברענט : מיידעלוויז האָט זי אויפ׳ן גאָס פרוכט פערקויפט. איהר חתונה — זאָגט זי — איז געווען אין א בעזער שעה : דער מאן א הולטאי, ער האָט זי אויסגעבראכט ביז׳ן לעצט, קיין קינדער האָט זי מיט איהם ניט, גט וויל ער זי ניט געבען : ער וויל „צאפּען" פון איהר. שפּאָרט זי אָב א פּאָאר רובעל, קומט ער און נעהמט צו, ; גיט זי ניט, מאכט ער סקאנדאלען, פערליערט זי דעם „שטעל". פאר איהר איצטיגען „שטעל" האָט זי גאָר מורא : אזא שטילע הויז, אָהן קינדער. זי איז דארום אין איינע שרעק, טאָמער קומט „ער". זי איז שטענדיג טרויעריג ; אָפט ווישט זי מיט׳ן ברודיגען פארטוך די אויגען : „וואָס וואָלט דען גאָט הארען, אז אלע זאָלען זיין גליקליך ?" הערט מען זי אָפט ריידען האלב ווי צו זיך. אָדער : „וואָלט ער „איהם" ארייגשיקען א גוטע דעה... אזא „פארשוין".. איהר הארץ בענקט נאָך „איהם", טראָץ די פיעלע בייזעס, וואָס ער האָט זי געטהאָן

דער צווייטער צימער רעכטס. אויך א פיער עקיגער, נור א סך קלענער פון ערשטען. די ווענד מיט געל־געבלומטע טאפּעטען, אויפ׳ן איינציגען פענסטער א טולענער פאָרהאנג פון העל־געלען קאָליר, א געלער קאמאָד און א שרייב־טיש, א פּאָאר אלטע נאטור־בילדער אין בראנזענע ראמען, א געל־געבלומטער פאס צאראטע ציהט זיך אוים אין דער לענג איבער׳ן פּאָל, אן אלטע קושעטקע, א קליינער טישעל, א לאָמפּ אויפ׳ן שרייב־טיש מיט א גרינע „טולפּע".

אין דעם צימער וואָהנט דער „קווארטיראנט". ער איז א מיטעל־הויכער מאן פון א יאָהר אכט און דרייסיג. ער טראָגט א לאנגע געל־בלאָנדע באָרד, זיינע בלויע עטוואס קורצזיכטיגע אויגען זיינען אונטער געל־בלאָנדע ברעמען בעהאלטען, אויפ׳ן נאָז, א „פענסנע" איינגעפאסט אין געלבען מעטאל. זיין געזיכט איז בלייך און געלב־מאַט. ער געהט שטענדיג אָנגעטהאָן אין א געל־ברוינעם קאָסטיום.

דער „קווארטיראנט" האָט ערגעץ אין א פּערוואָרפענעם שטעדטעל א ווייב מיט דריי קינדער. דאָס ווייב האָבען איהם די עלטערען „געגעבען", בשעת ער איז נאָך א פרום חסידיש בחור׳ל געווען. זי איז פערבליעבען מיאוס, פראָסט און אונוויסענד. ער האָט זי איבערגעאנדערשט... ער וואָהנט שוין לאנג אין דער גרויסער שטאָדט, לייענט ביכער אויף פיעלע שפּראכען, שרייבט א מאָל אין א ציישונג און גיט „אוראָקען". טהאָן ווי אנדערע זיינם גלייכען : אָב׳גט׳ן דעם ווייב, האָט ער ניט געקענט. דאָס רחמנות האָט איהם ניט דערלאָזט : א צארט־פיהלענדער איז ער... ער שיקט דארום

נעלד פאר'ן ווייב און קינדער, שרייבט א מאל א בריוועל און פאהרט איין מאל אין יאהר אהיים. אין דער היים זעטיגט ער זיך אן מיט צער: די קינדער זיינען אין דער מאמען געראטען; מאכען זיי פאר מענשען קען ער ניט: ער איז צו ווייך אויף צו ווירקען; און אפשר איז ניטא אויף וועמען צו ווירקען?... צוריק קומט ער א פערביטערטער, און דער טרויעריגער לאסט דריקט זיין נשמה דעם גאנצען יאהר. פון שטעדטישען פרייען לעבען גע־ניעסט ער ניט. „הולטאיסטווא״ איז איהם וויעדערליך, ער בענקט נאך ליעבע פון א צארטער, ליעבענדער פרוי. ער וואלט עס עררייכט. ער קען דאס אבער ניט טהאן: ווי ער ווערט בעקאנט מיט אזעלכער און הויבט אן פאנטאזירען וועגען איהר, הויבט איהם אן זיין געוויסען צו פלאגען פאר ווייב און קינד... ער לעבט איינזאם און טרויעריג, ער איז איינגעוועבט אין א נעץ פון שווערע פערפלאנטערטע וועלט־פראגען און געדאנקען... אפט בעפאלט איהם א גלייכ־גילטיגקייט און מיעדקייט. ער הויבט אן שטארק גענעצען און ענטפלעקט א מויל געל־ווייסע צייהן...

דער צימער געגענאיבער. א לענגליכער צימער ווי די קיך. גרוי געפאר־בענע וועגד (א מאל איז עס העל־בלוי געוועז, איצט איז זי אבגעליאקעוועט און זעהט אויס גרוי). איין פענסטער, אנטקעגען וועלכען עס שפיגעלט זיך די גרויע וואנד פון אן ענטקעגענדיגען מויער, א קליין טישעל, בעשפרייט מיט א דונקעלער צאראטע, א פאאר שטוהלען, א בעט, בעשפרייט מיט א גרויען „אדעיאל״ (דעקע), אן עטאזשערקע מיט ביכער, אויפ'ן טיש א קליינער לאמפ, קורצע פארהענגלאך אויפ'ן פענסטער.

אין דעם צימער וואהנט די „קווארטיראנטין״.

די קווארטיראנטין איז א פרוי פון א יאהר אכט און צוואנציג. זי איז פון מיטעלען וואוקס. א פערוועלקטע בלאנדינקע. מיט צעהן יאהר צוריק האט זי חתונה געהאט. דאמאלס איז זי נאך א יונג, לייכטזיניג לעבענס־לוסטיגע מיידעל געוועז, מיט א פאאר גרויע ליכטיגע לאכענדיגע אויגען. שפעטער האט זי אנגעהויבען ביכער לעזען און זיך אינטערעסירען מיט וועלט־פראגען. זי איז געווארען ערנסט; די לעבעדיגע אויגען זיינען גע־ווארען מאט און קורצזיכטיג פון א סך לייענען. דאס יונגע ברוסט איז, פון א סך איבערפיהלען, געווארען איינגעפאלען, דעם פרעהליכען פנים האט א גרויער וואלקען פערצויגען.

זי האט אויפגעהערט איהר מאן צו געפעהלען. ער האט איהר איינגע־פאלענע ברוסט מיט די שעהנע געפיהלען אויף א הויכע, געזונדע פרויען־ברוסט, אהן שעהנע געפיהלען, פערטוישט... איהר פערוועלקטע, פערטרויער־טע געזיכט — אויף א פרישען, לאכעדיגען פרויען־פנים... ער האט זיך פער־ליעבט אין אן אנדערער און זי האט ער פערלאזט.

איצט וואָהנט זי אין א גרויען צימער ; זי גיט „אוראָקען“ און לעבט זעלבסט־שטענדיג. די פרייע צייט פערברענגט זי אין לייענען. זי לעבט איינזאם, אין געזעלשאפט פערקעהרט זי ניט : זי זעהט אַלע מענער אין געשטאַלט פון איהר פריהערדיגען מאַן און זי וויל זיי אויסמיידען... זי לייענט ביז שפּעט אין דער נאַכט. אמאָל נור, איבערהויפּט אין די אָסיען־נעכט, ווען דער רעגען קלאַפּט טרויעריג אין די שויבען און דורך די דיקע פינסטערקייט שלאָגט זיך דורך די גרויע וואנד פון ענטקעגענדיגען מויער, דאמאלס לעגט זי אוועק דעם בוך און פערטראכט זיך לאנג... פאר איהרע אויגען וואקסט אויס דאָס שלאַנקע, שעהנע געשטאַלט פון איהר מאַן, דאָס הארץ הויבט אָן אונהיימליך קלאַפּען. זי האסט איהם.. זי האָט איהם פיינד.. זי האָט פיינד אַלע מענער... אָבער דאָס הארץ קלאַפּט און קלאַפּט... און עס ווערט איהר אזוי שווער.. אַזוי אומעטיג...

אָט דאָס זיינען די בעוואָהנער פון די פיער צימערען. פיער עלענדע און איינזאמע אין איין שטוב ; און דאָך לעבען איינס פון ס'אַנדערע שרעקליך אָבגעזונדערט, גלייך ווי זיי וואָלטען מורא האָבען צו פערדאָפּלען דעם עלענד דורך דעם...

איך קום כמעט אַלע וואָך, און שטענדיג אין אבענד. בשעת איך קלאַפּ אָן אין טהיר (קלינגען טהאָר מען ניט, זיי דערשרעקען זיך). הער איך פון אַלע צימערען אָן אונרוהיגען געוויש : "קטאָ טאם" ? פרעגט פון הינטער'ן טהיר א הייזעריג דערשראָקען קול. איך דערקען די „דיענסט“, איך פיהל, ווי דאָס הארץ ווארפט זיך אין איהר פון שרעק, צו איז דאָס ניט „ער“. און באלד הער איך ווי אן עכא, אָבקלינגען נאָך דריי שטימען : „קטאָ טאָם“ ? אָן אַלט צובראָכען פּעסימיסטיש קול, וואָס ווארט שוין אויף גאָר ניט, און וואָס דער קלאַפּ אין טהיר האָט אויך אריינגעוואָרפען א פונק האָפענונג... „קטאָ טאם“ ? אן אומעטיג קול בעגלייט פון א געגעץ. „קטאָ טאָם“ ? א פערבענקט, טרויעריג, צארט־קלינגענדיג פרויען־קול...

איך קום צום „געלען צימער“. מיין פערגאנגענהייט איז עהנליך צו זיינע און איך פיהל מיך צו איהם צוגעבונדען. אויף די איבעריגע „צימערען“ טהו איך נור, דורכגעהענדיג א קוק. טיעף אין הארץ פיהל איך א האס צו די איבעריגע : זיי האָט די נאַטור מיט קיין קינדער געשטראָפט, און זיי דארפען דאָס לעבען ניט אזוי איינזאם און טרויריג אוועקשטופען... אויפ'ן „ווייסען צימער“ טראָג איך קיין האס ניט : ער קומט מיר אוים אונפרוכטבאר מיט זיין טרויער, ווי דער טוידט אליין...

איך בין אליין אויך ניט גליקליכער פון זיי אלעמען. מיין לעבען איז א צובראָכענער, איך האָב א טרויעריגע פערגאנגענהייט און א גרוי פערנעבעלטען צוקונפט... אָבער פון נאַטור בין איך א פרעהליכע, א לוסטיגע..

בשעת דער אומעט לאָזט מיר נאָך, לייכטען העל מיינע אויגען און פון האַלז קייקעלט זיך א הילכיג־פרעהליכער, א הארציגער געלעכטער, ווי דאס פרעה־ליכע גערויש פון א וואסער־פאַל.

פון שטוב געה איך ארויס „גוט געשטימט". בשעת איך בין ביי שלעכטער לוינע געה איך ניט אין ערגעץ. מיינע טריט איבער'ן אומעטיגען קאָרידאָר זיינען לייכטע און לוסטיגע, מיין אָנקלאַפּען אין טהיר פון „געלען צימער" קלינגט אַב, ווי די פרעהליכע בשורה פון לעבען...

ביי מיין אריינקומען ווערט דער „געלער צימער" אויפגעלעבט. די געלע ברעמען פערציהען זיך, און עס לייכטען בלויע אויגען... דער לאנגער געלער באָרד שאָקעלט זיך, דאס מויל לאכט.. איך רייד פליסיג און לעבעדיג, מאך שפּאס, זאָג וויצען, לאף הארציג, מיינע לעבעדיגע רייד קלינגען אָב אין אלע צימערען און איך הער פון אומעטום אונרוהיגע טריט... איך שפיר ווי אין „ווייסען", „רויטען" און „גרויען" צימער האט מען זיך פערבענקט נאך'ן לעבען... איך שפיר ווי זייערע הערצער קלאפּען.. ווי זיי לעכצען נאך א פרעהליכען, לעבעדיגען הויך..

די גוטע שטימונג אויפ'ן באָדען פון א פערוואונדעטע הארץ און פון א ליידענדער נשמה קען ניט לאנג אָנהאַלטען, און בפרט נאָך אין אזא טרויעריג־געשטימטע אטמאָספערע . . . מיין קוואַל פון פרעהליכקייט ווערט גיך אויסגעשעפּט . . . און איך אנטלויף גיך פון דאָרט אָהן א „גוט נאכט". בשעת איך פערקלאפּ די טהיר הינטער זיך, פיהל איך א שווערען אומעט דריקען מיין הארץ. מיר דאכט, אז אין מיין הארץ האט זיך אריינ־געגאָסען דער אומעט פון די פיער ליידענדע, בענקענדע הערצער . . . און עס ווערט מיר אזוי שווער . . . אזוי שווער . . . א מאָל בלייב איך שטעהן לאנג הינטער'ן טהיר און הער מיך צו. עפּעס דאכט מיר, אז די פיער, פון וועהטאָג איבערפילטע נשמות וועלען מעהר ניט קענען איבערוועלטיגען זייער צער און איינזאַמקייט . . . אז אלע פיער טהירען וועלען זיך טאָן אן עפען אויף מיט א מאָל, אלע וועלען זיך ארויפוואַרפען איינער אויפ'ן אנ־דערען . . . וועלען אריינשיקען די נעגעל איינס אין'ם אנדערנס פלייש . . . וועלען, מיט א פירכטערליכען ברומען, אויסגיסען דעם כעס איינער אויפ'ן צווייטען . . . איך הער גאָר ניט, אויסער די שוואכע אומעטיגע טריט פון „ווייסען צימער", וועלכער איז נאָהענט צום טהיר.

ס'איז שפּעט אין אווענד. אהיים אָבער וויל איך ניט געהן. ווי איהר ווייסט שוין, בין איך אליין אן עלענדע. איך האלט א קליינעם צימער ביי אן אלטע פרוי, אן אלמנה, וועלכע וואוינט מיט איהרע א טאָכטער, א פריי־ליין שוין אין די יאָהרען. דאס פרייליין איז א מאָדיסטין. א מאָל איז זי יונג און שעהן געוועזן, און אין זייער שטוב פלעגען אָבקלינגען יונגע, פרעה־

ליכע מענער־שטימען. איצט איז זי מאָגער און בלייך. די בעקאַנטע זיינען זיך צוגאַנגען איינציגווייז . . . זי פיהלט ניט, פאַר וואָס. זי בענקט שטאַרק נאָך זיי און. וואַרט, זיי זאָלען זיך צוריקקעהרען. זי איז נערוועז, און ביי יעדען מאָל עפענען די טהיר, טהוט איהר אַ קלאַפּ דאָס האַרץ, און איהר קול פרעגט נערוועז־ציטערענד : „קטאָ טאַם” ? בשעת זי דערזעהט מיר, מאַכט זי אַן ענטוישט־זויערע מינע : מיר האָבען זיך ביידע פיינט : מיר דיענען איינס פאַר דאָס אַנדערע פאַר אַ שפּיגעל פון עלענדקייט . . .

איך איל מיך ניט דאַרום צו געהן אַהיים. איך שלעפּ זיך, אָהן אַ ציעל, איבער די ברייטע, גרויסע גאַסען, בעטראַכט די ריעזיגע מויערען. מיין בליק פאַלט אויף די דאַך־שטובען. דורך די סך פענסטער שלאָגט אַ געלבער שיין און פאַר'ן שיין וויגען זיך שאָטענס. מיר פערקלעמט ביים האַרץ. מיר דוכט, אַז הינטער יענע פענסטער זעה. איך אַ סך, אַ סך ליידענדע. איך הער שפּאַנען טריט, איך פיהל קלאַפּען הערצער, איך זעה טרויעריגע וואַרטענדע אויגען צו די טהירען געווענדט. איך הער אַ פערצווייפעלטען „קטאָ טאַם” ? זיך אַראָבגליטשען פון זייערע בלייכע ליפּען... „דאָרט וואוינט די עלענדקייט” ! . . .

אויף מ... גאַס בלייב איך שטעהן אַ לענגערע צייט פאַר אַ שוי־פענסטער פון אַ גרויסען מאָדע־מאַגאַזין. די געז אין מאַגאַזין, ווי אין פענסטער, איז שוין אויסגעלאָשען, אין גרויסען שוי־פענסטער שטעהען דריי גיפּסענע פרויען־פיגורען. איינע איז אָנגעטהאָן אין אַ באַל־קאָסטיום, אַ ווייס זיידען קלייד מיט טהייערע שפּיצען און בלומען בעהאַנגען. זי טראָגט אַ קאָפּ דונקעלע, קרויזע פערקאַמטע האָאַר, אין איהרע שוואַרצע, רונדע גלעזערנע אויגען איז פערגליווערט אַ ליידענשאַפטליכער בליק... איהרע בלויזע הענד האַלט זי עטוואָס אויסגעשטרעקט, ווי זי זאָל וועלען עמפּפאַנגען איהר געליעבטען צום טאַנץ . . . דער געליעבטער איז ניט געקומען . . . ער וועט ניט קומען . . . און זי שטעהט מיט אויסגעשטרעקטע אַרעמס, וואַרט און וואַרט, וואַרט . . . . איך קוק לאַנג אין איהרע גלעזערנע אויגען אַריין : מיר דוכט, אַז אָט באַלד, באַלד וועלען זיי אויפבליקען פון אונגעדולד . . . פון צאָרן, פון לוסט . . . אָבער אומזיסט ! דער קינסטלער האָט אויף אייביג, פערשטיינערט דעם אויסדרוק אין איהרע אויגען און זיי וועלען שוין פערבלייבען אַזוי אַלע מאָל . . . אַלע מאָל . . .

די צווייטע פיגור שטעלט פאָר אַ פרוי אין מיטעלע יאָהרען : זי טראָגט אַ שוואַרצען טולענעם טרויער־קאָסטיום, מיט דונקעל־גרויע שפּיצען בעפוצט. איהרע שוואַרצע האָאַר זיינען דורכגעשטרייפט מיט גרויע, איהרע אויגען קוקען טרויעריג אין דער נאַכט אַריין . . . און מיר דאַכט, אַז

אין'ם גיפסענעם קערפּער שלאָגט אַ לעבעדיגע האַרץ, וועלכע הערט נים אויף טרויערען נאָך איהר פערלאָרענעם גליק . . .

די דריטע שטעלט פאַר אַ יונגע, 18 יעהריגע מיידעל. אויף די צאַרטקליינע פּיסעלעך טראָגט זי העלע זומער־שיך, אַ העלען זומער־קלייד אויפ'ן שלאַנקען פיגור, אַ גרויסען הוט אויפ'ן קאָפּ, פון'ם זעלבען קאָליר, וואָס די קלייד, אַ העלען שירעם אין איין האַנד און מיט דער אנדערער האַלט זי צו דעם שלייף פון קלייד ; איהר געזיכט איז אַ ראָזיגעס, די אויגען בלויע, לאַכעדיגע, אויפ'ן ווייסען שטערען פאַלען אַ פּאָאַר לאָקען פון אונטער'ן גרויסען הוט. זי שטעהט אויף אַ קליינעם פּיעדעסטאַל, איין פּיסעל עטוואָס אין פאָראויס, ווי צו אנטלויפען פון דאנען אין דער פרייער, ברייטער וועלט אריין . . . ביים ערשטען בליק, קומט זי מיר פאָר ווי אַ לעבעדיגע און אין מיין האַרץ דערוועקט זיך אַ מין קנאה צו איהר . . . באַלד אָבער פאַלט מיין בליק אויף דער דיקער שויב, אויף איהר אונבעוועגליכער פיגור, און אַ רחמנות פילט אָן מיין האַרץ, וויעדער ווי זי זאָל זיין אַ לעבעדיגע . . . „זי וועט עס ניט דורכברעכען . . . ניט דורכברעכען . . .” פיהל איך אליין ניט, ווי עס הויבען אָן שעפּצען מיינע ליפּען.

אַהיים קום איך שפּעט ביי נאַכט. אין שטוב, וואו איך וואוין, איז שוין דאָס פייער אויסגעלאָשען. איך קריך טרויעריג אויף די הויכע טרעפּען. אַז איך קום נאָהענט צום טהיר, הער איך דאָס אונרוהיגע סקריפּען פון בעטיל, וואו דאָס פריילין שלאָפט. איך שלים אויף די טהיר שטיל, איך וויל זי ניט אויפוועקען, זי איז שוין אָבער וואך. צו האָט זי דאָס טרויעריגע בענקען ניט געלאָזט איינשלאָפען ? . . . צו האָט זי אויפגעוועקט די האָפנונג פון נאָהענטע טריט ? . . . ווער ווייס . . .

„קטאָ טאָם” ? בעגעגענט מיר איהר נערוועז־הייזעריג קול איך ענטפער שטיל און שלעפּ זיך אריין אין מיין צימער. הינטער'ן טהיר הער איך אַ זיפץ און אַן אונרוהיגען סקריפּ פון בעטעל . . .

איך ליג אַ צייט וואך : טרויעריגע געדאַנקען לאָזען מיך ניט איינשלאָפען . . . פּלוצלונג טהוט מיר אַ קלאַפּ דאָס האַרץ : אויפ'ן טרעפּ הערען זיך טריט. איך הער, ווי עס סקריפּעט דאָס בעטעל פון פריילינס צימער, די טריט נעהנטערען זיך. „אַ טעלעגראַמע, אַ בריעף, וואָס איז פערלענגען ביים שטרוזש . . . אַן אַלטער פריינד איז געקומען צו פאָהרען”... קלאַפּט מיין האַרץ. די טריט קומען נאָהענטער, דאָס האַרץ קלאַפּט האַסטיגער . . . דאָס בעטעל אין פריילינס צימער סקריפּעט . . . די טריט זיינען נאָהענט . . . „קטאָ טאָם ? — רייסט זיך מיר פון האַלז. דאָס פריילין הוסט זיך אָב נערוועז (דאָס טהוט זי אַלע מאָל פאַר'ן פרעגען „קטאָ טאָם” ?) פּלוצלונג עפענט זיך אַ שכנה'שע טהיר, הינטער וועלכע די טריט

פערשווינדען . . . עס ווערט שטיל. צוויי זיפצען קלינגען אָב אין דער פינסטערער שטילקייט — איינער געהערט מיר . . .

ערשט מיט'ן טאָג שלאָף איך איין. מיך פייניגען שווערע חלומות. פאר מיינע אויגען שוועבען די פיער עלענדע צימערען, די קליינע דאך־פענסטער, הינטער וועלכע עס וויגען זיך שאָטענס, די דריי פרויען־פיגורען אין שוי־פענסטער . . . מיר קלינגט אין די אויערען דער טרויעריג־פערצווייפעלטער, בענקענדער „קטאָ טאָם" ? . . . דורך מיינע געהירען טראָגען זיך דורך בילדער פון מיין פערגאנגענהייט, איינס טרויעריגער פאר'ן צווייטען . . . איך פיהל אַ שווערקייט אויפ'ן הארץ . . . אַ קלעמענדע אנגסט דריקט מיין ברוסט . . . איך וויין אין שלאָף . . אַ שווערער, ביטערער, פערצווייפעלטער געוויין . . .

שפעט אויפ'ן טאָג ערוואך איך. איך פיהל א שטארקען קאָפ־וועהטאָג. איך קען מיר אָבער דערמיט ניט אָבגעבען, ווייל איך דארף איילען צו געהן אויף די „אוראקען".

# נישט אויסגערעדט זיך

די דענטיסטין אננא שענקין האט ארויסבעגלייט איהר לעצטען פאציענט, פרייער אָבגעאָטהעמט און אומגעקוקט זיך.

אין שטוב איז שטיל. אויף די ווענד וויעגען זיך דונקעלע שאָטען, עס רוקט זיך אָן די נאכט.

אננא געהט צו צום פענסטער און קוקט אין גאס אריין, ד'רויסען איז א אומוועטער, עס גיעסט א רעגען, אויף די קויטיגע טראָטואַרען יאָגען זיך מענשען, אונטער פאַראַסאָלען. — איין אומעט ! זאָגט זי צו זיך.

די דיענסט טראָגט אריין א לאָמפּ ; איבער'ן צימער פערשפּרייט זיך א ווייכע ליכטיגקייט. אננא קעהרט זיך אָב פון פענסטער. איהר ערשטער בליק פאַלט אויף דער אַלטער דיענסט און זי טהוט, נישט ווילענדיג, א ציטער, גלייך ווי זי זעהט זי צום ערשטען מאָל : — וואָס פאַר איין איינגעהויקערטע געשטאַלט !... וואָס פאַר א געהונצעלטע געזיכט... און אויגען אזעלכע פערלאָשענע... און האָאַר אזעלכע גרויע...

די דיענסט ציהט זיך צוריק און אננא שטעלט זיך קעגען שפּיעגעל וואָס גיט אָב איהר הויכע געשטאַלט מיט די רונדע שוואַרצע אויגען. עס ווערט איהר עפּעס פרעהליכער. נאָר דאָס דויערט נישט לאַנג : זי קוקט זיך בעסער צו צום געזיכט און בעמערקט נייע שטריכען, אָנצייכענישען וואו א קנייטש וועט קומען... זי פאַלט צוריק אין טרויער אַריין. ערשט נעכטען האָט זי צוויי גרויע האָאַר אויסגעריסען פון איהר קאָפּ... עס באַפּט זי אָן א שוידער...„דער אָנהויב פון סוף"... זי וועט אויך אזוי אויסזעהן און אויך אזוי עלענד זיין ווי די אַלטע דיענסט איהרע... נאָר זי וועט צייהן רייסען... א לעבען ! זיפצט זי, נאָך וואָס, נאָך ווען ?...

זי הויבט אָן האַסטיג ארומצוגעהן איבער דער שטוב.

— וואָלט וועניגסטען עמיץ אריינגעקומען !... דאָס הארץ דריקט, עפּעס נאָגט אין הארץ... זי וויל זיך פאַר עמיצען אויסרעדען... אויס'שמועס'ן זיך מכח אַלעס... וואָס איז אַזוינס לעבען ?... נאָך וואָס לעבט מען...

אימיץ קלאַפּט.

— עס זאָל נאָר קיין צאָהן־קראַנקער נישט זיין.

געליבט איז גאָט, ניין. אַ בעקאַנטער איז אַריינגעקומען.

מיט׳ן בעקאַנטען האָט זיך אַננאַ דערפרעהט : „פאַר איהם וועט זיין גוט זיך אויסצורעדען״...

דער אריינגעקומענער רופט זיך אַבראַם (צווישען די בעקאַנטע רופט מען איהם מיט׳ן צונאָמען : „דער פעסימיסט״) ער איז פון געשטאַלט אַ ניעדעריגער, אין עלטער פון אַ יאָהר 30, מיט אַ בלייכען געזיכט, אַ רונדען שוואַרצען באָרד און שוואַרצע טרויעריגע אויגען. אַבראַם האָט זיך שוואַך געגריסט מיט אַננאַ׳ן און נישט אויסטהוענדיג דעם אויבער־מאַנטעל, גע־זעצט זיך אויפ׳ן ערשטען שטוהל. פון זיין דורכגערעגענטען מאַנטעל האָט אָנגעהויבען טריעפען וואַסער און אַרום איהם, אויף דער זויבערער פּאָל, איז געוואָרען אַ קאַלוזשע. אַננאַ איז פערקלעהרט און בעמערקט עס נישט.

אַבראַם פערלעגט דערווייל איין פוס אויף דער צווייטער, בעהאַלט דאָס געזיכט איןביידע הענד און הויבט אָן זיפצען. אַננאַ׳ן ווערט דערפון אונ־היימליך. זי קוקט אויף איהם און ווייס נישט וואָס צו טהאָן. נאָר פלוצלונג רוקט ער זיך צו מיט׳ן שטוהל נעהענטער צו איהר, קוקט איהר אין געזיכט אריין און פרעגט : — איהר, אַננאַ. זייט אויך היינט אומעטיג ? אַננאַ אטהעמט פרייער אָב, און הויבט אָן צו רעדען : — מיר דריקט היינט...

אַבראַם לאָזט זי נישט קומען צום וואָרט.

— און וועמען טהוען מיר אַ טובה מיט אונזער אומעטיג זיין ? הויבט ער אָן צו רעדען אין אַ גיכען טאָן — מיט אונזער פערהעליך זיין וועמען מאַ־כען מיר גרינגער ?... און נאָך וואָס שלעפּען מיר זיך אויף דער וועלט ?... וואָס גיט זי אונז ?... און ער צוגיעסט זיך אין לאַנגע מאנאלאָגען אָנגעזאָפּטע מיט ביטערקייט און צווייפעל... ער רעדט דאָס אייגענע וואָס זי טראַכט, נאָר גרינגער ווערט איהר דערפון נישט ; פערקעהרט, עס קלעמט זי נאָך מעהר ביים הארץ, ס׳ווילט זיך איהר אויסרעדען, די ווערטער ווערגען זי אין האַלז, און איהר דאַכט, אז וואָלט זי זיך קריעגען אויסצורעדען, וואָלט פערשווינדען דאָס גאַנצע שווערקייט, וואָס נאָגט און דריקט אַזוי דאָס האַרץ...

— הערט איהר, אָבער, אַבראַם, וואָס מיר דריקט היינט ! פּרובט זי איהם איבערשלאָגען. אַבראַם טהוט נערוועז אַ מאַך מיט דער האַנד און מורא האָבענדיג זי זאָל איהם ניט שטערען, הויבט ער אָן צו רעדען שאַרפער, האַס־טיגער...

צעהן מינוט שפּעטער איז ער שוין נישט געוועןְ.

אַננאַ האָט זיך פאַר איהם נישט אויסגערעדט.

אויפ׳ן האַרץ איז איהר געוואָרען נאָך שווערער, נאָך אומעטיגער .. ביי־טערע געפיהלען פון צווייפעל, בעליידיגונג און כעס האָבען זי דורכגענומען.

— דאָס איז אַ גראָבער ענגאַאיזם ! כעס'ט זי — געקומען... אַבגע־רעדט וואָס ער האָט געוואָלט... מעהר דאַרף ער נישט... ענטלאָפען..

אַ קלאַנג פון גלאָק האָט איבערגעשלאָגען איהרע געדאַנקען. אין צימער איז אריין אַ צווייטער בעקאַנטער. אננאַ ערמונטערט זיך ווידער.

„פּאַר אידם רעדען" ?... זי מעסט מיט די בליקען דעם גאַסט'ס פּרעה־ליכען, שמייכעלדיגען געזיכט — וועט ער אויסהערען ?... וועט ער פער־שטעהן ?... דאכט זיך... האַ... דער גאַסט נעהמט דערוויייל ארויס פון קעשענע אַ העפט, וויקעלט עס פאַנאַנדער, און רופט פרעהליך אויס : — מאַדמואַזעלע שענקין ! איך האָב 3 נייע ליעדער אָנגעשריעבען, איהר ווילט, וועל איך זיי אייך לייענען ? און איידער זי האָט צייט געהאַט צו ענטפערען, האָט שוין דער, מיט אַ קאָקעטישען טאָן, דעקלאַמירט זיינע ליעדער.

„אין גאָרטען וואַקסט אַ יונגע רויז
און ווערט בעשיינט מיט זונען שטראַהלען"...

הערט זי ווי ער זינגט. זי קוקט אויף איהם און פערשטעהט ניט אַ וואָרט. „נאָך וואָס האַלט ער דעם קאָפּ אויף אַ זייט ? ארט איהר קוקענדיג אויף איהם".

„דאָס פייער ברענט אין העלען פלאַם
מיין הערץ פון פלאַם איז רויטער"...

דערטראָגען צו איהר אויער נאָך אַ פּאָאר ריפּמען.

„פון וואַנען נעהמט זיך עס אַזאַ שווערער אומעט ? פרעגט זי זיך. זי הערט זיך צו דאָס קלאַפּען פון האַרץ. „וואָס מאָנט עס ? וואָס נאָגט עס אַזוי ?...

— וואָס זאָגט איהר, אַניוט, צו די ליעדער ? וועקט איהר דעם גאַסט'ס שטימע.

— די ליעדער ?.. זי קוקט איהם אָן פערוואונדערט — די ליעדער... האַ... איך ווייס נישט...

— ס'איז דאָך טהייערע געדאַנקען... גאָלד... פּערל... הערט זי נאָך זיין בעגייסטערטען קול, און בעמערקט כמעט נישט ווי ער געהט אוועק. „אַבגע־זונגען זיין ליעדעל און נישטאָ"... כעס'ט זי נאָך זיין אוועקגעהן. און פּלוצ־לונג שפּרינגט זי דערשראָקען אויף פון אָרט : אין פּאָרדער־שטוב האָט דער גלאָק אַזאַ שטאַרקען קלונג געטהאָן, אַז ס'האָט געדאכט, די שטוב האָט זיך צוטרייסעלט. אין צימער איז טאַנצענדיג, אריינגעלאָפען איהר חבר'טע מאַנ־יאַ, אַ ניעדעריג מיידעל, מיט בלאָנדע צוּוואָרפענע האָאר און מיט אַ פער־פלאַמטען געזיכט. זי האָט זיך, לאַכענדיג, געוואָרפען צו אננאַ'ן. — חאַ— חאַ—חאַ—אַניוטאַ !

אניושא, אניושא, וואָלסט וויסען וואָס איך האָב „זיי" איצט אָבגע־טהאָן ! חא—חא—חא—חא !

מאַניא איז אַ קונדס, אַ שטיפעריין, זי טהוט אָב פערשיעדענע „שפּיצ־לעך" די בעקאַנטע. אננא האָט זי תמיד ליעב פאַר איהר פרעהליכקייט ; איצט נאָר האָט זי יענער׳ס לאַכען געדייצט. — מאַניטשקא : בעט זי, לאָז מיך אָב... איך בין נישט אויפגעלעגט... דער קאָפּ טהוט מיר וועה... און מאַניא האָט לאַנג נישט געוואַרט ; נאָך מיט׳ן זעלבען געלעכטער איז זי, ווי אַ לייכטער ווינד, פערשוואונדען געוואָרען פון צימער.

אננא איז ווידער געבליעבען אַליין. — גלייך אַנטלאָפען — קלעהרט זי וועגען מאַניא׳ן — זיך גאָר נישט געקימערט וואָס מיט מיר איז... אויף איהר געזיכט לעגען זיך בייזע שאָטען : — נישטאָ קיין פריינד... נישטאָ פאַר וועמען זיך אויסצורעדען... עקספּלאָטירען קומט מען זי... נעהמען קומט מען ביי איהר... און דאָס הארץ וויעגט זיך.. שטורעמט אזוי...

דער זייגער קלינגט אָב זעקס מאָל אננא טהוט זיך אַ כאַפּ : — באַלד וועלען צוזאַמען קומען איהרע בעקאַנטע. זי ציילט זיי אין געדאַנק : זי וויל אויסקלייבען פאַר וועמען פון זיי זיך אויסרעדען.

— וויערא, מאריא, בערטא, סאָניא, עטשא, באָריס דער הויכער, באָ־ריס דער ניעדעריגער, פּאַוועל, איזידאָר, סאַמואיל, מישא... נאָר... נאָר עס פער׳גנב׳עט זיך ביי איהר איצט אַ חשד אויף זיי אַלעמען...

— זיי קומען... ס׳איז זיי פריי, בעקוועם, אַ סאַמאַוואר, צובייסען... קיינער פון זיי וועט זי אָבער נישט אויסהערען... זיי האָבען ליעב נאָר פרעהליכקייט... אַ טרויער נעהמט זי דורך : „אַ עלענדע צווישען אזוי פיעל בעקאַנטע... נישטאָ פאַר וועמען זיך אויסצורעדען דאָס הארץ"...

— צו קריינינען, דערמאָהנט זי זיך פּלוצלונג און ווערט פרעהליכער. זי כאַפּט אויף זיך אַ מאַנטעל מיט אַ שאַל און לאָזט זיך געשווינד פון שטוב.

קריינין איז איהר פערשטאָרבענעם פאָטערס אַ חבר. ער — ווייס זי — איז איהר אַ טרייער פריינד זי האָט זיך אויף זיינע הענד געהאָדעוועט און פלעגט איהם „אָנקעל" צו רופען. ער פלעגט איהר שפּיעל־צייג ברענגען, קו־שען און רופען זי : „מיין קינד". — ווי אזוי האָב איך מיר עס אַ גאַנצען טאָג נישט דערמאָהנט אָן איהם ? וואונדערט זי זיך, — איך וועל מיך פאַר איהם אויסרעדען... עס וועט אראָב פון הארץ די שווערקייט... ווי גוט דאָס וואָלט זיין !

---

אריבערטרעטענדיג די שוועל צו קריינינען אין שטיבעל אריין, האָט אננא גלייך חרטה און וויל זיך ציהען צוריק. ער — קריינין — זיצט אָנגע־שפּאַרט מיט די הענד אָן טיש און דרעמעלט. אַ לאָמפּ דורך אַ גרינעם אבאַז־

שור ווארפט א אומעדיגען שיין איבער'ן קליינעם צימער. אננא'ס בליק פאלט געשווינד אויף די פערדרויבערטע ווענד מיט'ן פאטאלאק וועלכע זיינען בע־דעקט מיט שפינוועב־נעצען, עס נעהמט ארום די כלי־בית. און א מרה־שחורה בעפאלט זי קוקענדיג אויף אלץ. אנ'אייזערנעם בעטיל מיט ברודיגע בעצוג, אנ'אלטע קושעטקע מיט אבגעריעבענע סאראטע בעצויגען, צוויי שטוהלען, א ביכער־שענקעל און אנ'אלטער שרייב־טיש, פון דעם בעשטעהט דאס גאנצע כלי־בית. אויפ'ן טיש ליגען אנגעווארפען: ביכער, צייטונגען, פערשיעדענע שרייב־געצייג, א פאאר זעמעל, א פאפיער מיט צוקער און א טשייניק מיט א גלאז, קענטיג פון נישט לאנג געטרונקענעם, טהיי. אלץ איז איינגעוויקעלט אין דיקען שטויב. אויפ'ן ברודיגען פאל וואלגערען זיך שטיקלאך פאפיער, אבגעטראגענע קראגענס, רעשטלאך פון פאפיראסען און אבגעברענטע שוועבעלאך. אין א ווינקעל ליעגט א איבערגעקעהרטע פלעשעל מיט אויסגעגאסענעם נאפט פון וועלכען עס צוטראגט זיך איבר'ן צימער א שטיקענדער ריח... אננא זיפצט אב.

— ס'א אומעט דא איז! זי ציהט זיך צוריק. קריינין וועקט זיך דערווייל אויף.

— חנה'לע! רופט ער אוים מיט פרייד זי דערזעהענדיג — וואס פאר א טהייערער גאסט! וואס מאכסטו מיין קינד? קום אהער נעהענטער, זעץ דיך! ווי געהט עס דיר?... פערצעהל!

— ער איז דאך דער איינציגער טרייער פריינד פאר וועמען איך וועל מיך קענען אויסרעדען, קלעהרט אננא, און פרובט זיך איינצוגעוואהנען מיט דעם ארומיגען אונארדענונג. די מרה־שחורה אבער בעפאלט זי נאך שטארקער, בעטראכטענדיג קריינין'ס מאגערע געשטאלט מיט'ן בלייכען, צו־רונצעלטען געזיכט... „עט, זיך אויסרעדען וועט גרינגער ווערען", מוטהיגט זי זיך אליין און וויל אנהויבען רעדען.

— וואס מאכט איהר עפעס גוט'ס? טהוט זי איהם א פרעג אוים העפליכקייט, זיך זעצענדיג קעגען איבער אויף א שטוהל.

עס האט אויסגעזעהען ווי קריינין וואלט נאר געווארט אויף איהר פראגע.

— וואס זאל איך מאכען, מיין קינד! האט ער האסטיג געענטפערט, און ווי מורא האבענדיג צו פערליערען די געלעגענהייט, האט ער מיט א גיכען געבראכענעם קול, אנגעהויבען פערצעהלען וועגען זיך, און דערצעהלט פון זיין עלענדען, איינזאמען לעבען וואס ער פערברענגט, (אנ'אלמן איז ער אהן קינדער) בעקלאגט זיך אויף די שלאפקייט, אויף דאס עלטער וואס רוקט זיך אזוי גיך אן אויף איהם. און וואס ווייטער האט ער זיך אלץ מעהר צוהיצט רעדענדיג וועגען זיך.

אננא שטעהט ווי פערשטיינערט און קוקט אויף איהם. זי שפירט, אז ער זעהט זי שוין נישט פאר זיך... זיינע בלייכע ליפען ציטערען, בעוועגען זיך, ווי ער וואלט זאגען עפּעס א לאנגען ווידוי, א פּראָטעסט, א געבעט... „וואס איז מיין לעבען ?... אויף וואס טויג איך ?... וואס וועט ווייטער זיין ?... דער סוף וואס וועט זיין ?... כאפּט איהר אויער אָבגעהאקטע פראזען. זיי פאלען ווי קאָכעדיגע בליי אויף איהר הארץ... „איך וועל אויך באלד אזוי אויסזעהען... אזוי רעדען"... זי שוידערט... און פּלוצלונג כאפּט זי אָן א כעס אויף איהם : נאָך וואס רעדט ער אזוי לאנג ?... זי קוקט מיט אונגעדולד אויף זיין אָהנצהיינערדיגער מויל. — וואלט ער שוין א מאָל אויפהערען !... „זיך אויסרעדען, זיך אויסרעדען דאס הארץ", הערט נישט אויף צו מאָהנען איהר גאנצעעס וועזען.

— הערסטו, חנה'לע, ענדיגט קריינין זי נעהמענדיג ביים האנד, — הערסטו, מיין קינד, אז דו קומסט צו מיר, ווער איך ווי ניי געבאָרען, מיר דאכט, אז איך ווער צוריק יונג ; עפּעס רעד איך מיר אוים פאר דיר, און עס קויקלען זיך אראָב ווי שווערע שטיינער פון הארץ... עס ווערט אזוי גרינג, אזוי מחיה'דיג גרינג... איך בעשווער דיך, חנה'לע, ביי מיין פריינדשאפט מיט דיין פאָטער, אז דו זאלסט אריינקומען אָפט, גאר אָפט צו מיר...

און זיך איינקוקענדיג אויפ'ן אלטען וואנד־זייגער, האט ער זי געוואָרענט, אז ס'איז שפּעט, און אז זי דארף איילען א היים צו געהן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

# אָהן אַ דירה

אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזען ווי מירעל האָט געוואָלט. זי איז שוין זייט עטליכע חדשים אין דער גרויסער רוישיגער שטאָדט ווו.

אַ גאַנצע מלחמה האָט זי געהאַט דורכצומאַכען ביז זי האָט דערגרייכט דערצו... צום סוף איז זי אַרויס די זיעגערען...

מיט אַכט יאָהר צוריק האָט מירעל חתונה געהאַט, דאַמאָלס איז זי אַלט געוועזן 18 יאָהר. קיין ריכטיגע השגה וועגען חתונה האָבען האָט זי ניט געהאַט; זי האָט נאָר געשפּירט, אַז עס שטאַרקען זיך אין איהר עפּעס אונבעקאַנטע געפיהלען, אַז עס איז עפּעס צו ענג ביי איהרע עלטערען אין הויז, און אַז זי מוז אָנהויבען אַ נייעם לעבען.... איהר האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך דער חתונה וועט זי איבערגעהען דעם גרענעץ צום עפּעס אַ נייעם ברייטען לעבען.... קיין אַנדער וועג האָט זי זיך דאַמאָלס ניט פאָרגעשטעלט. און זי האָט זיך אייגענטליך ניט אָבגענאַרט: זייער קליין צימער'ל אויפ'ן דריטען עטאַזש, וואו זי מיט איהר שמואל'ן האָבען זיך פערקליעבען נאָך דער חתונה, איז שטענדיג פול געוועזען מיט מענשען און אַ וועלט פון נייע אידעען האָבען זיי מיטגעבראַכט מיט זיך.... אין איהר קליינער דירה'לע האָבען געקלונגען יונגע קרעפטיגע שטימען, וועלכע האָבען דרייסט געבויט אַ נייע וועלט, און אַ פרייע וועלט... מירעל האָט זיך אָנגעהויבען צו ענט־וויקלען: אַ סך זאַכען, וועלכע זענען פריהער געלעגען בעהאַלטען טיעף אין איהר נשמה האָט זיך אויסגעדריקט נאָר אין אַ אונבעגרייפליך בענגעניש, זיינען איהר איצט קלאָהר געוואָרען און האָבען אָנגענומען אַ לעבעדיגעם גע־שטאַלט. אַזוי זענען פערגאַנגען דריי יאָהר... און אין דעם טאָג, ווען פאַר מירלען איז קלאָהר געוואָרען איהר וועג אויף ווייטער, האָט זי זיך שוין געזעהען אַרומגעצאַמט מיט פיער קינדער... די קינדער ווילען נישט וויסען פון דער מאַמעס פּלענער, און פאָדערען דאָס זייעריגע... איהר שמואל האָט ווענינג פערדיענט און זי האָט געמוזט די שטוב אַרומזעהען, קאָכען, נעהען און וואַשען, און דער טאָג פלעגט אַוועקגעהען אין שטענדיגע קליינע אַרבייט...

און איין טאָג איז געגאַנגען נאָכ'ן אַנדערען, איין וואָך נאָך דער אַנ־דערער, און מירעל האָט שוין די געדולד פערלאָרען... — שוין זשע, פלעגט

זי טראַכטען, וועט אזוי אוועק מיין גאַנצע יוגענד... ביי אזא גערדאַנק פלעגט זי ווערען אַ פערציטערטע.

אָפט מאָל האָט זי געפּרובט אויפהערען טראַכטען וועגען זיך, און וועלען זיך צוגעוואָהנען מיט דעם געדאַנק, צו זעהען איהר גליק, איהר צו־קונפט נאָר אין די קינדער...

און דאַמאָלס האָט זיך אָנגעהויבען פאַר איהר אַ מלחמה, אַ שווערע אַ ביטערע מלחמה... זי איז דאַמאָלס אַלט געווען איין־און־צוואַנציג יאָהר, פול מיט קראַפט און מיט לעבען איז זי געווען. אין איהר נשמה האָבען זיך צוגאָסען הייסע פערלאַנגען און שטרעבונגען... עס האָט זיך געוואַלטיג גע־צויגען אין די גרויסע וועלט אריין... זי האָט געמוזט אָנהויבען אַ נייעם לעבען... אַ לעבען ווי זי אַליין פערשטעהט דאָס.. און איהר איינ־ציגער געדאַנק איז שוין געווען: זיך ארויסצורייסען פון שטוב, פון די קינ־דער און פון מאַן... זעקס יאָהר האָט זיך עס געצויגען... זי האָט אַ סך קרעפטען פערלאָרען אין דער מלחמה. סיי איהר קערפּער, סיי איהר נשמה האָבען געליטען דערונטער... זי שפּיערט עס צו גוט... אָבער זי האָט זיך פאַרט ארויסגעריסען.

שוין עטליכע חדשים לעבט זי אין דער קאָבענדער שטאָדט וואו זי האָט זיך שוין פערשריעבען און אָנגעהויבען געהן אויף די „קורסען", און זי גרייט זיך שוין צו פיהרען דאָס נייע לעבען, נאָך וועלכען זי האָט אזוי לאַנג גע'חלומ'ט און געבענקט... מיט איין זאַך געהט איהר נאָך אָבער דער־וויל נישט: זי קען זיך קיין קוואַרטיר נישט צוקלייבען . . .

די ערשטע קוואַרטיר האָט זי געדונגען ביי איין אַלטע פרוי, איין אַלמנה. באַלד דעם ערשטען פאַרנאַכט, ווען מירעלע האָט זיך געזעצט ביי דער אַל־טעטשקע אויפ'ן באַלקאָן, האָט זיך די אַלטע פערנאַנדער גערעדט פון „איהם" עה"ש, וואָס פאַר אַ „מזג טוב" ער איז געווען, און פון איהרע געראָטענע קינדער, וועלכע זענען שוין צושפּרייט אין דער גאַנצער וועלט. מירעל איז די גאַנצע צייט געזעסען ווי צוגעשמידט און זיך טיעף צוגעהערט: זי האָט געזעהען, ווי דער אַלטעטשקעס אויסגעלאָשענע אויגען האָבען, רעדענדיג וועגען די קינדער, אויפגעפלאַמט און דאָס איהר צוקנייטשט פּנים איז עפּעס ווי גלאַט געוואָרען. :..

פּלוצים האָבען זיך ביי מירעלען אין מוח אָנגעהויבען פּלאָנטערען מאָדנע געדאַנקען... דריי דורות האָט זי שוין פערלעבט, טראַכט מירעל, און געניסט נאָך אַלץ מיט דעם גליק פון איהר פאַמיליען־לעבען, וועלכען זי האָט געגאָסען אין דער יוגענד...

און מירעל נעהמט דורכמישען אין איהרע געדאַנקען די גאַנצע צייט פון נאָך איהר חתונה . . . קיין איין ליכטיגען שטריך געפינט זי ניט, וואָס

זאָל זיין עהנליך צו דעם, וואָס זי הערט . . . די ערשטע דריי יאָהר האָט זי געלעבט אין טומעל, און די לעצטע פינף האָט זי, דוכט זיך, פיינד גע־האט איהר שמואל'ן צוזאמען מיט די קינדער . . . זי האָט אין זיי נאָר געזעהען דעם צוים, וואָס פערשטעלט איהר דעם וועג צום לעבען . . . און דאָס איז געגוג געווען, אז זי זאָל זיי פיינד האָבען . . . זיי, דוכט איהר, האָבען איהר מיט דאָס זעלבע געצאָהלט . . . אנדערש קען עס דאָך נישט זיין . . . און זי זעהט זיך אין דער צוקונפט, איין אַלטע, איינגעקאָרטשעטע, פונקט ווי איהר איצטיגע בעל־הבית'טע, אָבער אָהן די וואַרעמע פאמיליען־עראינערונגען . . .

א עלענדע. . . א פערצאָגטע. . . זי פיהרט אריבער מיט דער האנד איבער'ן שטערען און הויבט זיך אויף פון אָרט. — נאַריש'ע מחשבות — פרובט זי צו פערטרייבען די מרה־שחורה. . .

דעם אַנדערען אבענד פאסירט אָבער דאָס אייגענע. די אַלטעטשקע קומט וויעדער זיך אויסרעדען דאָס הארץ . . . און מירעל פערלאָזט די קוואַרטיר און געהט זוכען א נייע בעל־הבית'טע.

אין דער נייער וואָהנונג אָבער האָט געוואָהנט א פאַמיליע מיט צוויי קינדער, און מירעלען פלעגט זיך אָפט אויסדרוכטען, אז די קינדער זיינען עפּעס וואונדערליך עהנליך צו איהרע . . . אָט איז דוכט זיך איהר חיים'על מיט זיין בלאָנדע קרויזע קעפּעלע, מיט זיינע בלאָהע טיעף פערטראַכטע אויגעלעך און מיט די רויזע בעקעלעך; און אָט דער אינגערער, האָט פונקט אזוינע שווארצע גרויסע אויגען ווי איהר לייבעלע . . . אפילו דער קול זיינער איז עהנליך צו לייבעלעס . . . ניט וועלענדיג האָט זיך מירעל גע־נומען צוקוקען צו די מוטער פון די קינדער, זי האָט געזעהען ווי צופריעדען די מוטער איז, ווי זי קוועלט אָן פון איטליכעס וואָרט פון די קינדער, מירעלען האָט זיך געדוכט אז פון יעדער קוק אויף זיי, ווערט די מוטער אינגער און פרישער . . .

מעהר פון אַלץ האָט מירעל געליטען אין דער פריה, ווען מען פלעגט די קינדער אָנטהון. די מוטער קוקט און קוועלט אָן, קוועלט און קושט איהרע אויסגעפּוצטע קינדערלעך, און די קינדער דראפּען זיך אַלע ווייל־איין מיט די הענטעלעך ארום דער מוטערס נאַקען און האלז און בעשיטען זיי מיט קושען . . .

מירעל דערמאָהנט זיך, אז יעדעס מאָל ביים אָנטהון די קינדער פלעגט זי ווערען נערוועז און אויפגערעגט. — „קליינינקייטען" פלעגט זי מיט כעס טראַכטען, ווען וועט שוין נעהמען א סוף צו די אַלע „קליינינקייטען" ! . . .

און זי פלעגט זיי קאָמען מיט כעס, אָנטהון מיט כעס, און אוועק־געהן פון זיי מיט כעס. די קינדערלעך פלעגען די גאַנצע צייט שטעהן מיט

אראַבגעלאָזטע קעפּלעך, ווי פערזינדיגטע און פּלעגען פריי אָבאַטהעמען, ווי נאָר זי פּלעגט אוועקגעהן פון זיי . . .

מירעל שפּירט אַ געפיהל פון חרטה . . . אין האַרץ קאַכט עפּעס . . . עס וואָלט זיך איהר איצט וועלען אָנטהון די קינדער מיט אַזאַ ליעבשאַפט ווי די יונגע מוטער, און זאָלען זיי זי אַרומנעהמען און קושען. ווי גוט דאָס וואָלט געווען . . . — ווייכקייט, שוואַכקייט, — וואַרפט זי זיך אַליין פאַר, און אום זיך צו פערהיטען פון אַזוינע „שוואַכקייטען" דינגט זי אַנ־אַנדער צימער . . .

איצט האָט זי שוין, דאַכט זיך, גאָר געטראָפען. מיטעלע מענשען, דערוואַקסענע קינדער, אַלץ גוט . . . — שוין צייט זיך נעהמען צום לערנען, דערמאָהנט זי זיך — הינטען געבליבען מיט די למודים, ווער ווייסט צו וועל איך גאָר דעריאָגען אַ מאָל . . .

און זי האָט זיך שוין געפּרובט נעהמען צו די ביכער. נאָר . . . פּונקט אַנטקעגען, אויג אויף אויג וואָהנט אַ יונגע פּאָאָר פּאָלק . . . און ליעב האָבען זיי זיך דאָס פּאָאָר פּאָלק : גאַנצע טעג נאָכאַנאַנד קושט מען זיך. און פון מירעלס הענד פּאַלט אַרויס דאָס לערנ־בוך . . . פאַר איהרע אויגען ווערט פּלוצים, ווי אויסגעוואַקסען איהר שמואל, זי זעהט זיין הויכען וויי־סען שטערן מיט די שעהנע ווינקלען, זיינע ווייכע בלאָהע זיידענע אויגען, וועלכע פּלעגען תמיד קוקען אַזוי ליעב אויף איהר ; אין דער לעצטער צייט האָט זיך געזעהען אין זיי אַזוי פיעל געבעט . . . און אַט, דאַכט זיך איהר, אַז זי שפּירט זיין וואַרעמען אָטהעם . . . און זי דערמאָהנט זיך מיט וואָס פאַר אַ פיינדשאַפט זי פּלעגט איהם פון זיך אָבשטויסען . . . זי ווייסט ניט, צו האָט זי איהם באמת פיינד געהאַט . . . נאָר ער איז איהר געשטאַנען אין וועג . . . און דאָס איז גענוג געווען, זי זאָל איהם פון זיך אָבשטויסען . . .

מירעל הויבט אָן שפּירען אַ הייס פערלאַנגען צו האָבען איצט שמואל'ן נעבען זיך . . . איהר דאַכט זיך, אַז זי וואָלט איצט מיט ביידע הענד אויפגעהויבען זיין קאָפּ און לאַנג, לאַנג איהם געקוקט גלייך אין די בלאָהע, זיידענע אויגען אריין . . . ער וואָלט דאַכט זיך צוגעגאַנגען פאַר פרייד . . . און זי ? . . .

נאָר גענוג ! גענוג . . . דער געדאַנק איז מירעלען אויסגעקומען פּשוט שענדליך . . .

אויך פון דער דירה האָט זי געמוזט אוועק.

זי האָט גענומען אַ צימער ביי איין אַלטע פריילין. — דאָ וועל איך סוף כל סוף קענען זיין נישט געשטערט, האָט זי זיך געטראַכט, און זיך גע־נומען צולעגען די זאַכען.

נאָר . . . נאָר . . . באַלד האָט זי דערפיהלט, אַז עפּעס הערשט דאָ אַזאַ טיעפע, טרויעריגע שטילקייט, אַ שטילקייט, ווי אויף אַ בית־עולם... דער אַלטער פריילינס בליק קען זי נישט אַריבערטראָגען; עפּעס זעהט זי אַזוי פיעל צער, טרויער און בענגשאַפט אין איהם, אַז עס פערקלעמט איהר דאָס הארץ. איהר דאַכט זיך, אַז דער פריילינס אויגען רעדען צו איהר, אַ לאַנגע, אַ טרויעריגע געשיכטע, פון אַ אייביגען עלענדען טרויעריגען לעבען, פון איין אייביגע אונצופריעדענהייט און אייביגע בענגשאַפט... מירעל פיהלט זיך דאָ ענג . . . זי קען דאָ די לופט ניט אטהעמען . . . איהר דאכט זיך, זי ווערט דאָ דערשטיקט . . . און זי זוכט אַ נייע דירה . . .

די ביכער איהרע ליעגען ניט פענאַנדערגעשניטענע . . .

און צו קיין פעסטע דירה האָט זי זיך נאָך אַלץ נישט דערשלאָגען . . .

# ראָמאַנען

אין אונזער קרייז האָט עפּעס פּאַסירט: אונזער בעקאַנטע לעהרערין אננא אבראַמאָווגא האָט געפּרובט בעגעהן זעלבסטמאָרד. מען האָט זי גע־ראַטעוועט.

ווי אַזוי איך בין צוגעקומען צום שליסעל פון איהר האַרץ, פרעגט ניט. איך וועל אייך נור איבערגעבען, וואָס זי האָט מיר דערצעהלט:

אבענד. אַ גרויסער צימער, די ווענד געקלעפּט מיט העלען פּאַפּיער, ווייסע בעטצייג און פּאַרהאַנגען. געשמאַקפולע מעבעל און קליינינגקייטען. פון קיך דערטראָגט זיך דאָס שטילע קלינגען פון שפּיזלען: דאָס שטריקט אננא'ס אַלטע דיענסט אַ זאָק. אננא, אָנגעטהאָן אין אַ ווייסען שטוב־קלייד, זיצט אין טונקעלסטען ווינקעל פון צימער, איך זיץ אקעגען איהר אונגעדולדיג. זי, מיט אַ שטילען קול, דערצעהלט:

— אַ פערבענקט קינד בין איך געווען. צו דעם האָבען געבראַכט די אומשטענדען.

ביי מיינע עלטערען בין איך געבוירען דאָס לעצטע קינד. צו איהר פינף־און־פיערציגסטען יאָהר האָט מיך מיין מאַמע געבוירען, נאָכדעם ווי זי האָט אַכט יאָהר קיין קינדער ניט געהאַט. פאַר מיר זיינען געשטאָרבען דריי קינ־דער. געלעבט האָבען נור מיינע צוויי עלטערע שוועסטער.

בשעת מיר איז פינף יאָהר געוואָרען, זיינען שוין מיינע שוועסטער געווען „אויסגעגעבען". איינע האָט געוואוינט אין רוסלאַנד, די אַנדערע ערגעץ אין אַ שטעדטיל אין פּוילען. אין שטוב בין איך געווען אַליין. מיין מאַמע איז דעמאָלט אַלט געווען פופציג יאָהר, דער טאַטע גאָר אַ גרייז: ער איז מיט צעהן יאָהר עלטער פאַר דער מאַמען.

בשעת מיר איז פינף יאָהר געוואָרען, איז שוין מיין מאַמע געווען אַן אַלטע פרוי, און, כאָטש זעהר אַ חנ'עוודיגע, דאָך פלעגט מיר ווערען אונ־היימליך צו קוקען אויף איהר פערוועלקטען געזיכט, וועלכעס איז געווען צוּאַקערט פון טיעפע קנייטשען. פון מיין טאַטען פלעגט מיר ווערען נאָך מעהר אונהיימליך: דעם גרעסטען טהייל פון זיין פנים האָבען פערנומען גרויע האָאָר, זיינע ברעמען מורא'דיג געדיכטע און צוזאַמענגעוואַקסענע,

דאָס שטיקעל פּנים ווי א פּאַרמעט, אויגען מיעדע, פערלאָשענע. ער איז גע־וועזן א קראַנקער און פלעגט תמיד קרעכצען.

מיין טאַטע איז געוועזן א תבואה־סוחר. אין שטעדטיל, וואו ער איז געבוירען און האָט אָבגעוואוינט זיין גאַנץ לעבען, איז ער שוין געוועזן דער פיערטער דור, ער איז געוועזן זעהר אָנגענומען , און נאָך מעהר אָנגענומען איז געוועזן מיין מאַמע.

מיין מאַמע איז געוועזן א „פערמאַנסבילטע" פרוי. זי איז געוועזן די פיהרערין פון געשעפט. געהייסען האָט עס, אַז זי העלפט דעם טאַטען, ווייל ער איז קראַנק, שפּעטער אָבער האָב איך פערשטאַנען, אַז איהר גאַנצע נשמה איז אריינגעטהאָן אין געשעפט, ווייל זי האָט פיינט געהאַט די שטוב־ארבייט.

אונזער שטוב פלעגט אַרומזעהן קיילע, א האַלב־בלינדע אַלטיטשקע. עסען פלעגט מאַכען די מאַמע ; דער טאַטע פלעגט ניט פערזוכען קיין עסען צוגעגרייט פון אַן אַנדערענס הענד. די מאַמע פלעגט קיינמאָל ניט „אויס־דריידלען" דאָס עסען, ווי עס טהוען אַנדערע ווייבער, פלעגט ניט מאַכען קיין געריכטען, קיין בלינצעס, קיין לאַטקעס, קיין שטרודלען ; דער טאַטע איז קראַנק, ער האָט עס ניט בעדאַרפט, און פאַר איהר איז דאָס עסען געוועזן ווי א ניט־אָנגענעהמער חוב, וועלכען מען פלעגט מוזען אָב'פּטר'ען. און זי פלעגט דעם „חוב" אָב'פּטר'ען מיט אבי־וואָס.

מיר האָט נאָך אַלס קינד געפעהלט די פרייד פון נאַשעריי, פון איבער־בייטען די אכילות מיט וועלכע מיינע חבר'טעס האָבען זיך אַזוי אָפט גע־פרעהט. געפעהלט אָבער האָט מיר נאָך מעהר : איך האָב קיינמאָל פון מיין אַלטער פערמאַנסבילטער מאַמען ניט געהאַט יענע זיסע צערטליכקייט, וועלכע מיינע חבר'טעס האָבען געהאַט פון זייערע יונגע מוטערס. מיין קליין הערצעל פלעגט פערקלעמט ווערען פון קנאה, ווען איך פלעג זעהן, ווי מיינע חבר'טעס טאַנצען מיט זייערע מוטערס איבער'ן שטוב, ווי די מוטערס דער־צעהלען, איינס דאָס אַנדערע, די חכמות פון זייערע קינדער.

דער טאַטע, פערקעהרט, פלעגט מיר יאָ אַמאָל נעהמען אויפ'ן האַנד, וויעגען מיר אויף די קניה, לאַכען פון מיינע חכמות ; דער טאַטע איז גע־וועזן א שוואַכער, און — קען זיין דערפאַר — פיעל צערטליכער פאַר דער מאַמען. אָבער איך האָב פיר איהם דרך ארץ געהאַט : איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט די העזה, זיך שפּיעלען מיט זיין גרויער, געדיכטער באָרד, אַזוי ווי מיינע חבר'טעס פלעגען טהאָן מיט זייערע טאַטעס. און דערצו פלעגט ער אַלע מאָל זיין אומעטיג און קרעכצען. איך פלעג אויסמיידען צו זיין נעבען איהם.

שוין פון מיין קינדהייט אָן האָבען די אַלע זאַכען ארויסגערופען א בענקשאַפט אין מיין האַרץ. איך בין עלטער געוואָרען פאַר מיין צייט, האָב

מיך אויפגעהערט שפיעלען מיט מיינע חבר'טעס, און פלעג אבזיצען שעה'ן־לאנג אליין.

אט אזוי ווי איהר זעהט, איז מיין קינדהייט געווען א איינזאמע און אומעטיגע. אפט זוך איך א ליכטיגען שטריך, און דאמאלס טהוען א שיין, ווי א בליץ, די ווינטערדיגע פרייטאג־צו־נאכטען ביי אונז אין שטוב, ווען דער טאטע פלעגט פערטייטשען דעם „שיר השירים". דער טאטע האט א וואונדערשעהנעם ניגון געהאט צום לערנען. פרייטאג־צו־נאכט פלעגט ביי אונז אין שטוב זיין נאך שטילער ווי א גאנצע וואך, ווייל די אלטע קיילע פלעגט אוועקגעהן צו איהרע קינדער און אייניקלאך, אבער די שטילקייט פלעגט ניט זיין קיין שרעקעדיגע, פארקעהרט, עפעס הייליגעס איז געווען דעריין. איך פלעג מיך בעהאלטען אין דעם דונקעלסטען ווינקעל, די מאמע פלעגט זיצען שטיל און דער טאטע פלעגט זינגען און פערטייטשען. דער „שיר השירים" — נאכ'ן טאטענס אנזיכטען — מיינט א משל אקעגען דאס אידישע פאלק, שולמית איז די כנסת ישראל, זיין פרומעס הארץ ווערט גע־ריהרט, ער לעבט דורך די אלע צרות און פערפאלגונגען, וואס די כנסת ישראל איז אויסגעשטאנען אין לאנגען גלות, ער פיהלט, ווי דאס ריעזיגע כלל־ישראל הארץ בענקט נאך די בשמים־בערג, נאך דער רוהה, נאך דער היים, נאכ'ן גאט... ער זינגט און טרעהרען פיהלט זיך אין זיין קול. איך פלעג דאמאלס פיעל וויינען אבער די טרעהרען זיינען געווען אזוי זיס...

אבער ניט וועגען דעם. איך וויל אייך דערצעהלען וועגען מיינע ראָ־מאנען. זיי האבען דעם גרעסטען ארט פערנומען אין מיין לעבען, פון זיי האב איך מעהר, ווי פון אלעס אין דער וועלט, געליטען. פון זיי לייד איך נאך איצט, ביי מיינע פערציג יאהר, און זיי זיינען, נאך מיין מיינונג, מעהר פאר אלעס אנדערע אינטערעסאנט.

---

צו מיין זיבעטען יאהר בין איך שוין געווען פערליעבט. ניט לאכט, הערט ! ביי אונז אין שטעדטיל איז אראבגעקומען א לעהרער, זילבער־שטיין איז געווען זיין נאמען. זילבערשטיין איז געווען אלט א יאהראכט־און־צוואנציג, א הויכער, א שלאנקער, מיט א מילך־ווייסען געזיכט איינ־געפאסט אין א שווארץ, קורץ בערדיל, זיינע אויגען גרויסע, שווארצע און לאבענדיג־גוטע, און זיינע הענד ווייסע און צארטע ווי ביי א פרינץ. ער איז אראבגעקומען ביי אונז אין שטעדטיל מיט זיין פאמיליע : זיין פרוי און זיין קינד, א מיידעלע אין מיינע יאהרען. ער האט געהאלטען אין מיטען פון זיין שטודיום, עס האט איהם אויסגעפעהלט מיטלען, און ער האט פער־לייגט ביי אונז אין שטעדטיל א חדר. צו איהם האט מען מיך אבגעגעבען לערנען און אין איהם האב איך מיך פערליעבט.

וואָס הייסט פערליעבט ? הונדערטע ביכער האָט מען וועגען ליעבע אָנגעשריבען, עפענטליך און פּריוואַט דיסקוטירט מען וועגען דעם, אַלע זיינען נאָר פעראינטערעסירט אין די ראָמאַנען וועגען ערוואַקסענע ; און דאָך האָב איך צו מיינע זיעבען יאָהר געפיהלט די זעלבע הארץ־קלאַפּעניש, ווי אין די שפּעטערדיגע ערוואַקסענע יאָהרען.

איך בין געווען די בעסטע שילערין ; ווען איך פלעג זיך אויסצייכנען, פלעגט מיר דער לעהרער גלעטען איבער׳ן קאָפּ, א זיסער ציטער פלעגט דורכלויפען מיין לייב פון זיין גלעט, און מיין קליין הערציל פלעגט תמיד קלאַפּען און קלאַפּען... אויסער׳ן חדר פלעגט תמיד פאַר מיינע אויגען שוועבען מיין לעהרער׳ס געשטאַלט, זיינע אויגען, זיינע צאַרטע הענד, ביי־נאַכט פלעגט מיך איינשלעפערען דער געדאַנק, אַז מאָרגען געה איך אין חדר, און ביים ערוואַכען פלעג איך פיהלען אַ זעלטענע אונרוהיגע פרייד... מיין מאַמע האָט זיך געבייזערט, וואָס איך עס וועניג פריהשטיק. איך אָבער האָב קיין געדולד ניט געהאַט צו עסען, מיין קליין הערציל איז געווען איבערפילט מיט גליקליכע ערוואַרטונג...

מיין לעהרער׳ס ווייב האָב איך פיינד געהאַט. א הויכע, אַ מאָגערע פרויענצימער מיט פלאַקסענע האָאַר און מיט גרויע קורצזיכטיגע אויגען. נאָך מעהר פיינד האָב איך געהאַט זייער קינד. דאָס קינד — אַ מיידעלע אין מיינע יאָהרען — איז געווען אין גאַנצען געראָטען אין דער מוטער, א גרין־בלייך פּנים׳ל, פלאַקסענע האָאַר, און אַ שלעכטס ! פלעגט נאָר קנייפּען און בייסען. דער פאָטער האָט עס שטאַרק ליעב געהאַט, פלעגט אָפט האַלטען זי אויף די הענד, גלעטען זי און קושען. אוי, האָב איך זי מקנא געווען... פלעגט עס מיר פערדריסען... אין די שפּעטערדיגע צייט פון ערפאַהרונג האָב איך פערשטאַנען, אַז דאָס איז געווען דער ריכטיגער געפיהל פון אייפערזוכט, אייפערזוכט אין אַ קינדיש־ליעבענדעס הארץ...

דריי יאָהר האָט זילבערשטיין געהאַלטען ביי אונז דעם חדר. נאָכדעם איז ער אַוועקגעפאָהרען. מיר איז אַ ווילדע אומעדיגקייט בעפאַלען, אַ שטאַרקער שמערץ האָט אָנגעהויבען נאָגען מיין יונגעם הארץ. מיר איז שוין דעמאָלט צעהן יאָהר געווען. מיין מאַמע איז פאַר דער צייט עלטער געוואָרען, דער טאַטע שוואַכער און אומעטיגער, שכנים האָבען בעמערקט, אַז איך בין בלייך, די מאַמע האָט מיך גענומען צום דאָקטאָר. אויסגעהיילט האָט מיר, מסתמא, די צייט : עס איז אָנגעקומען דער פריהלינג.

---

אונזער שטעדטיל האָט זיך געפונען ביי אַ מיטעל־גרויסער שטאָדט. א וואונדערשעהן שטעדטיל איז די, וואו מיר האָבען געוואוינט. אַ גרויסער טייך האָט זי אָבגעטהיילט פון דער שטאָדט, איין לאַנגע שורה, שעהנע,

זויבערע הייזער האָבען זיך געצויגען אין „טהאָל” און נאָך אזא שורה הייזער אויפ׳ן „באַרג”, אַזוי, אַז דאָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ שטעדטיל פון צוויי עטאַזשען. צופוסענס די הייזער האָט געפלאָסען דער גרויסער שעהנער טייך, צוקאָפּענס האָט זיך געצויגען אַ בערגיגע געגענד מיט אַ געדיכטען אוראַלטען וואַלד.

דער לעהרער איז אַוועקגעפאָהרען פאַר פסח. א פריהריגער יאָהר איז דאַמאָלס געווען. גלייך ווי עס איז נאָר ווארים געוואָרען און דער וואַלד האָט זיך בעקליידט מיט גרינס, האָב איך אָנגעהויבען אָבליגען גאַנצע טעג אין וואַלד. איך פלעג מיר כלומרשט מיטנעהמען אַ האַנד־ארבייט, אָבער אַלע מאָל פלעג איך די אַרבייט ברענגען אַזוי ווי איך האָב זי אַוועקגעטראָגען. וואָס פלעג איך טהאָן גאַנצע טעג ? איך פלעג פאַנטאַזירען און חלום׳ען.

איך פלעג אויסקלייבען דעם העכסטען שפּיץ־באַרג און פון דאָרט אַראָבקוקען. אַ צויבער־בילד האָב איך געזעהן. אַקעגען די גרויסע זויבערע שטאָדט מיט איהרע הויכע מויערען, מיט די פערשיעדענפאַרביגע דעכער, וועלכע שפּיגלען זיך אַקעגען זון. אָט איז דער פערגאָלדעטער דאַך פון נייעם „סאָבאָר”. דער בלוט־רויטער דאַך פון דער „רויטער צערקווע”, דער גרינער דאַך פון ליטווישען קלויסטער, דער סטאָלינער דאַך פון מאָנאַסטיר, אַלעס אַיינגעפלאָכטען אין זונען־שיין גיסט זיך צוזאַמען אין די פאַרבען פון בויגען. עס לעבען אויף פאַרבען אין קאָפּ, אין האַרץ וועקען זיך אונבעוואוסטע פערלאַנגען, עס ווערט טרויעריג און זיס...

אַמאָל פלעג איך מיך פערקוקען אויפ׳ן טייך. עס שפּרייט זיך אַ גרויסער, גלאַטער וואַסער, ליעגט שטיל ווי אַ שטיק בלוי הימעל אַרונטערגעפאַלען אויף דער ערד. אַ גאַנצען טאָג קוק איך צו מזרח : דאָרט קוקט אויס דער טייך געהיימניספול, ער ציהט זיך ווייט הינטער די גרינע לאָנקעס, הינטער די פעלדער, הינטער דעם הויכען „פעטראָווער” באַרג ; מיין פאַנטאַזיע יאָגט איהם נאָך ווייטער אַלץ ווייטער... אַמאָל פאַלט מיין אויג אויף אַ שיפעל. גאַנץ ווייט שווימט אַ ווייס שיפעל מיט אַ ווייסען זעגעל. ווי אַ שמעטערלינג זעהט עס אויס. אין שיפעל זיצט אַ מאַן מיט אַ ווייסען הוט און רודערט. אַ רחמנות כאַפּט מיר אָן צו יענעם מאַן, איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר עס קלעמט עפּעס אַזוי דאָס האַרץ... פאַרנאַכט קוק איך צו מעריב. דאָרט זינקט אין טייך אַראָב די זון. אַ רויט־גאָלדענער שלייער פערוויקעלט דעם טייך, די בוימער פון ביידע זייטען טייך, די דערבייאיגע פענסטער און דעכער, די שיפען מיט די מענשען (דאָרט געפינט זיך דער דאָק) זעהען אויס ווי צוגעדעקט מיט׳ן גאָלדענעם שלייער און אונטער׳ן גאָלדענעם צודעק זשומעט אַ צויבערענדע פאַנטאַסטישע וועלט...

אזוי האָב איך פערבראַכט דעם זומער; אזוי האָב איך פערבראַכט נאָך עטליכע זומערען. קיינער האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט. מיין מאַמע איז געווען פערנומען אין געשעפט. דער טאַטע איז קראַנקער און שוואַכער געוואָרען. אין חדר האָב איך מיר אויסגעלערענט שרייבען און לייענען אידיש, שרייבען אַ רוסישען אדרעס, אַ ביסעל רעכענען. מיינע עלטערען זיינען מיט מיין „בילדונג" צופריעדען געווען. נדן איז שוין פאַר מיר געלעגען, און זיי האָבען רוהיג געוואַרט איך זאָל אויפוואַקסען, דאַן וועט מען טהאָן מיט מיר אַ שידוך.

און אזוי האָב איך זיך געהאָדעוועט אין איינזאַמקייט. קיין חבר'טעס האָב איך ניט געהאַט. גאַנצע טעג פלעג איך פערברענגען אין חלום'ען, טראַכטען און בענקען. דאָס איז געווען אין די זומערען. אין ווינטער פלעג איך טאָג און נאַכט לייענען. איך פלעג לייענען דעם טייטש־חומש, די תחינות, אַלערליי משונה'דיגע ראָמאַנען, רייזע־בעשרייבונגען, מעשיות פון גזלנים, אַלץ וואָס איז מיר נאָר געקומען פאַר דער האַנד. מיין טאַטע האָט וועגען מיין לייענען זיך ניט געקימערט, צופיעל איז ער געווען פערנומען מיט זיך. מיין מאַמע האָט אַליין פיינט געהאַט די שטוב־אַרבייט. פלעגט זי מיך צור־רוה לאָזען מיט דער ווירטהשאַפט; אזוי בין איך געווען איינזאַם און פריי. און אזוי האָב איך פערבראַכט ביז מיין זעכצעהנטען יאָהר, ביז מיין צווייטען ראָמאַן.

---

מיין צווייטער ראָמאַן איז אויך געווען מיט אַ לעהרער.

„יעדע נאַריש מיידעל פערליעבט זיך אין איהר לעהרער" — דאָס האָט מיר ניט לאַנג אַ קלוגער מאַן געזאָגט. דער קלוגער מאַן האָט אָבער איינס פערגעסען. ער האָט פערגעסען, אַז עס זיינען פאַרהאַן זאַכען אין לעבען, וועלכע גלייכען אויס די פּרינצעסין מיט איהר דיענסט, די געבילדעטע דאַמע מיט דער דאָרפס־מיידעל. און דאָס איז אויך בנוגע צו פערליעבען זיך אין אַ לעהרער. דער לעהרער קומט און לערנט און ענטוויקעלט און ווירקט, די שילערין פיהלט צו איהם רעספּעקט, אַכטונג, פערהייליגונג, זי איז פון איהם בעהערשט. און אַז די „יונג־פרוי" הויבט זיך אָן וועקען אין דער שילערין, איז דער לעהרער אַלע מאָל דער ערשטער אויפ'ן פּלאַץ...

מיין צווייטער לעהרער איז אויך געקומען אין אונזער שטעדטיל מיט'ן זעלבען ציעל וואָס דער ערשטער: ער האָט געדאַרפט אַנזאַמלען געלד צו פאָהרען שטודירען. ער האָט ניט פערלייגט קיין חדר, נאָר געגעבען „אוראָקען" פריוואַט. ביים גביר פון שטעדטיל האָט ער געלערענט מיט דריי קינדער העברעאיש; ער פלעגט אויך געהן מיט זיי אַלע טאָג שפּאַצירען. זיי פלעגען

געהן פארביי אונזער הויז. איך האב זיי געהערט ריידען העברעאיש. איך האב ליעב געהאט דעם קלאנג פון דער שפּראך, קען זיין צוליעב דעם טאַ־טענ׳ס „שיר השירים״. איך האב גע׳פועל׳ט ביי מיין מאמען אנצוהויבען לערנען העברעאיש. „קיין חסרון צו א שידוך וועט דאס ניט זיין״, האט מיין מאמע בערוהיגט דעם טאטען.

---

„א צויבער־בילד, א מלאך...״ — דאס האט גרינבלאט, מיין נייער לעהרער. געזאגט וועגען מיר, גלייך די ערשטע פּאר וואכען צייט. אויב מיר שטעלען זיך פאר א מלאך אין בלאנדען געשטאלט, בין איך דאס געווען אין דונקעלען, אבער געווען בין איך דאס. איצט ווייס איך, דאמאלסט האב איך דערפון ניט געוואוסט.

שטעלט אייך פאר : א זעכצעהנ־יאהריגע מיידעל ; דאס געשטאלט א שלאנקע, מיטעל־הויכע, א בויגזאמע ; א קאפ לאנגע, געדיכטע, ברוין־שווארצע האאר, וואס גלאנצען ווי סאמעט, א לענגליך געזיכט בעדעקט מיט פרישע רויטקייט, שווארצע גרויסע רונדע אויגען, געדיכטע ברעמען, ווי א וואלקען, איבער די אויגען ; א רויט מיילכעל, פרישע ליפען, פערל־ציין, א געטאקט נאז ; ווייכע, קליינע הענד. דאס איז געווען מיין אויסערער אויסזעהן. מעהר חן אבער האט געהאט מיין גייסטיגער „אנבליק״; מיין הארץ איז געווען ווארים און פול שעהנע געפיהלען, פעהיגקייט צו לערנען זעלטענע ; געדאנקען — גאר ניט צו גלויבען ביי מיין עלטער, מיט איין שוואונג בענעהמען די שווערסטע זאך, ביי די לייכטעסטע אויפרעגונג רוי־טעלט זיך דאס געזיכט, די אויגען ריידען אהן ווערטער, דערצעהלען פון א רייכער נשמה, און צו אלעם, א זיסע, געפיהלפאלע שטימע. איך פלעג אפט, פאר זיך. מיט א פערבענקט קול צוזינגען.

אט דאס בין איך געווען צו זעכצעהן יאהר.

ביי דער ערשיינונג פון מיין צווייטען לעהרער בין איך גאר אן אנדער מענש געווארען. דער אומעט, די בענקשאפט, זיינען ווי דורך א כישוף פערשוואונדען. א נייע וועלט האט זיך פאר מיר געעפענט, א וועלט א ליכ־טיגע, פול פּאעזיע, גליק, פרייד און גאלדענע פאנטאזיעס.

מיין לעהרער איז א „פאנטאזיאר״, ווי מען רופט עס. ער איז אמאל געווען א ישיבה בחור. איהר ווייסט דאך די סימפּאטישע ישיבה־בחור׳שע טיפּען, וועלכע זיינען פול מיט פאנטאזיען און שעהנע ערהאבענע אידע־אלען ? פון איהם האב איך געלערנט, אז ווייט, ווייט הינטער אונזער שטעדטיל געפינט זיך א וועלט מיט גרויסע שטעדט, מיט פערשיעדענע קאסטבארקייטען, אז עס איז פאראן א גרויסע ברייטע וועלט, א וועלט פון

רעכט און אונרעכט, פון ליכט און פינסטערניס, פון אידעאלען, שטרעבונ־גען, פּאָעזיע, העכערע פערלאַנגגען און אזוי ווייטער. איהר שמייכעלט ? איך וויים, איצטיגע צייט ווייסט עס יעדע מיידעל אָהן דער הילף פון א לעהרער. דאָס איז אָבער געווען מיט פינף־און־צוואַנציג יאָהר צוריק, ווען דער וועג פאַר מיידלאַך איז נאָך געווען אזוי פערצאַמט.

ער האָט מיר גיך אויסגעלערנט העברעאיש. מיר האָבען אָנגעהויבען לעזען צוזאַמען. אפילו תלמוד און אגדות האָט ער מיר געלערענט. איך בין בעקאַנט געוואָרען מיט די אידישע למודים און מיט דער העברעאישער סענטימענטאַלער, פּאָעטישער ליטעראַטור. נאָכדעם האָט ער מיר אויסגע־לערנט רוסיש, א ביסעל דייטש. מיר האָבען אָנגעהויבען לעזען צוזאַמען די צוויי ליטעראַטורען, קריטיקירען צוזאַמען, צוזאַמען דענקען און פיהלען.

גרינבלאַט איז געווען מיט צעהן יאָהר עלטער פון מיר, א ניעדריגער, א דונקעל־בלאָנדער, מיט גרויע, ענערגישע אויגען.

זיינע בעציהונגען צו מיר זיינען געווען זאָנדערבאַרע : אז ער ליעבט מיך, דאָס האָב איך געפיהלט, מיין הארץ האָט עס מיר געזאָגט ; און א פערליעבט מיידעל'ס הארץ מאַכט קיינמאָל קיין טעות ניט... ער האָט אָבער אויף מיר קיינמאָל קיין האנד ניט אַרויפגעלעגט, ווער רעדט שוין גאָר פון קושען ? שפּעטער האָב איך ערפאַהרען, אז איך בין געווען פאַר איהם ווי א הייליגע ערשיינונג, ווי א ריינער מלאך פון הימעל, פון וועלכען עס דאַרף זיך נאָר זעטיגען דער גייסט, און דער קערפּער טאָר דערפון קיין הנאה ניט האָבען..

דאָס איז אפשר דער איינציגער פעהלער, וואָס ער האָט געמאַכט...

פיעלעס האָב איך פון איהם געלערנט. א נייעם „שלחן־ערוך" האָט ער מיר געגעבען, א שלחן־ערוך פון פרינציפּען, פון מאָראַל און פון אידעען.

פּאָעזיע — האָט ער מיר געלערנט — דאַרף מען ניט זוכען נור אין זונען־גלאַנץ און פריהלינג ; פּאָעזיע האָט אויך אין זיך די שווארצע נאַכט, דער שטורעם, דער גרויער וואָלקען, דער טרויעריגער הערבסט.

ער האָט מיר פערשפּאָרט זאָגען : פאַר מיר האָט סאַי־ווי־סאַי געהאַט אלץ א צויבערנדען גלאַנץ, ווי הימלישע פּאָעזיע האָט מיר אויסגעזעהן די גאַנצע וועלט : ער — גרינבלאַט — איז געווען נעבען מיר, מיין מיידעל־הארץ האָט איהם פערגעטערט און געליעבט, די פּאָעזיע איז געווען ניט אין דער וועלט, נאָר אין מיר אליין...

אננא איז ענטשוויגען. א שטילקייט האָט אָנגעפילט דעם צימער, פון קיך האָט זיך דערטראָגען דער שטילער אומעטיגער קלאַנג פון די שפּיזלען ; איך האָב געקוקט אויף אננא'ן ; איהר פערוועלקט געזיכט איז געווען איינ־געוועבט אין דונקעלע שאָטען, די גרויסע יונגע אויגען האָבען געקוקט אר־

מעטיג אין דער לופט. איך האָב איינגעהאַלטען דעם אָטהעם און מיט גער־
דולד געוואַרט ביז זי וועט פאַרטזעצען. א ווײלע שפּעטער האָט זי דערצעהלט:

— א יאָהר און א האַלב האָט זיך געצויגען מײן גליק. נאָכדעם איז ער
אַוועקגעפאָהרען. וועלכע פערבאָרגענע קראַפט האָט אונז צושיידט? איך
ווייס ניט קלאָר ביז היינטיגען טאָג. איך האָב איהם פײנט געקראָגען. ער
מיר אויך. די אײנציגע אורזאַכע וואָס האָט אונז צושיידט, בין איך מיך משער
איז אָט־וואָס: די ליעבע פון א לעהרער צו א שילערין בעשטעהט אין דעם,
וואָס ער איז א לעהרער און זי א שילערין. איינער ווירקט,
און דער אַנדערער איז אונטער דער ווירקונג... ביי אונז האָט עס ניט לאַנג
אָנגעהאַלטען: איך בין געוועזען א פעהיגע, אין א קורצע צייט האָב איך פון
איהם איבערגענומען זיין גאַנצע תורה. עס איז נאָך געוואָרען פערקעהרט:
איך בין געוועזען פעהיגער פון איהם, האָב טיעפער פערשטאַנען, לאָגישער
געדענקט, שעהנער געפיהלט, און א העלערע, קלאָהרערע פאַנטאַזיע געהאַט.
זיין קוואַל האָט זיך אויסגעשעפּט פאַר מיר. וואָלט ער אין מיר אויפגעוועקט
די „פרוי", וואָלטען מיר אין א קערפּערליכע פערבינדונג געקומען, וואָלט
זיך עס ניט אַזוי גיך געענדיגט, די שיכרות וואָלט געקומען, די יוגענד־
שיכרות, וועלכע פערשטעלט דעם ביטערען אומעט פון אויג, און מאַכט די
ווירקליכקייט שעהנער און פאַנטאַסטישער ווי זי איז...

און אַזוי האָב איך איהם איבערגעוואַקסען. עס האָט זיך אָנגעהויבען
א פערבאָרגענער קאַמפּף. עס טרעפט מיר לעזען וואָס, איך פערשטעה עס
טיעף און גוט, ער קריטיקירט עס אויף זיין אַרט, איך בעמערק, אַז עס איז
ניט ריכטיג, זאָג איהם מיין מיינונג, איך זעה, אַז ער קען עס ניט אָבלייקענען,
אָבער צוגעבען, אַז איך בין גערעכט, וויל ער ניט. ער הויבט אָן פערדרעהען,
פערפּלאָנטערען, אָנפאַלען אויף די „ווייבערשע שכל'ען", ארונטערמאַכען
מיין גאַנצען געשלעכט, אויפוויייזען, אַז א פרוי האָט ווענינגער מאַרך אין
קאָפּ און אַזוי ווייטער. עס צוואוואַקסט זיך א שנאה צווישען אונז, מיר קריי־
גען זיך שטאַרק פיינט. און אַזוי זיינען מיר זיך צוגאַנגען ביטערע שונאים.
ער איז אַוועקגעפאָהרען פון שטאָדט.

און ווידער איז מיר א אומעט בעפאַלען. אין האַרצען האָב איך גער־
פיהלט א פּוסטקייט, אַזוי ווי עמיצער וואָלט דאָרט געמאַכט א לאָך. דער
וואַלד און טייך, די נאַכט און מאָרגען, דאָס גאַנצע לעבען האָט מיר אויס־
געזעהן אומעטיג און שוואַרץ, אָבער זיבעצעהן א האַלב יאָהר איז מיר דער־
מאָלט געוועזען. ביי אַזא עלטער טראַכט זיך ניט וועגען זעלבסט־מאָרד אַזוי ווי
איצט, דאַמאָלסט זוכט מען, אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּען ביים לעבען. און איך

האָב מיך אויך אָנגעכאַפּט. איך האָב שוין געוואוסט, אַז ווייטער פון אונזער שטעדטיל געפינט זיך אַ גרויסע שטאָדט, מיט טעמפּלען פון וויסענשאַפט. איך האָב מיך אָנגעהויבען צוצוגרייטען צום עקזאַמען שטילערהייד און צוטראַכטען אַ מיטעל ווי אַזוי זיך אַרויסצודרעהען פון דער היים.

אַזוי איז אַוועק דער לעצטער ווינטער. מיר איז געוואָרען אַכצעהן יאָהר. איך בין געוואָרען העכער, ברייטער, ענטוויקעלטער, דאָס ברוינע בלוט האָט אָנגעהויבען האַסטיגער פליסען אין די אָדערען, דאָס יונגע הארץ האָט עפּעס פערלאַנגט און געמאָהנט... דאָס איז געווען פאַר פּסח. דער פריהלינג האָט שוין בעוויזען אַלעם אויפוועקען צום לעבען. ביי אונז אין שטוב האָט מען זיך געריכט אויף אַ גאַסט, וועלכער האָט געדאַרפט קומען חול־המועד. דער גאַסט איז מיין שוואָגער'ס אַ ברודער. ער איז כלומרשט געקומען צוליעב געשעפט, מיר האָט מען אָבער נייע קליידער גענעהט... מיין פאַנטאַזיע האָט זיך פאָרגעשטעלט עפּעס, געוואַרט אויף עפּעס...

---

עס איז געקומען מיין שוואָגער'ס ברודער. אַלעס איז שוין געווען צווישען דער פאַמיליע אָבגעמאַכט ; עס איז נאָר געגאַנגען אין דעם, צו מיר וועלען געפעהלען איינס דאָס אַנדערע. איך בין איהם גלייך געפעלען, און מיט דאָס רעכט פון אַ חתן האָט ער אַרויפגעלעגט אויף מיר זיין האַנד.

און אַזוי ווי עס צינדט זיך אָן פּולווער, ווען עס דערשמעקט פייער, אַזוי האָט זיך מיין רייפער יונגער קערפּער אָנגעצונדען ביי די ערשטע בעריהרונג פון אַ מאַן . . .

אַ גוואַלטיגע בעטויבונג איז אויף מיר געקומען. דער באָדען איז ווי פערשוואונדען פון אונטער מיינע פיס. די געדאַנקען האָבען זיך אויסגעוועבט פון קאָפּ. די לעהר־ביכער, די גרויסע שטאָדט, דער אוניווערסיטעט, אַלעס האָט זיך אַוועקגעגליטשט. אַ ריעזיגע לוסט האָט מיך אָנגעצונדען און פערברענט אַלעס פריהערדיגע . . .

עס איז געווען ביי אונז חתונה. איך בין אַוועקגעפאָהרען צו מיין מאַן'ס עלטערען אין אַ קליין פּויליש שטעדטיל. איך בין געווען ווי אין שלאָף, ווי אין חלום, ווי אין שכרות... איך האָב קיינעם ניט געזעהן פאַר זיך, איך האָב אפילו ניט געוואוסט וואָס פאַר אַן אָנבליק עס האָט מיין מאַן...

דערוואוסט האָב איך מיך דעמאָלט, ווען עס איז שוין געווען צו שפּעט.

איך האָב בעדאַרפט מוטער ווערען. מיין נייע לאַגע האָט מיר ווי אויפגעוועקט פון מיין שלאָף. פערשוואונדען דער חלום, אויסגעניכטערט די שיכרות. איך האָב אַלעס דערזעהן אין ריכטיגען געשטאַלט. דאָס ערשטע האָב איך דערזעהן מיין מאַן. אַ שוידער האָט מיך דורכגענומען. : אַ ניד־

ריגער, דיקליכער מאַנספּערזאָן פון אַ יאָהר אַכט און צוואַנציג, גלייכע, פלאַקסענע האָר, אַ גראָבען נאָז און גראָבע ליפּען, גרויע קליינע אויגען, גראָבע הענד, קיין איין אינטעליגענטער שטריך, און אָט דיעזער איז געווען מיין מאַן...

איך פערשפּאָר אייך דערצעהלען, אַז איך האָב איהם גלייך אָנגעהויבען האַסען. ער איז מיר געוואָרען עקעלהאַפט. מיינע פריהער פערשלאָפענע געפיהלען האָבען אויפגעוואַכט ; די לוסט צום לערנען, צו לעבען אין דער גרויסער שטאָדט האָט זיך אויפגעוועקט אין מיר נאָך מיט מעהר קראַפט.

דער געדאַנק, אַז איך בין פערבונדען, האָט נאָך מעהר גערייצט מיין לוסט צו פרייהייט. האָט נאָך מיר געמאַכט מעהר פיינט האָבען מיין מאַן, פיינט האָבען דעם ניט־געבעטענעם גאַסט אין מיין בויך...

צוויי און צוואַנציג יאָהר איז מיר געווען ווען איך האָב מיך גע'גט מיט מיין מאַן. וואָס פרעגט איהר, צו עס זיינען געווען סצענעס ? אַך, וואָס פאַר אַ מאוס'ע און שרעקליכע, דאָס לעבען האָבען זיי מיר פערביטערט נאָכדעם אַ שטיק צייט. שטעלט אייך פאָר, נאָכדעם ווי ער האָט שוין פּרובירט מיט גוטען און מיט בייזען, האָט ער איינמאָל צוזאַמענגערופען אפשר אַ האַלב שטעדטיל, קרובים כלומרשט זיינען אַלע געווען. איינער אַ פעטער יעקיל, אַ מאַן, ווי אַ ריעז, אַ שוואַרצער, אַן אָקסען־הענדלער איז ער געווען, האָט אויפגעהויבען מיין מיידעלע אויף זיינע הענד (עס איז שוין צוויי יאָהר אַלט געווען) אַזוי ווי אַ פאָהן אין דערהויך און מיר גענומען מוסר'ען און שטראָפען. אַ פולע הויז, אַלע מיט בליצענדע אויגען קוקען אויף מיר, און איך איינע אַליין, אַפילו מיין שוועסטער איז געגען מיר... און דאָך, די ליעבע, זאָגט מען, קען גרויסעם ווייזען, איך זאָג, די פיינדשאַפט ווייזט נאָך גרעסערעס. מיין קינד, דאָס מיידעלע, האָב איך פיינט געהאַט פונקט ווי דעם טאַטען. עס איז געווען אין גאַנצען גערAָטען אין איהם...

אננאַ איז ווידער אַנטשוויגען געוואָרען. זי האָט זיך פערטיעפט אין עראינערונגען און מיר מעהר ניט געזעהן. אין צימער איז אומעטיג שטיל. דער קלאַנג פון די שפּיזלען איז ענטשוויגען, מסתמא איינגעשלאָפען דאָרט די אַלטעטשקע. דער לאָמפּ האָט אָנגעהויבען צאַנקען מען האָט בעדאַרפט דערגיסען קעראָסין. אננאַ האָט עס ניט בעמערקט. איך האָב ניט געוואָלט זי שטערען. שטילערהייד האָב איך פערלאָשען דעם לאָמפּ, עס זאָל ניט רויכערען. פון דרויסען האָבען אריינגעשיינט די לבנה און די בעשנעעטע שכנה'שע דעכער. איך האָב מיך שטילערהייד צוריקגעזעצט. אננאַ האָט ערוואַכט.

„אה, דער לאָמפּ איז אויסגעגאַנגען". זי האָט זיך אויפגעהויבען, אָבער באַלד זיך צוריקגעזעצט. „זאָל זיין אָהן דעם לאָמפּ... די עראינערונגען פון

מיין פערגאַנגענהייט ווע‍לען ליכטיג מאַכען דעם צימער"... איהר שטימע איז געווען פול ביטערען שפּאָט. זי האָט אָבגעזיפצט און דערצעהלט:

---

איך בין פערפאָהרען אין אַ גרויסער שטאָדט, וואו עס איז געווען אַן אוניווערזיטעט און אַזוי אייניגע בילדונגס־אַנשטאַלטען פאַר פרויען. דאָרט האָבען, צו יענער צייט, זיך געצויגען אַלע יונג־וואָרג.

וואָס האָט מיר געפעהלט? פריי בין איך געווען ווי אַ פויגעל, (דאָס קינד איז פערבליבען ביים פאָטער) מיין מאַן האָט מיר צוריקגעגעבען מיין נדן, אַ היבשע סומע, וועלכע העלפט גרינגער מאַכן דאָס לעבען אין אַ גרויסער שטאָדט. פיעל שעהנקייט און יוגענד־ערפאַהרונג, בילדונג, פעהיגקייטען, און דאָך האָט מיך געפעהלט... די איבערלעבונגען, די סצענעס, די ענטטוישונגען האָבען געלעגט זייער שטעמפּעל אויף מיין גייסט... מיין גייסט איז געוואָרען רייף פאַר דער צייט... אַ רייפער גייסט, האַ־האַ, איהר ווייסט וואָס דאָס מיינט? דאָס מיינט, פערליערען דעם אונשולדיגען, קינדערשען גלויבען... דאָס מיינט אָנהויבען צוגעסען ווערען פון פּעסימיזם...

אָבער גענוג יוגענד־קראַפט האָב איך נאָך געהאַט; און דאָס האָט מיך אַוועקגעטראָגען צום נייעם לעבען. איך האָב ברייט געעפענט די אָרעמס אַקעגען דער גרויסער, רוישיגער שטאָדט. איך האָב ליעב בעקומען דעם טומעל, דעם אייביגען גערויש, די גרויסע מויערען, די ברייטע גאַסען. איך האָב אָנגעהויבען בעזוכען אַ בילדונגס־אַנשטאַלט, בין בעקאַנט געוואָרען מיט דער יונגוואָרג, האָב זיי ליעב בעקומען, זיי מיך אויך.

און דאַמאָלס איז געווען אַן אינטערעסאַנטע צייט צווישען דער שטודירענדער יוגענד: די אידעען, וואָס האָבען נאָך ביז יענער צייט אַרומגעשוועבט אין דער לופט, האָבען זיך אָנגעהויבען פערקערפּערען, מען האָט זיך פּאָרבערייטעט דעם גרויסען, ערהאַבענעם אידעאַל אַריינצוטראָגען צווישען פּאָלק.

די שטודירענדע יוגענד, די אידעאַל־טרעגער, האָבען זיך געפיהלט הייליג, אַזוי ווי די כהנים ביי דער כהונה... אַלעס איז געטהאָן געוואָרען בעהאַלטענערהייד, און דאָס האָט נאָך געמאַכט די ארבייט אינטערעסאַנטער און געהיימניספולער...

איך בין געווען צווישען די „טרעגער". אָבער אַזוי בעגייסטערט, ווי די איבעריגע בין איך ניט געווען, האָב ניט געקענט זיין... דער שטאַרקער גלויבען האָט מיר געפעהלט, מיין נשמה איז ניט צוזאַמענגעוואַקסען מיט'ן אידעאַל, צו רייך איז געווען דערפאַר מיין פריהערדיגער לעבען. איך האָב מיך דאַרום אָבגערוקט עטוואָס אָן אַ זייט. איך האָב מיך מעהר צוגעקוקט צו די לעבענס פון איינצעלנע.

און אַזוי האָב איך געזעהן, ווי ביי די היילינגסטע אַרבייט, עקזיסטירט דאָך די ליעבע און נעהמט אומעטום די אויבערהאַנד. אַזוי האָבען זיך אָנגע־הויבען פּאָארעןביידע געשלעכטען, וועלכע איז אויסגעקומען צוזאַמען צו אַרבייטען. מיין האַרץ איז געווען פּוסט, איך האָב געדאָרשט און געבענקט נאָך ליעבע. איך האָב געוואָלט שטאַרק ליעבען און שטאַרק געליעבט זיין, אַזוי, אַז דאָס זאָל גליקליך מאַכען מיין האַרץ...

איך האָב אָנגעהויבען זוכען צווישען די חברים־סטודענטען.

דער ערשטער. אויף וועמען איך האָב מיך אָבגעשטעלט, איז געווען ברוך (באָרים האָט מען איהם גערופען). דער „בערדיגער" פלעגען מיר איהם רופען צוליעב זיין בלאָנדער לאַנגע באָרד.

ברוך איז געווען אין מיין עלטער. ער קומט פון אַ קליין־פּוילישׁ שטעד־טיל, אויף אַ גע'גט־ער: זיין ווייב האָט איהם גע'גט צוליעב זיין אפּיקורסית. זייער קינד — אַ אינגעלע איז געבליבען ביי איהר.

מיט זיין אויסערען אויסזעהן האָט זיך ברוך כמעט ניט אויסגעצייי־כענט. אַ הויכער, אַ בלאָנדער מיט בלויע רוהיגע אויגען. „דער גאַנצער חן איז אין זיין באָרד", האָבען אַלע מיידלאַך אויף איהם געזאָגט. און באמת, די גרויסע, בלאָנדע באָרד האָט צונענעבען זיין יונגען, בלייכען געזיכט אַן אָריגינעלען, טרוימערישען אויסזעהן. מיר האָט אויך צוגעצויגען זיין פּער־זאַנגנעהייט: מען האָט דערצעהלט, אַז ער בענקט נאָכ'ן קינד. איך פלעג זיך אָפט פערקוקען אויף איהם און עס האָט מיר געדאַכט, אַז איך זעה אויף זיין צאַרטען שטערען אַ טרויער־וואָלקען. אַפאַר מאָל האָב איך געהערט פון איהם אַ זיפץ.

איך האָב מיך אין איהם פערליעבט. ביי מיר האָט עס ניט גענומען לאַנג. ווי אַלע ברונעטינס בין איך געווען אַ ליידענשאַפטליכע מיט אַ שטאַרקע פאַר־שטעלונגס־קראַפט... ער מיך האָט אויך ליעב בעקומען, שעהן בין איך נאָך געווען, און וואונדערבאַר אינטערעסאַנט אין מיין ליעבע.

מיר האָבען זיך פערלאַייניגט. (פון חתונה צערעמאָניעס האָבען מיר ניט געהאַלטען) אונזער גליק האָט אָנגעהאַלטען, חא־חא — לאַכט ניט — ביי אַ זעקס וואָכען צייט...

וואָס האָט אונז צושיידט? איך ווייס ניט. דאָס איז די אורזאַכען, וואָס איך בין משער. צעהלט אויף די פינגער:

ער איז געווען אַ בלאָנדער, אַ געלאַסענער און דערצו זעהר אַריינגע־טהאָן אין דער אַרבייט, און איך — פאַרקעהרט... ער איז געווען אַ גוטער רעדנער, מיידלאַך פלעגען איהם ליעב האָבען, „אוחאַזשעווען" אַרום איהם, קומען ביי אונז אין צימער... אָבער זאָל זיין... מיין ברוינעס בלוט האָט אָנ־געהויבען קאָכען... נאָך וואָס, נאָך ווען? אייפערזוכט... ניט בעפרידיגטע

פערלאַנגען... דאָס פערגאַנגענע לעבען... די פּוסטקייט אין האַרץ... עס האָבען זיך אָנגעהויבען ביי אונז מאָדערנע סצענעס. וואָס הייסט „מאָדערנע", פרעגט איהר? אָט הערט: אַמאָל ביי אונזערע טאַטעס, אַז עס פלעגט קומען אַ מיידעל און מאַכען חנ'דעלאַך פאַר'ן מאַן, פלעגט זי הייסען אַ חצופה, און די בעל־הבית'טע פלעגט איהר אַרויסטרייבען. אַ איצטיגע „בעל־הבית'טע" וואָלט עס אויך גערן טהאָן מיט די מיידלאַך, וואָס קומען אַריין אין איהר שטוב, אָבער מען איז דאָך ציוויליזירט. מעג דאָס מיידעל, אין נאָמען פון אידעאַל, זיך קושען מיט אַייער געליעבטען, מעגט איהר פּלאַצען פאַר אייפערזוכט, אָבער זאָגען וואָס — פּאַסט ניט. הויבען זיך אָן אַנדערע סצענעס. מען הויבט ניט אָן „אַיינשטימען". דער מאַן זאָגט אַזוי, וויל דאָס ווייב אָבזעצען די גאַל, זאָגט זי קאַפּויער. (און אַלעס געהט ניט וועגען זיך, נאָר וועגען וועלט־זאַכען). זאָגט ער, אַז זי פערשטעהט ניט, האַלט דאָס מיידעל מיט איהם, און ער איז דאָך טאַקי גערעכט. ווערט דאָס ווייב מעהר אָנגעצונדען, און אַזוי ווערט אַ „וכוח", וואָס גרייכט מיט קולות ביז'ן הימעל. אָט דאָס הייסט מאָדערנע סצענעס.

אַזעלכע „וכוחים" האָבען זיך ביי אונז אָנגעהויבען גלייך די צווייטע וואָך, נאָך זעקס וואָכען קריגערייען בין איך פון איהם אַוועק. איך האָב פערלאָזען די שטאָדט.

---

איך האָב אויסגעקליבען צו וואָהנען אין דער שטאָדט. האָב מיר אַיינגעאָרדענט צוויי צימערען, גענומען אַ דיענסט, אַ קליינעם קאַפּיטאַל האָב איך געהאַט; איך האָב אויך געקריגען אַ שטעלע אַלס לעהרערין אין אַ שוהל. אַזוי האָב איך מיר געקאָנט אַיינאָרדנען מיין לעבען מיט אַביסעל קאָמפּאָרט.

איצט האָב איך געדאַרפט אויסקלייבען אין וואָס זיך אַריינצוטהאָן. און אַריינטהאָן זיך אין עפּעס האָב איך געמוזט, אַז ניט האָבען מיר אומעדיגע געדאַנקען געפּלאַגט און עס האָט זיך אָנגעהויבען וועקען אַ געדאַנק וועגען טוידט . . .

און אַזוי האָב איך געקויפט אַ שאַפע מיט ביכער און האָב אָנגעהויבען צו לייענען.

מיר דאַכט אַז די בעסטע צייט אין לעבען איז די צייט פון רוה. דעמאָלט איז כמעט געווען ביי מיר אַ צייט פון רוה. איך האָב מיט מיין גאַנצע ענערגיע געפּרובט אַלעס אַוועקשטופּען, וואָס עס קען מיך אויפרעגען. אָט, ווי אַ שטיינער, מיין אַלטע פרוי, וואָס האָט מיך דעמאָלט בעדיענט. זי איז געווען אַמאָל אין דער יוגענד — איך ווייס ניט רייך, אָדער געבילדעט, אָדער געליעבט. איהר אַלט אינטעליגענט געזיכט, איהר גלייכער גאַנג, אַלעס האָט דערצעהלט פון אַ שעהנער פערגאַנגענהייט; איך האָב אָבער זיך גע־

האלטען שטרענג צו איהר, ווייל איך האב בעמערקט, אז זי וויל מיר דער־צעהלען איהר פערגאנגענהייט און איך האב געפיהלט, אז איהרע וועט זיך פאסען צו מיינער און דאס וועט מיך אויפרעגען...

און אזוי לעב איך: פיער א זייגער קום איך פון שוהל. ווינטער איז שוין נאכט. א לאמפ ברענט העל און בעלייכט דעם ווייסען צימער. איך קלייד מיך אן אין א העלער שטוב־קלייד. די אלטע אין קיך ווערט פארטיג מיט'ן רוימען. זי זעצט זיך אין קיך ביי איהר זאק און שפיזלען און איך — אין צימער ביי מיינע ביכער. עס איז שטיל, ווי אין א פערצייטיגען פער־לאזענעם צויבער־שלאס. עס הערט זיך דאס קלינגען פון די שפיזלען און דאס שארשען פון די בלעטלאך פון בוך. איך לייען מיט דורשט און לייד־ענשאפט. מיין קאכיגעס לעבען האט זיך דעריין ארייננגעטהאן, אזוי ווי די יונגע מאנאכין טהוט זיך אריין אין די ליעבע צו יעזוס'ען... איך לייען אהן אברוה, ביז שפעט ביינאכט, ביז דער שלאף לעהמט מיינע גליעדער, ווייל אויב איך הער אויף א ווײלע, הויבט זיך אן עפעס פלאנטערען דער געדאנק: „ברוך און גרינבלאט און זילבערשטיין... און מיין גע'גט'ער מאן... און...

---

איך בין געווארען אכט און צוואנציג יאהר און פלוצלינג האב איך אויפגעהערט לייענען.

איך האב אנגעהויבען קוקען אין שפיגעל. ביינאכט. דאס ווייסע צימער, דער העלער שיין פון לאמפ, מיין שלאנקע געשטאלט אין ווייסען קלייד. איך צופלעכט די האר, א גאנצער וואלקען וואונדערבארע, שווארצע, דינע האר און די אויגען לייכטען און אויפ'ן געזיכט פליעסט א רויטע פארב און דאס בלוט אין די אדערען זינגט און זינגט... און פאר וועמען? פאר די שטומע ווענד! פאר'ן שאפע מיט ביכער? פאר דער אלטער דיענסט?...

מיר איז ענג געווארען מיין צימער, די ווענד האבען מיר געשראקען. די אלטע מיט איהר אייביגען שטריקען האט מיך געמאכט נערוועז. איך האב אומגעקעהרט צום לעבען...

איצט האב איך שוין געוואוסט מיין פערלאנג. די ביכער און די שטילע איינזאמקייט האבען אויסגעארבייט ביי מיר אן אייגענעם בליק אויפ'ן לע־בען. און ניטשע האב איך געלעזען... איך האב שוין געזוכט דעם גליק פונ'ם איינצעלנעם... דער איינצעלנער — פערשטעהט זיך — איז פריהער פאר אלע דער אייגענער „איך". איך האב אנגעהויבען זוכען מיט וואס גליקליך צו מאכען מיין „איך".

פפליכטען צו דער וועלט... ליעבע צו דער מענשהייט... זעלבסטאפפערונג פאר'ן אידעאל... דאס אלץ האט זיך ביי מיר ניט געקלעפט. דער גליק פון דעם איינצעלנעם בעשטעהט ניט אין דעם. אלע דארפען ווערען „איינצעלנע",

דאמאלס וועט מען די אלע זאכען ניט דארפען. איך האב ווידער געזעהן מיין גליק אין ליעבע.

איינער א דאמען־פריינד האט מיר אמאל א זאג געטהאן מיט גיפט :

„דאס איינציגע שטרעבען פון דער אינטעליגענטער פרוי איז, ליעבע און לוקסוס, קריגט זי דאס, איז אוים מיט אלע איהרע אידעאלען, זיינען פערענטפערט ביי איהר אלע וועלט־פראבלעמען"... איך האב מיך איבער זיינע ווערטער פערטראכט און איך האב זיי גאנץ אנדערש פערשטאנען :

די פרוי, נאך מיין מיינונג, איז דער נביא פון דער מענשהייט. די פרוי, מיט איהר צארטען אינסטינקט, דערפיהלט בעסער, וואס עס פעהלט דער וועלט, ווי אלע פילאזאפען מיט זייער „שווערען מארך". און אויב די צארטע אינטעליגענטע פרוי פיהלט א גרויסען בעגעהר נאך ליעבע, איז א סימן, אז דאס פעהלט דער וועלט. און אז גרויסע, שטארקע אייביגע ליעבע וואלט גליק־ליך מאכען די ליידענדע.

נאר דאס איז א נעבען־זאך. איך האב אנגעהויבען זוכען ליעבע. צווישען מיינע בעקאנטע האב איך דאס צו יענער צייט ניט געקענט אזוי לייכט קריגען : זיי האבען אנדערש געדענקט וועגען דער זאך ווי איך. און די געז־עלשאפטליכע ארבייט האט געקאכט. נייע ענדערונגען האבען בעדארפט קומען... אלע זיינען געווען דעריין פערטהאן... איך האב מיר אבגעזוכט דעם קינסטלער־קרייז. איהר ווייסט דאך זיי ? (אננא האט אויף מיר געקוקט מיט שפאט. דאס האט געהייסען : איהר אליין בעלאנגט דאך צו זיי...) דאס איז א חברה, וואס נעהמט זיך ניט קיין זאך צום הארץ... וואס איז צו יעדער צייט פארטיג אונטערצוהאלטען דעם מענשליכען מין...

עס מאכט מיר רויט און בלאס ווערען, ווען איך דערמאן מיך איצט אן יענער צייט. ניבול־פה און שמוץ... דאס פלייש, די ברוסט, די צארטע מענשליכע ליניען ווערען געוואויגען אויפ'ן וואג, געמאסטען אויפ'ן ארשין... די יאהרען ביי א פרוי ווערט געשאצט ווי ביי א פערד... א יונגער פערדיל איז מעהר ווערטה... עט, לאמיר דאס אוועקמאכען. און איבריגענס, האב איך דאס דאמאלס ניט געפיהלט. איך האב אלע מאל ווייניג געפיהלט, וואס דער אנדערער צד טראכט וועגען מיר. אין מיינע האנדלונגען בין איך געווען פערנומען מיט זיך אליין, מיט מיין אייגענעם געדאנק.

מיין געדאנק איז דאמאלס געווען, צו קריגען וואס מעהר ליעבע און גליק. אויף א גרויסען, שטארקען, אייביגען געפיהל פון איין פערזאן האב איך שוין דאמאלס ניט געהאפט. איך האב געוואלט, אלזא, צוזאמענשארען א סך פונקען און מאכען דערפון דעם גרויסען, שעהנעם ליכטיגען פלאם... און א פונק פון ליעבע איז דאך פאראן ביי יעדען מאן, ווען ער קלייבט זיך געהן האבען פערהעלטניסע מיט אן אינטעליגענטער פרוי.

און אזוי האָב איך געקליבען און געקליבען די פונקען. חא־חא — איינער פלעגט פערלאָשען ווערען, ביז עס וועט אויפשיינען דער צווייטער... און אזוי בין איך געבליבען מיט ליידיגען. מיט אַ אומעטיגקייט אויף דער נשמה, מיט אַ פוסטקייט אין הארץ... אה, איך פערשטעה אייער קוק אפילו אין דער פינסטער: אַ „פראָסטיטוטקע" ? ניין, קעצעלע, דאָס איז די מעלה מיט דער אינטעליגענטער פרוי, זי אליין קאָנטראָלירט איהרע האנדלונגען נאָך איהר אייגענעם פערלאַנג; און אזוי ווי איך האָב נאָר געזוכט די ליעבע, איז ניט געקומען צו פערקעהר... אָבער דאָס איז ניט וויכטיג.

מיר איז געוואָרען צוויי־און־דרייסיג יאָהר. דאָס אייביגע יאָגען זיך נאָך גליק האָט אָנגעהויבען לאָזען שפּורען אויף מיין קערפּער. אַ היבש בינ־טעל גרויע האָאר, קנייטשען ארום מיין מויל און אויגען. די „פונקען" האָבען אָנגעהויבען ווערען זעלטענער, און פלוצלונג האָב איך געמאַכט דערמיט קווית.

אַ קליינער צופאַל האָט מיך געבראַכט דאָס גיכער צו ענדיגען.

איינמאָל בין איך ארויס פון אַ טויער, און הארט פאַר מיר איז פערביי מיינער אַ בעקאַנטער דענטיסט מיט זיינעם אַ חבר אין סטודענטען־קליידער. זיי האָבען מיר ניט געזעהן. איך בין געגאַנגען הארט הינטער זיי און גע־וואָלט מאַכען מיט מיין בעקאַנטען אַ שפּאַס. און פלוצלונג האָט זיך אָנגע־הויבען אַ געשפּרעך, אין רוסיש, וועגען מיר.

דענטיסט: — קום, איך וועל דיר בעקאַנט מאַכען מיט אַ דאַמאָטשקאַ, אַ פּראַכט.

סטודענט: — ווער איז זי ?

דענטיסט: — אַ לעהרערין ביי ב. אין קלאַס. איך זאָג דיר, אַ זעל־טענע, מעגסט מיר גלויבען.

סטודענט: — וואָס איז זי, אַ יונגע ? אַ שהנע ? בעלאַנגט זי צו אַ פּאַרטיי ?

דענטיסט: — בינסט אַ נאַר! אז ניט צו קיין פּאַרטיי, קען מען זי ניט נוטצען ?... (ביידע לאַכען פרעך) זעהסטו, יונג איז זי ניט, אָבער וואו נעהמט מען יונגע ? שעהן איז זי, מעגסט מיר גלויבען, אפילו ניט אזוי פריש, אָבער אַ ברונעטין... אַ טעמפּעראַמעט... אינטעליגענט...

סטודענט: — און עס קומט אָן גרינג ?... (ביידע ריידען שטיל, און לאַכען ציניש, פרעך...)

מיט אַ פערפלאָמט פנים, ווי געיאָגט פון שדים, בין איך אַ גאַנצען טאָג אומגעלאָפען איבער די גאַסען. אהיים בין איך געקומען שפּעט אין אבענד. איך האָב געפונען פון דענטיסט אַ צעטעלע, אין וועלכען ער זאָגט מיר צו, קומען אויפ'ן אַנדערען טאָג.

דעם אנדערען טאָג האָב איך שוין געוואוינט אויף א ווייטער אָבגע־לעגטער גאַס. און אַזוי האָב איך מיך אָבגעריסען פון מיין פריהערדיגען לעבען, פון די בעקאַנטע, און איך האָב מיך ווידער פערשפאַרט אַליין מיט מיין אַלטער דיענסט.

---

איצט האָב איך ווידער אָנגעהויבען זוכען אין וואָס אריינצוטהאָן זיך דאָס איז געווען א נויטהווענדיגקייט. די גרויע האָאָר און די קנייטשען האָבען מיך געשראָקען צום טויט. איך האָב מיך געפרובט נעהמען לייענען, אומ־זיסט. ווי עס ווייזט אויס, דאַרף מען יוגענד־קראַפט און טעמפעראַמענט אפילו אין קלויסטער צו געהן, ווען מען וויל זיך בעהאַלטען פון דער וועלט...

און עס האָט זיך אָנגעהויבען ציהען א לעבען פון „גאָר גישט“. איהר ווייסט וואָס דאָס הייסט ? דאָס הייסט נאָך דער ארבייט אָבעסען, געהן אַמאָל זיצען אַן אומעטיגע אין דער אָפּערא, לייענען אַמאָל א גרינגען בוך, האָבען א פּאָאָר פיערציג־יאָהריגע אָבגעלעבטע בעקאַנטע. און אַזוי אָבנודיען, אָהן פרייד, טעג און וואָכען.

אַזוי האבען זיך אוועקגערוקט נאָך דריי יאָהר. דאָס פּנים איז געוואָרען מעהר פערעלטערט און די האָאָר מעהר גרוי.

צו מיינע פינף־און־דרייסיג יאָהר האָב איך דורכגעמאַכט נאָך א ראָמאַן. חא־חא — הערט :

דאָס איז געווען אין א קאַלטען ווינטער־אבענד. דרויסען האָט א ווינד אויפגעהויבען גאַנצע בערג שנעע און זיי געטראָגען פון איין אָרט צום אַנ־דערען. מיינע שויבען זיינען געוואָרען „פערבאַריקאַדירט“ מיט שנעע ; ניטאָ קיין דרויסען, ניטאָ קיין בעקאַנטע. די אַלטע קלינגט מיט די שפּיזלעך נער־וועז און אומעטיג, מיר נאָיעט שטאַרק דאָס הארץ. איך זוך אויף א ראָמאַן, לעג זיך אויפ'ן זאָפאַ און הויב אָן לייענען.

איך געדענק ניט, צו האָב איך עס געלייענט דעם ערשטען מאָל ; אָבער א נייע ליכט האָט מיר פּלוצלונג א שיין געטהאָן : די העלדין פון ראָמאַן איז געווען א פינף־און־דרייסיג יאָהריגע פרוי, דער העלד — איהר געליעב־טער, א מאַן פון צוויי־און־צוואַנציג.

דאָס בוך איז געווען פון א פרוי געשריבען. איך ווייס ניט, אויב אַזאַ ראָמאַן האָט פּאַסירט, אָדער איהר הייסעס הארץ, דאָס הארץ פון דער נביאה, וואָס זוכט דעם גליק אין ליעבע, האָט פערלאַנגט אַזוי וואָס. אָבער די העל־דען זיינען ארויסגעקומען וואונדערבאַר בולט, פול מיט לעבען און וואַרימ־קייט. און די ליעבע פון דעם יונגען מאַן צו דער פרוי איז געווען וואונדער־באַר־שעהן. איך האָב דאָס בוך א גאַנצע נאַכט געלייענט. מיט דאַרשט האָב

איך געלייענט די שטעלען, וואו דער ראָמאַן ווערט געשילדערט מיט אזא פייער און הייליגקייט.

„איך מוז אויך אזא העלדין זיין", האָט זיך מיר איינגעגעסען א געדאַנק.

אין מיינע אויגען האָט אויפגעשיינט די יוגענד און ליידענשאַפט. מיין פּנים האָט בעלויכטען דאָס וואונדערבארע ליכט, וועלכע עס פערמאָגען נור ברונעטע מענשען מיט א שטאַרקען טעמפּעראַמענט...

איך האָב מיך אָנגעטהאָן א דונקעל־רויטעס קלייד, אזוי ווי די העלדין אין בוך, וועלכעס האָט אויך זעהר צו מיר געפּאַסט, און איך האָב אָנגעהויבען צו זוכען דעם העלד.

איך האָב איהם געפונען: מיר איז גרינג געווען צו געפינען דאַמאָלס, ווען דער יוגענד־פערלאַנג האָט אין מיר געברענט.

מיין „העלד איז געווען פּונקט צוואַנציג יאָהר אַלט. א הויכער, אָנגעטהאָן אין א גרויען אַנצוג, א לענגליך בלייך געזיכט און אויגען פערטרויערטע, האָט ער אויסגעזעהן ווי א טרויעריגע פערבענקטע טויב. ער איז דאָ געווען אַן עלענדער, א יתום, געארבייט אין א געשעפט פאר א קליינעם געהאַלט. א מענש אָהן פריינד, אָהן א צוקונפט, און מיט א גרויסען דורשט נאָך לערנען און לעזען.

איך האָב איהם געגעבען אַן אומזיסטען „אוראָק", אזוי האָב איך זיך מיט איהם בעקאַנט.

אננאַ האָט מיר אָנגעקוקט מיט א לייכטען שפּאָט. א לבנה־שטראַהל איז געפאַלען פאר איהרע פיס און בעזילבערט דעם זוים פון איהר קלייד. איהרע אויגען אין דער דונקעלהייט האָבען וואונדערבאר געלויכטען; און איך, מיט מיינע „מבינות" האָב געקלעהרט, אז זי קען נאָך איצט אויך זיין א „העלד"...

זי האָט דערצעהלט:

איצט, אויב איהר פוילט זיך ניט, זוכט אויף יענעם ראָמאַן (זי האָט אָנגערופען דעם נאָמען), לייענט יענע שטעלען, וועט איהר זעהן, ווי אזוי אַן עלענדער, יונגער, פער׳יתום׳טער מאַן ליעבט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען א פרוי וואָס איז איהם ווייב, פריינד, לעהרער, מוטער און שוועסטער. לייענט וועט איהר וויסען, ווי אזוי הערשעל — זיין נאָמען — האָט מיר געליעבט.

„ווסיאָ פּראָשלאָ קאַק וואָ סניע" (אַלעס איז פאַראיבער ווי א חלום) האָט אננאַ זינגענדיג זיך אָבגעזיפצט. ער איז מיר מיאוס געוואָרען גאָר גיך. אין דעם בין איך שוין ניט שולדיג, נאָר מיינע בעקאַנטע.

הערשעל איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין א געשעפט. נאָכדעם, שטאַרק צומישט און פערנומען פון זיין ראָמאַן, האָט ער פערנאַכלעסיגט דאָס גע־

שעפט און פערלאָרען די שטעלע. קיין אנדער שטעלע האָט זיך ניט גע־מאַכט, און ער פלעגט ניט זוכען אויך. ער פלעגט אָבליגען גאַנצע טעג אויפ׳ן זאָפא, מיט א לייכטען בוך אין האַנד, און ווארטען, איך זאָל קומען פון דער ארבייט. איך האָב פערדיענט גענוג פאַר ביידען. און אין מיין נאַטור איז ניט געווען זיך צו רעכענען וועגען געלד. אָבער די בעקאַנטע — און איך האָב זיי געקראָגען אזוי פיעל, נייגיעריגע ברואים — זיי האָבען אָנגעהויבען אריינלאָזען זייער גיפט. „ער קען זיין איהרער א זוהן. זי האַלט איהם אוים מיט אַלעם און ער טהוט איהר א טובה"... אַזעלכע און עהנליכע בעמער־קונגען האָב איך געהערט אויף שריט און טריט; און אזוי הויך זיינען געווען די „בעמערקונגען", אַז קיין וואָרט האָט ניט פערבייגעלאָזט מיין אויער.

און אזוי איז ער מיר מיאוס געוואָרען. איך האָב איהם אנגעהויבען חושד זיין. עס האָט זיך מיר אָנגעהויבען אויסדרוכטען. „און „טאַקי ווי טהוט עס א מאַן קיין זאַך ניט און ליעגט נאָר אויפ׳ן זאָפא?" איהר ווייסט דאָך, אַז מיר פרויען ווילען זעהן א מאָל אין א מאַן א ריטער, א העלד, ניט קיין שוואַכע, אונבעהאָלפענע בריאה. נו, און מיין נאַטור דאַרף ניט פיעל עס זאָל מיר ווערען מיאוס... און אזוי איז געוואָרען אוים.

---

נאָכדעם האָבען זיך אָנגעהויבען ציהען טעג, וואָכען מאָנאַטען און יאָה־רען. גרויע און אומעטיגע צייטען, אומעטיגע און איינזאַמע. און די איינ־זאַמקייט הויבט זיך ערשט אָן ציהען פאַר מיר, און עס וועט זיך נאָך ציהען יאָהרען, א פערטיל יאָהר־הונדערט און אפשר נאָך מעהר... נייז. דאָס וועל איך אויך ניט טהאָן. דעם אויסוועג האָב איך געוואוסט, איהר ווייסט אויך, וואָס קען אָן עלטערע פרוי טהאָן, אויב ניט מאַכען א סוף? איך האָב מיך צוגעגרייט צו דעם. אין מיין קאַמאָד האָב איך אוועקגעלייגט דעם שאָכטעל אָפּיום — איך האָב אויסגעקליבען דעם טויט דורך חלומות — עס איז אָנ־געקומען די טויטע גלייכגילטיגקייט. איך האָב רוהיג געוואַרט ביז עס וועט זיך מיר שטאַרק גלוסטען צו מאַכען דעם סוף...

---

מיין מאַן איז אונטער דער צייט געשטאָרבען. די טאָכטער האָט חתונה געהאַט. איך האָב זי קיינמאָל ניט געזעהן. איך האָב מורא געהאַט זי צו בעגעגנען, און אגב האָט דאַרט די משפחה ניט צוגעלאָזט איך זאָל זי זעהן, אזוי אין כעס זיינען אַלע געווען אויף מיר. איך האָב וועגען איהר ניט גע־טראַכט. נאָכדעם זיינען אין יענער שטאָדט פאָרגעקומען אונרוהען. אין די

צייטונגגען האָב איך געטראָפען צווישען די רואינירטע הייזער אויף מיין טאָכטער'ס. א לאַנג־פערשלאָפענער פערשטיקטער געפיהל האָט אין מיר ער־וואכט, דער געפיהל, וואָס איז איינגעבוירען אין יעדער מענש, אין יעדער חיה — דער געפיהל פון מוטער־ליעבע. איך האָב אראָבגעבראַכט מיין טאָכ־טער מיט איהר מאַן אין דער שטאָדט, וואו איך האָב געוואוינט, האָב גע־מאכט פאר זיי א געשעפט און האָב זיי בעזאָרגט. דאָס איז געווען מיט א האלב יאָהר צוריק. קנאַפּע פערציג יאָהר איז מיר געווען. מיין טאָכטער איז אַלט איין־און־צוואַנציג.

איך האָב געפונען א זייל, אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּען ביים לעבען; דאָס איז די לאַנג־פערשטיקטע מוטער־ליעבע, וועלכע האָט זיך ערוועקט אין מיר מיט דער גאַנצער קראַפט. מיין לעבען איז ליכטיג געוואָרען, דער טרויער פערשוואונדען. פול מיט צאַרטקייט איז געוואָרען מיין קול און מיינע אויגען האָבען געלויכטען מיט גליקזעליגקייט און פרייד.

מיין טאָכטער — אין גאַנצען געראָטען אין טאַטען — א בלאָסע, א וואָסערדיגע, מיט לאַנגע פלאַקסענע האָר, האָט מיר אויסגעוויזען וואונדער־ליך שעהן. איך האָב זי ליעב בעקומען מיט א פיבער, מיט א רעליגיעזער הייליגקייט, אין איהרע וואָסערדיגע אויגען האָב איך געלייענט פּאָעזיע, אויף איהר לאַנגוויילינען פּנים האָב איך געזעהן „מאַדאָנען־שעהנקייט", איהר שטימע, פויל און לאַנגוויילינ, האָט מיר געקלונגען זיס.

מיין איידעם איז אַלט פינף־און־צוואַנציג יאָהר. ער איז הויך און שטאַרק געבויט. ביז דער חתונה האָט ער געלעבט מיט זיינע עלטערען אין א דאָרף. עס שמעקט דאָרפישע פרישקייט פון זיין קערפּער און גייסט. ער איז פעהיג צום געשעפט, צערטליך צו זיין ווייב, און אויך מיר האָט ער באַלד ליעב בע־קומען, כאָטש ער האָט פון מיר אַזוי פיעל שלעכטס געהערט. מיין טאָכטער האָט זיך געריכט אין קינדבעט. איך, אונגליקליכע, האָב געוואַרט.

אננא איז האַסטיג אויפגעשטאַנען, אָנגעגאַטען קעראָסין און אָנגע־צונדען דעם לאָמפּ. אין צימער איז געוואָרען ליכטיג, אננא'ס פּנים האָט גע־ברענט און איהרע אויגען האָבען וואונדערבאַר געשיינט. איך האָב געמיינט עס איז צו ענדע, און אַלס שרייבערין, איז מיר ניט געפעלען דער סוף... אננא האָט זיך צוריקגעזעצט און דערצעהלט:

חיו־חיו — עס איז נאָך ניט דער סוף, האָט ניט קיין מורא. מיין גע־פונענער גליק האָט, ווי עס שיינט, אויך צוריקגעקעהרט אין מיר מיין יו־גענד און לעבעדיגקייט. ער פלעגט שטאַרק קושען מיינע הענד, מיין שטערען און מיר רופען מוטער'ל. ער, אין זיין דאָרפישער אונשולד, האָט גאָרניט פערדעכטיגט. מיר אָבער איז זיין קול געווען זיס, און זיין קוש האָט גע־מאַכט ציטערען מיין לייב...

און די אַלטע געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבען. ער, ניט וויסענדיג, האָט מיך ליידענשאַפטליך געקושט. און איך, יא וויסענדיג, האָב מיך אין איהם פערליעבט. מיין ליעבע צום איידעם האָט פערלאָשען אין מיר די שנעל־ער־וואכטע, ניט־נאָרמאַלע מוטער־ליעבע. איך האָב דערזעהן מיין טאָכטער אין איהר אמת׳ער געשטאַלט פון איהר טאַטען, וועלכען איך האָב אַזוי פיינט געהאַט... דער באָדען האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער מיינע פיס... און דעמאָלט איז געקומען די צייט פאַר׳ן אָפּיום... וואָס דען האָב איך געקענט טהאָן ? נאָכגעבען מיין פערלאַנג ? צוברעכען מיין טאָכטער׳ס לעבען ? כאַפּען נאָך אַ ברעקיל, נאָך אַ פונק ?... און דאָס גרויסע ליכט ? ניטאָ קיין זאַך, ניטאָ...

און אָט דאָ אין ווייסען צימער, אויף דעם בעט. איך האָב אָוועקגעשטעלט אַ בוקעט ווייסע רויזען מיר צוקאָפּענס, מסתמא בין איך געווען שטאַרק ראָמאַנטיש אויפגעלעגט. שפּעט ביינאַכט, די דיענסט איז שוין געשלאָפען, איך האָב פעסט פערמאַכט די טיהר, איך האָב אָנגעטהאָן מיין שעהנסטען ווייסען נאַכט־חאַלאַט מיט בלויע בענדער געפּוצט. די האָאָר האָב איך צער־פלאָכטען און אַרומגעבונדען מיט אַ בלויען באַנד און אַזוי האָב איך אָנגעהויבען צו חלום׳ען.

און איך האָב אָנגעהויבען איבערלעבען מיין יוגענד. מיין גאַנצער פערגאַנגענער לעבען איז געוואָרען בעלויכטען מיט וואונדערבאַרע פאַרבען...

וואונדערבאַרע קלאַנגען האָב איך געהערט, פון אָפּעראַ׳ס, פון חזנים... מיין טאַטען׳ס ניגון פון „שיר השירים" און אַזוי פיעל בעקאַנטע געזיכטער... אַלעמען, וועמען איך האָב נאָר אַמאָל געזעהן אין לעבען... און אַלע אַזעלכע ליעבע... און אָט זיץ איך אויפ׳ן העכסטען באַרג אין אונזער שטעדטיל... די זונן בעלייכט די אַנטקעגענדיגע פיעל־פאַרביגע דעכער, דאָס ליכט איז אַזוי וואונדערשעהן... און אָט איז זילבערשטיין, מיין ערשטער לעהרער... ער גלעט מיר מיט זיין צאַרטער האַנד... ער שעפּטשעט מיר עפּעס אַריין אין אויער און מיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט אַזוי פיעל פרייד... אָט צוגעהט ער ווי וואַקס... ער דריקט מיר צו זיך, און איך דערפיהל די גרויסע ליכטיגקייט פון גליק, נאָך וועלכער איך האָב מיין גאַנץ לעבען געבענקט... עס ווערט ליכטיג אַרום... איך הויב אָן שוועבען העכער... העכער... — — —

און נאָכדעם האָט מען מיך אויפגעוועקט : מיין טאָכטער האָט גראַדע יענע נאַכט אָנגעהויבען געהן צו־קינד...

אַננאַ האָט אָנגעהויבען האַסטיג שפּאַנען איבער׳ן שטוב. איהרע טריט זיינען געווען לייכט און גראַציעז, איהרע גרויע האָאָר אויפ׳ן יונגען קאָפּ האָבען אויסגעזעהן ווי אַ זילבערנע קרוין. איהר געזיכט איז בעלויכטען מיט׳ן גלאַנץ פון איהרע וואונדערבאַרע אייביג־יונגע אויגען. זי איז מיר אויס־

געקומען ווי אַן איבינגער פּראָטעסט געגען עלטער. ווי א... ווי א... נאָר איהר וועט דאָך לאַכען, ווי שעהן אזא פרוי קען אויסקוקען אין די אויגען פון א שרייבערין...

איך האָב נאָכגעקוקט איהרע טריט. „זי איז פערליעבט... פערליעבט..." האָט מיר געפּרעהט א געדאנק. און פּלוצלונג האָט זי זיך פאר מיר אָבגעשטעלט. איהר גאנצער פּנים האָט געברענט און געלויכטען, די אויגען האָבען געשיינט און געקוקט ווייט פאר זיך, איהר קליינע האנד איז געווען געביילט אין א פויסט ווי צו שלאָגען זיך מיט א שונא, איהר קול איז געווען געהיימניספול און שטיל:

„האָבען זיי מיר ניט נעדארפט ראטעווען"...

איך האָב פערשטאַנען דעם מיין...



# דער זויערער

**(אַ בילד אויס דאָס לעבען פון די ווע—ער האַלב־אינטעליגענטען.)**

— מיינע חברים רופען מיך „דער זויערער". זיי זיינען אויף מיר אין כעס, וואָס איך פאַל ניט אריין אין „שטימונגען", אַזוי ווי זיי טהוען עס. זיי קענען גאָר ניט פערשטעהן, ווי אַזוי זאָל מען זיך ניט קענען אַליין אָבנאַרען... איך בין אָבער צו קלוג דערצו.

און אפשר איז מיין שכל גאָר ניט שולדיג דעריין? והא ראיה, איינמאָל פאַר דער גאַנצער צייט האָב איך מיך דאָך געלאָזט אָבנאַרען פון זיך אַליין און בין אריינגעפאַלען אין אַ „שטימונג". איהר ווילט וועל איך אייך באַלד דערצעהלען פון דעם איינמאָל.

דאָס איז געווען אין יענער צייט ווען די רע אַקציע האָט איבער אונז איהר שוואַרצען שלייער פערשפּרייט און „סאַנין" איז נאָך ניט געווען געבאָרען... אַ גרויסער אומעט איז דאַמאָלס אויף אונז אַלע אָנגעפאַלען. מיך און מיינע חברים האָט דער יאוש ארומגעכאַפּט גיכער אַלס אַלע אַנדערע: איך און מיינע חברים געהערען צו די „האַלב־אינטעליגענץ", וועלכע זיינען קראַנקער אָדער קליגער פאַר די מענשען פון דער מאַסע, און דערפאַר דערפילען מיר גיכער דעם קלאַפּ...

אַזוי טרויעריג איז געוואָרען, אַז מיר האָבען געמיינט, מיר ווערען דערשטיקט. דער אינסטינקט אָבער, וואָס טרייבט צום לעבען, האָט אונז געטריבען אַן וואָס זיך אָנצוכאַפּען. מיינע חברים האָבען זיך אַ כאַפּ געטהאָן פאַר „שטימונגען".

איך זאָג מיינע חברים, ווייל איך האָב דעריין קיינמאָל קיין אַנטהייל גענומען. איך פלעג זיין צווישען זיי דער „קאַלטער", דער „זויערער". און דאָך איז מיר גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרץ בשעת איך האָב געזעהען, ווי די פּנים'ער פון מיינע חברים לייטערן זיך אויס פון דעם פינסטערען טרויערוואָלקען, וואָס איז תמיד געהאַנגען איבער אַלעמענס געמיטה...

מיינע חברים האָבען אָנגעהויבען זוכען אין אַלץ און אומעטום „שטימונגען". וואָס האָבען זיי ניט צו טהאָן, מיינע עלענדע חברים, כדי אריינצופאַלען אין אַ „שטימונג"? אין שוהלען פלעגט מען געהן, אין צערקווען, אָדער אַזוי גלאַט אין הייליגע ערטער. אָפּט פלעגען מיר זיך צוזאַ־

מענקומען איינע ביי די אנדערע — צייט האָבען מיר געגוג, יעדער פון אונז האָט קוים אַ פּאָאר „אוראָקען" זיין עלענדען לעבען צו מאַכען — און מיר פלעגען זיך „פערברענגען".

איהר ווילט וויסען, ווי אזוי ? טאָ הערט ! מיר וואוינען אין קליינע צימערען. ביי אונזערען אַ חבר אין צימער געפינט זיך אַן אייזערנע בעטעל, אַ צובראָכענער טישעל און אַן איינציגער שטוהל ; ביי די חבר'טעס זיינען אויסגעשלאָגען די וואנד מיט בילדער און אַנזיכטס-קאַרטען ; ביי די חברים —נאַקעטע, אומעטיגע ווענד. אונזער „קרוזשאָק" בעשטעהט פון מעהר ווי אַ מנין חברים און חבר'טעס. בשעת מי קומט זיך צוזאַמען, זעצט מען זיך אויפ'ן בעטעל, אויפ'ן טיש, אויפ'ן שטוהל, אויף וואָס נאָר מי כאַפּט. קיין „סעודות" מאַכען מיר ניט, מיר האָבען ניט פאר וואָס, דער איינ־ציגער „כיבוד" בעשטעהט פון אַ קעסטעל טאַבאַק מיט גילזען. אַלע כאַפּען זיך צום רויכערען, די חבר'טעס רויכערען אויך. און אָט דאָן הויבט מען אָן צו זוכען „שטימונגען". מי הויבט אָ צו דערצעהלען מעשיות פון דער פערגאַנגענהייט, פון די קינדער-יאָהרען, פון זיידען, פון באָבען, פון רבי'ן או אַפילו פו שטאָדט-באַק אויך... אַפּט הויבט מען אָן צו „באַמקע־נען" חסידישע נגונים. און אַזוי ביסלאַכווייז ציהט מען אָן אויף זיך אַ „שטימונג".

איך בין גלייכגילטיג. איך קוק אויף זיי ווי אַן עלטערער ברודער, פון אויבען אראָב, און שוויג.

און באמת, מיט וואָס זאָל איך מיך אָבנאַרען ? דאָס חסידות איז מיר בעקאַנט פון סמאָלענסקי'ן מיט גאָרדאָנען, ניט אזוי שעהן צו בעזינ־גען... קיין זיידען האָב איך ניט. און מיינע קינדער יאָהרען ? אַ שפּאָס איז דאָס : אַ שטוב הונגעריגע קינדער, אַ פערעלטערטע מאַמע, אַ קראַנ־קער טאַטע, אַ געשריי, אַ טומעל... דאָס איז מיין קינדהייט. מיינע חברים'ס קינדהייט איז אויך ניט אַנדערש, נאָר זיי שאַפען זיך אַליין איין אַנדערע... גליקליכע חברים !

עס טרעפט אָפט, אַז מיינע חברים מיט זייערע „שטימונגען" ווערען מיר שרעקליך אַבשטויסענד, אַן אומעט בעפאַלט מיך, און שווערע שאלות הויבען אָן צו נאָגען מיין מאַרך. איהר דאַרפט וויסען, אַז איך בין ניט אַבי־ווער. איך טראָג שוין אַכט און צוואַנציג יאָהר אויף מיין רוקען, און קלוג בין איך ! ניטאָ איין בוך, וואָס איך האָב אין זיך ניט אריינגעלייענט און ניטאָ איין וועלט-פראַגע, וועלכע מיין שאַרפער מוח זאָל אויסענלאַזען. און דארום ווען מיך הויבט אָן צו נאָגען שאלות און ספקות, ווער איך הויך אויסגעוואַקסען איבער אַלעמען, איבער מיינע חברים געווים. אין אַזעלכע צייטען אַנטלויף איך פון אַלעמען. איך פערשלים זיך אין מיין צימער, וואו

איך ליעג גאנצע טעג אויפ'ן בעטעל און האלט אין איין רויכערען או טראכ־טען, טראכטען און רויכערען...

לאנג אבער האלט עס ניט אן: אין א פאאר טעג ארום הויב איך אן צו בענקען נאך מיינע חברים: מיר האבען זיך איינע די אנדערע ליעב: אין די „שטורעמדיגע טעג" זיינען א סך פון אונזערע אומגעקומען. און מיר, די איבערגעליעבענע, פערהאלטען זיך איינע צו די אנדערע, ווי ווייניגע קינדער, וואס בלייבען פון א גרויסער אויסגעשטארבענער געזינד...

צווישען אונזער „קרוזשאק" איז אויך פאראן א „זויערע". דאס איז אונזער חבר'טע חאסיע.

חאסיע איז די איינציגע פרוי, מיט וועמען איך בין נאהענט. אבער שרעקט אייך ניט: איך וועל אייך זי „אבמאהלען", און איהר וועט פער־שטעהן, אויף ווי ווייט איך קען זיין צו איהר נאהענט...

חאסיע איז מיט א פאאר יאהר איגגער פון מיר. זי איז א הויכע, א מאגערע מיט אן איינגעפאלענע ברוסט. איהר געזיכט איז גרין־געל. די האאר גלייך און פארבלאז, און אז זי עפענט די פערוועלקטע ליפען, ענט־פלעקט זיך א מויל מיט פינף־זעקס צייהן אין די פראנט.

ביז די שטורעמטעג האט חאסיע פערבראכט אויף לעהרען־ביכער. נאכ־דעם האט זי, צוגלייך מיט אנדערע, די ביכער פערווארפען און איז גע־גאנגען צום קאמפף. זי איז לעבען געבליעבען. איצט איז איהר שווער זיך פאר די ביכער צוריק צו נעהמען, זי „זויערט" און איז זעהר פעסימיסטיש אויפגעלעגט...

איך אליין בין אפילו ניט קיין שעהנער. א הויכער, א דארער בין איך, מיט א לאנג, אויסגעצויגען געזיכט און מיט אויגען, אויף וועלכען אסתר'קע (א חבר'טע) זאגט, אז מי קען גרוי און אלט ווערען קוקענדיג אויף זיי... אבער בנוגע צו א פרוינצימער, האב איך ליעב א יונגע, א שעהנע, א לוסטיגע, חאטש איך האב עס קיינמאל...

וואס בעלאנגט, פרעגט איהר, חאסיע צו מיר? איך בין צו איהר צוגעוואהנט. אין די טעג, ווען איך דערוויטער זיך פון מיינע חברים, זעה איך נאר פאר מיר איין חאסיען. (אלע מיידען מיך אוים צוליעב מיין זויער־קייט, איבערהויפט די חבר'טעס). זי שלייכט גאנץ פריה ארויף די טרעפען, זי קלאפט נאכלעסיג אין טהיר, זי קומט אריין, קיין „גוט מארגען" האט זי קיינמאל קיין געדולד ניט צו זאגען. זי ווארפט קוים איהר מיעדען קוק אויף מיר, נאכדעם זעצט זי זיך אויפ'ן איינציגען שטוהל און גראבט איין די אויגען עפעס אין א בוך, וואס זי ברענגט מיט. אזוי שווייגענדיג זיצט זי אב שעה'ן לאנג. איך ליעג אויפ'ן בעטעל און רויכער, איך קוק ניט אויף איהר און רייד ניט צו איהר, און דאך, אז זי האט, צוליעב א

סיבה, איינמאָל אויסגעפעהלט, איז מיר דער טרויער שווערער און אונער־טרעגליכער געווען ווי תמיד.

אָפטמאָל זעהט חאַסיע אין אַזעלכע שעה'ן גאָר אַנדערש אויס. זי רייסט אָב איהרע אויגען פון בוך און קוקט דורכ'ן פענסטער צום הימעל ארויף. איהר גרין־געל געזיכט בעציהט זיך מיט אַ חן'עוודיגען שאָטען, אַ שאָטען פון שוועסטערליכע און מוטערליכע צערטליכקייט... איך בעמערק עס אָבער זעלטען: צופיעל בין איך פערטהאָן מיט זיך...

און איינמאָל, אַסיען־צייט איז עס געווען, זיינען מיינע חברים גע־זעסען ביי מיר אין צימער און האָבען זיך „פערבראַכט". קיין „שטימונג" האָט זיך דאָס מאָל ניט „אויפגעהויבען" און עס האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען לאַנגווייליגקייט. פון אַ חבר'ס מויל האָט ארויסגעשפּאַרט אַ גענעץ און באַלד האָבען זיך אַלעמענס מיילער ברייט פונאַנדערגעעפענט...

פלוצלונג האָט אסתר'קע (די לוסטיגע מיידעל אין אונזער קרוזשאָק) אויסגערופען:

„חברים! מיר געהן אין לאַזשענקעס (אַ פּאַרק אין וו.) זעהן די אָנ־געוואָרפענע בלעטער!"

אַלע האָבען זיך מיט'ן פאָרשלאָג דערפרעהט און זיך אָנגעהויבען ריה־רען פון די ערטער. איך בין געבליעבען גלייכגילטיג אויף אַן אָרט.

— דו געהסט ניט? האָט שאַטענשטיין, אַ ניעדריגער בחור מיט אונרוהיגע אויגען, זיך צו מיר געווענדעט.

אַלע האָבען אָנגעשטעלט אויף מיר זייערע אויגען.

— דער זויערער וועט געהן! — האָט זיך אסתר'קע ניט איינגעהאַל־טען. איהרע אויגען האָבען אָבער געקוקט אויף מיר מיט געבעט: אַלעמען פערדריסט, אַז איך פעהל אויס; איך בין פאַר זיי, ווי דאָס גרויע פאַרב אין דער דעקאָראַציאָן... איך האָב שוין היינטיגען טאָג געפיהלט אויף מיר אָנקומען די מרה־שחורה וואָס שיידט מיך אָב אויף אייניגע טעג פון מיינע חברים. איך האָב מיך דאַרום ניט געאיילט צו געהן.

— קום מאַלקין! האָט חאַסיע זיך צו מיר געווענדעט. איהר קול האָט עטוואָס געציטערט. זי האָט ליעב דעם אַנבליק פון דער אַסיענדיגער נאַטור. אַליין אָבער אַז זי געהט, זעהט זי אויס נאָך געלער, נאָך עלענדער, ווי זי איז...

איך האָב רחמונת געקריעגען אויף חאַסיען און מיטגעגאַנגען.

אין פּאַרק זיינען מיר אָנגעקומען, ווען די זון האָט זיך שוין אָנגעהוי־בען אראָבלאָזען. איך וועל אייך ניט מיעד מאַכען מיט שילדערען די נאַ־טור: אַ פלאַם גאָלדענע זונן, בלויע לופט, געלע בלעטער, גרינע גראָז, דאָס פּאַסט אַלץ פאַר מיינע חברים... און זיי, מיינע חברים, האָבען זיך

טאקע געכאפּט פאר דעם: זיי האָבען אָנגעהויבען דורשטיג צו בעטראכטען אַלעס, זיך קוויקען מיט אַלעס. זיי האָבען אָנגעהויבען אריינפאַלען אין אַ „שטימונג".

איך בין געווען טרויעריג און זעהר נערוועז. די אָנקומענדע „שטימונג" האָט מיך געעקעלט און איך האָב מיך ניט אָבגעטהיילט פון מיינע חברים. מיט מיר איז מיטגעגאנגען חאַסיע. איך האָב זי קוים בעמערקט.

איך בין געגאַנגען די קאָפּ אַראָבגעלאָזט, שוויינענדיג און פערטראַכט. ווי לאַנג איך בין געגאַנגען, ווייס איך ניט. איך געדענק אַפילו ניט, ווי איך בין מיעד געוואָרען, און האָב מיך געזעצט אויפ'ן באַנק. וואָס עס האָט מיך בעוועגט אויפצוהויבען די קאָפּ, געדענק איך ניט; נור אַז איך האָב מיך אומגעקוקט, האָט שוין די נאַכט די לעצטע טאָג־שטראַהלען פערטריע־בען, און דער פּאַרק איז געווען איינגעוויקעלט אין מורא'דיגע פינסטערע שאָטענס.

נו, היינט גלויבט, אַז ביים אַנבליק פון די געדיכטע גרויזאַמע פינס־טערקייט איז מיר ליכטיג געוואָרען מיין געדאַנק! און דאָך איז עס אַזוי געשעהן. ביים ערשטען אַנבליק, אמת, האָט עפּעס ווי אַ גרויל דורכגע־נומען מיין לייב. נאָכדעם האָב איך מיך פערקוקט ווי די מורא'דיגע שאָטענס וויקלען אַלץ געדיכטער איין דעם וואַלד, און עס איז מיר איינגעפאַלען אַזאַ געדאַנק: „ניט אַלץ אין לעבען איז אַזוי פּשוט און קליין... ווער קען ער־קלעהרען דעם סוד פון דער נאַכט? דעם סוד פון פינסטערניס, וואָס איז אַזוי מורא'דיג, און דאָך אַזוי וואונדערבאַר גרויס?" מיינע אויגען האָבען זיך ברייט פונאַנדערגעעפענט און אָנגעהויבען נאָכיאָגען די פינסטערקייט. אויפ'ן האַרץ איז מיר געוואָרען גרינגער און גרינגער, און דאָס בלוט אין די אָדערן האָט אָנגעהויבען שלאָגען האַסטיגער. פּלוצלונג האָב איך דערפיהלט אַ וואַרימע פרויענהאַנד אויף מיין קניע. איך האָב מיך דערמאָהנט און זיך האַסטיג צו איהר אומגעקעהרט. איך האָב איהר אריינגעקוקט אין געזיכט. דורך דער דיקער פינסטערניש האָבען אריינגעלויכטען אין מיין געזיכט צוויי גרויסע, רחמנות'דיג־ליידענשאַפטליכע אויגען... אַ צאַרט־ווייכער רחמנות'־דיגער געפיהל האָט מיך דורכגענומען. איך האָב אָנגענומען מיט מיינע ביי־דע הענד חאַסיעס קאָפּ. איהר קאָפּ איז געווען הייס און אין די שלייפען האָט שטאַרק געקלאַפּט. איך האָב עס גענומען צו זיך אויפ'ן ברוסט, ווי אַ צערט־ליכע מוטער איהר ציטעריג קינד. חאַסיע האָט זיך צו מיר צוגעטוליעט, איהר קערפּער האָט געציטערט, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, פון קאָפּ זיינען אַרויסגעפאַלען די האָאַר־נאָדלען און אַ כוואַליע דונקעלע האָאַר האָט זיך צו־וויגט אין דער לופט...

מיין האַרץ האָט אויך אָנגעהויבען האַסטיגער צו קלאַפּען, איך האָב

זי איינגעשלאָסען אין מיינע אָרעמס, און דאָס בלוט האָט אָנגעהויבען פּלי־כען ווארימער ארום ברוסט... איך אָב פּלוצלונג אָנגעהויבען חלום'ען אויפ'ן וואהר. איך בין אויסגעוואַקסען אין געשטאַלט פון א מעכטיגען רי־טער. איך בלאָנדזשע אַליין אין אַ געדיכטען פינסטערען וואלד. פאר מיינע פיס שפּרייטען זיך שווארצע, שאטענדיגע געשטאַלטען. איך טרעט מוטהיג איבער זיי, אין מיינע אויערען רוישט דאָס שרעקליכע ברומען פון פערצוקענדע חיות און נאַכט־פויגעל. אָבער מיין הארץ שרעקט זיך ניט און איך געה אַלץ ווייטער און ווייטער... און פּלוצלונג בלייב איך שטעהען פאר אַ גרויסען גרויער פעלזען. איך קוק מיך אום, אויפ'ן פעלזען זיצט אַ פרוי און האַלט אויסגעשטרעקט צו מיר איהרע הענד. מיינע פיס ווערען בע־פליגעלט. איך שטייג אַרויף צו איהר, איך קוק זי אָן, מיין האַרץ טהוט אַ האַסטיגען קלאַפּ: די פרוי איז יונג און צויבערליך שעהן. „ווער ביסט דו ?" שריי איך אויס. „אן עלענדע" — שעפּצעט זי טרויעריג. מיין הארץ ווערט איבערפיהלט מיט רחמנות. איך שליעס איין דער עלענדער יונג־פרוי אין מיינע הענד און דריק זי אַלץ פעסטער און פעסטער צו מיין ברוסט..—

אויף מאָרגען בין איך צוריק געווען דער „זויערער". איך בין געלעגען אויפ'ן בעטעל און געדרויכערט, און אויפ'ן איינציגען שטוהל איז געזעסען די גרין־געלע חאַסיע און, שטיל, געקוקט אין אַ בוך...

# די פראַגע

(א װאַרשאַװער בילד פון קריעגס־צושטאַנדס־צייט).

---

ער איז נישט קיין איינגעמאָלדענער, און האָט זיך נישט געהאַט מיט וואָס איינצומעלדען. אָהן פּאַפּיערען איז ער צו מאָרגענס געקומען אויף א „פערזאַמלונג", שפּעט האָט זי זיך געענדיגט — און ער האָט דעם צוג פערשפּעטיגט. טהיר און טויער זיינען פערשלאָסען. ער האָט פּיעל בעקאַנטע. פּיעל ערטער, וואו צו נעכטיגען, נאָר היינט לאָזט מען קיין „פרעמדע" נישט אריין . . .

ער וועט דורכשפּאַציערען די נאַכט. ביי 18־19 יאָהר, איז עס נישט געפעהרליך.

קאַלט און נאַס־נעפּעלדיג איז די נאַכט. ער שטעלט דעם קראַגען אויף און איבער שטילע, לעערע גאַסען שפּרייזט ער איינער אַליין. עס הערט זיך דאָס צישען פון די ציטעריגע פלעמליך אין די לאַמטערן — ער פערטראַכט זיך אינ'ם גאַנג:

— הייסע צייטען . . . פערלאַנגען מאַסען קרבנות!

ער טראַכט וועגען קריעג און זיעג און אין נעפּיל געגען איהם וויעגט זיך עפּעס אויף, עפּעס בלאַנקט אינ'ם נעפּיל און עס דערהערען זיך שווערע טריט —

— א פּאַטרול! — בעמערקט ער צו שפּעט און װאַרפט דערשראָקענע בליקען רעכטס און לינקס. אַלע טויערען זיינען צו —

אין דער סעקונדע ריהרט איהם עמיץ אָן ביים אַקסעל:

— קומט מיט מיר!

און עמיץ נעהמט איהם אונטער דער האַנד און פיהרט איהם צו צום נעהנטעסטען טויער

אין זעלבען מאָמענט דרעהט זיך איבער דער שליסעל אין שלאָס, קענטיג מען האָט געוואַרט און באַלד פערמאַכט זיך הינטער זיי צוריק דער טויער. געראַטעט! איז זיין איינציגער געדאַנק.

— עס מוז זיין, — וועקט זיך א צווייטער — איינע פון יענע . . . נאָר ער פערבעסערט זיך:

— פון די אונגליקליכע קרבנות אויפ'ן מזבח פון דער געזעלשאפטליכער ארדנונג ! . . . ענדיגט ער און געהט איהר נאך.

---

ער קומט אין א קליין שטיבעל אריין.

מיט איין בליק נעהמט ער ארום דאס גאנצע כלי בית.

איין אייזערן בעטיל — צוויי שטוהלען — א קליין טישעל — א קאמאד. דארויף א לעמפיל אונטער א רויזיגען אבאזשור. — אויפ'ן טישעל — רעשטליך פון פאפיראסען, איין אויסגעלערט מאנאפאל פלעשיל. —

עס ווערט איהם אונהיימליך.

— וואס קוקט איהר אייך אזוי ארום, טייבעלע !

וועקט איהם א הייזעריגע שטימע.

ער הויבט די אויגען אויף :

זי איז הויך, זאגאר אביסעל איבערגעבויגען, מאגער. דאס פנים פערפודערט. טראגט איין אלט שווארץ קליידעל און אווייסע, נישט צוגעשפילעטע בלוזע — אין ווינקעל פון מויל — א ברענענדיגער פאפיראס. — רערענדיג, שיט זי אש מיט פונקען.

עס ווערט איהם אונהיימליכער.

—„א רייסענדע שטימע" טראכט ער מיט אבושיי. איבער'ן אונשולדיגען געזיכט פערציהט זיך א צושראקענע מינע.

עס טרייבט איהם פון דאנען, „גור אוועק, אוועק", ער ווארפט דעם בליק צו דער טהיר.

דאס רחמנות אבער וואקסט אין איהם :

—וואס איז זי שולדיג ? איין עלענדע, פערפיהרטע שוועסטער . . .

— טייבעלע מיינס — שלאגט זי איהם די געדאנקען איבער — עס איז שפעט.

ער דערפיהלט איהר האנד אויפ'ן שטערן.

ער ווערט פערציטערט: די שטימע רייסט, די האנד איז פייכט און קאלט.

— „דאס איז א זינד. — שטראפט ער זיך אליין — מיינער א ברודער — א מאנספערזאן האט זי פערפיהרט — די עקאנאמישע לאגע — — —

— „עס איז שפעט — און מען דארף נאך געלד פערדיענען" — וועקט זי איהם. —

— „די ארימע שוועסטער — איז זיין רחמנות גובר — מען דארף זי רעטען !"

— איך בלייב דא !

— איבער נאכט ?

ער שווייגט.

— און געלד ? שטעהט זי צו.

קיין געלד האָט ער נישט. ער כאַפּט ארויס זיין זילבערן זייגעריל און דערלאַנגט איהר מיט א ציטעריגע האנד :

— איך וועל דאָ איבערנעכטיגען !

זי נעהמט דאָס זייגעריל און בעטראַכט עס, און שאַצט עס מיט די אויגען.

ער פאַלט אויף א שטוהל ; זי זעצט זיך קעגען איהם אויפ'ן בעט. צעוואָרפט די האָאר. פעררויכערט א פרישען פאַפּיראָס — דורך מויל און נאָז־לעכער שפּאַרט דער רויך.

ציינד וועט ער רעדען מיט איהר.

— פון וואַנען זייט איהר ? וויל ער פרעגען און פרעגט נישט. ער פאַרכט זיך פאַר איהר ענפערען. פאַר איהר רייסענדער שטימע.

„זי איז דאָך אונשולדיג ! מוסר'ט ער זיך — עס איז מיין פליכט — דאָס פאַלשקייט פון די מענער . . . און הונגער, און נויטה . . . איך בין מחויב — — ”

ער הויבט זיך אויף פון שטוהל, מאַכט אפּאָאר טריט צו איהר זייט . . .

זי ענפערט דערויף מיט א שמייכעל. עס געפעהלט איהר זיין שלאַנקע, יונגע, קרעפטיגע געשטאַלט — „א פרישער” טראַכט זי ; זי וויל איהם צוגעבען מוטה, און ווינקט צו איהם מיט די אויגען, און לאָזט ארויס א וואויל־יונגערישען פייף.

און איהם בעפאַלט צוריק אָן דאָס געפיהל פון עקעל און גרויל, מאַכט הינטערוויילעכטס עטליכע שריט ; און פאַלט צוריק אויפ'ן בענקיל פון הארץ־נאָגינדיגער חרטה.

— פאַר וואָס רעד איך נישט צו איהר ? פּאָרוואָס פּרוביר איך זי נישט רעטען... גאָט — וואָס פאַר א נשמה עס קוועהלט אין איהר.

ער רייסט זיך נאָך אמאָל אויף, געהט צו איהר צו מיט איין אימפּעט, כאַפּט זי אָן ביי דער האנד . . .

— שוועסטער, וויל ער אָנהויבען — ער קומט אָבער נישט צום וואָרט :

— אזוי ! רופט זי אויס מיט נצחון — און בויגט, פערוואָרפענדיג איהם די האנד איבער'ן האלז, זיין קאָפּ צו איהר ברוסט —

ער רייסט זיך אויס און אנטלויפט.

— און ווען זי וואָלט יונג, פריש און שעהן געוועזן ? — פרעגט ער זיך אויף די פינסטערע טרעפּ.

# צוליעב אסתר׳קען

צוליעב אסתר׳קען האָב איך געליטען. אַזוי האָב איך ביז מיט א דריי יאָהר צוריק ניט געוואוסט, וואָס איז עס אַזוינס ליידען.

וואונדערט אייך ניט: ווי איהר ווייסט, בין איך אַ שרייבער. קיין דאגות־פרנסה האָב איך ניט: איך בין ניט אַזוי נאַריש געווען ארויפצו־ציהען אויף זיך די קייטען פון אַ פאַמיליען־לעבען; און אַ מענש פאַר זיך אליין וויפיעל בעדאַרף ! איך בין ניט קיין צו גרויסער פערברויכער, מיט דרייסיג רובעל אַ חודש לעב איך דורך, און דאָס פערדיען איך גרינג. און אויף׳ן ערגסטען פאַל, אויב עס פעהלט מיר אַ צעהן־רובעלדיגע, האָב איך אַ שוועסטער אַ „בורזשויקע", וואָס ביי איהר איז אַ גאַנצער יחוס צו האָבען אַ ברודער אַ שרייבער, און אויף איין וואונק מיינעם, אַז איך נויטהיג מיך, שיקט זי מיר צו.

און, אַז פון דאגות פרנסה ניט, טאָ פון וואָס ליידט מען ? חאַ־חאַ־ ! ווי בייז איהר קוקט אויף מיר ! דעם וועלט־שמערץ, זאָגט איהר, איך בעזינג עס אין מיינע ליעדער... נו, נו, בערוהיגט אייך: אמת, איך לייד דערפון, אָבער דאָס זיינען אַזעלכע שנעלע מאָמענטען, וואָס פער־שווינדען ווי אַ בליטץ און לאָזען קיין רושם נאָך זיך... און אַ מאָל (פאַר אייך דאַרף איך דאָס ניט לייקענען) „שטופּט" מען אליין אונטער... אַ שעהנע זאַך, כ׳לעבען, ווען מען זאָל דאַרביַן אַלעס איבערלעבען און אי־בערפיהלען, וואָס מען שרייבט...

און ווי געזאָגט, פון פרנסה לייד איך ניט, פון די אונרוהיגע צייטען אויך ניט: איך נעהם ניט קיין אנטהייל אין קיין פּאַרטיי (צוליעב וועלכע סיבות אַן אַנדערשמאָל). אַז איך געה אין גאַס און בעגעגען דעם „פּאַטרול", רוק איך מיר אריין אין אַ קליינעל מ׳כלומר׳שט קויפען עפּעס... בשעת אין גאַס איז אונרוהיג, געה איך גאָר ניט, אין שטוב זיצען איז מיר אויך ניט אומעטיג: איך נעהם קיינמאָל קיין דירה ביי אַלטע לייט. איך וואָהן ביי אַן אַנשטענדיגע פאַמיליע, וואו עס איז פאַראַן אַ פּיאַנאָ אין שטוב, און אַ פּאָאַר שעהנע שפּיעלערינס אויך...

אַט זעהט איהר פון וואָס א „נאַש־בראַט״ קען א מאָל אויסקומען צו לײדען: פון פרויען.

ווי איהר ווייסט, איז די פרוי פאַר׳ן פּאָעט די איינציגע קוועלע פון וואנען ער שעפּט זיין חיות. נעהמט אַלע שרייבער און פּאָעטען, א היינע, א אָסקאַר ווײַלד און אַזוי פון גרעסטען ביז׳ן קלענסטען זיינען אַלע פערנומען נור מיט דער פרוי. ווייס איך וואָס, א פילאָזאָפישען גערַאנק, אַן אידעע, א שעהנערען וואָרט, דאָס זיינען אַלץ ביי־זאַכען דער עיקר אָבער איז ביי אַלע אונזעריגע די פרוי און נור די פרוי.

איך אָבער, ווי געזאָגט, האָב ביז מיט א דריי יאָהר צוריק, דערפון אויך ניט געליטען: ווי איהר קוקט מיך אָן, בין איך א מאַן ניט קיין מיאוס׳ער. הויך און שלאַנק בין איך, מיינע האָאר זיינען קרויזע און שוואַרצע, די אויגען שוואַרצע, די שוואַרצע וואָנסען זיינען ביי מיר תמיד אין אָרדנונג, דער גאַנג פּינקטליך, די הענד ווייסע און זויבערע, ווי ביי א מיידעל, און צו אַלעם בין איך נאָך א פּאָעט אויך, און וואָס דאַרף מען מעהר?

וויעפיעל געליעבטע איך האָב געהאַט? איך געדענק זיי ניט בנאמנות! אז איך וויל זיי א מאָל טהאָן א צעהל־אויס, טהו איך א קוק אין מיינע כתבים, און ווער אַליין א ביסעל צומישט: „געווידמעט ראָזאַ ב." "געווידמעט בערטאַ ג." „געווידמעט נ. ג." „געווידמעט נ.נ." א. ז. וו., א. ז. וו. און אַזוי צעהל איך אָן גאַנצע דוצענדען און געווידמעט האָב איך אַלץ צו מיינע „אינטימע", אָבער וויפיעל וואָלט איך אַנצעהלען פערבייגעהענדע? אַט בין איך, א שטייגער, געווען אין א קליין־שטעדטעל אויף א חתונה, האָב איך מיט א מיידעל אוועקגעשפּאַציערט אין וואַלד און מיר האָבען זיך א גאַנצען טאָג געקושט זי פלעגט מיר פערוואַרפען מיט ליעבע־בריעף. און אַזעלכע צופעלע האָבען ניט איינמאָל פּאַסירט...

און אַזוי האָב איך מיך געלעבט מיינע אַלע יאָהרען רוהיג, גליקליך און פריי ווי א פויגעל אין וואַלד. אָפט פלעג איך אַרומפאָהרען: מיין געשעפט האַלט מיך צו קיין אָרט ניט צוגעבונדען. איך בין ניט געפאָהרען זיין אַלטען רוים, צו אין מצרים, צו אין פּאַלעסטינא, ווי איהר ווייסט, בין איך א רעאַליסט, און צו זוכען „אַלטערטהימליכע שלעסער" איז ניט אין מיין פאַך. איך בין אפילו אין אויסלאַנד, אין בערלין, צו אין דער שווייץ ניט געפאָהרען, ווייל, ערשטענס, איז דאָס צופיעל אין דער מאָדע אריין, ס׳ווערט שוין נודנע וואו נור א איינגעל אָדער א מיידעל, פלאַפלען און פאַנטאַזירען זיי נור פון דער שווייץ, און, צווייטענס, בעדאַרף מען א סך געלד דערצו. און פאָהרען הונגערן, אָדער בעטען נדבות, ווי אַנדערע טהוען, קען איך

ניט : ביי מיר איז א נאַטור : איך האָב פיינט צו נעהמען, און פיינט צו געבען, סיידען אימיצער רייסט ביי מיר ארוים מיט געוואלד...

איז פאַהרען פלעג איך נור אין אונזערע שטעדט. ווי למשל, פון אדעס אין פעטערסבורג, פון פעטערסבורג אין ווילנא, פון ווילנא אין מינסק, און אזוי ווייטער.

אין די הייסע זומער־מאָנאַטען האָב איך ליעב אומצופאָהרען איבער דאַטשעס און קליינע שטעדטלעך. וואָלט איהר נור זעהען וואָס פאר שעהנ־הייטען מיידלאַך מען טרעפט דאָרט ! אין קייזערליכע פּאַלאַצען פּאַסט זיי צו וואָהנען !

אין דער שטאָדט וו. איז מיר נאָך ביז מיט דריי יאָהר צוריק ניט אויס־געקומען צו זיין. צו יענער צייט האָבען זיך אין דער שטאָדט געעפענט א פּאָאר נייע צייטונגען.

איך האָב לאַנג ניט געטראַכט, מיטגענומען א פּעקיל מאַנוסקריפּטען און זיך בעגעבען אין דיעזער שטאָדט.

מיין ערשטער בעזוך איז געוועזען אין דער רעדאַקציע „א.״ איך בין פאָר־געשטעלט געוואָרען פ... די מיטארבייטער, וועלכע האָבען מיך גאַנץ ווארים אויפגענומען ; אין א האַלבע שטונדע שפּעטער זיינען מיר שוין געוועזען כמעט ווי אַלטע קאָלעגען. דער אָנהויב פון אונזער געשפּרעך איז געוועזען, ווי דער שטייגער איז, איבער פּאָליטיק, איבער טאָג־פראַגען, איבער לי־טעראַטור. אָבער באַלד זיינען מיר ארויפגעקומען אויף פרויען.

„זיינען עפּעס פאראן שעהנע מיידלאך אין אייער שטאָדט ?״ האָב איך געפרעגט מיט נייגעריגקייט.

די פּנים׳ער פון מיינע קאָלעגען האָבען אויפגעשיינט, און אייניגע מיט א מאָל האָבען געענטפערט : „און נאָך וואָס פאר א שעהנע מיידלאך ! וועסט זעהן, קאָלעגע, „קורסיסטאַצקעס״ ברילּיאַנט !

„און זיין שוועסטער וואָס פעהלט ?״ האָט א פרעג געטהאָן איינער, אָנווייזענדיג אויף׳ן מיטארבייטער, וועלכען מען האָט פאר מיר פאָרגע־שטעלט ביים נאָמען קיטין.

די פּנים׳ער פון מיינע קאָלעגען זיינען נאָך מעהר לעבעדיג געוואָרען, און פיעל האָבען מיט התלהבות אויסגערופען : „אָהאָ, אסתר׳קע !״

איך — ווי א מבין — האָב באַלד פערשטאַנען, אז קיטין׳ס שוועסטער איז ניט אבי ווער, און נאָך אין דעמזעלבען אָבענד בין איך מיט די זעלבע קאָלעגען געגאַנגען צו די קיטינס אין הויז.

די קיטינס וואָהנען צוזאַמען : דער ברודער, די שוועסטער און זייער פאָטער, א געבילדעטער איד, א לעהרער ביים פאַך, קיין מוטער איז ניטאָ, און זיי בעדיענט אַן אַלטע קריסטליכע פרוי.

מיר זיינען אריין אין א העל־בעלויכטענעם גרויסען צימער. דעם ערש־טען גוטען איינדרוק האט אויף מיר דער צימער געמאכט: עס איז געווען מאָדנע צארט און ליכטיג, העלע טאפּעטען, וויים־בעצויגענע ווייכע מע־בעל, ווייסע פאָרהאנגען, א גרויסע פיינע פּיאנא, בלומענטעפּ און אנדערע פוץ־זאכען, וואס ווערען איינגעאָדערט דורך די הענד פון א שעהנער צאר־טער פרוי.

אסתר׳קע איז בעת מעשה אין שטוב ניט געווען, מיין פאנטאזיע האט שוין געארבייט אויסצומאָהלען איהר בילד: און פּלוצלונג איז זי אריינגע־קומען און מיין ראָמאנטישעם הארץ האט געטהאן א האסטיגען קלאפּ. איך בין געוואָרען „געטראָפען", ד. ה., שטערבליך פערליעבט.

איהר לאכט? וואס איך האב אזוינס אין איהר דערזעהען? פרעגט איהר. נו, שטעלט אייך פאָר, אז אין א ליכטיגען זויבערן צימער שוועבט פּלוצלונג אריין א מלאך! אזוי האט זי אויסגעזעהען. א וויים, לייכט זו־מער־קלייד (עס איז אין אָנהויב זומער געווען) בעדעקט א שלאנקען, בויג־זאמען געשטאלט פון א זיעבצען־יעהריגער מיידעל; דורך א דין מושלי־נענע בלוזקע שיינט א יונג, אלבאסטאר־וויים לייב, א פּאאר ווייכע קליינע הענדעלאך זיינען ביז די עלענבויגענס ענטבלויזט, א פּאאר קליינע, כמעט קינדערשע פיסלאך זיינען אָנגעטהאן אין העלע, לייכטע שיך, איבער א שלאנקע טאליע לאָזען זיך חן׳עווריג אראב א פּאאר בלאָנדע זיידענע צעפּ, א רונד־ראָזיגעם געזיכט שפּיגעלט זיך אקעגען אייערע, און א פּאאר גרויסע בלויע, שטיפערישע און צוגלייך פער׳חלום׳טע אויגען קוקען מיט וואונדער און קינדערשען אונשולד אין אייערע אויגען אריין. נו, פרעג איך אייך, וואָלט איהר ניט געוואָרען גלייך פערליעבט? שפּעטער זיינען אונטערגע־קומען נאך אייניגע בעקאנטע. צווישען זיי האט מען מיך פאָרגעשטעלט דעם יונגען מאלער גליקמאן און דעם פּאעט זונענשיין.

ביי מיין ערשטען בליק אויף זונענשיין האט מיר א שטאָך געטהאָן ביים הארץ: איך האב געזעהען ווי אסתר׳קעס אויגען זיינען ליכטיג געוואָרען ביי זיין אריינקומען, און ווי שטארק ער האט געדריקט איהר האנד...

„זיי זיינען פערליעבט", האט מיר א נאָג געטהאָן א געדאנק, און איך האב מיט קנאה און וועהטאָג געקוקט אויף זיין גלייכע געשטאלט וועלכע האט אויסגעזעהען יונג און פול מיט ריטערליכע שעהנקייט. דאָס ערשטע מאָל האָב איך מיך פּלוצלונג דערמאָהנט אָן מיין צאָהל יאָהרען: „אכט און צוואנציג", האט מיך אזוי ווי גיסן ביים געטהאָן א געדאנק.

דער אָבענד ביי די קיטינס איז געווען א גאנץ לוסטיגער. אלע האבען גערעדט, געזונגען, געגעסען, אסתר׳קע איז געווען בעזאָנדערס אויפגעע־לעגט. זי האט געשפּיעלט און געזונגען, (אָך, האט זי געהאט א זיסען,

אנגענעהמען קול) געשפּאַסט מיט אַלעמען און געלאַכט אַזוי האַרציג, ווי עס קען נור לאַכען אַ שעהן, אונשולדיג, פערליעבט קינד.

שפּעט זיינען מיר זיך פונאַנדערגעגאַנגען. איך פערשפּאַר צו דערצעהלען, אַז די נאַכט האָב איך ניט געשלאָפען, און בין געווען מיט אַ פ ע ר־ וואונדעט האַרץ.

איך האָב אָנגעהויבען אָפּט בעזוכען די קיטינס. מיין ליעבע צו אסתר׳־קען איז געוואַקסען און צוגלייך איז געוואַקסען מיין שמערץ. ביי מיר איז מעהר קיין ספק געווען, אַז אסתר׳קע איז אין זונענשיין׳ען פערליעבט, און מיינע ליידען פון אויפערזוכט זיינען געוואָרען זעהר גרויס. צו קענט איהר זיך פאָרשטעלען וויפיעל עס ליידט פון אייפערזוכט אַ ראָמאַנטישעס האַרץ, וואָס קלאַפּט נאָר צוליעב דער פרוי ?...

איך האָב אָנגעהויבען טראַכטען פון „וועקנעהמען" אסתר׳קען ביי זונענשיין (אַזעלכע זאַכען האָב איך שוין ניט איינמאָל געטהאָן) אָבער, ווי אַ בייזער גייסט, איז מיר געקומען דער געדאַנק, אַז איך בין אַכט און צוואַנציג יאָהר און ניט וועניג אויסגעלעבט, אין דער צייט וואָס דער איז אינגער מיט צעהן יאָהר און איז נאָך, ווי דער פריהלינג, פריש.

אַן אומעט האָט אָנגעהויבען דריקען מיין האַרץ, און די פערצווייפלונג וואָלט מיך געווים דערדריקט, ווען איך וואָלט ניט געהאַט אַ פונק האָפנונג שיינען פאַר מיר. דער פונק האָפנונג איז געווען דער געדאַנק, אַז דיכטער ליעבען ניט לאַנג און אַז אסתר׳קע וועט באַלד ווערען פריי...

דערווייל האָבען מיר מיינע חברים בעקאַנט געמאַכט מיט די „בריליאַנ־טענע קורסיסטאַצקאַ׳ס".

אין אַן אַנדער צייט וואָלט איך זיך אין איינינע פון זיי פערליעבט; איצט אָבער האָט אסתר׳קע אויסגעפיהלט מיין גאַנצען וועזען. עס טרעפט, אַז איך טהו אַ קוק אויף אַ קורסיסטאַצקעס גלאַט געקעמטע האָאר, און איך דערמאָן מיך אָן אסתר׳קעס בלאָנדע זיידענע צעפּ, וועלכע איך וואָלט אַזוי גערן געקושט... אָדער מיינע בליקען מעסטען אָב איינער׳ס פיגור, אַ גאַנץ שעהנע פיגור, אָבער אומגעלומפּערט, אָהן אַ קאָרסעט... אַ לאַנגע קלייד, גרויסע שיך, דאָס גאַרטעל ארויפגעשלעפּט... און ווידער מאָלט זיך מיר אסתר׳קעס שלאַנקע קינדישע געשטאַלט אָנגעטהאָן אין העלען זומער־קלייד, אין וועלכעס זי זעהט אויס ווי אַ בלום, מיט די העלע שיכע־לאַך אויף די קליינע כמעט קינדערשע פיס. און אַפילו אין רעסטאָראַן, וואו איך בעגעגען די בעקאַנטע מיידלאַך דערמאָן איך מיך אָן אסתר׳קען : זיי עסען אַזוי אונעסטעטיש, זייערע בעוועגונגען אַזעלכע פערמאַנסבילטע... און יענע, אַזוי ווי אַ פויגעלע, עפּענט זי איהר קליין מיילעכעל בשעת זי עסט, און איהרע ווייסע הענדטעלאַך האַלטען אַזוי חן׳עווריג גאָפּעל־מעסער!

און אַט אַזוי האָב איך מיך געפּלאָגט אַ גאַנצען זומער ; אָבער ענדליך האָב איך מיך דאָך דערוואַרט :

אין דער צייטונג „א.״, וואו זונענשיין דרוקט זיינע ליעדער, איז ער־שיענען זיינס אַ ליעד געווידמעט צו איינע אַ בערטהאַ מאַנבלום. (איך פער־שפּאָר אייך צו דערצעהלען, אַז פריהער האָט ער זיינע „שעפּפונגען״ אסתר׳־קען געווידמעט), און אסתר׳קע איז געוואָרען פריי...

איך האָב זיך דערפרעהט, און האָב אָנגעהויבען „אוכאַזשעוועז״ פאַר איהר מיט אַ נייעם חשק און מוטה. וואָס האָב איך ניט צו טאָן ? פלעג נור רעדען מיט איהר וועגען קונסט און מוזיק, וועגען פאַנטאַזיען און אידע־אַלען, איך פלעג לייענען פאַר איהר מיינע געשריעבענע זאַכען נאָך איידער זיי זיינען געגאַנגען אין דרוק (דאָס איז איינע פון אונזערע שטאַרקסטע מיט־לען, מיט וועלכע מיר שטורמען אַ ווייבעריש האַרץ), איך האָב מיך פּינקט־ליכער אָנגעטהאָן. אָבער מיין מיה איז געווען אומזיסט. די ערשטע צייט האָט זי מיר אפילו אויסגעהערט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי ווערט אין מיר פעראינטערעסירט. נאָר וואָס ווייטער האָט זי זיך אַלץ מעהר אָנ־געהויבען פערטראַכטען ווען איך האָב צו איהר גערעדט. זי איז געוואָרען טרויעריג, פערבענקט, האָט אויפגעהערט עסען, שלאָפען, רעדען מיט מענשען. אַ מרה שחורה האָט פערצויגען איהר געמיטה. אַ קורצע צייט שפּעטער איז זי אָבגעפאָהרען פון דער היים צו איהרע אַ מוהמע אין אַ דער־בייאיגע שטאָדט.

איך האָב נאָך אסתר׳קעס אָבפאָהרען, אין וו. מעהר ניט געהאַט וואָס צו טהאָן. מיר איז בעפאַלען אַזאַ אומעט און בענקעניש, אַז איך האָב ער־געץ ניט געפונען קיין רוה. דערוויילע איז צוגעפאַלען דער ווינטער ; אַ בייזער ווינטער מיט שנעען און גרויסע פרעסט. איך בין איצט דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען געשטאַנען עקאָנאָמיש שלעכט : פאַר׳ן גאַנצען זומער האָב איך ווייניג געשריעבען. איהר ווייסט, ברודער, אַז אונזערע מענשען מוז געהען אין ליעבע כשורה : אַט פערליעבט מען זיך, קושט מען זיך, געהט מען זיך פונאַנדער, האָט מען אַ ביסעל האַרץ־קלעמעניש, און נאָכ־דעם איז גרינג אָנצושרייבען עפּעס. אָבער אַז עס געהט ניט כשורה, איז מען נאָר פערטהאָן מיט זיך ; און פון אָנשרייבען וואָס, איז ניטאָ קיין רייד...

ווינטער בין איך געוואָהנט צו לעבען אין אַ גרעסערע שטאָדט. אָבער איצט האָב איך מיך שוין ניט געקענט העלפען, און האָב געמוזט פאָהרען צו מיין שוועסטער אין קליינעם שטעדטעל ק. איך האָב ניט געהאַט קיין ווינ־טערדיגע בגדים, און זי וועט מיך געווים אויסקליידען.

איך האָב מיך בעגעבען צו מיין שוועסטער. אַ גאַנצען מעת־לעת האָב

איך בעדארפט פאהרען מיט'ן באהן. מיר איז געווען זעהר ביטער צום מוטה: מיין שוועסטער נעהמט פאר איהרע טובות פון מיר א גאנץ גוטען פרייז: אוים העפליכקייט מוז איך פערבלייבען ביי איהר אין הויז אייניגע וואכען צייט. אזוי לאנג פערבלייבען אין א קליין-שטעדטעל ביי אזא נערוועזען צו־שטאנד איז מיר זעהר שווער. אבער בּיסלאכווייז האב איך מיך געטרייסט: „א נייע גובערנאנטין האב איך אריינגענומען אין הויז", שרייבט מיר די שוועסטער. מיט איהר פריהערדיגע גובערנאנטין בין איך געווען אין נאהענ־טע פערהעלטעניסע... א וואויל מיידעל געווען. און איך האב אנגעהויבען זיך פארשטעלען אין מיין פאנטאזיע דאס נייע מיידעל אין מיין שוועסטער'ס הויז. אבער אין פאנטאזיע האט אויפגעלויכט אסתר'קע, א יונגע, א צארטע, אן אומעטיגע, מיט איהרע טיעפע, בלויע, טרויעריגע אויגען. און איך בין עפעס פלוצלונג געווארען אזוי אונרוהיג, דאס הארץ האט אנגע־הייבען אזוי קלאפען און נאגען...

---

מיין שוועסטער האט מיך אויסגעקליידט; אבער מיט מעהר ווי אכט טאג פון מיין צייט האב איך זי ניט בעצאהלט: מיר איז דארט אונמעגליך געוועזן צו פערבלייבען. פון דארט בין איך געפאהרען קיין א. אין א. ווארטען אויף מיר, א חוץ מיינע פיעלע בעקאנטע פרויען, דריי מיידלאך, שוועס־טער, וואו איך בין געווען קווארטיר. אלע דריי שוועסטער האבען מיך ליעב. איך בין געווען מיט זיי גאר פריינדליך. די איינגסטע האב איך אפילו גע־וואלט ווידמען א זאך, נור איך האב ניט געוואלט אנ'ברוגז'ען די עלטערע.

געקומען אין א., האב איך מיך ערשט דערוואוסט, ווי שטארק איך ליעב אסתר'קען. די בעקאנטע זיינען מיר אויסגעקומען עלענד און וואכעדיג, די עלטסטע פון די שוועסטער האט מיך אויסגעוויזען פערוועלקט און אלט און די איינגסטע פרעך און גראב. אסתר'קעס בילד האט מיך ניט פערלאזט אויף א מינוט.

א פאאר מאנאט שפעטער בין איך געווען צוריק אין וו. אסתר'קע איז געווען אין דער היים. זי איז איצט שעהנער און חן'עווודיגער ווי פריהער. אבער אין איהר ליעבט זיך דער יונגער מאהלער גליקמאן, און זי איז צו איהם אויך ניט גלייכגילטיג.

פון מאהלער זי „אוועקנעהמען" האב איך ניט געקענט האפען, וועיל אויסער זיין יוגענד און שעהנקייט, איז ער געווארען בעריהמט דורך זיין נייען בילד, וואס ער האט געשאפען, וועלכער האט זיך גערופען „דער ווייסער חלום" און צו וועלכען אסתר'קע איז געווען די בעגייסטערונגס-קווע־לע צוגלייך מיט'ן מאדעל...

וויעדער האט די אייפערזוכט געגעסען מיין הארץ, נאך מעהר פער־

צווייפעלט בין איך געוואָרען. אַ פּאָאר מאָנאַט שפּעטער האָב איך פערלאָזט
וו. און בין געפאָהרען אין דער שטאָדט ב.

אין ב. ווארט אויף מיר די „דאמאטשקא„", אַ יונג, שעהן ווייבעלע,
זי ליעבט מיך לײדענשאַפטליך און איבערגעבען. פאָהרענדיג בין איך הייטערער געוואָרען, איך האָב מיך פאָרגעשטעלט דעם גענוס פון איהר ליעבע...

אָבער קיין גוטעס איז מיר אין ב. נישט בעשערט געווען. די „דאמאטשקא" האָב איך געטראָפען קראַנק אויף אויסצעהרונג. זי איז מיר גלייך געוואָרען ניט אינטערעסאַנט, ווייל אויסער וואָס זי איז בלייך און מאָגער, רעדט זי אויך פון קיין אנדער זאַך ניט ווי פון איהר קראַנקהייט. קיין אַנדערע אינטערעסאַנטע פרויען זיינען אין ב. ניט געווען — אָדער, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי זיינען ניט געווען...

דערווייל איז מיין עקאָנאָמישע לאַגע אַלץ געוואָרען ערגער, געשריעבען האָב איך ווייניג. צו דער שוועסטער האָב איך שוין איצט ניט „געוואונקען", זי זאָל מיך שיקען געלד, נור געבעטען. זי האָט מיך אָנגעהויבען געבען איידעלע אָנצוהערענים, אַז זי האָט צרות פון מאַן דערפאר. אָבער מיך האָט עס ניט געארט: איך בין געווען פערנומען מיט טרויער. און מיין טרויער איז באמת געווען זעהר גרויס. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מיין גליקס־הימעל איז אויף אייביג פערוואָלקענט. איך האָב אָנגעהויבען פיהלען אַ שלאַפקייט אין מיינע גליעדער, אין קאָפּ איז געווען פוסט, און אַלע טאָג האָב איך דערזעהען אויף מיין פנים אַ נייעם קנייטש... אָבער דאָס ערגסטע איז פאר מיר געווען מיין אויפהערען שרייבען: אזעלכע ווי איך, „שלאָגען קיין טיעפע וואָרצלען" מיט זייער פעדער. שרייבט מען, לייענט דער עולם און האָט הנאה, שרייבט מען ניט, ווערט מען פערגעסען און אַ סוף. און פערגעסען ווערען — דאָס איז דער שד, וואָס שרעקט די אונזעריגע.

און דערזעלבער שרעק האָט מיך בעהערשט. דער קינסטלער האָט אין מיר ערוואַכט, און איך האָב אָנגעהויבען פּלאָנעווען צו שאפען אַ גרעסערען ווערק, אַ פילאָזאָפישען ראָמאַן. די טהעמא האָב איך גענומען טאַקע פון זיך אליין, עפּעס אַ קלייניגקייט אזוי לאַנג ווי איך לייד? און בשעת מען ליידט, ווייסט איהר דאָך, טראַכט מען מעהר. אַ נאָמען האָב איך אויך געהאַט אַ פּאַסיגען פאר מיין ראָמאַן: „ליעבע און פערלאַנגען", האָט עס געזאָלט הייסען.

איך בין געוואָרען אויפגעלעבט, האָב אָנגעהויבען מאַכען לאַנגע שפּאַציערגענגע און וועבען די בילדער פאר מיין נייעם ווערק. אָבער אַלץ די זעלבע צרה: קיין קוועלע, וואָס זאָל מיך אויפלעבען און אויפמונטערן אין

ניט געווען... איך האָב מיר אַ פּאָאר מאָל גענומען צום שרייבען, האָב אָבער געפיהלט אַ גרויסען עקעל צו די פעדער־ארבייט.

דערווייל האָבען זיך אַזוי געצויגען טעג, וואָכען, מאָנאַטען. איך בין געוואָרען אַלץ אָרימער, אומעטיגער און פּעסעמיסטישער.

---

און ווידער בין איך געווען אין ווו. אסתר׳קע איז ניט געווען אין דער היים. פון מיינע בעקאַנטע האָב איך ערפאהרען, אז איהר געליעבטער מאהלער האָט פערקויפט זיין „ווייסען חלום" פאר אַ גוטען פּרייז. מיט דעם געלד איז ער געפאָהרען קיין אויסלאַנד, און דאָרט מאָהלט ער אַ „בלויען חלום" פון אַן אַנדער פרוי...

מיר איז געוואָרען זעהר אומעטיג. מיינע בעקאַנטע האָבען מיך בע־טראַכט פאר אַן „אויסגעוועבטען" טאַלאַנט. און צו קיינעם פערטראַגט זיך דער עולם ניט אַזוי פיינדליך, ווי צו אַן „אויסגעוועבטען" דיכטער. זייערע גרינגשעציגע בליקען האָט מיך נאָך מעהר דערשלאָגען. איך האָב אויפגע־הערט מאַכען נייע בעקאַנטשאַפט, זומער איז דאָס געווען, האָב איך מיך ארומגעשלעפּט גאַנצע טעג אין שטאָדטגאָרטען פון איין באַנק אויפ׳ן אַנדערן.

און איינמאָל, איך זיץ פערטראַכט אויף אַ באַנק, וועקט מיך אויף אַ קול: „אָ, גוט מאָרגען, ה׳ ש. ! וואָס מאַכט איהר ?"

איך בין אַ פערציטערטער געבליעבען: דאָס איז אסתר׳קעס קול. זי איז געשטאַנען פאר מיר.

איך האָב זי אָנגעקוקט און האָב דערשפּירט אַ העפטיגען שמערץ אין מיין ברוסט: איצט איז ניט געשטאַנען פאר מיר יענע אסתר׳קע מיט׳ן שלאַנקען געשטאַלט און אונשולדיג־חן׳עווידיגען אויסזעהן. ניט די אסתר׳קע, צוליעב וועלכער איך האָב אַזאַ לאַנגער צייט געליטען. פאר מיר איז גע־שטאַנען אַן ענטוויקעלטע פּרויענצימער מיט אַ פערדעכטיגען ביוסט און זייטען, מיט פערדעכטיגע פאַרב אויף די באַקען און ליפּען, און מיט אַ הויכע אויסגעדריידעלטע „פריזור". און איהרע אויגען, גאָט אין הימעל ! ! קאַל־טע, געפיהללאָזע, מיט אַן אונהיימליכען גלאַנץ, וועלכער האָט ווי געזאָגט: „קומט מענער, אין מיין נעץ, איך וועל זיך מיט אייך רעכענען" !...

אַ טרויער האָט דורכגענומען מיין נשמה. „וואָס עס ווערט פון אַ אסתר׳קען, ווען זי פאַלט אריין צו אונזערע חברה אין די הענד"... האָט מיך אָנגעהויבען עגבערען אַ געדאַנק. אָבער אסתר׳קע האָט מיך ניט געלאָזט לאַנג טראַכטען. זי האָט זיך געזעצט נעבען מיר אויפ׳ן באַנק, האָט זיך מיט מיר צורעדט איבער פערשיעדענע זאַכען, בשעת׳ן ריידען, האָט זי זיך אַלץ געמיהט איהר ביוסט נעהנטער מאַכען צו מיין געשטאַלט...

און קורץ, די זעלבע אסתר'קע, צוליעב וועלכע איך האָב אזא צייט געליטען, די זעלבע האָט מיך אויסגעהיילט.

דער שווארצער שלייער איז אראָבגעפאַלען פון מיין געמיטה, פערשוואונדען די היילינקייט. אסתר'קע איז איצט ניט קיין מלאך, נור א פשוט'ע, קאָקעטישע פרוי צוגלייך מיט אַלעמען. איך האָב אין גיכען צוריק אָנגעהויבען שרייבען, פערדיענען, האָב מיך אויסגעקליידט און אָנגעהויבען מאכען נייע בעקאַנטשאַפטען...

נו, אָט אזוי ווי איהר זעהט, בין איך איצט צוריק געזונד. נאָך דער צייט בין איך שוין געוועזן אין ב. יענע „דאמאטשקא" איז געשטאָרבען; אָבער איך האָב דאָרט אַן אַנדערע. איהר וואָלט זעהן, א זעלטענער טיפּ, א זודיגע ברונעטקע... איהר פערשטעהט ?... און אין א. בין איך געוועזן. איך בין דאָרט איינגעשטאַנען ביי די דריי מיידלאך שוועסטער. זעהר וואוילע מיידלאך. איינע האָט מיר אויסגענעהט אָט די העמד, און איז גליקליך געוועזן וואָס איך האָב עס צוגענומען פון איהר... די לעצטע פּאָאר מאָנאַט האָב איך פערבראכט ביי מיין שוועסטער אויפ'ן „דאַטשע". אך, האָט זי איצט א גובערנאַנטין ! ! אַן אמת'ע גריכישע שעהנהייט. און זי האָט מיך גאָר ניט פיינד...

אין וו. בין איך איצט געקומען צוליעב געשעפט־זאכען. דער פערלעגער נ. וויל אָבקויפען און ארויסגעבען מיינע שריפטען.

צו איך בין שוין געוועזן ביי די קיטינס, פרעגט איהר ? ניין, ניטאָ קיין פערלאַנג. און איבריגענס, האָב איך געהערט, אז אסתר'קע האָט חתונה געהאַט. זאָל איהר גאָט העלפען.

און אזוי ווי איהר קוקט מיך איצט אָן, האָב איך איצט א פּנים פון א מענש, פון א מאַן, און דוקא ניט פון קיין מיאוס'ען... וואָלט איהר זעהען ס'ארע שעהנע צוויי טעכטער דער פערלעגער נ. האָט !... איהר קענט זיי ? זיי האָבען מיך געבעטען קומען, און איך געה איצט אַהין.

מיט מיין פילאָזאָפישען ראָמאַן וואָס איז געוואָרען פרעגט איהר ? עט, נאַרישקייט ! ווער דאַרף איצט אַזעלכע ראָמאַנען, און וועמעס כח איז זיי צו שאַפען ? א בילדעל, א צייט־ליעדעל, פון ארבייטער־לעבען, פון עהע־לעבען, פון וואָס דעם עולם איז צום הארצען, און דאָס איז געגוג...

נאַראָנים אָדער אונגליקליכע טראַכטען פון שאַפען גרויסע ווערק...

זעהט וואָס פאר א שעהנעם זייגער ! ניט לאַנג געקויפט, צוועלף רובעל בעצאָהלט. שוין שפּעט ! קומט, איהר געהט מיט מיר ? ניין ? נו, גוט נאַכט ! זייט מיר אייך געזונד !

# נאָך אַ פערזאַמלונג

## (אַ בילד פון פּאַרטיי־לעבען).

---

דער לעצטער שטילער געהיימניספאָלער „גוט נאַכט" האָט אָבגעקלונגען אין צימער, דער לעצטער „חבר" איז פערשוואונדען הינטער'ן טיהר, און פריידל די נעהטאָרין איז געבליעבען אַליין.

ס'איז שפּעט אין אָבענד. דער גרויסער צימער איז שוואַך בעלויכטען פון אַ קליינעם לאָמפּ, די לופט איז אָנגערויכערט, און עס דוכט, אַז עס טראָגען זיך נאָך אַרום איבער'ן צימער די געהיימניספאָלע רייד פון די „חברים" וועלכע האָבען דאָ נאָר וואָס אָבגעהאַלטען אַ פערזאַמלונג.

פריידל בלייבט שטעהן איינינע מינוט איבער'ן מיטען שטוב. „זיי" זייי־נען פריהער פאַר אַלעמען אַנטלאָפען, ס'איז זיי דאָ ביידען ניט בעקוועהם"... איז איהר ערשטער געדאַנק, און זי כאַפּט זיך דערביי פאַר'ן האַרץ ווי דאָרט וואָלט זי עמיץ מיט וואָס אַ שטאָך געטהאָן. זי וויל אָבטרייסלען דעם גע־דאַנק, זי נעהמט זיך צו רוימען די שטוב, אָבער באַלד וואַרפט זי נערוועז די אַרבייט. „די שטוב האָבען זיי איבערגעקעהרט קאָפּויר" ברומט זי אונ־צופריעדען.

זי זעצט זיך אויף אַ שטוהל נעבען טיש און הויבט אָן בעטראַכטען די שטוב, גלייך ווי זי איז דאָ אַ פרעמדע.

אַ גרויסער צימער מיט אַ אויסגעבויגענע סטעלי, אַן אַלטער טיש, צו־בראָכענע שטוהלען, אַ זאָפאַ מיט אָבגעריבענע צאַראַטע בעצויגען, ביי אַ דין הילצערן ווענטיל שטעהט אַן אַלטער קאָמאָד, אויפ'ן קאָמאָד שטעהען בילדער, איבער'ן קאָמאָד אויפ'ן וואַנד איז אָנגעהאַנגען אַלערליי קליינע בילדער און אַנזיכטס־קאַרטען פון בעוואוסטע רעוואָלוציאָנערען און שרייי־בער. ניט ווייט פון קאָמאָד פיהרט אַ דינע טיהר'ל אין צווייטען צימער אַריין.

פריידל נעהנטערט זיך צום טיהר פון צווייטען צימער, גלייך עמיץ רופט זי אַהין; זי האָרכט זיך איין, אַלץ איז שטיל, עס הערט זיך אָטהעמען פון די שלאָפעדיגע קינדער. זי עפענט לאַנגזאַם די טיהר און קוקט אַריין איינ־וויינינ, אַ שוואַכער, געלבער שיין שלאָגט אַריין פון צווייטען צימער. דער מאַמעס בעט איז ליידיג: זי אַרבייט דורך די נעכט ביי אַ בעקער, דער

טאטע איז טויט שוין דריי יאָהר. אין אַ גרויסע בעט וואָס ציהט זיך פענאַנ־דער דורך אַ „פעררוקער" שלאָפען איהרע דריי שוועסטער, רבקה די עלטערע איז פופצעהן יאָהר, ביילקע די מיטעלסטע איז 12 יאָהר, חנה'קע די אינגסטע איז צעהן יאָהר. אַלע דריי אַרבייטען שוין אין אַ גילזען־פאַבריק.

פריידל'ס אויג פאַלט אויף דער עלטערער, אויף רבקה'ן. בייטאָג האָט זי איהר ניט ליעב, עס רייצט זי יענער'ס פלינקע בעוועגונג, איהר רונדע פולע געזיכט און איבערהויפּט איהר ברוסט וואָס וואַקסט נאָך פאַר איהר עלטער... איצט אָבער, קוקט זי מיט ליעבשאַפט און רחמנות אויף דער שוועסטער: „זי בליהט איצט, וועט איהר סוף בעסער זיין ווי מיינער? וועט זי זיין גליקליכער פון מיר?"... זי טהוט אַ שטאַרקען זיפץ, און ציהט זיך צוריק. אין גרויסען צימער איז שטיל. דער רויך וויקעלט זיך ארום די פענסטער, דער לאָמפּ ברענט האַלב דונקעל, אַנגעוואָרפענע רעשטלאַך פון פּאַפּיראָסען וואַלגערן זיך אויפ'ן פּאָל.

פריידל הויבט אָן שפּאַנען אונרוהיג איבער'ן שטוב. אין האַרץ עסט אַ געפיהל און אין מוח פלאָנטערט זיך אַ געדאַנק וואָס נאָגט און נאָגט...

„די מאַמע האָט זיי ביידען פיינט, זי שעלט זיי מיט קללות, זי בייזערט זיך דערפאַר אויף דער מאַמען, אָבער זי? האָט זי זיי דען ניט פיינט ווען זי בעגעגענט זיי ביידען?" זי ווערט אונרוהיג; אַ אינערליכע שטימע פעררייכט איהר דעם טעות: „איהם האָט זי ניט פיינט, זי האָט איהם נאָך ליעבער... פיינט האָט זי איהר, די שטאָלצע, געפּאַשעטע „אינטעליגענטקע" האָט זי פיינט, זי האָט אַוועקגערויבט איהר גליק".

פריידל ביילט די פויסטען, דאָס האַרץ הויבט אָן קלאַפּען האַסטיגער, זי בלייבט שטעהן ביים טיש. איבער'ן טיש הענגט אַ ניט־גרויסער שפּיגעל, זי קוקט זיך איין אין איהם און ציהט זיך אַוועק אונצופריעדען: „די באָבעס „מעבעל", ברומט זי בייז, געל און שוואַרץ קוקט מען אויס אַקעגען איהם". זי געהט ווידער אום איבער'ן שטוב, זי שטעלט זיך אָב ביים קאַמאָד, איהר בליק פאַלט אויף די בילדער אין די שטעהעדיגע רעמלאַך, איהר און זיין בילד שטעהען איינע אַקעגען די אַנדערע. ביידע שמייכלען, פון ביידענס אויגען לויכט דאָס גליק.

פריידל עסט איין איהר בליק אין ביידענס בילדער. נאָך קיין צוויי יאָהר ניטאָ ווי זיי האָבען זיך „פאָטאָגראַפירט!" זי שפּאַרט זיך אָן מיט די עלענבויגענס אָן קאַמאָד, בעהאַלט דעם קאָפּ אין די הענד און הויבט אָן טראַכטען.

„מיט צוויי יאָהר צוריק האָט זי נאָך געבליהט, גליקליך איז זי געוועזען, ער איז איהרער געוועזען, זיי האָבען זיך אַזוי ליעב געהאַט, און איצט? איצט

וואוינט ער מיט יענער, און זי איז אַ פערלאָזענע, אַ צובראָכענע, אָהן יוגענד, אָהן ליעבע און אָהן גליק"...

פון צווייטען צימער הערט זיך אַ הילכיגער הוסט. פריידל שפּרינגט אויף, זי עפענט די טיהר. דאָס הוסט ביילקע, די מיטעלסטע שוועסטער. זי בעטראַכט פאַר'ן שוואַכען שיין איהר שוועסטער'ס געזיכט, אַ געל־אויס־געצויגען מיאוס געזיכט. אַ רחמנות נעהמט זי דורך : „זי וועט דאָס ביסעל גליק וואָס איך, אויך ניט האָבען... זי איז מיאוס"...

זי בעטראַכט דער עלטערער. „ברוך און מיישציג „דרעהען" זיך שוין אַרום איהר", וועקט זיך ביי פריידלען אַ פרעהליכער געדאַנק, קוקענדיג אויף דער שוועסטער ; אָבער באַלד קומט אַ טרויעריגער „ווי לאַנג, ווי לאַנג וועט דאָס אָנהאַלטען ? ווי לאַנג האַלט אָן דער פריהלינג ביים אַרבייטער־מיידעל ?!...

זי ציהט זיך צוריק אין שטוב. זי בעמערקט אויפ'ן קאַמאָד דעם וועק־זייגער, זי קוקט זיך איין, „שוין צייט צו געהן שלאָפען, מאָרגען דאַרף מען צו דער אַרבייט געהן !"

זי געהט מיט שטילע טריט אַריין אין דעם צווייטען צימער, טראָגט פון דאָרט אַרויס איהרע קישענס מיט'ן צודעק און בעט זיך אויס אַ געלעגער אויפ'ן זאָפאַ. זי זעצט זיך אויפ'ן געלעגער און הויבט אָן אויסצוטהאָן די שיך. איהר בליק פאַלט אויף די אָנגעוואָרפענע פאַפּיראָסען. „מ'דאַרף אַביסעל צורוימען", קלעהרט זי, די מאַמע וועט זיך בייזערען". זי האָט אפילו ווענ‍יג מורא פאַר דער מאַמעס בייזערען זיך : זי צאָהלט די דירה געלט און איז בעל־הבית'טע, אָבער די לעצטע צייט האָט זי רחמנות אויף דער מאַמען. „אָרעמע, עלענדע מאַמע !" רופט זי אָפּט אויס, און טרעהרען קומען איהר אָפט אין די אויגען. זי ווייס ניט וואָס עפּעס איז זי פאַר דער לעצטער צייט אַזוי „ווייך" אַז נאָר וואָס פערקלעמט זי ביים האַרץ און טרעהרען קומען איהר אין די אויגען...

פריידל עפענט אַ טיהרל אין אַ פינסטערן קעמער'ל, נעהמט פון דאָרט אַרויס אַ באַרשט און הויבט אָן צו קערען די שטוב.

זי הויבט אָן קערען פון „אויבען־אָן" וואו דער קאַמאָד שטעהט. זי בע־מערקט, אַז דער געשטריקטער טישטוך אויפ'ן קאַמאָד איז צודרעהט און דורכגענעצט. „איהר דורכגערעגענטען מאַנטעל האָט זי גאָר ניט געקענט אַוועקלייגען אויף אַ שטוהל", ברומט זי מיט כעס. „און באמת, דרייסיג רובל קאָסט איהר דער מאַנטעל... זי האָט בוראי געהאָרעוועט אויפ'ן געלד"...

בייזע שאָטענס פערפינסטערן פריידל'ס געזיכט, זי בלייבט שטעהן מיט'ן באַרשט אין האַנד און קלעהרט : „ניט אומזיסט האָבען מיר אַר־

בייטער־מיידלאך פיינט די „אינטעליגענטקעס" : זיי שטעלען אונז אין שאָטען און רויבען דעם גליק פון אונז... זיי זיינען געזונדע, „געפּאַשעטע" מיט צאַרטע פּנים׳ער, מיט שעהנע קליידער, מיט בילדונג, און וואָס האָבען מיר?" זי שיקט איהר געדאַנק אין שלאָפצימער צו דער קליינער שוועסטער׳ל: „ווען זאָל עס לערנען, אַז דאָס אַרבייט שווין אויף ברויט ? פון וואָס זאָל עס זיין שעהן, פון די גוטע נעהרונג, אָדער גוטע לופט !"...

און פּלוצלונג לייכט דורך פריידלען אַ פרעהליכער געדאַנק : דער סאָציאַליזם וועט אַלעס און אַלעמען אויסגלייכען"... זי הויבט אָן קערען מיט אימפּעט די שטוב, איהרע אויגען לייכטען און קוקען אין דער ווייטקייט אריין... אָבער גיך ווערען די אויגען דונקעלער, דער גלאַנץ פערשווינדט און עס קומען טרעהרען : זי שפּאַרט אָן נאַכלעסיג, די באַרשט אָן טיש און לאָזט זיך אַראָב אויף אַ שטוהל. טרעהרען הויבען אָן פאַלען איבער איהר געזיכט.

„דאָס וועט אַלץ זיין שפּעטער" עסט איהר אַ געדאַנק, אָבער דערווייל, איצט וואָס איז ? די מאַמע, די עלענדע אלמנה אַרבייט שווער פאַר׳ן ברויט, די קינדער אַרבייטען פאַר׳ן ברויט, און זי ? זי איז אַזוי אונגליקליך...

פריידל שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויפ׳ן טיש, לעגט אונטער די הענד און טראַכט :

מיט צוויי יאָהר צוריק האָט זי אויפגעבליהט, אַכצעהן יאָהר איז זי דאַמאָלס געווען, דאָס ערשטע שעהנע פריהלינגס־פאַרב האָט איהר געזיכט בעפאַרבט, דער ערשטער יונג־פריילינער גלאַנץ האָט איהרע אויגען בע־לויכטען, דעם ערשטען שטאַרקען האַסטיגען קלאַפּ האָט דאָס האַרץ געטהאָן, און ווי לאַנג האָט עס אָנגעהאַלטען ?...

ער איז דאַמאָלס געקומען, פון אַ גרויסער שטאָדט איז ער געקומען, אַ ענטוויקעלטער אַרבייטער און אַ גוטער רעדנער איז ער געווען. איהר שטוב איז ווי איצט, די „אַכסניא" געווען פאַר אַלע „פרעמדע" מענשען פון בע־וועגונג און פאַר די אָרגאַניזאַציאָנע אַרבייט. ער איז צו זיי אריינגעפאָהרען. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט זי זיך אין איהם פערליעבט מיט׳ן גאַנצען יונגפרויליכען פייער, ער אין איהר אויך. און קיין גרויסע צערעמאָניעס האָבען זיי ניט געדאַרפט דערביי, זיי האָבען אָנגעהויבען לעבען אַלס מאַן און ווייב.

פריידל זיפצט. „שנעל ווי אַ בליץ האָט דער גליק אויפגעלויכטען און ווי אַ בליץ איז ער פערשוואונדען... דער סוף איז געקומען גיכער ווי זיי האָבען זיך ביידע געריכט : איהר דירה איז קאָנפעסקירט געוואָרען, איהר האָט מען פערשפּאַרט, ער איז געווען אַוועקגעפאָהרען צוליעב „אַרבייט", אַזוי וואָלט מען איהם אויך גענומען.

זי הויבט אויף דעם קאָפּ און טהוט אַ ציטער: דאַמאַלס איז אויך געווען אַזוי שפּעט, נאָך אַ פערזאַמלונג. איהר דאַכט, אַז זי הערט נאָך איצט דאָס קלינגען פון די שווערדען און שפּאָרען...

זי בויגט אָן דעם קאָפּ און טראַכט ווייטער: „אַ צייט האָט געדויערט ביז ער האָט געקראַגען די ערלויבנים זי צו בעזוכען אין טורמע, זי איז שיער משוגע געוואָרען פון צער און בענקעניש... נאָכדעם איז ער געקומען. זי האָט אָן זיין בענעהמען דערפיהלט, אַז ער האָט ניט אַזוי פיעל געליטען און געבענקט ווי זי... און אין הארץ האָט אָנגעהויבען נאַגען אַ ניט־בעפרידיגטער געפיהל... ביים דריטען מאָל איז זי צוגלייך מיט איהם געקומען איהר בעזוכען. זי איז אַ „אינטעליגענטקע” אין פעראיין און זעהר אַ בעליעבטע פּערזאָן, פריידל האָט זי אויך אַלע מאָל ליעב געהאַט: זי איז געווען די ערשטע וואָס האָט איהר געוויזען דאָס „ליכט”, נאָר איצט, זעהענדיג איהר הויכע שטאָלצע געשטאַלט וועלכע האָט זיך אויסגעגלייכט מיט זיינער, האָט זי פּלוצלונג דערפיהלט אַ בייזע עסענדע פיינדשאַפט צו איהר...

שפּעטער איז געשעהן דאָס איינפאַכסטע: זי איז אַרויס פון טורמע אַ בלייכע, אַ שוואַכע, אַ נערוועזע, מיט אַן איינגעפאַלענע ברוסט. און ער ?! זי קען צו איהם ניט האָבען... אַ הארץ קען מען ניט צווינגען, ער האָט זי מעהר ניט געליעבט... און דערצו האָט יענע אויף איהם געווירקט. צו האָט עס יענע געטהאָן אויס שלעכטיגקייט ? ניין, דאָס קען זי אויף איהר ניט זאָגען, כאָטש זי האָט איהר פיינט. זי האָט איהם געליעבט, און ווי יעדער שטאַרקערער מענש האָט זי גענומען פון לעבען, און אַז מ'נעהמט פון לעבען, קען מען זיך ניט אָבהאַלטען פון צוטרעטען עמיצ'ן אונטער די פיס...

פריידל טהוט נערוועז אַ מאַך מיט דער האַנד, ווי זי זאָל וועלען אוועקטרייבען די לעצטע עראינערונג, די לעצטע סצענעס: ער האָט אַ צייט געשטריטען מיט זיינע איינענע געפיהלען: אַ גוטער, אַ וויכהערציגער איז ער, זי אָבער, האָט ניט געקענט אָננעהמען זיין רחמנות אנשטאַט ליעבע, זי האָט ניט געקענט זעהן פון איהם דעם צער ווי ער פּלאָגט זיך, זי האָט געוואוסט, אַז עס איז אונפערמיידליך, און זי האָט איהם אַליין געהאָלפען זיך צוזאַמענגעהן מיט יענער... האָט זי דען געקענט אַנדערש האַנדלען ?...

זי שטעהט אויף פון אָרט, נעהמט די באַרשט און ענדיגט אויסקעהרען. זי איז פאַרטיג. זי זעצט זיך אויפ'ן געלעגער. אַ שטילער אומעט דריקט איהר הארץ. זי הויבט זיך אָן אויסצוקליידען. זי נעהמט אַרויס די האָאָרנאָדלען פון קאָפּ און לאָזט פענאַנדער די האָאָר. זי טהוט אויס די בלוזקע, דאָס קלייד, די איבעריגע זאַכען, און לעגט זיך אויף איהר געלעגער. אין שטוב איז שטיל, דרויסען גיסט אַ רעגען, און די רעגענטראָפּענס קלאַפּען זיך

אַפּ אַן די שויבען. עס מאַכט זי נערוועז, שלאָפען קען זי ניט. זי בליקט אַקעגען איבער'ן וואַנד. „דאַמאָלס איז דאָרט אַן אייזערנע בעטעל געשטאַנען... ער פלעגט שלאָפען דאַרין... זיי פלעגען זיך איבערקוקען מיט איינאַנדער"...

אַ רויטע ליידענשאַפטליכע פאַרב בעגיסט איהר געזיכט. זי ווערט אונ־רוהיג, איהרע הענד הויבען זיך אַן צו פלאָנטערען אין איהרע האָאָר. זי זוימט זיי אַרום איהר געזיכט: „אַזוי מיט די האָאָר פלעגט ער זי ליעב האָבען צו זעהן שלאָפענדיג"...

עס ווערט איהר הייס, זי נעהמט אַרויס די בלויזע הענד פון אונטער'ן צודעק, עפּעס איז איהר שווער אויפ'ן האַרץ, זי וואַרפט אַראָב דעם צודעק פון איבער'ן האַרץ, זי אָטהעמט אָב און בלייבט אַזוי ליעגען אייניגע מינוט צייט. פּלוצלונג פאַלט איהר איין אַ געדאַנק: זי שפּרינגט אַראָב פון געַ־לעגער. נעהמט פון קאָמאָד אַ קליינעם שפּיעגעלע, מאַכט זיך צורעכט אויפ'ן געלעגער אין דער פריהערדיגער פּויזע און קוקט דורשטיג אין שפּיעגעלע אַריין. „נאָך גאָר ניט שלעכט, נאָך גאָר ניט שלעכט", ברומט זי מיט אַ ציטערדיג־ליידענשאַפטליכען קול. אָבער באַלד ווערט זי טרויעריג: ביי־טאָג זעהט זי גאָר אַנדערש אויס: קיין מוטה ניטאָ זיך אָנצוטהאָן, פער־האָרעוועט אין ביידערליי „אַרבייטען". אַמאָל פלעגען די זעלבע חברים טהאָן אַ שטיפּ מיט איהר, אַ לאַך, אַ קניפּ, איצט זיינען זיי אַלע עפּעס אַזוי ערנסט, מעהר ווי פּעק „אַרבייט" ליגען זיי ניט אָן אויף איהר...

פריידל ווערט בייז, אַליין ניט ווייסענדיג אויף וועמען. צופיעל צאָהלען מיר, אַרבייטער־מיידלאַך, פאַר'ן „קאַמפּף", ברומט זי, אונזער אָרים ביסעל זאַפט ווערט גיך אויסגעצאַפּט און מיר פערלירען דערביי אונזער פּערזענ־ליכען גליק... אַ שווידער נעהמט זי דורך ביי דעם געדאַנק, די „רעוואָלוצ־יאָנערען", און איהר דערשרעקט זיך פאַר דער „פּרוי".

„און קאַמפּף איז גליק!" שרייט איהר דער פרומער געדאַנק. „ניין, ניין!" ענטפערט איין אַנדערער. „עס דאַרף זיין אַלעס צוזאַמען, אַז ניט פעהלט „אינ'ם ליעד דער שעהנסטער פערז!"...

זי ווערט נאָך מעהר אונרוהיג, עס ווערט איהר הייס, שטיקענד הייס. זי שטעלט זיך אויף, איבער איהר געלעגער איז פאַראַן אַ פענסטער. זי פראַלט איהם אויף. אַ קאַלטער ווינד מיט גרויסע רעגענס־טראָפּענס יאָגט איהר אין פּנים אַריין. אַ קעלט נעהמט דורך איהר לייב, זי פערמאַכט צוריק דעם פענס־טער און לעגט זיך צוריק אויף איהר געלעגער. זי בעמיהט זיך איינצושלאָפען אָבער אומזיסט, די געדאַנקען פלאָנטערען זיך אין איהר קאָפּ און דאָס האַר־נאָגט און נאָגט...

„ער וואָהנט מיט איהר אין איין צימער”, טויכט פלוצלונג אויף ביי איהר אַ געדאַנק, „אַ קליינער צימער... מעהר ווי איין בעט שטעהט דאָרט ניט... און ער איז דאָך אַזאַ צערטליכער, אַזאַ ליעבער”...

פריידל’ס געזיכט בעגיסט זיך מיט פאַרב, די אויגען גלאַנצען, די ברוסט בעוועגט זיך אונרוהיג, אין קאָפּ ווערט היים... זי קוקט ווידער אין שפּיעגעלע אַריין, זי שמייכעלט ליידענשאַפטליך: און, „אַז ניט ער קען ניט זיין קיין אַנדערער?... ס’איז נאָך ניט אַזוי שלעכט”... זיי הויבט אָן צו קלויבען אין געדאַנק אַלע איהרע בעקאַנטע חברים, זי מעסט זיי אַלעמען אַקעגען איהם, און עס עקעלט איהר אָב פון זיי אַלעמען, און אַ ריעזיגער געפיהל בעהערשט זי, איהם צו האָבען איצט נעבען זיך, כאָטש אויף איין שעה, אויף אַ האַלבע שעה, אויף צעהן מינוט... אויף דריי מינוט... זי וואַרפט זיך אויפ’ן געלעגער, זי ווערט אַלץ מעהר ברויזענד און אונרוהיג. עפּעס מאָדנע געדאַנקען הויבען זיך איהר אָן צו פּלאָנטערען אין מח . . . איהר פאַנטאַזיע צושפּיעלט זיך, און מאָהלט איהר בילדער, בילדער פרעמדע, ווילדע און תאוה’דיגע... זי וויל זיי פערטרייבען פון זיך, זי וויל זיך אַריינטראַכטען אין דער „אַרבייט”, אין דער ווייטער צוקונפט, אין דער פערגאַנגענהייט, אָבער אומזיסט... פון פּלוצלונג דערמאָהנט זי זיך: זי שפּרינגט אַראָפּ פון געלעגער, נעהמט פון קאַמאָד זיין בילד, און לעגט זיך צוריק. זי לעגט זיך פאָרזיכטיג ביים ברעג געלעגער און מאַכט אַזוי פיעל פּלאַטץ פאַר’ן בילד גלייך ער זאָל זיין אַ לעבעדיגער... נאָכדעם דריקט זי ליידענשאַפטליך דעם בילד צו איהר ברוסט, נאָכדעם בעשיט זי עס מיט קושען, נאָכדעם עסט זי אַיין אין בילד איהר בליק. אָט זייען זיינע אויגען... די ליעבע, לאַשצענדע אויגען... זיי שמייכלען צו איהר... זיי ווינקען... ער קומט! און זיינע ליפּען... ער פרעסט זיי צו איהרע... ער זויגט זיך איין אין איהר פלייש, זיינע הענד מיט די ווייסע לאַנגע פינגער ציהען זיך צו איהר... ער נעהמט זי פון הינטען ביים טאַליע ארום... אַזוי טהוט ער אַלע מאָל... ער דריקט זי צו זיך... ער שליסט זי איין אין זיינע אָרעמס... אָבער וואָס האַלט ער אין האַנד! אַ בוך! דער ווינקעל פון בוך האָט זיך איינגעשניטען אונטער איהר האַרץ און עס דריקט... עס דריקט... זי וויל איהם זאָגען ער זאָל אַוועקוואַרפען דעם בוך, אָבער איהר קול איז ווי געלעהמט פאַר תענוג...ער דריקט זי איצט אַזוי פעסט, אַזוי פעסט... די וואַרעמקייט פון זיין פרישען קערפּער גיסט זיך אַריין אין איהרען... און עפּעס איז איהר אַזויי ליכטיג פאַר די אויגען... אַזעלכע וואונדערבאַרע קאָלירען גיסען זיך צוזאַמען... אָבער דער ווינקעל פון בוך דריקט אונטער’ן האַרץ... וואָלט ער דעם בוך אַוועקגעוואָרפען!... און אָט טהוט ער מיט’ן בוך אַזאַ שטאַרקען דריק... עס טהוט אַזאַ שטאָך... דער בוך פאַלט אַרויס... זי הערט אַ בעקאַנטען געשריי עהנליך צו איהר קול... און פּלוצלונג ווערט איהר אַזוי

גוט... אַזוי גרינג... זי פיהלט אַ וואונדערבאַרע גרינגקייט אין איהר גוף... זי הויבט זיך אויף און פליהט אַלץ העכער, העכער, העכער... — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

דורכ'ן פענסטער גרויעט דער מאָרגען, דאָס גרויע ליכט, מישט זיך צו־זאַמען מיט'ן געלען שיין פון לאָמפּ, און בעלייכטען אומעטיג פריידעל'ס גע־זיכט.

# נאָר איין אבענד

ער איז אַ הויכער, אַ בלאָנדער, מיט גרויע, ענערגישע אויגען, וועלכע לייכטען מיט אַ קאַלטען גלאַנץ. זי איז אַ מיטעל־הויכע ברונעטין, מיט שוואַרצע ליידענשאַפטליכע אויגען, און מיט געדיכטע, שוואַרצע האָאַר.

ער איז אַלט 26 יאָהר. זי — מיט אַ פּאָאַר יאָהר אינגער. שוין פינף יאָהר ווי זיי אַרבייטען אין בעוועגונג.ביידע זיינען „אינטעליגענטען" און גוטע רעדנער.

מיט צוויי יאָהר צוריק זיינען זיי ביידע געוועזען פערשיקט אין איין דאָרף, און דאָרט האָבען זיי זיך פעראייניגט.

ער איז אין פעראיין בעקאַנט מיט'ן נאָמען „פּאַוועל" און זי „סאָניאַ".

אַ חוץ די נעמען האָבען זיי נאָך פיעל ליעבליכע ביי־נעמען. „דאָס שעהנע פּאָאַר", רופט מען זיי, „דאָס העלדען־פּאָאַר", איהם רופען מיידלאַך „זיידען־קאָפּ", איהר, בחורים — „רעוואָלוציאָנס־פייער".

זיי וואָהנען אין וו. אויף אַ פיערטען עטאַזש האַלטען זיי אַ קליינעם צימער. אין צימער געפינען זיך צוויי אייזערנע בעטלאַך, אַ הילצערנער טישעל מיט אַ פּאָר ביינקלאַך, און נאָך מאַנכע קלייניגקייטען, ווי ביי אמת'ע „פּראָלעטאַריער".

ער איז אַ לעהרער אין אַ שוהל, זי — דאָס גלייכען.

פערטהאָן זיינען ביידע זעהר שטאַרק. אַרבייט פעהלט ניט אויס . . . הייסע צייטען איצט . . . גלייך פון שוהל נעהט מען ביי די „סלאָוויאַנקע" מיטאַג עסען. ביי מיטאַג טרעפט מען זיך מיט „מענשען", מען רעדט וועגען נויטהיגע זאַכען ; דערווייל ווערט נאַכט. אין אָבענד פעהלט געוויס קיין אַרבייט : היינט אַן אַגיטאַציאָנס־פערזאַמלונג, מאָרגען אַ „סכאָדקע", איבערמאָרגען אַ דיסקוסיע א. ז. וו. אויב עס בלייבט זיי אַ ביסעל צייט, ברענגען זיי דאָס אויך ניט אויס אומזיסט. ביי זיי אין צימער אויפ'ן עטאַזשערקע געפינט זיך אַ היבש ביסעל גראָבע און דינע ביכלאַך, ביכער און בראָשורען; מען גריבעלט זיך אין זיי, אָם מעהרסטען זאַלבע עטליכע, ווייל שטענדיג נעכטיגען אין זייער צימער אַ פּאָר „ניט לעגאַלע" מענשען.

צווישען זיך לעבט „פאוועל" מיט „סאניא'ן" „ניט קאלט ניטווארעם", ווי מען זאגט. אט פאר צוויי יאהרען, אין קאלטען, איינזאמען דארף, איז עפעס אנדערש געווען . . . דאמאלס פלעגט מען „סענטימענטאלניטשייען", ווי פאוועל דריקט זיך אויס. איצט אבער איז ניטא קיין צייט . . .

פאוועל האלט איבערהויפט פאר א פערברעכען ווען א פארטיי־מענש ביי איצטיגער צייט פערבינדט זיך מיט וועלכע עס איז פערזענליכע ספליכ־טען; אבער אזוי ווי סאניא שטערט איהם אין קיין זאך, האט ער אויפ'ן שידוך קיין חרטה ניט.

די לעצטע צייט נאר האט איהם עפעס אנגעהויבען צו פערדריסען: סאניא האט זיך איבערגעאנדערשט. זי האט אויפגעהערט רויכערען, קעמט אפטער ווי געוועהנליך איהרע האאר, און, קוקענדיג אין שפיגעלע, פערטראכט זי זיך אפט אזוי שטארק, אז זי הערט ניט וואס מען רעדט צו איהר. דאס וואלט איהם נאך ניט אזוי אארען, נאר עפעס איז זי אין גאנצען אנדערש. זי האט אנגעהויבען צו לעזען מאפאסאן, נערוועז צו ווערען ביי דיסקוסיעס און פערפעהלען צו געהן אויף פערזאמלונגען. א פאאר מאל האט זי זיך גע־פרובט איהם אבהאלטען אין שטוב. און איהרע אויגען זיינען עפעס דאמאלס אזעלכע מאדנע געווען . . . זיי האבען אזוי גערופען, געצויגען . . . ער האט זיך שיער ניט געלאזט איבעררייידען... און דערפאר פערדריסט איהם טאקי זיין חתונה האבען... „א ווייב", טראכט ער אפט, ווי ענטוויקעלט זי זאל ניט זיין, איז פארט ניט דאס . . . פערזוכט זי נאר איין מאל די לאסקע, די ליעבע פון א מאנספערזאן, ווערט זי ניט זאט דערמיט . . . א ווייב איז א „מעשצאנסקע" זאך . . . ניט פאר קיין קעמפפער פאסט עס . . . אזוי בעשליסט פאוועל, און ער טהוט זיך אלץ מעהר אריין אין דער „ארבייט".

---

און איינמאל, אין א ווינטער־אבענד איז עס געווען, זיינען זייביידע געווען אליין אין צימער. אין צימער איז געווען שטיל. א לאמפ אונטער א ווייסען מילך־גלאז האט פערשפרייט א מילד־פערטראכטען שיין איבער'ן קליינעם פיער־עקיגען צימער. און דער שיין האט זיך אבגעשלאגען אן די ווייסע בעטציין, פאראהאנגלאך און אן ווייסען ליילאך, מיט וועלכען די קליידער אויפ'ן וואנד זיינען פערהאנגען געווען.

ער פאוועל, איז אומגעגאנגען אויף און אב איבער'ן צימער, ער איז געווען שטארק פערטיעפט און האט געמאכט נאטיצען אין א טאשען־ביכעל.

זי, סאניא, איז געזעסען ביי'ם טיש, אנגעטאהן אין א ווייסער שטוב־בלוזע, און האט געלעזען א בוך. זי איז געווען פערטיעפט אין לעזען און, קענטיג, שטארק פעראינטערעסירט. איהרע אויגען האבען ליידענשאפטליך

געשוועבט איבער די אותיות, און איהר האַנד האָט פּיעבערהאַפט איבער־געקעהרט די בלעטלאַך איינס נאָך דאָס אַנדערע.

דער גערויש פון בלעטער'ן, פּאַוועל'ס טריט און דער טיק־טאַק פון וועק־זייגער, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן עטאַזשעריקע, האָבען זעהר האַר־מאָניש אין דער שטילקייט געקלונגען.

די אַנגענעהמע שטילקייט האָט פּאַוועל צושטערט: זיי האָבען היינט ביידע בעדאַרפט געהן אויף אַן אַגיטאַציאָנס־פערזאַמלונג, און ער האָט זיך דער ערשטער דערמאָהנט.

ער האָט אַריינגעלעגט דעם ביכעל אין טאַש, און זיך אָנגעהויבען צורעכט מאַכען די קליידער. זעהענדיג, אַז סאָניאַ זיצט פערטיפעט, האָט זיך פּאַוועל גענעהנטערט צו איהר. זי האָט איהם ניט בעמערקט. זיין בליק איז געפאַלען אויפ'ן בוך וואָס זי האָט געלעזען. „מאַ־פּאַ־סאַן" ! האָט ער אויסגערופען מיט שפּאָט. סאָניאַ האָט זיך געוועקט. זי האָט אָנגעהויבען לעזען האַסטיגער, כדי צו קאָנטשען דעם קאַפּיטעל. אַז זי איז פאַרטיג געוואָרען, האָט זי אָפּ־געקעהרט איהר געזיכט צו פּאַוועל'ן און איהם אָנגעקוקט ווי פון שלאָף.

— מיר דאַרפען שוין געהן, האָט איהר פּאַוועל דערמאָהנט, עס איז שפּעט !

סאָניאַ האָט זיך נאַכלעסיג אויפגעהויבען פון שטול. פּאַוועל האָט בע־מערקט, אַז זי צענערט.

— סאָניאַ ! — האָט ער פעסט געזאָגט — היינט מוזטו געהן: מען האָט זיך געריכט אויף „פּרעמדע" רעדנער, און קיינער איז ניט געקומען.

סאָניאַ האָט איהם שווייגענדיג אָנגעקוקט, ער האָט אויסגעמיידט איהר בליק. זי האָט צוגערוקט צו זיך דעם קליינעם שפּיגעל און אָנגעהויבען פער־קאַמען די האָאָר. איהרע שוואַרצע, פּושיסטע האָאָר זיינען צופלויגען און זיך אַרום איהר ווי אַ וואָלקען פערשפּרייט. אויף איהר געזיכט האָט אַ רויטע פאַרב געשפּילט, די אויגען האָבען געלויכטען און די שוואַרצע צואוואָרפענע האָאָר האָבען איהר אַ געטליכען אויסזעהן געגעבען. זי האָט זיך לענגער בע־טראַכט אין שפּיגעלע און געשמייכעלט.

פּאַוועל האָט זי אָנגעקוקט, און ער איז עפּעס אונרוהיג געוואָרען . . . זיינע קאַלט־גרויע אויגען האָבען אויפגעלויכטען, ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט.

— עס איז שפּעט, זיי וועלען וואַרטען ! — האָט ער האַלב שטרענג געזאָגט.

סאָניאַ האָט איהם ניט געהערט.

ער איז נעהנטער צוגעגאַנגען.

— זיי וועלען וואַרטען אויף אונז ! — האָט ער ווידערהאָלט.

זי האט דערשפירט זיין נאהענטקייט, איהם צוגעצויגען צו זיך, און מיט איהרע ווייכע הענד האט זי אנגענומען זיין בלאנדען קאפ און אנגעהויבען קושען . . .

פאוול האט זיך פערלארען, אבער ניט אויף לאנג.

— סאניא, — האט ער גע'מוסר'ט, זיך בעפרייענדיג פון איהר, — מיר זיינען פארטיי־מענשען, ניט קיין ראמאנטיקער ; די ארבייט איז נויטהיג, מיר מוזען געהן !

סאניא האט איהם אנגעקוקט, איהרע אויגען האבען אויסגעדריקט ליידענשאפט און פארוואורף, איהרע ליפען האבען זיך נערוועז צוזאמענגעפרעסט, די ברוסט האט זיך בעוועגט, זי האט איהם געוויזען אויפ'ן אפענעם בוך, וואס איז נאך געלעגען אויפ'ן טיש.

— און דאס איז ניט נויטיג ? — האט איהר קול געציטערט.

— ניט פאר קעמפפער ! — האט פאוועל זיך בעמיהט צו מאכען זיין קול וואס שטרענגער. (א פויזע).

— ווילסט אפשר היינט פערבלייבען אין שטוב ?

זי האט זיך א כאפ געטהאן.

— אין שטוב ? איינע אליין ! ניין, ניין !

זי האט געשווינד צורעכט געמאכט די האאר.

פאוועל האט דערווייל פון אונטער'ן ליילאך אראבגענומען זייערע ביידענ'ס אויבערמאנטלען. ער האט זיך אנגעטהאן און נאכדעם איהר דערלאנגט דעם מאנטעל. זייערע בליקען האבען זיך ניט־ווילענדיג בעגעגענט . . .

זי האט שוואך אראבגעלאזט דעם מאנטעל, אנגעלעהנט איהר קאפ אויף זיין ברוסט, און איהרע הענד האט זי אריבערגעווארפען איבער זיין האלז.

— וואס איז היינט מיט דיר ? — האט ער געוואלט מוסר'ן, אבער ער האט אליין זיין קול ניט דערקענט, אזוי ווייך איז ער געוועז... ער האט אויפגעהויבען איהר קאפ און איהר געקוקט איז די אויגען אריין. זי האט אראבגעלאזט איהר בליק.

— איך וויל היינט אויפ'ן פערזאמלונג ניט געהן, — האט זי געזאגט מיט א ווייך, קינדיש קול, זיך שטעלענדיג נעהענטער צו איהם.

דאס ווארט, פערזאמלונג, האט איהם דערמאנט. ער האט זיך געוואלט בעפרייען ; זי האט ניט געלאזט.

— בלייב אין שטוב, און מיר לאז געהן ! — האט ער האלב־שטרענג געזאגט.

— איינע אליין וויל איך ניט פערבלייבען ! — האט זי זיך געפיעסצעט, זיך טולענדיג אלץ נעהנטער צו איהם.

— ביסט א קליין קינד ? — האט ער, האלב בייז, געפרעגט, און

ער האָט אַליין ניט געפיהלט ווי זיינע הענד האָבען אָנגעהויבען גלעטען איהרע האָאָר . . .

זי האָט איהם פעסטער אומגעקלאַמערט.

— איך בין ניט קיין קינד — האָט זי געשעפּצעט, און איהר קול האָט געציטערט, — איך בין אַ גרויסע, אַ דערוואַקסענע פרויענצימער . . . זי האָט זיך נעהנטער צוגעטוליעט צו איהם און איהם אָנגעוויזען אויפ'ן אָפענעם בוך.

— זעה ! — האָט זי געזאָגט מיט אַ הייסען אָבגעהאַקטען אָטהעם — זעה וואָס לעבען, וואָס ליידענשאַפט דאָרט איז פאַראַן . . . ווי קען זיך עס וועלען אוועקגעהן . . . איבערריידען טויזענד מאָל די אייגענע ווערטער . . . די פראַזען פילען שוין איבער די לופט . . . אַלץ טרוקענע פאַקטען . . . טרוקענע ציפערען . . . אַ טרוקענער לעבען . . . זעה ווי ליכטיג, ווי זוייבער און שטיל אין צימער איז . . . ווי יונג, ווי לעבענספול מיר זיינען ביידע . . . איין אָבענד ניט געהן . . . קיין בייז וועט געשעהן . . . איין אָבענד געניסען ליעבע, גליק, פערגעסענהייט . . . איך וויל בלייבען . . . איך וויל מיר זאָלען ביידע בלייבען היינט אין שטוב . . .

זי האָט אויפגעהויבען זיין בלאָנדען קאָפּ און איהם אָנגעהויבען ליידענשאַפטליך צו קושען.

ער איז געבליבען בעטויבט . . .

---

די נעכטיגע פערזאַמלונג האָט מען אָבגעלעגט אויף מאָרגען. ווער עס האָט יענעם אָבענד געהערט פּאַוועל'ן ריידען, דער קען דאָס קיין מאָל פערגעסען. עפּעס האָט ער גערעדט מיט אַזאַ פייער, גלייך ווי ער וואָלט זיך מתודה זיין אויף אַ געוואַלטיג־גרויסען זינד.

סאָניאַ איז אויך געווען, זי האָט זיך ענטזאָגט צו נעהמען אַ וואָרט".

צוריק אַהיים זיינען זיי געגאַנגען זאַלבע פירט : צוויי פרעמדע זיינען געווען, און זיי האָבען געזאָלט ביי פּאַוועל'ן נעכטיגען.

פּאַוועל האָט מיט זיי די גאַנצע וועג גערעדט ; און, אַז סאָניאַ האָט געפּרובט אַריינלייגען איהר האַנד אין זיין אָרעם, האָט ער זיך האַסטיג, כמעט גראָב, בעפרייט . . .

פּאַוועל האָט ביז שפּעט אין דער נאַכט דיסקוטירט מיט די „פרעמדע", און סאָניאַ איז געווען נערוועז . . .

# מאמענטען

די גרויסע בעוועגונגס־מאשין האט בעקומען א קלאפ, איז קאליע גע־ווארען און זיך אבגעשטעלט. די טויזענד־צאהליגע שרייפעלאך — די מענ־שען, האבען זיך אויך אבגעשטעלט, און יעדער האט זיך אומגעקוקט וואו ער געפינט זיך ערגעץ אין דער וועלט.

עס האט זיך אויך אומגעקוקט „מאשא".

בשעת מאשא איז אריין אין דער בעוועגונג, האט זי, א חוץ איהר בע־צויבערענדע רעדענס־־קראפט, אויך פערמאגט א הויכע, שטאלצע, שעהן גע־פארמטע געשטאלט, א קאפ פעך־שווארצע געבויגענע האאר, א צארט־ראזיגען געזיכט און א פאאר רונדע, שווארצע ענערגיש־ליידענשאפטליכע אויגען.

איצט איז מאשא'ס הויכע געשטאלט מאגער און איבערגעבויגען, דאס געזיכט איז בלייך און איינגעפאלען, פון די פעך־שווארצע האאר איז גע־בליבען א קליין בינטעל, דורכגעשטרייפט מיט גרויע, די רונדע אויגען זיינען טיעף אין קאפ אריין און אונטער זיי ציהען זיך ברוינליכע רעדער.

מאשא איז דורכגעגאנגען, ווי מען זאגט, „אלע אבטהיילונגען פון גיהנום". אז זי דערמאנט זיך איצט וויפיעל זי האט דורכגעמאכט, וואונדערט זי זיך, ווי אזוי זי צעהלט זיך נאך צווישען די לעבעדיגע.

מאשא האט קיין מאל ניט בעמערקט דאס פערשווינדען פון איהר שעהנ־קייט און יוגענד, אזוי ווי קיינער האט עס בעמערקט — ווער האט דען צייט געהאט צו קוקען אדער טראכטען וועגען אזעלכע זאכען ? בעמערקט האט עס נור איין פריעדמאן, וועלכען די בעקאנטע האבען געהאלטען פאר א שטיקל „פעסימיסט", און וועלכער האט זעהר ליעב געהאט מאשא'ן.

„די בעוועגונג עסט זי אויף !" האט זיין הארץ געוויינט, קוקענדיג ווי זי ווערט וואס פון טאג מעהר איינגעפאלען. פיעל מאל האט ער זיך ניט איינ־געהאלטען און געווארענט זי : „מאשא", פלעגט ער זיך בעטען, „זעה וואס עס ווערט פון דיר, ווי דו זעהסט שוין אויס !"

מאשא פלעגט איהם שמייכלענדיג אנקוקען. „וואס זאל מען טהון ?" פלעגט זי פרעגען מיט א לייכטען שפאט.

„היט דיין שעהנקייט, מאשא; דיין יוגענד האלט אן. עס וועט דיר אמאל צו נוץ קומען.״

און אנדערען אויף זיין ארט וואלט מאשא אנגעזידעלט. וואס איז זי דען: א סאלאן דאמע, א קוקלע איז זי, אז זי זאל היטען איהר שעהנקייט? פריעדמאנען אבער, פלעגט זי נור צוואווארפען א גריגגשעציגען בליק. דאס האט געהייסען: וואס איז דא צו רעדען מיט א צובראכענע נשמה, מיט א פעסימיסט?

איצט דערמאנט זיך מאשא אפט פריעדמאן'ס רייד. „וואלט זי איהם געפאלגט״, קלעמט דאס הארץ אין איהר. ווי נויטהיג וואלט זי איצט בעדארפט איהר יוגענד און שעהנקייט!

---

א זאנדערבארע צייט איז געקומען. די מענשען, ענטטוישטע, מיעדע, צובראכענע פון שרעקליכען קלאפ, האבען זיך אווארף געטהאן איינס דאס אנדערע אין די ארעמס. און פאאר'ן זיינען זיך אלע צופאלען, עפעס ווי זיי וואלטען וועלען פערטרינקען אין געשלעכטליכען פערבאנד דעם ביטערען יאוש; אדער ווי די נאטור אליין וואלט זיי צווינגען איהר אבצוגעבען א נייע מענשען־מאסע פאר די אלטע, וועלכע דער קאמפף האט איינגעשלונגען...

אלע זיינען צופאלען אין פאאר'ן. פאוועל האט זיך פעראייניגט מיט בעללא'ן, א וואונדערשעהנע פאאר; סאלאמאן איז זיך צוזאמענגעגאנגען מיט דער געלער אנושקא'ן און אפילו מאקס דער בלאנדער, וועלכען מען האט גערופען מיט'ן צונאמען „דער קאלטער", „אוכאזשעוועט" אויך פאר סאניא'ן און מען זאגט, עס האלט שוין גאר נאהענט.

מאשא נור איז געבליבען אליין: די נייע קלעפען זיך ניט, און די אלטע בעקאנטע זיינען שוין לאנג ניטא. אנדערע זיינען אומגעקומען אין שטורם, אנדערע זיינען אזוי צוזעעט און צושפרייט איבער דער וועלט.

פריהער פלעגט איהר מיט די נייע בעקאנטע צוזאמענבינדען די „ארבייט״, איצט, אז די ארבייט ציהט זיך שוואך און נאכלעסיג, פיהלט זי זיי פאר פרעמדע צו זיך, פאר ווילד־פרעמדע . . . זי פיהלט זיך אין דער גרויסער וועלט איינע אליין. „וואלט זי נאך יונג געווען!...״

און א זיפץ שפארט זיך ארויס פון איהר פערקלעמטער ברוסט. זי דערמאנט זיך אן איהר יוגענד, זי גריבעלט זיך אין איהר פערגאנגענהייט, זי זוכט דארט און זוכט. זי געפינט פערשיעדענע גליקליכע, שעהנע מאמענטען, דאס מאכט זי נאך אבער טרויעריגער — די שעהנע מאמענטען פערשווינדען ווי א בליץ און די געדיכטע, גרויזאמע פינסטערקייט בלייבט . . .

מיט איזידאר'ן האט זי זיך אויפגעטראפען אין א'ן איינזאמען דארף. אויפ'ן אנדערען טאג האבען זיי זיך שוין געקושט . . . א זעלטענעם כח האט

ער געהאַט צו פאַנגען אַ האַרץ ! אַ ריטער־געשטאַלט האָט ער געהאַט, און אויגען — פייער־שפּייענדע ! ווי ליעב זי האָט איהם געהאַט !! ווי איהר האַרץ האָט לאַנג געבענקט נאָך איהם, כאָטש די „אַרבייט" האָט דאַרויף קיין צייט געלאָזט ! אַ פּאָר וואָכען שפּעטער איז זי אַנטלאָפען פון דאָרף. מיט איהם האָט זי זיך מעהר ניט אויפגעטראָפען.

מיט „גרישאַ'ן" האָט זי זיך בעגעגענט אין ק. זי געדענקט, עס איז דאַ־מאָלס אַ הייסער זומער־טאָג געווען. ער איז געגאַנגען אָנגעטהאָן אין אַ ווייסען לייוועגטענעם רעקעל. אַ מיידעלשען געזיכט האָט ער געהאַט, אַ צאַרטען, אַ ראָזיגען, און אַקעגען ווייסען רעקעל האָט עס נאָך צאַרטער אויסגעזעהן. אַ גאָלדענע שפּראָצונג האָט זיין פּולען, יונגען פּנים בעזוימט, געדיכטע, דונקעל־בלאָנדע האָאָר האָט ער געהאַט און אויגען — גרויסע, בלויע, קינדיש־אונ־שולדיגע. זי האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף איהם און איהר האַרץ האָט געקלאַפּט בשעת זי האָט בעגעגענט זיין בליק. אין אָבענד האָבען זיי זיך געשיפט אין אַ „לאָדקע" : קיין קוואַרטיר איז ניט געווען און מען האָט גע־דאַרפט זיך דורכרעדען. די נאַכט איז געווען אַ העלע, אַ וואַרימע, דער טייך גלאַט ווי אַ שפּיגעל און בעגאָסען מיט זילבערנע לבנה־ליכט. קיינעם האָט זיך ניט גערעדט. אַלע האָבען דערפיהלט אַ זיסע בענקשאַפט נאָך עפּעס אונבעקאַנטעס . . . בעריל דער סטאָליאַר האָט זיך צוגעטוליעט צו ריבצע דער זאָקענמאַכערין ; פייגין, דער „אינטעליגענט" האָט אומגעאַרעמט די יונגע רייזעלע, אַ גימנאַזיסטקע פון פינפטען קלאַס, און זי, מאשאַ, האָט אַליין ניט געפיהלט ווי אַזוי איהר האַנד איז געקומען אין גרישאַ'ס . . . ער האָט זי אַזוי געדריקט . . . אַ זיסער ציטער האָט דורכגענומען איהר לייב.

אויף מאָרגען האָט מען זי אַרעסטירט. שפּעטער האָט זי זיך זעלטען דער־מאָנט אָן איהם. די „אַרבייט" האָט איינגעשלונגען אַלעס. אין אַ צייט אַרום האָט זי געהערט, אַז ער איז אומגעקומען אין אַ צוזאַמענשטוים. זי געדענקט ניט, צי האָט זי איהם געשענקט אַ בעזונדערען טרעהר...

און ווי האָט זי זיך געטראָפען מיט עפּשטיינען ? אין אַ פּערוואָר־פענעם שטעדטיל איז איהר אויסגעקומען צו פערברענגען אַ פּאָאָר וואָכען. ער איז געווען איינער פון די „נפשות" וואָס זי האָט „געשאַפען". שפּעטער איז ער אַ בעריהמטער טהוער געוואָרען. „ אַ פּאָעטישע נשמה האָט ער געהאַט דער עפּשטיין!" און זיינע אויגען זיינען געווען אַזעלכע טיפע, פער'חלומ'־טע, טרויעריגע, ווי עס וואָלט זיך אין זיי אָבגעשפּיגעלט דער וועלט־טרויער ; זיי, די אויגען, פלעגען נור אויפלייכטען ווען ער פלעגט זי דערזעהן — צוויי זונען פלעגען אויפגעהן. ווי ליעב האָט ער זי געהאַט ! דעם זוים פון איהר קלייד פלעגט ער קושען, די הענד, די האָאָר, און אַזוי צערטליך, אַזוי עדעל, אַזוי ווייך . . . שפּעטער פלעגט ער זי מיט בריעף פערוואַרפען, ריהרענד־

פערבענגטע, ליידענשאַפטליכע בריעף. ווער האָט דען צייט געהאַט איהם צו ענטפערען . . . .

מאשא זיפצט : „וואָלט זי זיי איצט געהאַט !" זי קוקט אין שפּיגעלע אריין, א ביטערער שמייכעל פערקרימט איהרע ליפּען : „איצט שוין סאַי ווי סאַי צו שפּעט" . . .

---

אָבענד. א קליינער, לענגליכער צימער, גרויע ווענד, אן אַלט אייזערן בעטעל, א לאַמער טישעל, אן אַלטער שטוהל, אן עטאַזשערקע מיט ביכער. אויפ'ן טישעל שטעהט א קליינער לאָמפּ, וועלכער ברענט מיט א געלען דונ־קעלען שיין. מאשא שפּאַנט אונרוהיג איבער'ן צימער.

„די נעכט, די נעכט", זיפצט זי שווער, „וואו טהוט מען זיך אהין ! אך, ווי די איינזאַמקייט דריקט, ווי עס נאָגט און דריקט !"

זי בעטראַכט דאָס צימער : „וואָס פאַר אן אָרימקייט", ברומט זי אונ־צופרידען, „און דאָס איז דער סוף פון אלץ . . . דער לוין פאַר אלץ . . ."

זי שטעלט זיך אָב בײ'ן פענסטער. אנטקעגען פענסטער ברענט העל א לאָמפּ, זי עסט איין דאָרט איהר בליק — דאָרט וואוינט סאַלאָמאָן מיט אנושקאַ'ן. פאַר די ווייסע פאָרהענגלעך בעוועגען זיך שאָטענס — וואָס טהוען זיי איצט ?... א ווערהטאָג פיהלט אן איהר האַרץ. ווי אין א טויבען־נעסט זיצען זיי ביידע . . . דאָס יונגענד־פייער בעלייכט זייער היים . . . זיי לעזען איצט געוויס א לעבהאַפטען, אויפרעגענדען ראָמאַן . . . ניטאָ קיין בראָשורען, קיין וועלט־פראַגען, קיין פּאָליטיק . . . זיי האָבען זיך אין גאַנ־צען ענטזאָגט פון דער „ארבייט" . . . אזוי בעדאַרף צו זיין . . . געניסען דאַרף מען פון דער יוגענד . . . ניט צוברעקלען זי אויף אלערליי גרויסע קליינינקייטען . . .

דער ווערהטאָג נעהמט ארום שטאַרקער איהר האַרץ. זי פּרעסט צו איהר הייסען שטערען צו דער קאַלטער שויב. זי קוקט אין דער נאַכט אריין. עס ווערט איהר נאָך אומעטיגער — דונקעלע כמארעס ציהען זיך אויפ'ן הימעל, ציהען זיך, ציהען זיך, אהן א תכלית, אהן א ציעל . . . זי פערטראַכט זיך אין איהר פערגאַנגענהייט, זי זוכט מיט וואָס אנצואווארעמען איהר פער־פראָרענע נשמה . . . מיט וואָס דורכצורייסען דעם געדיכטען טרויער־נעבעל וואָס האָט איינגעהילט איהר גייסט . . . זי געפינט אָבער ניט. די ערא־י־נערונגען זיינען טרויעריגע, ביטערע, טויט־שרעק, פערפאָלגונג, געפענגניס, הונגער־שטרייק, פערצעהרענדע קעלטען, ביטערע איינזאַמקייט, פערלוסט פון נאָהענטע און ליעבע, הור־הא, טומעל, קריעג . . . און גליק ? ניין, מאַ־מענטען נור, דער אָבגלאַנץ נור פון גליק ! . . .

# אַ נייע פּאָאר

אונזער געשפּרעך איז ארויסגעקומען אויף פרייע ליעבע.

מיר זיינען געוועזן פערזאמעלט אונזערע צעהן: צוויי „פּאָארלאַך" פון נייעם שניט, דאָס הייסט פעראייניגטע אָהן חופּה וקדושין, צוויי צו־קינפטיגע פּאָארלאַך, איין „לעדיגער", און איך.

דער געשפּרעך איז געוואָרען לעבעדיג. די אויגען האָבען ביי אַלע אויפ־געלויכטען. די שטימען האָבען געקלונגען העל, קענטיג אַלע זיינען געוועזן צופריעדען וואָס דער געשפּרעך איז ארויף געקומען אויף דער טהעמא. אַלע האָבען היציג אָנגעהויבען ריידען און דעבאטירען.

מעהר אָבער פאר אַלעמען האָט זיך, דאָס מאָל געהיצט סאָניטשקא; דערפאר האָט דער „לעדיגער" וועלכען מיר רופען ביים צונאָמען „ברודער", געשוויגען און זיין געזיכט איז געוואָרען ערנסט און „אָנגערוקט".

סאָניטשקאַ איז אַ יונג 18 יעהריג מיידעלע, אַ קליינס, אַ צארט׳ס, מיט אַ בלייכען קינדערשען פּנים׳ל און מיט אַ פּאָאר שעהנע ליכטיגע אוי־געלאַך. זי איז ניט לאַנג אריבערגעקומען פון רוסלאַנד. געקומען איז זי צו איהר „דרוג" (פריינד) עפּשטיין און זיי רעכענען זיך פאר אַ צוקינפטיגע פּאָאָר.

דער „ברודער" הייסט, פרידמאַן. ער איז אַ הויכער, מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, מיט אַ בלייכען אינטעליגענטען געזיכט און מיט שעהנע שווארצע אויגען. ער איז אַ ווארימער, צוגעלאָזטער מענש, בשעת ער רעדט מיט עמיצען, האָט ער אַ טבע צו לייגען די האַנד אויף יענעם׳ס אַקסעל און איהם אָנצורופען, „ברודער". דערפאר האָט ער ביי אונז געקריגען דיזען צונאָמען. מיר האָבען איהם אַלע ליעב, איבערהויפּט בשעת ער איז אויפגעלעגט, דאַ־מאָלס זינגט ער מיט אַ זיסען אנגענעהמען קול, דעקלאַמירט שעהן, מאַכט שפּאַס, זאָגט וויטצען, און לאַכט אויף אַ הויכען קול.

„גליק ברייננט די ליעבע, ווען זי איז פריי פון פפליכטען, ווען מ׳איז צו קיינעם מיט גאָרניט צוגעבונדען, ווען מ׳איז פריי ווי אַ פויגעל אין וואלד, דאַמאָלס קען מען זיין גליקליך און דיענען טריי. דעם גאָט פון ליעבע !!"

אזוי האָט היציג גערעדט סאָניטשקאַ. אין איהר שטימע האָבען גע־קלונגען גלויבען און בעגייסטערונג. מיר האָבען זי אָנגעקוקט, זי איז געווען אין דער מינוט וואונדער־שעהן. איהרע ליכטיגע אויגען האָבען געקוקט אין דער ווייטקייט ווי זיי וואָלטען אַריינבליקען אין יענע שעהנע וועלטען פול מיט ליעבע און גליק, אויף איהר בלייכען געזיכט האָט געשפּיעלט די פאַרב פון אונשולד, און איהר יונגע ברוסט האָט זיך געהויבען אַרויף און אַראָפּ.

אַ וואַרעמע פרייד האָט אונז דורכגענומען, מיר האָבען אין דער מינוט טריי געגלויבט אין ליעבע און אין גליק... עס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען: אונזערע בליקען זיינען, ווי דורך אַ כישוף, צוגעצויגען געוואָרען צום „ברו־דער" און אונז האָט דורכגענומען אַ פראָסט: זיין געזיכט איז געווען בלייך און פינסטער, די ליפּען האָבען געצוקט פאַר אויפרעגונג און אַרום זיי האָט געשוועבט אַ שמייכעל, אַ שפּאָטישער, אַ ביטערער, אַ גיפטיגער שמייכעל, אַ שמייכעל וועלכער צושטערט אין איין אויגענבליק די גרעסטע לופט־שלע־סער, און וועלכער מאַכט פערקיהלען דאָס בלוט אין די אָדערען.

„וואָס, איהר גלויבט ניט אין פרייע ליעבע, אין דעם גליק וואָס פרייע ליעבע ברייננגט?" האָבען מיר זיך אַלע געוואָרפען צו איהם.

ער האָט אַ ווייליל געשוויגען ווי ער זאָל זיך איבערלעגען וואָס, נאָכדעם האָט ער אונז אַרומגענומען מיט אַ בליק, מיט אַ בליק וועלכען מען שענקט נאָר יונגע, עלענדע יתומים'לאַך, און ער האָט געזאָגט:

„קינדער!" (דאָס וואָרט האָבען מיר פון איהם צום ערשטען מאָל געהערט, און אזוי רחמנות'דיג־ווייך האָט עס געקלונגען) „קינדער, איך וועל אייך דערצעהלען פון מיין אייגענעם לעבען, און דאָס וועט זיין דער בעסטער ענטפער פאַר אייך!"

מיט אייגגעהאַלטענעם אָטהעם האָבען מיר זיך צוגעהערט, און דער „ברודער" האָט דערצעהלט:

— איך בין געבוירען און ערצויגען אין אַ קליין שטעדטעל אין רוס־לאַנד. אונזער שטעדטיל געפינט זיך ביי די ברעגעס פון „ניעמאַן" וועלכע זיינען בעריהמט דורך זייער שעהנער פּאָעטישער לאַנדשאַפט. דאָס שטעדטיל איז איינגעטונקט אין גרינס. פאַר יעדער הויז אַ פרוכט־גאָרטען אָדער בלו־מען־בייטען, צוקאָפּענס די הייזער ציהט זיך אַן אַלטער געדיכטער וואַלד, צופוסענס שפּרייטען זיך פרוכטבאַרע לאַנקעס און פעלדער און עטוואָס וויטער וויעגט זיך לאַנגזאַם דער שעהנער, גרויסער טייך, „ניעמאַן".

געבוירען אין אַ שטעדטיל וואו די נאַטור איז אזוי רייך, בין איך זעהר יונג געוואָרען ראָמאַנטיש אָנגעלייגט. קוים זיבעצעהן יאָהר איז מיר געוואָ־רען, ווען איך האָב מיך פערליעבט אין דער שעהנער רייזעלען.

רייזעלע איז געווען מיט א יאהר אינגער. זי איז געווען פון מיטעלען וואוקס, א „געטאַקטע", בויגזאַמע געשטאַלט, די בעוועגונג געשיקטע און פלינקע, א געזיכט א ברוינליכע און אויגען גרויסע, שווארצע, וועלכע האָבען געביטען זייער אויסדרוק: אמאָל האָבען זיי געקוקט קינדיש־מילד ווי זיי וואָלטען זיך לאַסטשען צו א ליעבער, צערטליכער מוטער, א מאָל זיינען זיי געווען פער'חלומ'ט און טרויעריג, און אמאָל האָט ארויסגעשיינט פון זיי די ליידענשאַפט פון נאָר־וואָס ערוואַכטער פרוי...

עס האָט זיך אָנגעהויבען ביי אונז א ראָמאַן. א ראָמאַן וועלכען דעם קינסטלער'ס פעדער איז שוואך צו שילדערען און וועלכען עס קענען נאָר פיהלען א פּאָאר יונגע, טרוימענדע, קליינשטעדטעלשע קינדער ווי מיר.

מיר האָבען זיך ביידע געלערענט. און בשעת מיר האָבען איינגעאָטהעמט דעם בלומען־ריח, בשעת מיר האָבען איינגעזאַפּט דאָס זונען־ליכט און דעם ווייסען שטראַהל פון דער לבנה, האָבען מיר אויך ניט פערגעסען צו חלומ'ען וועגען אונזער צוקונפט, וועגען דער גרויסער שטאָדט וואו מיר רעכענען פאָהרען שטודירען, וועגען גליקליכען אידעאַלנעם לעבען וואָס אונז ערווארט דאָרט א. ז. וו.

נאָכהער איז געקומען די צייט ווען מיר האָבען אונזער שטעדטעל פערלאָזען. מיר האָבען זיך ביידע יונגע, גליקליכע, פערליעבטע, פול מיט חלומות, פאַנטאַזיען און האָפנונגען, בעגעבען אין דער גרויסער שטאָדט וו.

---

די גרויסע שטאָדט האָט א נייע עפּאָכע אין אונזער לעבען אריינגעבראַכט. ברייטע גאַסען, הויכע מויערען, עלעקטרישע בעלייכטונג, נייע בעקאַנטע, נייע רייד, נייע אידעען, דאָס איז אַלץ געווען פאַר אונז די ערשטע צייט איבערראַשענד און אַנגענעהם; אָבער, בשעת מיר האָבען זיך שוין מיט די אַלע נייאיגקייטען אביסעל אָנגעזעטיגט, בשעת אונזער לעבען האָט אָנגעהויבען געהן זיין געוועהנליכען גאַנג, און מיר האָבען זיך שוין געגומען פאַר די לערן־ביכער, דאַמאָלס זיינען מיר ביידע געוואָרען א ביסעל טרויעריג: דער רויש פון דער גרויסער שטאָדט האָט אונזער שטילע אידיליע צושטערט; מיר האָבען זיך אָנגעהויבען פיהלען פרעמד צו איינאַנדער: אין דערהיים זיינען מיר נאָר ביידע געווען, דאָ זיינען מיר געווען א גאַנצער קרייז, רייזעל פלעגט ריידען מיט אַנדערע בחורים, און איך מיט אַנדערע מיידלאַך. עס האָט אונז אָנגעהויבען פלאָגען די אייפערזוכט. מיר האָבען דערשפּירט א געהיימע שרעק, גליך מיר האַלטען ביים פערלירען איינס דאָס אַנדערע, און מיר האָבען זיך אָנגעהויבען צו דערנעהנטערען דורך ליידענשאַפטליכע אומארמונגען און קושען . . .

מיר האָבען בעשלאָסען זיך צו פעראייניגען.

צווישען די יוגענד האָט געהערשט דער פרייהייטס־גייסט און דער גייסט פון פרייע ליעבע. מיר זיינען אויך פון דיזען גייסט ארומגעכאַפּט געוואָרען. מיר האָבען זיך פעראייניגט אויפ'ן נייעם שטייגער, ניט גאָר אָהן חופה וקדושין נאָר אויך אָהן פפליכטען, „פריי ווי די פויגעלאך אין וואלד".

מיר האָבען גענומען א קליינעם צימער. אונזערע מעבעל זיינען בע־שטאנען פון א פּאָאר אייזערנע, צובראָכענע בעטלאך, א לאָמען טישעל, א פּאָאר ביינקלאך און נאָך מאנכע קלייניגקייטען. מיטאָג פלעגען מיר עסען אין א ביליגען רעסטאראַן, און פריה און אבענד פלעגט מען ארויפברענגען פון טהעע־הויז א קענדיל געקאָכטע וואסער מיט זעמעלאך. דאָס איז אלץ געווען נאָכ'ן נייעם, אידעאַלנעם סטייל... מיר זיינען טאַקי דערפאר געהויי־בען געוואָרען אין די אויגען פון אונזערע בעקאנטע, און מען האָט אונז א נאָמען געגעבען, „דאָס נייע פּאָאר".

די ערשטע צייט זיינען מיר געווען גליקליך. דער געשלעכטליכער פערקעהר האָט אונז צוזאמענגעבראכט, מיר האָבען אויף א צייט אויפגע־הערט ליידען פון אייפערזוכט, מיר פלעגען לערנען צוזאמען, און מיר האָבען אָנגעהויבען בעזוכען די געהיימע פערזאמלונגען וועלכע האָבען זיך צו יענער צייט אָנגעהויבען אין אונזער שטאָדט.

אונזער גליק האָט ניט לאנג געדויערט: רייזעל, אָדער ראָזא, ווי זי האָט זיך אָנגעהויבען רופען — האָט אָנגעהויבען שוואנגערען טראָטץ אלע מיטעל וואָס זי האָט אָנגעווענדעט געגען דעם. מיר זיינען ווידער געוואָרען פערעמד: ראָזא איז געוואָרען בייז, קאַפּריזנע, איהר שעהנע בויגזאמע גע־שטאלט איז געוואָרען אומגעלומפּערט... דער קול טרוקענער און הארטער, עפּעס גאָר ניט די זעלבע... די בשורה פון נייעם דור האָט אונזביידען ניט געפרעהט. מיר זיינען געוואָרען „אָנגעכמורעט" איינע אויף די אנדערע; און אזוי האָבען זיך אָנגעהויבען ציהען אומעטיגע טעג נאָך אין די ערשטע מאָ־נאטען פון אונזער צוזאמענלעבען. לערנען האָבען מירביידע אויפגעהערט. דער חשק פון „זוברעווען" האָט אָבגענומען. צו איז שולדיג געווען דעריין דער צוזאמענלעבען, צו די פּארטיי־ארבייט, דאָס ווייס איך ניט.

נאָכדעם זיינען די לעצטע מאָנאטען געקומען. ראָזא האָט ניט געקענט פערלאָזען דעם צימער. איך פלעג בלייבען די אבענדען אין שטוב. קיין גע־מיינשאפטליכעס צווישען אונז איז איצט ניט געווען. מיר פלעגען אָבזיצען שעה'ן לאנג גרימיגע, יעדער פערטיעפט אין זיין בוך, און אויב מיר פלעגען פערציהען א געשפּרעך, פלעגט גלייך ענטשטעהן צווישען אונז א קריעג.

און איינמאָל, נאָך אזא קריעג, איז מיר איינגעפאלען אזא געדאנק: „מיר זיינען דאָך צו איינאנדער ניט צוגעשוואָרען, נאָך וואָס בעגראָב איך מיר אין שטוב?" עס האָט מיך בשעת מעשה א ציה געטהאָן אין גאס

אריין. איך האָב מיך פאַר'ן געדאַנק דערשראָקען. אין גאַס בין איך יענעם אָבענד ניט געגאַנגען. דער געדאַנק, אָבער, האָט מיך שוין ניט אָבגעלאָזט. דער צימער איז מיר געוואָרען ענג און אומעטיג. די שטילקייט, די „אָנגעבלאָזענקייט" האָט מיך געדריקט, איך בין געוואָרען זעהר אונרוהיג, עס האָט מיך געשלעפּט אהין צו די בעקאַנטע אויף די פערזאַמלונגען, איך האָב אָנגעהויבען זוכען א זכות: „מענשהייט", „אידעען", "כלל־ארבייט", וכדומה . . .

אויף'ן פיערטען אָבענד האָב איך געלאָזט ראָזא'ן אליין אין צימער און איך בין אַוועק. אויף'ן אַנדערען טאָג איז עס מיר שוין ניט געוועזען אזוי שווער און איך בין ווידער אַוועק. און אזוי האָב איך געלאָזען ראָזא'ן אין א קרענקליכען צושטאַנד, אליין אין שטוב או איך האָב אָנגעהויבען געהן אויף פערזאַמלונגען.

ראָזא האָט מיר גאָר ניט געזאָגט, נאָר געפיהלט האָב איך אַז זי איז איצט פרעמדער צו מיר ווי פריהער, אַז זי בויעט גרויסע פּלענער וועגען איהר צוקונפט אין וועלכען איך בין ניט אריינגערעכענט... אפילו קריגען זיך מיט מיר, האָט זי איצט אויפגעהערט.

מיר האָט עס די ערשטע צייט געשראָקען. שפּעטער האָב איך קיין צייט געהאַט צו קלעהרען וועגען דעם. די אַרבייט אין בעוועגונג איז געוואָרען רוי־שיגער, די פערזאַמלונגען זיינען געוואָרען אינטערעסאַנטער, איבערהויפּט פון דער צייט ווען ס'איז אהער אראָבגעקומען „סאָניא", א סטודענטין פון דער שווייץ, און א זעלטען־גוטע רעדנערין.

„סאָניא" האָט מיך פעראינטערעסירט. ניט קיין שעהנע איז זי געוועזן, א הויכע, א מאַגערע, און מיט א לאַנגען, מאַגערען געזיכט. זי איז אָבער געווען א פרייע, א צוגעלאָזטע, איהרע האַנדלונגען זיינען געווען ווי פון א פרייען מאַן. איך בין איהר געפעלען און נאָך די פערזאַמלונגען, פלעגט זי מיר, אָהן צערעמאָניעס, נעהמען אונטער'ן אָרעם, און מיר פלעגען ביידע געהן. אָפט פלעגען מיר אָבזיצען אין א פּאַרק ביז שפּעט אין דער נאַכט און סאָניא פלעגט מיך גאַנץ פריי קושען און אומאַרמען, און אמאָל פלעגען מיר געהן צו איהר אויף'ן קוואַרטיר וואו איך פלעג שוין נעכטיגען.

פאַר דער צייט האָט ראָזא געבוירען א קינד. מיר האָט עס ניט אינטערעסירט. איך פלעג איבערהויפּט זעלטען זיין אין שטוב. ראָזא האָט געשוויגען.

איינינגע מאָנאַט שפּעטער איז סאָניא אָבגעפאָהרען. קיין בענקשאַפט האָט זי מיך ניט איבערגעלאָזט. אויף'ן אַנדערען טאָג האָב איך שוין כמעט איהר אויסזעהן פערגעסען. זי האָט מיר אָבער פריי געמאַכט מיין געדאַנק און איך האָב מיך אָנגעהויבען אומקוקען אויף מיין שטוב.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך איצט רעכט דערזעהן מיין פרוי און קינד און איך האָב מיינע אייגענע אויגען ניט געגלויבט: ראָזאַ איז געווען שעהן, איהר געשטאַלט איז געוואָרען העכער, ברייטער, ענטוויקעלטער, אויפ'ן געזיכט האָט געשפּיעלט אַ פרישע פאַרב, און די אויגען האָבע געלויכטען מיט אַזוי פיעל ענערגיע און מוטה און צוגלייך אַזוי ליידענשאַפטליך. און דאָס קינד? דאָס קינד — אַ אינגעלע — איז שוין אַלט געווען פיער מאָנאַט. דאָס איז געווען אַ מלאך־קינד, אַ ווייס, אַ ראָזיגעס, מיט שעהנע, לעבעדיגע אויגעלאַך.

איך האָב מיך, מיט גרויס חרטה אין האַרצען, אַ וואָרף געטהאָן צו מיין פרוי און קינד. מיין פרוי האָב איך מעהר ניט געהאַט. זי האָט מיר אויף מיין ליעבע געענטפערט מיט אַזאַ קאַלטקייט, אַז איך האָב באַלד געמוזט אויפגעבען די האָפנונג. איך האָב מיך געכאַפּט צום קינד. איך האָב עס אָנגעהויבען אָפּט אויף די הענד צו האַלטען, זיך שפּיעלען מיט איהם, און אַז עס פלעגט איינפלאָנטערען זיינע הענטלאַך אין מיינע לאַנגע האָאָר, פלעגט מיר דורכנעהמען אַ וואַרימקייט.

ראָזאַ האָט געוואָלט מען זאָל עס אַוועקגעבען צו אַ נאַם. זי האָט עס ניט צו שטאַרק געליעבט. איך האָב ניט דערלאָזט.

פון דאַמאָלס אָן האָבען מיר זיך געביטען אין די ראָלען. איך פלעג די אָבענדען פערבלייבען אין שטוב היטען דעם קינד און זי פלעגט געהן אויף פערזאַמלונגען. איך האָב געוואוסט, אז דער עיקר ביי איהר איז ניט די פערזאַמלונגען, נאָר דאָס טרעפען זיך מיט מענשען. איך האָב געוואוסט, אַז דאָרט טרעפט זי זיך מיט אַבראַמסאָנען וועלכער איז צו איהר ניט גלייכגילטיג שוין פון לאַנג, און מיט נאָך אַנדערע. מיין האַרץ האָט אָנגעהויבען נאָגען אייפערזיכטיגע געפיהלען. איך האָב אָבער ראָזאַ'ן ניט געטאָרט זאָגען גאָרנישט אפילו ווען איך וואָלט זי „געכאַפּט פאַר'ן האַנד": זיינען מיר דען ניט פריי ווי די פויגעלאַך אין וואַלד? טהאָר מען דען ניט אויפהערען אייינעם ליעבען און זיך פעראינטערעסירען מיט איין אַנדערען? האָב איך דען אַנדערש געהאַנדעלט! איך האָב אָבער געפונען אויף אַנ'אַנדער אַרט מיין כעס אויסדריקען. בשעת איך פלעג זעהן מיין פרוי קומען אַ לוסטיגע און אַן אויפגערעגטע, מיט אַ פערפלאַמטען געזיכט, פלעגט זיך אָנציגדען מיין האַרץ פון אייפערזוכט און איך פלעג אָנהויבען מיט איהר אַ קריעג.

— אַזוי לאַנג ניט געזויגען דעם קינד! הויב איך אָן גרימיג און בייז.

— האָסט עס בעדאַרפט געבען מילך! ענטפערט זי קאַלט.

— בין איך דען אַ ניאַנקע? — דערהעבער איך מיין קול.

— איך בין אויך קיין ניאַנקע, אייך וויל אויך לעבען! — ענטפערט זי נאָך העכער.

— ביזט א מאַמע, טאָ היט עס!
— ביזט א טאַטע, היט דו דאָס, מיר זיינען גלייכע מענשען!
— אָה און וועה צו אזא עמאַנציפּאַציע, שריי איך מיט גאַל.
— אָה און וועה צו אזעלכע פריידענקער! — ענטפערט זי מיט גיפט.
דער סוף איז געווען אַז מיר האָבען דאָס קינד אָבגעגעבען צו אַן אַם און ביידע זיינען מיר געוואָרען פריי.
מיר זיינען זיך פערנאַנדערגעגאַנגען. איך האָב גענומען אַן אַנדער וואוינונג, זי איין אַנדערען, איך האָב געגעבען אוראָקען, זי דאָס גלייכען.
און אַזוי האָבען מיר אָנגעהויבען צו לעבען בעזונדער.
מיר איז געוואָרען אומעטיג צו לעבען אין דער גרויסער שטאָדט.
איך האָב ניט געקענט טהון קיין געוועהנליכע „ארבייט". דערצו בין איך מעהר געניוגט געווען צו חלומות, צו שטילען, פּאָעטישען גליק, און די „ארבייט" איז געווען אָדער הארט און טרוקען, אָדער ברויזענד און אויפּ־רעגענד. מיין הארץ איז געוואָרען אונרוהיג, עס האָט אָנגעהויבען נאָגען פאַר בענקשאַפט. איך האָב מיך פערבענקט נאָך יענער פּאָעטיש־ראָמאַנטישער צייט ווען איך בין נאָך יונג און אונשולדיג געווען, ווען איך האָב צוזאַמען מיט ראָזאַ'ן דעם אמת'ן גליק פון דער ריינער אונשולדיגער ליעבע גענאָסען. איך האָב געבענקט נאָך יענער קליינער שעהנער, אונשולדיגער רייזעלען. איצט איז זי אַן אַנדערע, א גרויסע, א פרעמדע, און אַזוי ווייט, אַזוי וויט פון מיר... א טרויער האָט פערצויגען מיין געמיטה. איך בין געוואָרען פּע־סימיסטיש אָנגעלעגט. איך האָב אָבער א שטאַלצען כאַראַקטער געהאַט און האָב מיין טרויער ניט געוואָלט פאַר קיינעם ארויסווייזען. איך האָב דערום גיך אָנגעצויגען אויף זיך די מאַסקע פון לוסטיגקייט, און האָב אָנגעהויבען צו „לעבען".
איך בין א הויכגעשטאַלטיגער, שעהן און יונג בין איך געווען, איך האָב מיך אָנגעהויבען שעהנער אָנטהאָן, פערלאָזט לאַנגע האָאָר, איבערגענומען איינינע צייט־ליעדער צו דעקלאַמירען, ניט קיין שלעכטען קול האָב איך גע־האַט, פלעג איך זינגען. און איך פערשפּאַר אייך צו דערצעהלען, אַז איך בין געוואָרען דער ליעבלינג ביי אַלע מיידלאַך אין דער בעוועגונג. איך האָב אָנגעהויבען „לעבען". צעהנדליגע פרויען האָבען זיך אין מיינע אָרעמס גע־וואָרפען, צעהנדליגע פרויען האָב איך געדריקט צו מיין הארץ און קיינע האָט דאָרט ניט געקענט אויספילען די פּוסטקייט. „ביסט אַליין, ביסט עלענד", האָט גערופען א אינערליכע שטימע אין מיר.
מיט ראָזאַ'ן פלעג איך מיך אָפט טרעפען אויף פערזאַמלונגען. זי איז געווען צווישען איהרע פיעלע פערהערער נאָך וועניגער גליקליך פון מיר — דער מאַן איז פון נאַטור שטאַרקער און פיהלט וועניגער די עלענדקייט —

און דערצו האָט זי מיך נאָך געליעבט און איז מיר געווען אייפערזיכטיג. דאָס האָב איך דערקענט אָן איהרע נערוועזע בעוועגונגען אין מיין געגענוואַרט, און נאָך איהר ניט־ריכטיגען ציטערדיגען קול.

אַזוי זיינען פאַראיבער אַ פּאָאַר יאָהר. און איין שיט, אין אָנפאַנג פריהלינג איז דאָס געווען, האָב איך בעמערקט, אַז ראָזא געהט אַרום מיט אַ פערשאַטענטען געזיכט.

מיר איז אויך געווען טריעב אויפ׳ן האַרץ, און איך האָב פערשטאַנען וואָס איהר פעהלט.

פריה איז דעם יאָהר אָנגעקומען דער פריהלינג, נאָך ווינטער־פרעסט און שנעען האָט זיך דער הימעל פּלוצלונג אויסגעלייטערט, ס׳איז געוואָרען וואַרים און די בוימער האָבען זיך אויסגעציערט אין גרין.

דער ניט־געריכטער, גיכער איבערגאַנג פון ווינטער צו פריהלינג, האָט אונזערע הערצער אָנגעפיהלט מיט טרויער, מיר האָבען ביידע דערפיהלט אַ בענקשאַפט נאָך די שטילע גרינע פעלדער פון אונזער שטעדטעל, נאָך די שטילע, הייליגע געפיהלען פון אונזער ערשטער ריינער ליעבע. מיר האָבען ביידע געזוכט אַ געלעגענהייט זיך דורכצורייידען.

מיר האָבען זיך ביידע געטראָפען אויף אַ פערזאַמלונג אין אַ וואַלד. מיר האָבען ניט געשפּירט ווי מיר האָבען זיך געפונען אַליין אין אַ אָבגעזונדערט ווינקעל, צווישען אַ פּאָאַר שיטערע בוימער דורך וועלכע עס האָט אַריינגעשיינט די לבנה. ראָזא האָט זיך געזעצט אויף אַ אונטערגעזעגטען שטאַם און האָט זיך שטיל פערקוקט אין דער נאַכט אַריין. איך האָב מיך געזעצט נעבען איהר אויפ׳ן גראָז. איך האָב מיך ניט איינגעהאַלטען.

„רייזעלע״, האָב איך זי גערופען, „רייזעלע, זאָג מיר, וואָס פאַר אַ וואַנד שיידט אונז ביידען פענאַנדער?״

מיין שטימע האָט געמוזט קלינגען זעהר ווייך, ווייל איך האָב געזעהן, ווי זי האָט אַ ציטער געטהאָן. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט איהרע שעהנע אויגען, דאָס מאָל איז איהר בליק געווען אַזוי טיעף פערטראַכט און אַזוי טרויעריג, אַז עס האָט מיך פערקלעמט ביים האַרצען.

זי האָט אַ פּאָאַר מינוט געקוקט אויף מיר, און האָט שטיל, האַלב ווי צו זיך, געענטפערט: „די פרייע ליעבע, דאָס איז די גרויזאַמע וואַנד״...

איך האָב זי אָנגעקוקט מיט שטוינען.

— יאָ, — האָט זי פאָרטגעזעצט לאַנגזאַם, ווי פאַר זיך — יאָ, מ׳פערליערט דערביי מעהר ווי מ׳פערדיענט...

— נאָך דיין מיינונג — האָב איך געזאָגט פערוואונדערט — בעדאַרף מען חתונה האָבען ווי אונזערע טאַטע־מאַמע האָבען חתונה געהאַט?

זי האָט אַ ווײַלע געטראַכט און געענטפערט מיט אַ שטילען טרויעריגען קול :

— צו אונזערע טאַטע־מאַמעס האָבען גוט געטהאָן ווײַס איך ניט. אָבער דאָס כאָטש האָבען זיי געהאַט פון זייער היראַטה — זיי זײַנען ניט גע־ווען אַליין, זיי האָבען געהאַט אַ פרײַנד אין לעבען — —

— און דורך די נײַע פעראײַניגונג גלייבסטו ניט אַז מ׳קען האָבען אַ פרײַנד אין לעבען ?

— ניין ! האָט זי געענטפערט מיט אַ פעסטען זיכערען טאָן — ניין, מ׳איז אייביג עלענד און אַליין !

זי האָט אָנגעהויבען רעדען פליסיג ווי זי וואָלט וועלען אַראָבקײַקלען אַ שווערען שטיין פון הארץ :

— דער געדאַנק, אַז מ׳איז פרײַ, מאַכט לויז און פרײַ דעם וועג פאַר יעדען. היתרים דעם געוויסען צו פערטומלען געפינט מען. דער רויש פון ליעבע געהט פאַראיבער, קיין פרײַנדשאַפט, קיין צוגעבונדענקייט איז ניטאָ... מ׳געטרויט ניט איינס דאָס אַנדערע, קיינער וויל ניט בלײַבען דער „אויס־געשטעלטער" און יעדער בעמיהט זיך צו זיין שטאַרקער און דעם אַנדערען שוואַכער צו מאַכען... מ׳שטעהט תמיד אויפ׳ן וואַך, מ׳היט דער אַנדערער זאָל ניט אַרויפשטײַגען אַ פּאָאַר שטופען העכער, ווײַל מ׳פיהלט, אַז ער איז מיט גאָרנישט צוגעבונדען, אַז דער וועג איז פרײַ, און אַז ער געהט העכער וועט ער ניט מעהר צוריקקעהרען... מ׳שלײַדערט איהם אַראָפּ און מ׳קלע־טערט אַליין, און מ׳ווערט אַראָבגעשלײַדערט, און אַזוי געהט עס. העכער שטײַגט מען ניט, און עלענד איז מען, און איינזאַם איז מען, און דאָס הארץ איז אַזוי אונרוהיג, אַזוי אונרוהיג — — —

זי האָט אַ ווײַלע אָבגעהאַקט און נאָכדעם אָנגעהויבען רעדען לאַנג־זאַמער :

— און אין דעם יאָגען זיך צו זיין שטאַרקער, צו שטעהן העכער, בע־מערקט מען אַליין ניט, ווי מ׳פאַלט מאָראַליש אַלץ ניעדריגער און ניעדריגער : די ערדלע, די צאַרטע געפיהלען פון ליעבע, פון רחמנות, פון זעלבסטאָפּפערונג, ווערט אויסגעלאָשען. מ׳ווערט האַרט, שלעכט, עגאָאיסטיש, מ׳טרעט איבער אַלעמען ווער עס קומט נאָר אין וועג אַריין, אַבי ניט שטעהן צו בלײַבען, אַפילו קליינע קינדער ווערען ניט געשוינט — — —

בײַ די לעצטע ווערטער האָט איהר קול אָנגעהויבען צו ציטערען, זי האָט אָבגעהאַקט. טרעהרען האָבען אָנגעפילט איהרע אויגען.

איך האָב געפיהלט דעם אמת אין איהרע רייד, און האָב ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען, אַ טרויער האָט דורכגענומען מײַן זעעלע, מיר האָבען ביידע געשוויגען.

נאָך אין דעם זעלבען אָבענד זיינען מיר צוריק געוואָרען „אייגענע" און מיר האָבען אָבגערעדט פאָהרען אויף איבער זומער אין אונזער שטעדטיל. איבערגליקליך זיינען מיר די ערשטע טעג געווען אין אונזער שטעדטיל! מיר זיינען צוריק געוואָרען יונגע, זאָרגלאָזע, אונשולדיגע פערליעבטע, מיר זיינען געשפרונגען ווי יונגע ציגעלאך אויף די הויכע בערג, געטאַנצט אויף די גרינע פעלדער, געפלאָכטען בלומען־קרענץ, גיעריג איינגעזאַפּט די זונען־שטראַהלען, און זיך אַלע ווייל געוואָרפען איינס דאָס אנדערע אויפ'ן האַלז און געוויינט פאר פרייד. אָבער ווי לאַנג...

אכטאָג שפּעטער נאָך אונזער קומען, איז אויך געקומען אונזערע א יוגענד־פריינדין, דעם שטעדטיל'שען גביר'ס טאָכטער, אונזער יוגענד־פריינ־דין, קלאַרא. האָט פערבראַכט צוויי יאָהר אין סיביר און איצט איז זי געקומען זיך אָברוהען.

זי איז געווען גליקליך אונז צו טרעפען. זי האָט זיך מיט אונז ביידען פאר פרייד געקושט. נאָך אין דעם זעלבען טאָג זיינען מיר געגאַנגען זאַלבע־דריט אין וואַלד. קלאַרא האָט געהאַט זייער פיעל אינטערעסאַנטעס צו דער־צעהלען, זי איז געווען זעהר א לעבעדיגע, א שעהן־קלינגענדיג קול האָט זי געהאַט, און איך האָב מיט פערגעניגען זיך צוגעהערט צו איהרע רייד. „דו" האָבען מיר זיך נאָך געזאָגט פון אַלטע צייטען, און מיר זיינען גיך געוואָרען „אייגענע" מענשען. ביים געהן האָב איך גענומען ביידע אונטערן אָרעם.

כאָטש ראָזא האָט די ערשטע פּאָאָר טעג אָנגעשטרענגט איהר גאַנצע ענערגיע זיך צו ווייזען רוהיג, האָב איך דאך געשפּירט אין איהר א פערענ־דערונג, איך האָב געפיהלט דעם גיהנום פון אייפערזוכט וואָס האָט זיך אריינגעקליבען אין איהר הארץ.

אונזער גליק איז ווידער צושטערט געוואָרען. א פּאָר טעג שפּעטער האָבען מיר שוין שפּאַציערט אין וואַלד זאַלבע־פינפט: צו אונז האָבען זיך אָנגעשלאָסען דער דענטיסט פון שטעדטעל מיט וועלכען ראָזא איז גיך גע־וואָרען בעפריינדעט, און דער העברעאישער לעהרער צוקערמאַן.

ראָזא האָט מעהר אויף מיר ניט געקוקט. זי פלעגט זיך נאָר ארומיאָגען פאר מיר אין די אויגען, מיט זיי ביידען איבער די פעלדער און בערג, פלעגט שטיפען, לאַכען, אָבער איהר קול האָט געקלונגען אזוי ניט ריכטיג, אזוי נער־וועז. איך האָב געפיהלט ווי איהר גאַנצער ווענזען רייסט זיך צו מיר, נאָר צו מיר. איהר שטאָלץ אָבער, האָט זי ניט דערלאָזט צו זיין „א האַלבע" ביי מיר, דאָס הייסט, אַז מיין צווייטע האַנד זאָל האַלטען נאָך איינער ביים טאַליע. איהר ארומיאָגען זיך מיט ביידען האָט געהייסען: „נא זעה, איך בין שטאַר־קער פון דיר, דו האָסט איינער, און איך האָב צוויי"...

מיין הארץ איז אויך צוריסען געוואָרען פון אייפערזוכט, א רחמנות האָט מיך אָנגענומען אויף אונז ביידען.

— פאר וואָס קענען מיר ניט זיין גליקליך? פאר וואָס! פאר וואָס? האָב איך מיך פיעל מאָל געפרעגט.

א פּאָאר וואָכען שפּעטער האָבען מיר זיך אומגעקעהרט צוריק אין שטאָדט אריין: מיר זיינען געווען פרעמד מיט איינאנדער, און זעהר אונ־גליקליך.

קומענדיג צוריק אין שטאָדט א ענטטוישטע, א פערביטערטע, האָט זיך ראָזא איבערגעגעבען צו דער ארבייט, מיט א ליידענשאפט, מיט א ברען. א קורצע צייט שפּעטער האָט מען זי פארשפּארט. איך בין אוועקגעפאָהרען פון שטאָדט.

דער „ברודער" איז שטיג געוואָרען. מיר האָבען געמיינט אז זיין ראָמאַן איז צו ענדע. מיר האָבען זיך אָנגעהויבען בעוועגען: אלע האָבען געהאט א סך, א סך צו פרעגען ביי איהם. ער האָט עס בעמערקט און פערכאפּט:

— ניין, ווארט אויס, דאָס איז נאָך ניט גאָר! און ער האָט ווייטער דערצעהלט:

צוויי יאָהר האָב איך מיך אַ ,מגעבלאָנגעט איבער שטעדט. מיין שעהנ־קייט, מיין צולאָזענקייט, האָט מיר ניט נאָר פיעל פערהערערינס נאָר אויך פיעל פערעהרער געמאכט. פיעל פרויען האָבען געלעכצט נאָך מיינעם א קוק, נאָך מיין ליעבע. איך האָב ווידער פיעלע פרויען אין מיינע אָרעמס געהאל־טען, אָבער מיינע אָרעמס זיינען געווען ליידיג, און אין הארץ איז געווען פוסט.

דער פּעסימיזם האָט זיך פערשפּרייט איבער מיין געמיטה. איך האָב קיינעמס פריינדשאפט ניט געטרויעט: „זיי האָבען מיך אלע ליעב וויל איך בין שעהן, אמוזירענד און צוגעלאָזט. ווען א קויל טרעפט מיר אָבער אין פוס און איך ווער א הינקעדיגער, צו וואָלטען דען די מיידלאך געקוקט אויף מיר, אָדער ווען א נערווען־קראנקהייט בעפאַלט מיר פּלוצלונג, און צו וואָלטען זיי ניט צולאָפען פון מיר און מיר ניט פערשאכטעט?" אזוי האָב איך געטראכט, און איך האָב מיר געפיהלט איינזאם צווישען דער גרויסער מענשען־מאסע.

נאָכדעם האָב איך מיך דערוואוסט אז ראָזא איז פריי. מיין אלטע ליעבע צו איהר האָט אויפגעוואכט. א רחמנות האָט מיר דורכגענומען אויף איהר: צוויי יאָהר געווען פערשפּארט, ווער ווייסט וואָס זי מאכט איצט?

צוויי טעג שפּעטער בין איך שוין געווען ביי ראָזא'ן. איך האָב זי קוים דערקענט. קראנק איז זי געווען, מאָגער, די ברוסט איינגעפאלען, דאָס גע־זיכט בלייך און די אויגען אויסגעלאָשען. מיר האָט פערקלעמט ביים הארץ.

מיין קומען האט זי איבערראשט. זי האט גערעכענט, אז איך וואויהן שוין מיט אן אנדערער און, אז אן איהר האב איך אין גאנצען פערגעסען.

מיין רחמנות איבער איהר האט זיך געשטארקט. זי איז שוין איצט ניט געווען מעהר די שעהנע, שטאלצע, גלייכבערעכטיגטע ראזא, איצט איז זי געווען א געבראכענע, א שוואכע און א אונטערטהעניגע . . .

מיר האבען גענומען צוזאמען א צימער. איך האב מיך דערוואוסט, אז זי האט אלע מאל געליטען געוויסענביסע פאר'ן קינד, און אז אין טורמע האט זי זעהר געבענקט נאך איהם. איך האב וועגען קינד וועניג געטראכט; נאר איצט האט עפעס די פאטערליכע סטרונקע אין מיין הארץ א ציטער געטהאן. איך האב מיך דערמאהנט אן איהם און בעשלאסען נעהמען איהם צו זיך.

דעם קינד האט מען געבראכט. א שעהן, פינף־יעהריג אינגעלע איז עס געווען, נאר זעהר פערגרעבט און מיט מיאוס'ע מאניערען — ווי פון א פראס־טער ערציהונג. איך האב איהם געפיהלט פרעמד; איך האב עס אבער ראזא'ן ניט ארויסגעוויזען. זי, פערקעהרט, האט זיך געווארפען אויפ'ן קינד ווי א טרינקענדער אויף א רעטונגס־ברעט. זי איז געווען שוואך און געבראכען, עס האט זי געשראקען די איינזאמקייט. מיין געזונדער, שעהנער אויס־זעהן האט איהר וועניג האפנונג געגעבען אויף מיר, און דערום האט זי זיך מיט איהר גאנצער איבערגעבליבענע ענערגי גענומען פאר'ן קינד.

פון דאמאלס אן האבען מיר געלעבט צוזאמען. איך האב געגעבען אור־ראקען, און ראזא! זי איז עפעס אין גאנצען אנדערש געווארען: זי האט אנגעהויבען אליין קאכען, אליין וואשען, אליין נעהען, ביים מיטאג פלעגט זי אויספראווען אייניגע געריכטען, איך האב בעמערקט, אז זי האט ליעב איהר שטוב, איהרע פיער ווינקעלאך, איהר קינד, איהר מאן און איהר רוה... צו מיר איז זי געווארען אונטערטהעניג, כאטש איך האב עס ניט פערלאנגט. ביים מיטאג פלעגט זי מיר דערלאנגען דאס בעסט, מיין יעדעסווארט איז געווארען ווי א בעפעהל פאר איהר.

מיר איז די ענדערונג אין איהר כאראקטער ניט געפעהלען — ס'איז ניט אמת וואס מ'זאגט, אז מענער האבען ליעב אן אונטערטהעניגע פרוי — נאר מיין רחמנות צו איהר איז געווען אזוי שטארק, אז איך האב זי גאר ניט געזאגט און גארניט אויפמערקזאם געמאכט.

אזוי האבען מיר געלעבט צוזאמען א געוויסע צייט, איך פלעג נאך בעזוכען די פערזאמלונגען, ראזא איז געבליבען מעהר אין שטוב, קענטיג די שטוב איז איהר איצט אינטערעסאנטער געווען.

נאכדעם איז אנגעקומען ביי אונז אין שטאדט אסתר'קע, וועלכע אלע האבען א נאמען געגעבען „די שעהנע ציגיינערין". אסתר'קע איז באמת גע־ווען שעהן און זעהר עהנליך צו א ציגיינערין. זי האט געהאט א מיטעל־

הויכע געשטאַלט, אַ הויכען ביוסט, אַ פּאָאָר גיהנום׳דיגע אויגען, און אַ רונדע ברוינליכע געזיכט. האָאָר האָט זי געטראָגען האַלב־געשאָרענע שוואַרצע פּעכיגע לאָקען.

אַלע בחורים האָבען זיך אָנגעהויבען „דרעהען” אַרום איהר. צי האָב איך מיך פערליעבט אין איהר? איך קען שווערען, אַז ניט: איהר כאַראַקטער, איהרע גייסטיגע מעלות זיינען מיר געווען פרעמד און ווי האָב איך מיך געקענט אין איהר פערליעבען?

די ערשטע צייט איז עס מיר געגאַנגען אום נצחון: איך בין שוין אַלט געווען 28 יאָהר, אַ היבש ביסעל אָבגעלעבט, אַרום איהר האָבען זיך געדרעהט יונגע שעהנע בחורים, איך האָב געוואָלט פּרובירען מיין קראַפט. נאָכדעם אַז איך האָב זי געוואונען, האָט מיך אָנגעצויגען איהר שעהנער, יונגער קערפּער, איהר הויכע ביוסט, נאָכדעם האָב איך מיך אַרומגעזעהן, אַז צו מיין פרוי, צו ראָזאַ׳ן פיהל איך מעהר קיין ליעבע נאָר רחמנות, נאָכדעם האָב איך אָנגעהויבען מעסטען איהר איינגעפאַלענע פיגור צו אסתר׳קעס, און ס׳האָט מיר געדאַכט, אַז ראָזאַ איז מיר איצט עקעלהאַפט... נאָכדעם האָט מיר אָנגעהויבען דאַכטען, אַז איך טהו אונרעכט, וואָס איך פערברענג מיינע יאָהרען מיט אַ ניט־גלייכער אָבגעלעבטער פרוי, און וואָס איך וועל זיך ענטזאַגען פון אַזוי פיעל ליעבע און גענוס וואָס אסתר׳קע קען מיר געבען...

צו בין איך געווען פערדאָרבען? הונדערטע מאָל האָב איך מיך שפּעטער געשטעלט די פראַגע און בין געקומען צום בעשלוס, אַז ניט. וואָס דען? ס׳איז נאָר געווען ווי ראָזאַ האָט געזאָגט: „דער געדאַנק אַז מ׳איז פריי מאַכט לויז און גרינג דעם וועג”.

און וואָס האָט מיך געזאָלט אָבהאַלטען? ראָזאַ וועט מיר קיין „סצענעס” ניט מאַכען, זי האָט קיין רעכט דאַרויף, מיר לעבען פרייע ליעבע, קיין מאָראַלישער חוב, לויט׳ן נייעם „קאָדעקס” ליעגט אויך אויף מיר ניט, צו לעבען מיט אַ פרוי וועלכע איז מיר עקעלהאַפט און צו וועלכע איך פיהל ניט קיין ליעבע. אויפ׳ן לעצטען פאַל וועל איך זי שטיצען מיט געלד וויפיעל איך וועל קענען, און דאָס קינד בלייבט דאָך אויך מיט איהר...

איך בין אַוועק וואָהנען מיט אסתר׳קען. ראָזאַ האָט געשוויגען. דאָס איז אָבער געווען יענער שווייגען וואָס שמערצט פיעל מעהר ווי די ווילדעסטע סצענעס, דער שווייגען וועלכער לעגט זיך ווי אַ שטיין אויפ׳ן שולדיגע׳ס נשמה און דריקט און נאָגט ביז אין טויט אַריין...

אַ קורצע צייט שפּעטער איז ראָזאַ מיט׳ן קינד אַוועקגעפאָהרען צו איהר טאַטען אין שטעדטעל. מיר מיט אסתר׳קען האָט מען פערשפּאַרט. נאָכדעם האָט מען אונז אַוועקגעשיקט אין אַ דאָרף פון וואַנען מיר זיינען אין אַ קירצע צייט אַרום אַנטלאָפען.

מיר האָבען געוואוינט איינינע מאָנאַט אין דייטשלאַנד. קיין ארבייט האָב איך ניט געהאַט. מיר האָבען זיך פיעל געפּלאָגט, נאָכדעם האָט אונז אסתר׳קעס אַ רייכער אָנקעל אָבגענומען דאָ אין אַמעריקא.

— און ווידער אַ געוועהנליכע געשיכטע, האָט דער „ברודער" אָנגעהויבען צו ריידען האַסטינער, גלייך ווי ער זאָל וועלען פּטור ווערען, פון אַ ניט־אַנגענעהמער זאַך. — אסתר׳קעס אָנקעל האָט אַ זוהן אַ רייכען ביזנעס־מאַן. ביים ערשטען אויגענבליק האָט ער זיך אין אסתר׳קען פערליעבט און ער האָט זי שפּעטער אָנגעבאָטען זיין האַנד און זיין פערמעגען.

דער געדאַנק פון שעהנע קליידער, ציערונג, סאַלאָנען, דיענערשאַפט, א.ז. וו. האָט אסתר׳קען בעצויבערט, דערצו איז זי שוין צו מיר געווען גלייכגילטיגער און איהר אָנבעטער איז געווען אַ שעהנער מאַן, וואָס האָט דען געקענט אָבהאַלטען.

זי איז פון מיר אַוועק גאָר אָהן צערעמאָניעס. און האָב איך איהר דען געטאָרט זאָגען עפּעס ? זי איז דאָך מיר וועניגער פערפליכטעט ווי איך בין געווען צו יענער עלענדער פרוי . . .

מיט׳ן קאָזין האָט אסתר׳קע חתונה געהאַט כדין וכדת. זי פאָהרט איצט אין אַ גרויסאַרטיגען אויטאָמאָביל, זי איז איינגעהילט אין זייד און אין סאַמעט, די טהייערע שטיינער בלישצען פון איהר אַראָפּ, זי איז כשופ׳דיג שעהן און אַלע בעוואונדערען זי. וואָס וואָלט זי אָבער אין אַ פּאָאָר יאָהר אַרום ביי מיר געוואָרען !

איך בין דאָ די גאַנצע צייט אויף צרות : אַ הײמישער אינטעליגענט, ארבייטען איז מיר שווער. איך שלאָג מיך קוים אַליין דורך, און ווער רעדט שוין פון שטיצען מיין קינד, מיין בלוט און פלייש, אָדער פון שטיצען יענע שוואַכע, עלענדע, פערלאָזענע פרויענצימער, וועלכע האָט געזאָלט זיין מיין פרוי, מיין איינציגער פריינד אין לעבען, מיין צווייטער „איך" וועו ניט „דער פרייער געדאַנק וועלכער מאַכט פריי און לויז דעם וועג פאַר אַלעמען".

דער „ברודער" איז ענטשוויגען געוואָרען. איצט האָבען מיר אַלע געשוויגען : ניט געווען מעהר וואָס צו פרעגען ביי איהם. אין צימער איז געוואָרען שטיל, אַ קלעמענדע אַנגסט האָט אונז אַלעמען געדריקט. מיר זיינען אַלע פערזונקען געוואָרען אין טרויער. פּלוצלונג האָט די שטילקייט איבערגעריסען, אַ הערצרייסענדער, היסטערישער געוויין : דאָס האָט זיך צוואוויינט סאָניטשקאַ. סאָניטשקאַ׳ס געוויין האָט ווי אַ עכאָ אָבגעקלונגען אין אונזערע הערצער און מיר — די ווייבער — האָבען זיך אַלע צוואויינט הויך אויפ׳ן קול וועהרענד די מאַנסבילען האָבען אָנגעהויבען העפטיג ציהען דעם רויך פון די סיגאַרעטס און פייפס כדי צו פערשטיקען די טרעהרען . . .

# ראש השנה

(איבערגעגעבען פון א „היימישער" אינטעליגענטקע).

---

פאר צוויי יאָהרען בין איך געוועז יום טוב אין דער היים. גלייך נאָך יום־טובים האָב איך מיך געקליבען אוועקצופאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט אריין, וואו איך האָב פאר־א־יאָהרען „גע'יום־טוב'ט... נאָר וועגען דעם שפּעטער.

פריינגעזאָגנען בין איך שוין פאר צוויי יאָהרען געוועזן, און מיין יונגער מוח איז געוועזן פול מיט נייע אידעאַלען און שטרעבונגען. דאָך בין איך דעם גאַנצען חודש אלול אונרוהיג געוועזן. וואָס האָט מיך אונרוהיג געמאַכט? איך וויים ניט; איך גלויב, אז אונזער שטעדטעל האָט אויף מיר געווירקט: אין די קליינע שטעדטלאך ווערט, פאר א יום־טוב, די אַטמאָספערע אָנגע־זאָפּט מיט היילינקייט; קיין רויך פון פאַבריקען פערפינסטערט עס ניט; מען ווערט ניט פערטויבט פון ווילדען גערויש, ווי אין די גרויסע שטעדט, און, אליין ניט פיהלענדיג, ווערט מען אריינגעשלעפּט אין א יום־טוב'דיגע שטימונג.

אכטאָג פאר ראש השנה, אויף מאָרגען נאָך די ערשטע סליחות, איז מיין מאַמע, א בלייכע, פער'חלום'טע פרוי, געוואָרען וואונדערליך ערנסט. מיין טאַטע, בטבע א האַרטער, בייזער מענש, איז געוואָרען מילד צו „קונדען" (מיר האַלטען אין דערהיים א קלייט פון מעהל). אפילו רחל לאה דער שניי־דערין, וועלכע איז איהם שולדיג אַן „אָבגעשטעלטען" חוב, האָט ער צוגעזאָגט א האַלבען פוד מעהל בּאָרגען אויף יום טוב.

אָבער וואונדערבארער פאר אלעמען האָט אין יענע טעג אויסגעזעהן מיין זיידע. מיין זיידע, מיין „זילבערנער" זיידע, ווי קען איך איינהאַלטען די טרעהרען זיך דערמאָהנענדיג אָן דיר!

מיין זיידע האָט א לאַנגע, ווייסע באָרד און זיין פּנים איז אַזוי בלייך, אַזוי איידעל־ווייס, אז איך האָב פאר איהם קיין אנדער נאָמען, ווי „זיל־בערנער". אוי, האָב איך איהם ליעב!

נאָהענט פאר יום־טוב האָט זיך איבער'ן שטוב פערשפּרייט א היילינע

שטילקייט. דער זיידע האָט וועניג גערעדט. א הייליגער ערנסט האָט זיך אויף זיין פּנים צוגאָסען, און זיינע פער'חלומ'טע אויגען, אונטער לאַנגע זילבעריגע ברעמען האָבען געקוקט אין דער ווייטקייט אריין...

איך בין זיכער, אז אין יענע טעג, האָט מיין זיידע ניט אויף אונזער ערד געלעבט. נאָר אין יענער שעהנער, פאַנטאַסטישער וועלט, וואו גאָט איז איינגעוועבט אין שכינה־ליכט, און וואו מלאכים זינגען שירה . . .

אין שטוב האָב איך מיך עפּעס ווי געשעהמט פאַר אַלעמען אין איבערהויפּט פאַר מיין זיידען: פאַר מיר איז שוין דאַמאָלס קיין „יענע וועלט" ניט געווען . . .

איך פלעג לויפען פון שטוב; אריינגעהן צו א חבר'טע אָדער שטעהן אַזוי גלאַט אויפ'ן גאַס און קוקען אין דער בלויער ווייטקייט אריין. וואָס נעהענטער עס איז געקומען צו יום־טוב, אַלץ אונרוהיגער בין איך געוואָרען.

אַלע מאָל, פאַר א יום־טוב, פלעג איך העלפען דער מאַמען אין די שטוב־ארבייט, דאָס מאָל האָב איך ניט געקענט. מיין מאַמע, מיין בלייכע, פער'חלומ'טע מאַמע, האָט מיר גאָר ניט געזאָגט וועגען דעריין. צו האָט איהר מוטער־הארץ געפיהלט וואָס ביי איהר קינד אויף דער נשמה קומט פאָר?...

דעם לעצטען טאָג איז אין שטוב געוואָרען יום־טוב'דיג און טרויעריג צוזאַמען. אין די חלה האָט די מאַמע קיין ראָזינקעס ניט אריינגעטהאָן, אין די פיש קיין זאַפרען: ראש השנה טאָר מען זיך ניט אויספּוצען: די שטוב איז געווען אָנגעטהאָן אין ווייסען. ווייסע פאָרהאַנגען, טישטוכער, ציכלאַך, לייליכער, אָבער די פאַרביגע בלומען און בענדער האָבען געפעהלט; דאָס האָט די מאַמע אָבגעלעגט אויף סוכות.

געגעסען האָט מען שטיל. אַלעמענס געזיכטער זיינען געווען יום־טוב'דיג און דערביי טרויעריג ערנסט.

איך האָב אָנגעגרייט א בוך צום לייענען ביים עסען; איך האָב איהם אָבער אפילו צום טיש ניט צוגעבראַכט: איך האָב ניט געוואָלט פערשעהמען די הייליגע ספרים וואָס מיינע ליעבע שטוביגע האָבען אָנגעגרייט פאַר'ן שוהל.

נאָכ'ן עסען האָט מיין טאַטע שטיל געזיפצט. די מאַמע האָט געוויינט. און מיין זיידע האָט זיך גענעהענטערט צו מיר, זיינע צאַרטע, עטוואָס ציטערנדע הענד האָבען בעריהרט מיינע האָאַר. איך האָב א ציטער געטהאָן גלייך ווי דורכגענומען פון א הייליגען שטראָם, און אַז ער האָט מיט זיין ווייכען, טרויעריגען קול, אָנגעהויבען זאָגען איבער מיר די ברכה, האָב איך מיך צוּוויינט.

יענע נאַכט האָב איך שלעכט געשלאָפען. אויפ'ן אַנדערען טאָג בין איך אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, איך האָב מיך געשטעלט פאַר'ן אָפענעם פענסטער און אַרויסגעקוקט אין גאַס אריין.

איבער'ן שטערטיל האָט זיך געצויגען דער בלויער, שטילער הימעל, די זונן האָט זיך נאָר וואָס אויסגעפלאַכטען פון מאָרגען־רויטקייט און רוהיג אַראָבגעקוקט אויף דער „יום־טוב'דיגער" גאַס. די גאַס איז איבערפילט מיט מענשען. אַלע געהען אין שוהל אַריין, און דאָך איז אַזוי שטיל פון אַלעמען, גלייך ווי שטומע הייליגע מלאכים וואָלטען זיי אין וועג געפיהרט.

אָט געהט בענדעט דער שטאָדט בעל־הבית. אַ הויכער, שעהנער מיטעל־יעהריגער איד; אַ לייכטער ווינטעל שפּיעלט זיך מיט זיין לאַנגער בלאָנ־דער באָרד, די זונן־שטראַהלען פלעכטען זיך אַרום זיין שלאַנקע געשטאַלט און מאַהלען פאַר זיינע פיס גיגאַנטישע שאָטען... ווי וואונדערבאַר שעהן ער זעהט איצט אויס! און אָט איז לאה אסתר, די עלטסטע פרוי פון שטעדטיל, זי איז נאָך, טראָץ איהר עלטער, גלייך און שטאַרק, זי געהט אָנגעטהאָן אין אַ ווייסען קלייד. אויפ'ן קאָפּ טראָגט זי אַ ווייסען ציפּיק מיט הימעל־בלויע בענדער, דער ווינדטעל שפּיעלט זיך מיט די בענדער און זיי פלאַטערען איבער איהר קאָפּ ווי אַן עהרען־פאָהן. זי געהט גלייך, אין איהר גאַנג פיהלט זיך אַ שטאָלץ: זי איז עלטער פאַר אַלעמען און האָט מעהר שבחים אָבגעגעב־בען דעם רבונו של עולם... און אַ סך ווייסע קליידער בלישצען פאַר די אוי־גען, און בלויע בענדער פלאַטערען אין דער לופט, און גרויסע, פערשיעדענ־פאַרביגע טיכער שפּיגלען זיך אָקעגען דער זונן, און די פּנים'ער זיינען אַזעל־כע פערטראַכטע, אַזעלכע הייליגע... און קוקענדיג אויף אַלעס, ווערט מיר אויפ'ן האַרץ אַזוי ווייך־טרויעריג און צוגלייך אַזוי וואונדערליך גרינג!...

---

דאָס איז אַלץ פאַר צוויי־יאָהרען געוועזן.

פאַר־איאָהרען האָב איך שוין „גע־יום־טוב'ט" אין דער גרויסער, רוי־שיגער שטאָדט וו. דעם חודש אלול האָב איך ניט געוואוסט און ניט געשפּירט. צופיעל פערטהאָן בין איך געווען: פיער „אוראַקען" האָב איך געהאַט, איך האָב מיך צום עקזאַמען געגרייט, און אַרבייט האָב איך אויך געהאַט אין אונזער „קרוזשאָק"...

פון ראש השנה וואָלטען מיר אויך ניט געוואוסט; נאָר אונזערע אַרבייט־געבער זיינען געווען דאָס רוב אידען, און סאַי די אַרבייטער, סאַי די „אוראָקען־געבער" זיינען געווען די פאָר טעג ליידיג.

מיר האָבען בעשטימט אויף די פאָר טעג יום־טוב־פערזאַמלונגען: אַ ליידיגען טאָג דאַרף מען אויסנוצען פאַר אַגיטאַציע.

דעם ערשטען טאָג יום־טוב האָבען מיר זיך געשטיקט אַ גרויסער עולם אין אַ קליין שטוב ווייט, אין אַ פערוואָרפען ווינקעל פון שטאָדט. די לופט איז געווען שטיקענד און דורכגעוועבט מיט רויך. דאָך זיינען מיר מיט שיי־נענדיגע פּנים'ער אַרויס פון שטוב: מיר האָבען אין דער צוקונפט געלעבט...

דעם אנדערען טאָג האָט מען אונז „געכאַפּט". דריי חדשים זיינען מיר געזעסען אין פעסטונג. אַנדערע האָט מען נאָכדעם בעפרייט, אַנדערע האָט מען פערשיקט אין די קאַלטע דערפער פון סיביר, און מיר מיט נאָך איינינע האָט מען פריינעלאָזען מיט דעם בעדינג, מיר זאָלען אין גאַנצען פערלאָזען רוסלאַנד. מיר האָבען דאָ אין אַמעריקא איינינע „ענטלאָפענע" חברים געהאַט און מיר זיינען אַריבערגעקומען אהער.

---

מיט מיין בעל הבית'טע, וואו איך וואוינ, האָב איך אָבגעמאַכט, זי זאָל מיך ניט וועקען, ווייל איך געה ניט אַרבייטען. מיין בעל־הבית'טע, א פרומע, עהרליכע פרוי, א „בעזדעטיכע", האָט אויף מיר א דאַנקבאַרען קוק געטהאָן: „דאָך א אידיש האַרץ,, האָב איך געלייענט אין איהר בליק.

איך האָב מיך פאַרגענומען שפּעט צו שלאָפען, דאָך האָב איך אויפגע־וואַכט ווי נאָר דער מאָרגען האָט אַריינגעקוקט אין מיין פענסטער. צוגלייך מיט מיר האָט אויך אויפגעוואַכט מיין אונרוהינקט. „היינט איז דער ערשטער טאָג יום־טוב"", איז געוועזען מיין ערשטער געדאַנק. אונרוהיג בין איך שוין א פּאָר טעג, זייט איך האָב געהערט מיין בעל־הבית'טע פאַרפעל האַקען אויף יום־טוב... עס איז צום לאַכען, פון וואָס א מענש ווערט אַמאָל „אויפ־גערודערט" און דאָך האָט מיר דער בעל־הבית'טעס פאַרפעל האַקען אַריבער־געבראַכט אהער מיין היים . . .

---

מיינע בעלי־הבתים האָבען זיך פּאַמעלאַך אַרויסגערוקט פון שטוב און זיינען אין שוהל אַוועק. אין שטוב איז שטיל ; און די שטילקייט מאַכט מיר אונרוהיג. איך דרעה מיך אום צו דער וואַנד, דעק אַריבער די קאָלדרע איבער'ן קאָפּ און האָף איינצושלאָפען ; אָבער אומזיסט. די עראינערונגען פון פאַר־איאָהרען און איבערהויפּט פון פּאַר צוויי יאָהרען, לאָזען מיך ניט איינשלאָפען.

„זיידע, טהייערער זיידע"! פיהל איך אַליין ניט ווי די ווערטער רייסען זיך מיר פון האַרץ. „ווי פערפּלאָנטערט, ווילד און צוגלייך אומעטיג דאָס לעבען שטראָמט"! ענבערט מיך אַן אומעטיגער געדאַנק ; און א נאַגענדער שמערץ פילט איבער דאָס האַרץ.

מיינע צוויי היימישע חבר'טעס, העלענקא מיט מאַניא'ן (מעהר ווי צוויי חבר'טעס זיינען מיר דאָ ניט איבערגעבליבען ; די איבעריגע זיינען זיך אין פערשיעדענע שטעדט צופּאַהרען) האָבען נאָך נעכטען אָבגעמאַכט היינט צו געהן אַרבייטען. — וואָס מיר יום טוב ! האָבען זיי ביידע גע־זאָגט — ס'איז א שאָד די צייט. און העלענקא האָט מיט א סאַרקאַסטישען שמייכעל צוגעגעבען : „ביי מיר איז שוין לאַנג נאָך יום־טוב" . . .

שטארק ליעב האב איך מיין חבר'טע העלענקא'ן: זי איז א קלוגע, א לעבהאפטע און אזא געפיהלפאלע. מאניא איז מיר צייטענווייז ווידערליך; זי האט א שטארקען כאראקטער, אלץ קומט אבער ביי איהר ארוים וואולגארנע און אהן חן...

ס'איז זיי ווירקליך א שאד דער טאג: זיי מאכען קוים א לעבען פאר זיך. איך מאך אויך קוים א לעבען. און דאך... און דאך, היינט קען איך ניט ארבייטען...

שלאפען מעהר קאן איך ניט. אן אומעט צוגיסט זיך איבער מיין געמיטה. איך דרעה אוים דעם קאפ צום פענסטער. דורך'ן גרינעם האלב־אראבגעלאזטען פארהאנג שלאגען אריין א פאר שטראהלען און צוליגען זיך אויף די גרין־געקאלכטע וואנד. די גרינקייט מיט'ן זונען־גלאנץ וועקען עפעס א פערשלאפענעם געפיהל אין מיין הארץ און עס הויבט אן אזוי נאגען, אזוי בענקען... איך ווייס ניט גענוי אן וואס עס דערמאהנט מיך, אפשר אן דער גרינער, פון זונן־בעלויכטענער לאנקע, וואו איך פלעג, אלס קליין מיידעלע, אונזער ציעג פאשען, און וואו איך פלעג ליעב האבען צו פערברענגען שעה'ן לאנג? — — —

אויפ'ן וואנד איבער'ן טישעל זיינען אנגעשלאגען די בילדער פון מיינע וו—ער בעקאנטע, א זונען־שטראהל גליטשט זיך אויף די בילדער, מיין הארץ קלאפט אונרוהיג. „מיינע ליעבע, טהייערע חברים, מיר האבען געקעמפפט און געהאפט צוזאמען, צו ווען מיר זיך נאך ווען עס איז זעהן"?

„קיין מאל, קיין מאל"! נאגט א שטימע אין מיין הארץ:

„וואלאדיא איז אין סיביר, סאלאמאן אין פעסטונג, סאניא אויך דארט, און די איבעריגע? ווער ווייסט צו לעבען זיי נאך אצינד?"...

ענג ווערט מיר אין צימער. איך קלייד מיך אן און געה ארוים אין כטריט. ס'איז נאך פריה, מ'הויבט נאך ערשט אן צו געהן אין די שוהלען.

איך קוק דורשטיג אין געזיכט פון יעדען פערבייגעהענדען. איך זוך צו געפינען אין זיי א עהנליכקייט צו בענדעט'ן, צו לאה־אסתר'ן, צו מיין מאמען; (צו מיין זיידען וויל איך קיינעם ניט צוגלייכען, ער קומט מיר אוים ווי א הייליגער), אבער אומזיסט. פארמעט־הויטיגע אלטע ווייבער שלייכען פארביי, זיי זיינען גיכער עהנליך צו פערבלאנזעטע מתים, איידער צו א לעבעדיגען מענשען. זעלטען שלייכט דורך אן אלטער, מאגערער איד מיט א לאנגען, שפיציגען בארד, ווייטער געהען פעטע, קיילעכדיגע ווייבלעך, געפאשעטע מאנסבילען, זיי טראגען ספרים אונטער די הענד, עס פאסט אזוי ניט פאר זיי... ניטא די טרויעריגע הייליגקייט פון פאר צוויי יאהרען, דער אידעאלנער שטרעבען פון פאר־א־יאהרען, אלץ איז דא מגושם'דיג, די געזיכטער זאגען גארנישט, „ניט גוט און ניט שלעכט". און אויפ'ן הארץ

ווערט מיר אַלץ שווערער, אַלץ אומעטיגער... איך פיהל אַליין ניט ווי עס הויבען זיך אָן רייסען פערשטיקטע זיפצען פון מיין ברוסט.

מיין בליק פאַלט אַקעגען איבער'ן סטריט. אויפ'ן גאַניק זיצען צוויי יונגע פרויען. ביידע האָבען קליינע בייבים, צוליעב וועלכע זיי קענען ניט געהן אין שול. איינע פון זיי איז מיר האַלב בעקאַנט: מיר קוקען זיך אָפט אָן איינע די אַנדערע. אַ מאָל בין איך זי פערבייגעגאַנגען, האָב איך געהערט ווי זי שילט מיך: זי איז אַנטלאָפען פון דער היים צוליעב די פּאָגראָמען, עס געהט איהר דאָ גוט, און זי מיינט, אַז ווען ניט די „אונזעריגע" וואָלט קיין צרות אויף אידען ניט געשעהן... איצט האַלט זי איהרע אויגען ווי פיילען אַנגעשטעלט אַקעגען מיר, איהרע ליפען בעוועגען זיך, זי רעדט צו דער אַנ־דערער, און איך פיהל, אַז זי שילט . . .

אַלס „אויפגעקלערטע", לאַך איך מיך שטענדיג אויס פון קללות, נור איצט פיהל איך, אַז די האָר אויפ'ן קאָפּ ווערען מיר שטייף... איך קעהר מיך אָפּ פון איהר, איך קוק מיך אום אויף לינקס, און מיין אויג פערטעהמט דעם שוואַרצען בריק פון עלעווייטעד, וואָס ציהט זיך איבער'ן סטריט; אויף רעכטס קוק איך, און דאָרט יאָגען זיך, מיט אַ אומעטיגען גערויש, די קאַרס; איך הויב מיינע אויגען צום הימעל, ס'איז אומעטיג און דורכגעוועבט מיט רויך און מיט שטויב . . .

איך געה צוריק אין שטוב, איך זעץ מיך לייענען; אָבער די ווערטער פון בוך וויגען זיך פאַר מיינע אויגען אין אַ ווילדען טאַנץ. איך מאַך פייער, שטעל צו טהעע, עס ווערט פאַרטיג, איך גיס אַריין אין אַ גלאָז און וויל טרינקען און קען ניט. טרעהרען וואַרגען מיר אין האַלז.

און פּלוצלונג הער איך אַ גערויש פאַר דער טיהר און אַ נערוועזען אָנ־קלאַפּען.

„קאַם אין!"

מיין חבר'טע העלענקאַ קומט אַריין.

איך האָב פרייער אויפגעאָטהעמט.

— קום, עמאַטשקאַ, — זאָגט זי צו מיר, און מיידט אויס מיר צו קוקען אין געזיכט.

מיין בליק פאַלט אויף איהר פּנים. עפּעס צוקט עס נערוועז און איז אַזוי טרויעריג... די הענד פאַלען מיר שוועך אַרונטער, „וואוהין?" פרעג איך.

— ס'אַ דאגה, — רעדט זי גיך און נערוועז. — זאָל זיין אין אַ פּאַרק, אין אַ סטריט, אין שוואַרץ יאָהרען, אַבי ניט זיצען אין שטוב...

— דו האָסט דאָך היינט געזאָלט אַרבייטען! — וואונדער איך מיך.

— איך בין קוים אַ האַלבען וועג איינגעגאַנגען. — ענטפערט זי און אַ טרויעריגער שמייכעל קרייזעלט זיך אַרום איהר מויל.

איך האָב זי ניט געדאַרפט פרעגען פאַר וואָס: איהר ציטערדיגער קול האָט מיר ערקלעהרט אַלעס... איך האָב אַ ווײַלע נאָכגעדענקט. — מיר געהען! — האָב איך געזאָגט, און צוזאַמען מיט'ן וואָרט האָט זיך אַ שטילער זיפץ אַרויסגעריסען פון ברוסט.

איך האָב געדאַרפט אַביסעל צונעהען מיין קלייד. העלענקאַ האָט געוואַרט. זי האָט אָנגעהויבען מיט אונרוהיגע טריט שפּאַנען איבער'ן שטוב. נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבען זינגען. איהר קול האָט געקלונגען ניט־ריכטיג און נערוועז.

„שטעהט אויף איהר ארבייטס־לייטע, ערהויבט זיך מאַן פאַר מאַן"... זי ענדיגט אָבער ניט דעם פערז און שפּרינגט גלייך איבער צו אַן אַנדערען, און פלוצלונג צו אַ „מאַזורקאַ" און פלוצלונג צו אַ „ראָמאַנס" און פלוצלונג זינגט זי מיט אַ ריהרענדען קול: „פעיאַמערט, פערקלאָגט, פון דער היים פעריאָגט"... איהר קול טהוט שטאַרק אַ ציטער. זי האַקט אָפּ. איך דערפיהל טרעהרען, איך האָב מיך אָבער מורא איינצוקוקען אין איהר געזיכט, און איך הויב מיך אָן האסטיג איבערצוקליידען.

העלענקאַ שפּאַנט אונרוהיג איבער'ן שטוב.

איך בעדאַרף מיר צוקעמען די האָאַר, און דאָס בין איך תמיד געוואָהנט צו טהאָן אַקעגען שפּיגעל וואָס העננט אין פראָנט־רום. איך בין אַהין אריין מיט'ן קאַם אין האנד און מיט פונאַנדערגעלאָזענע האָאַר.

אין פראָנט־רום איז האַלב־דונקעל. דאָ און דאָרט רייסען זיך דורך זונען־שטראַהלען דורך די גרינע פאַרהאַנגען און פאַלען אויפ'ן פאַרביגען ראָג, אויף די געבלימטע טאַפּעטען און אויף די גלעזערנע כלים. די סך קאָלירען אין האַלב־דונקעלען צימער בייטען זיך, פערמישען זיך איינס מיט דאָס אַנדערע און עס פערשפּרייט זיך אַ צויבערליכע געהיימניספאָלע ליבטיגקייט.

ביים אַנבליק פון צימער פאַל איך אריין אין אַ מין „פאַרבען־שטימונג". אַ ווייכער, שמערצליכער געפיהל נעהמט אַרום מיין ברוסט, און מיין בענקענדעס הארץ הויבט אָן האסטיגער צו קלאַפּען, די הענד לאָזען זיך מיר ווידער שוואַך אַראָפּ. איך בלייב שטעהן פערטראַכט.

„נאָך וואָס לעב איך דאָ?" עגבערט מיר אַ געדאַנק, „וואָס האָב איך דאָ אין לעבען? ניט די הייליגע פּאָעטישע שטילקייט פון אונזער שטעטעל, ניט די בעגייסטערטע אויפרעגונג פון קאַמפף... ניט מיינע ליעבע, טהייערע נפשות פון דערהיים, און ניט מיינע טהייערע חברים פון קאַמפף... וואָס איז דאָ? איינזאַמקייט, דויך, טומעל, שוויים, גראָבקייט, און דער לוין פאַר אַלעם איז דאָס עלענדע שטיקעל ברויט"...

פון קיטשען וועקען מיך העלענקאַ'ס טריט וועלכע ווערען האסטיגער און אונרוהיגער. אַ רחמנות נעהמט מיר אָן אויף איהר: „מיין איינציגע

עלענדע חבר׳טע !״ „איך וועל זי ניט שווערער מאכען״, בעשליס איך ; און כאטש עס ווילט זיך מיר פאלען אויף איהר הארץ, זיך אויסריידען, זיך אויסוויינען, דאך טהו איך מיר אן א כח און הויב אן קעמען מיינע האאר. איך שטעל מיך אקעגען שפיגעל, וועלכער קומט אוים אין האלב־דונקעל, און פלוצלונג טהו איך א ציטער מיט׳ן גאנצען לייב : מיין פנים איז אין דער מינוט אזוי וואונדערליך עהנליך צו מיין זיידען׳ס...

עס הויבט מיר אן טומלען און עס ווערט מיר היים אין קאפ. פאר׳ן שפיגעל פערציהט זיך עפעס א מין צויבער־פארביגער טומאן, און פון טומאן הויבען זיך אן אויסוויקלען געשטאלטען. איך זעה זיי שוואך און זעהר ווייט. וואלאדיא... סאניטשקא... סאלאמאן... און פלוצלונג וויקעלט זיך אוים פון טומאן דאס בילד פון מיין זיידען... איך זעה דייטליך זיין הויכע, ערדלע געשטאלט, דאס סאמעטענע היטעל איז ארויפגערוקט הויך אויפ׳ן קאפ און די קנייטשען אויפ׳ן שעהנעם שטערען זיינען אזוי געהיימניספאל טיעף... ער הויבט אויף זיינע זילבערנע ברעמען און קוקט מיך אן, זיינע אויגען זיינען אזוי טרויעריג... ער נעהענטערט זיך צו מיר פון הינטען... ער וואקעלט זיך אין גאנג... אט פיהל איך איהם שוין אזוי נאהענט נעבען זיך... איך וויל מיך אומקעהרען צו איהם און קען ניט... איך זעה אין שפיגעל, ווי זיינע ציטערענדע הענד הויבען זיך איבער מיין קאפ... אט שעפצעט מיר זיין ווייך־טרויעריג קול אין אויער אריין : „גאט זאל דיך היטען און זעגנען... גאט זאל ערלויכטען זיין אנגעזיכט צו דיר, און דיך בעשירמען פון אלעם בייז״... איך דערפיהל א העפטיגען שמערץ אין ברוסט... די פיס בויגען זיך מיר, דער קאפ ווערט שווער... „זיידע, טהייערער״, וויל איך אויסרופען, אבער די ווערטער בלייבען שטעהן אין האלז... איך בויג מיין קאפ אהינטער, איך וויל עס אנשפארען אויף מיין זיידען׳ס ברוסט און וויינען... וויינען... נור צום זיידען׳ס ברוסט איז נאך עפעס אזוי ווייט, און מיין קאפ פאלט אלץ אהינטער... אהינטער... אהינטער... — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

א טומעל האב איך דערפיהלט ארום זיך. א העפטיגען שמערץ האב איך דערשפירט אין די שלייפען, מיט שפילקעס האבען זיי מיין לייב גע־שטאכען... זיי האבען מיך אבגעמינטערט. פרעגט, נאך וואס ?...

# וידוי

איינמאָל האָב איך בעקומען אַ בריעף, אין וועלכען מען לאַדעט מיך איין קומען אויף אַ בעשטימטען פלאַץ זיך דורצורײדען. אונטערגעצייכענט איז געווען אַ פרויען־נאָמען, אַ גאַנץ אונבעקאַנטער פאַר מיר.

געגאַנגען בין איך מיט אַ גערייצטער פאַנטאַזיע. מיר האָט זיך נור גע־דוכט, אז אַ רייכע קרובה האָט זיך פון ערגעץ אָבגעזוכט און וויל מיך גליק־ליך מאַכען, אָבער דאָס איז ניט וויכטיג, ווייל דערצעהלען וויל איך איצט ניט פון זיך.

מיט אַ קלאַפּענד האַרץ האָב איך איבערגעטרעטען דעם צימער, מיט אַ שנעלען בליק אַלעם אַרומגעכאַפּט. אַ גרויסער, לופטיגער צימער, צוויי פענסטער אין גאַנצען אָפען, קוקען אַרויס אויף אַ גראָזיגען פלאַץ. אַ בעט, אַ ווייסער קאַמאָד, אַ טישעל, שטוהלען, אַ וויעג־שטוהל און די איבריגע חנ׳עוודיגע קלייניגקייטען מיט וואָס עס ציערט זיך געוועהנליך אוים איהר איינזאַמען וואָהנונג די אינטעליגענטערע רוסיש־אידישע פרוי.

„העלאָו, העלאָו״ — איז מיר די אונבעקאַנטע אַקעגען געקומען און מיט שוועסטערליכע ליעבשאַפט, אַ דריק געטהאָן מיין האַנד.

איך האָב אַלעם גיך פערשטאַנען, די פרוי איז אַ שווינדזיכטיגע, די פיבער־רויטקייט אויפ׳ן פנים האָט מיר עס דערצעהלט. כ׳האָב זי גלייך „אָב־געשאַצט״ : „דרייסיג יאָהר, מיטעל־הויך, צאַרטע חנ׳עוודיגע בעוועגונ־גען, לאַנגע, שעהנע האָאָר, און אויגען גרויסע, ווייטזעהענדע, דורשטיגע און וואונדערליך שעהנע.

זי האָט מיר אָנגעוויזען אַ שטוהל, מיר האָבען זיך געזעצט איינע אַקע־גען די אַנדערע.

— מ׳רופט מיך מיס מערי רובין, האָט זי אָנגעהויבען איינפאַך, אָבער איך בין „מיסעס״, אַ יאָהר צייט האָב איך געוואָהנט אין איין צימער מיט מיין „פריינד״; וועגען דעם שפּעטער. איך וואָלט זיך ענטשולדיגט פאַר מיין שיקען אייך רופען, מיין קראַנקהייט אָבער, גיט מיר געוויסע פריווי־

לעגיעס. איך האָב אייך ניט געקענט ; דאָ בין איך אויף אַן אָרט, ווערט מיר שלעכט האָב איך מיינע מעדיצין, מיין בעטיל, מיין ערצעהלען וועט מיך געווים אויפרעגען.

איך האָב זי אָנגעקוקט מיט נייגיעריגקייט. זי האָט מיך פערכאַפּט :

„ס׳איז נויטהיג, זעהר נויטהיג געווען איך זאָל מיך פאַר אייך אויס־ריידען. עס דריקט ווי אַ שטיין אויף דער נשמה... ביי קריסטען גלויביגע ברענגט מען אַ גלח פאַר׳ן שטאַרבען, יעדער האָט דאָך אַזוי פיעל צו זאָגען פאַר׳ן טויט. אח, ווען איך וואָלט געקענט דורך שרייבען, אָדער דורך אַן אַנ־דער אָרט ארויסגעבען מיינע איבערלעבונגען, און געדאַנקען !...

זי האָט זיך פערקוקט אין דער לופט. איך האָב, מיט גרויסע נייגיעריג־קייט, איינגעגעסען אין איהר מיין געדאַנק. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן, מיך שאַרף אָנגעקוקט, און זעהענדיג מיין אויפמערקזאַמקייט, האָט זי אָנגע־הויבען דערצעהלען :

— כ׳וועל מוזען אָנהויבען אַ ביסעל פון מיין ביאָגראַפיע. איך קום פון רוסיש־פּוילען, פון אַ מיטעל־גרויסער שטאָדט. מיין פאָטער געדענק איך ניט, איך בין קוים זעקס יאָהר אַלט געווען, ווען ער איז געשטאָרבען. דערפאַר געדענק איך גוט מיין מוטער. אַ פאַרמעטהויטיגע, אַ פערעלטערטע, אַ שוואַכע, האָט זי אימער געדאַרפט ערנעהרען איהרע קליינע און גרעסערע קינדער. ערצויגען בין איך ביי שלעכטע נעהרונג, וועניג לופט, און איהר ווייסט דאָך דעם גאַנצען צעטעל פון די אָרעמע הייזער. אין אונזער קוואַרטאַל זיינען אָבער אַזעלכע הייזער קיין נייעס ניט געווען, דערפאַר האָט עס מיך ניט צו שטאַרק געאַרט.

איך בין שעהן געוואַקסען, מיט אַ מונטערן גייסט און מיט ניט קיין מיאוס׳ען פּנים.

צו מיין צוועלפטען יאָהר בין איך שוין געווען אַ גאַנצע פערדיענעריןְ. ווען ביי אונז אין שטאָדט האָט זיך אָנגעהויבען די בעוועגונג, בין איך אַלט געווען זיעבעצעהן יאָהר.

איך בין געוואָרען איינע פון די ערשטע מיטגליעדער. קיין גרויסע חכמות האָב איך ניט געוואוסט ; ס׳איז פאַר מיר גענוג געווען דער פאַקט. אַז מ׳צווינגט מיר צו לעבען געדריקט און אָרעם, אין דער צייט ווען איך בין בערעכטיגט צו לעבען גוט און פריי... די רעכט האָט מען בעדאַרפט אויס־קעמפּפען און דאָס האָב איך געטהאָן.

כ׳האָב געטהאָן וואָס אַלע מיינס גלייכען : פערשפּרייטען פּראָקלאַ־מאַציעס, בעזוכען פערזאַמלונגען, די „בירזע“... אָבער איהר ווייסט דאָך שוין די אַלע זאַכען.

אויפ׳ן „בירזע“ בין איך געגאַנגען מיט אַ בעזונדערען פערגעניגען. מיין

ברוסט האָט געאָטהעמט די פרישע לופט, מיין פּנים האָט געפּלאַמט, מיינע אויגען האָבען געלויכטען. דאָרט פּלעג איך מיך טרעפען מיט מאָטקע דעם מוליער, און מיט שלמה׳קע דער שניידער, און הענאָך׳קע דער בעקער פּלעגט ניט אָבטרעטען פון מיר...

מערי האָט א זיפץ געטהאָן און, נאָך א קורצע פּויזע, וויטער דער־צעהלט:

דריי יאָהר האָט עס מיר אזוי אָנגעהאַלטען. נאָכדעם האָט מען מיר געזאָלט ארעסטירען. די מאַמע האָט טאָג און נאַכט געוויינט איבער מיר. צווי ברידער האָב איך שוין געהאַט אין אַמעריקא, האָבען זיי געשיקט א שיפ־קארטע מיט הוצאות, און איך בין אהער געקומען. צוואַנציג בין איך דאַמאָלס אַלט געוואָרען.

דאָ האָב איך מיך גיך איינגעלעבט. מיינע ברידער וואוינען אין א קאָונטרי, האָב איך ביי זיי ניט געוואָלט בלייבען, בין איך געקומען אין שטאָדט. אָנ־געהויבען גוט פערדינען און געדונגען א צימער ביי היימישע לייט. מיין גייסטיגען לעבען האָב איך אויך גיך איינגעאָרדערט: כ׳האָב מיך אָנגע־שלאָסען אָן די ראַדיקאַלע פּאַרטיי און בין געוואָרען טהעטיג. איהר ווייסט דאָך די טהעטיגקייט: אונטערנעהמונגען, טיקעטס פערקויפען, שטעהן ביים „באַר״ און אזוי וויטער.

און שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבען אין רוסלאַנד די הייסע צייט. געלד איז געוואָרען א נויטהווענדיגקייט, די אונטערנעהמונגען זיינען געוואָרען אָפטער און די אויפרעגונג גרעסער און גרעסער.

מערי האָט זיך פערטראַכט. די רויטע פלעקען אויף איהר געזיכט זיינען געוואָרען בולט׳ער, א הוסט האָט זי ערגריפען, זי איז אויפגעשטאַנען און זיך גענומען פּאַרען ביי די מעדיצין.

א פערגאַפטע האָב איך זי נאָכגעקוקט.

ס׳איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבען טאָג. דורך די אָפענע פענסטער האָבען זיך אריינגעגליטשט זון־שטראַהלען (ס׳איז אָנהויב פריהלינג געווען). מיין פאַנטאַזיע האָט שנעל געאַרבייט און געוועבט דאָס שפּעטערדיגע פון איהר לעבען: „פערליעבט אין א פערהייראַטהען מאַן... אָבגענאַרט גע־וואָרען פון א שופט... געליעבט און ניט געענטפערט געוואָרען״... איך האָב ערוואַכט ווען מערי איז שוין געזעסען אַקעגען מיר. זי האָט דערצעהלט:

— מיט דער שטילקייט פון רוסלאַנד איז דאָ נאָך שטילער געוואָרען. דעמאָלט בין איך אַלט געווען פיער־און־צוואַנציג יאָהר. חתונה האָבען האָב איך אַלע מאָל געוואָלט און געקלעהרט וועגען דעם. קיין גרויסע איבערקלייַ־בערין בין איך אויך ניט געווען. אין דערהיים וואָלט איך מיך צוגעקליבען מאָטקע׳ן אָדער הענאָך׳קען. א פּאָר יאָהר פאַר מיין אוועקפאָהרען האָבען זיי

דאָרט חתונה געהאַט מיט מיינע חבר׳טעס. מיר האָט עס ניט געאַארט. דאָ האָב איך מיך צוגעקליבען לייבקע דעם שלאָסער. מיר האָבען געזאָלט חתונה האָבען. נאָכדעם האָבען מיר זיך צואוועריטעלט; האָט איהם „אויסגעבאַפּט" העלען. דאָס האָט מיך אפילו יא פערדראָסען: זי איז אַ היימישע קורסיסטקע און אַ גאַנץ שעהן מיידעל; נאָר לאַנג האָב איך ניט געזאָרגט, איך האָב אָנגעהויבען ארומגעהן מיט שלמה׳קע דעם טאָקער. שלמה׳קע איז אָבער שפּעטער אוועקגעפאָהרען(אויב איהר האָט זיך צוגעקוקט, איז דאַמאָלס ביי די בחורים געווען אַ מין עפּידעמיע ניט צו קענען איינזיצען אויף איין אָרט). געשריבען האָט ער מיר ניט, און ער איז ניט געווען מחויב, ווייל קיין פער־שפּרעכען איז נאָך ביי אונז ניט געווען.

צו מיין פיער־און־צוואַנציגסטען יאָהר האָב איך קיינעם ניט געהאַט. איך בין געוואָרען אומעטיג. איך האָב אָנגעהויבען צופיעל קוקען אויף מיין געשטאַלט אין די שויפענסטער, און די שפּיגלען האָבען מיר געוויזען אַ בי־סעלע צו מאָגער, אַביסעלע צו לאַנג די נאָז... אַביסעל אויסגעסטאַרטשעט די באַקען־ביינער... מיט ביטערקייט פלעג איך קומען צולויפען אַהיים. אין דערהיים פלעג איך אַראָבוואַרפען דעם קאָרסעט, צופלעכטען מיינע האָר, און איך פלעג ווערען פרעהליכער: די שעהנע געדיכטע האָר פּאַסט איין דאָס בלייכע געזיכט און מאַכט עס וואונדערבאַר אינטערעסאַנט, און מיינע שוואַרצע אויגען גלאַנצען, און די ציינער אַזוי ווי פּעריל, און אַ זיסע האָפנונג פילט איבער דאָס האַרץ...

— איך האָב אָנגעהויבען זוכען אַ חתן.

די רויטע פלעקען אויף מערי׳ס געזיכט האָבען אויפגעפלאַמט, די אויגען האָבען געגלאַנצט, זי האָט אָנגעהויבען ריידען אָבגעהאַקט ווי מ׳רעדט וועגען אַ זעהר ניט אָנגענעהמער זאַך.

— אַ חתן זוכען... חאַ־חאַ... ווער ווייסט דעם טעם? קומסט אַהיים אַ מיעדע, בעוויוזט ניט אָבצועסען, שפּאַנסטו זיך איין אין די הויכע שיך און „שבת׳דיגען" קאָרסעט, און לויפסט... וואוהין? אסור אויב מ׳ווייס. מ׳לויפט צו פערזאַמלונגען, צו לעקטשורס, צו מיטינגען, אין טהעאַטער... אומעטום אוואו מען קען נאָר טרעפען אַ פריינד אין הויזען... חאַ־חאַ, ווי ביטער און מיאוס דאָס איז... אָבער מ׳טהוט עס דאָך... מ׳טהוט ווייל מ׳דאַרף, מ׳מוז עס טהאָן. און אַ היים קומט מען שפּעט אַ מיעדע, אַ ביטערע, אַ ענט־טוישטע: צוואַנציג מיידלאַך אויף איין בחור, און אַלע, דאַכט מיר, זענען שעהנערע און מעהר ווערטה ווי איך... און קין׳ס צייכען טראָגט מען אויפ׳ן שטערען: אַלע לייענען אַז מ׳וויל אַ חתן, אַלע פעראַכטען דערפאַר, די מיידערע לאַכען מיט׳ן בייזען ציניזשען געלעכטער... אַך, מיאוס, מיאוס...

מערי איז רוהיגער געוואָרען.

— איצט וועל איך אייך פּרובען „מאָלען״ ריכטיג מיין לאגע : איך בין א פּראָסט מיידעל, ניט איינגעוואוינט צו פילאָזאָפירען, אָדער, ווי אייערע שרייבען, צו זוכען דעם תכלית פון לעבען... ביכער לייען איך אידישע און עפּעס ציהט מיך צו לייענען אזעלכע וואו ס׳ווערט ווארים בעשריבען דאָס ליעבע און צוזאמענלעבען... מיין רעכנונג איז א פּראָסטער : פון קיין זאך ווערט ניט אזוי שעהן געשריבען ווי פון ליעבע, — מסתמא איז עס דאך גוט. פון די קליגסטע רעדנער און לעקטשורערס הויבט אָן דער קאָפּ צו שווינדלען און מ׳הויבט אָן גענעצען, אָבער קיין מאָל ווערט ניט מיאוס הערען די חכמה׳לאך פון א יאָהר אָדער צוויי אַלטען קינד. מסתמא איז דאך דאָס בעסער. און גרויסע, קלוגע געלערנטע מענשען האָב איך געזעהן ווי זיי שפּיעלען זיך מיט קינדער, און אינטעליגענטען, פּערטהאָנענע אין הויכע שטרעבונגען, האָבען אויסגעבויט נעסטען, און אז זיי טהוען אזוי — מסתמא איז עס דאך דער גליק און תכלית אין לעבען... און דעם תכלית, אוי, האָב איך עס געוואָלט !

— און אזוי וועל איך אייך ווייטער דערצעהלען : איך וואוין ביי א לאנדספּרוי, אן אלמנה, האָט זי פינף קינדער. די עלטערע צוויי זיינען מיידלאך, וואוילע, געראָטענע מיידלאך, איינע איז פיער־און־צוואנציג, די אנדערע — א פּאָר יאָהר אינגער. ביי דער מוטער גרויען די האָר ווען זי קוקט אויף זיי, און זיי געהען צו פערזאמלונגען. א חבר׳טע האָב איך, א הויכע, א שלאנקע, אזוי ווי א האָף־דאמע קוקט זי אויס. א עלענדע איז זי דאָ. פּערדיענט אפילו ניט שלעכט. און זי געהט אויך אויף פּערזאמלונגען. און נאך א חבר׳טע האָב איך, בערטהא רופט מען זי, א קליינע, א דארע איז זי, אָבער א געזיכט א בלייכען, אן איידעלען, א מאדאָנען־געזיכט. געהט זי אויך מיט אונז. קיין אונטערנעהמונג לאָזט זי ניט דורך... און ביי א רוסישער פאמיליע קום איך אָפט, א אינטעליגענט הויז, מיט א פּיאנאָ און מיט קארפּעטס ; א אינ־טעליגענטע אלטע פּאָר פאָלק, פינף טעכטער און איין זוהן. דער זוהן שפּיעלט באָלל און די טעכטער געהען אויף פערזאמלונגען...

איך האָב זי בייז איבערגעשלאָגען :

— קומט אויס ביי אייך, אז די פערזאמלונגען, וואָס ווערען גע־מאכט, איז נאָר א מארק צו זוכען חתנים ?

מערי האָט מיט כעס געציעלט צוריק :

— איך ווייס ניט אייערע פילאָזאָפישע פּלענער, — איהר קול האָט געציטערט פון אויפרעגונג — איך ווייס נאָר, אז דריי־פערטעל פון די פערזאמעלטע ביי אייערע „הייליגטהימער״ זיינען איינזאמע מיידלאך און פרויען. און א מענשען וואָס פעהלט ביידע הענד איז נאריש צו שטופּען א הייליגע וואפע און זאגען : „געה אין קאמפּף״ !

מערי האָט גּעלייענט חרטה אין מיין בליק; איהר קול איז ווייכער געוואָרען. זי האָט אָנגעהויבען דערצעהלען אונרוהיג און גיך:

— מילא, וואו איך בין געקומען, האָב איך אַלץ געטראָפען מיידלאַך און מיידלאַך, און שעהנע, און גראַטענע, און אינטעליגענטע. אומעטום — אין שאַפּ, אין די שטיבער, אין אבענד־סקוהל, און ווער רעדט — אויף פער־זאמלונגען?... און די סטַטיסטיק האָט געזאָגט, אז אכט פרויען קומען אויס אויף איין מאַן; און איהר ווייסט דאָך — אין וואָס מען איז אריינגעטהאָן, דאָס זעהט מען מעהר: עפּעס האָב איך געהערט, כ'געדענק ניט וואו, אַז איבער דער גאַנצער וועלט ווערען געבאָרען מעהר ווייבער ווי מענער, ווייל מענער זיינען צו דער חתונה שוואַך, אויסגעשאַרלאַטאַנעוועט, אין דער צייט וואָס די פרוי איז ריין און שטאַרק... די סיבה אָבער האָט מיר ניט געאַרט, ווייל גּעליטען האָב איך נאָר פון פאַקט...

מערי האָט אָבגעזיפצט און אָנגעהויבען ריידען געלאַסען און אומעטיג:

— אַ פּאָר בעקאַנטע בחורים האָבען מיר געהאַט. גליקליכע „הויזען־טרעגער"! וואו זיי קומען אריין, עפענט זיך אַ פרייע וועלט פאַר זיי. שוין ניט רעדען די באַנאַלע טענות, אז דער מאַן לעבט זיך גרינגער און פרייער, אָבער אויך פריינד האָט ער מעהר: יעדע מיסים האָט אַ שוועסטער, אַ קרובה, אַ לאַנדסמיידעל, וועלכע זי וואָלט גערן אַ טובה טהאָן. איז די מיסים מקרב די פּאָר בעקאַנטע בחורים. וואו זיי קומען איז פאַר זיי פריי די „פּאַרלאָר", די וויעג־שטוהל, פרוכט און צובייסען, דער פריינדליכסטער שמייכעל, די שעהנסטע קאָמפּלימענטען, דער וואַרימסטער וואָרט. און אונז?

— אויף מיר האָט קיינער ניט אויסגעקוקט, פאַר אַ פריינדליכע אויפנאַהמע, פלעג איך מוזען דער מיסעס אויפנעהמען אַ קלייד, קויפען מתנות פיר די קינ־דער, אויסהערען אַלע נארישע מעשות, זיצען אין קיך, ווייל ס'איז אַ שאָד דער קאַרפּעט אין פּאַרלאָר. און נאָך אַלעמען האָט זי געהאַט עפּעס בילכערע פאַר מיר, קרובות, פּלימעניצעס, — איך בין געוועזען אַ איבעריגע זאַך...

דערווייל זיינען חדשים און יאָהרען פערשוואונדען. צו מיין אכט־און־צוואַנציגסטען יאָהר בין איך נאָך געוועזען אָהן אַ חתן, אַ כשר'ה כלה־מיידעל...

נאָכדעם איז אַ פרייער, אַ וואַרימער פריהלינג געקומען. מיין האַרץ האָט אָנגעהויבען נאָגען ביז וואַהנזין... ענג די וואַנד פון צימער... מיאוס די מענשען — איבערהויפּט די חבר'טעס... אַ עקעל אריינצוקוקען אין אַ געדרוקט וואָרט, אַ שוואַכער אַפּעטיט, און שלאָפלאָזע, ווילדע, אונרוהיגע נעכט...

מערי האָט אַ הוסט געטהאָן. איך האָב זי, מיט שוועסטער־ליעבע גענ־נומען ביים האַנד, טרעהרען האָבען אָנגעפילט מיינע אויגען, כ'האָב זי גע־

בעטען זי זאָל זיך בערוהיגען און היטען דאָס געזונד. זי האָט נערוועז אָב־געשטופּט מיין האַנד.

— לאָזט מיך! דאָס באַנאַלע וואָרט, געזונד היטען. האָב איך עס דען איינגעהיט! איך מוז אייך ענדיגען דערצעהלען.

— איך האָב מיך אָנגעהויבען בעהאַלטען פון מיינע בעקאַנטע. ביי דער ארבייט פלעג איך אָפּט אויפשפּרינגען ווי געביסען פון א שלאַנג... כ'פלעג שוין געפינען א תירוץ צו פערלאָזען דעם שאַפּ. פלעג ארומלויפען שעה'ן לאַנג איבער פּארקס און גאַסען... פון וואָס האָב איך דאמאָלס ניט געטראַכט? אָפט פלעג איך טראַכטען פון זיך נעהמען דאָס לעבען. אָבער מיין גאַנצעס וועזען איז געווען געגען דעם. ביי אזא געדאַנק פלעג איך אַראָבוואַרפען מיין גאַנצע קליידונג (דער געדאַנק פלעגט מיך מוטשען מעהר ביי נאַכט) מיין קערפּער איז וויים, יונגפרוייליך, א שעהנע ברוסט... „לעבען דאַרף איך"! און לעבען האָב איך געוואָלט.

אָפט, ווען קיינער פלעגט אין שטוב ניט זיין, פלעג איך ארומוואַנדערען איבער די צימערען. אומעטום האָב איך געפונען חסרונות: — דאָ איז שטויביג, דאָ אָנגעוואָרפען, דאָ אָהן געשמאַק אויסגעשטעלט, און איין בייבי האָט מיין מיסעס, האַלט זי עס גאָר ניט אזוי ריין. כ'פלעג אָנטהאָן א שטוב־קלייד, א לאַנגס מיט ברייטע ארבעל, פלעג קוקען אין די שפּיגלען...

— איך וואָלט געווען א שעהנערע, א בעסערע בעל־הבית'טע, — פלעג איך טראַכטען, — כ'וואָלט מיך אימער קליידען גראַציעז און נעט... די קינדער וואָלט איך אָנגעטהאָן ווי פּופּען, דאָס בעט־געוואַנט וואָלט געווען ווייסער ווי שנעע, דאָס בעט וואָלט זיין אויסגעציערט מיט בלומען... און... און אין קאָפּ פלעגט אָנהויבען שווינדלען, און, א האַלב־טויטע, פלעג איך פאַלען אויפ'ן דיוואַן...

און די טעג האָבען זיך געשלעפּט. דער פריהלינג איז רייפער און רייצענדער געוואָרען... מיר האָט זיך געדוכט, אז אַלע זיינען ווילד. און באמת, — די פּאָר בעקאַנטע בחורים זיינען געלאָפען פון איין הויז אין דער צווייטער, צו אַלע בעקאַנטע מיידלאַך א גוט וואָרט געזאָגט, א פונק האָפנונג געגעבען... אָבער ניט מעהר. חתונה האָבען האָט זיך זיי ניט געלוינט, און באמת, מיט וועלכער פריהער? איינע איז בעסער פון דער אַנדערער; און אזוי פיעל זיינען פאַרהאַן!...

און נאָכדעם האָט מיך אָנגעהויבען עגבערען א געדאַנק. דורך די נעכט פלעגט עס מיך מאַטערען און ניט לאָזען אָנריהרען מיין בעט...

— זאָל איך ניט ארויסגעהן אין גאַס און זיך צוקלייבען א מאַן?... כ'וועל האָבען א בייבי, איז ניט קיין פּאַטער... איז א מאַמע אַליין גענוג... איך ניט קיין שטענדיגער... וועל איך עס טהאָן נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל...

האַ, די בעקאַנטע בחורים !... מכות זיי... זיי וועלען שוואַרץ מאַכען דעם לעבען... אין דער דונקעלער נאַכט... אין גאַס, אַ ווילד־פּרעמדען...

און אין אַ וואָלקענדיגער מיטען־נאַכט האָב איך מיך איינמאָל אַרויס־געכאַפּט פון שטוב... חאַ־חאַ, שרעקט אייך ניט : כ'האָב עס ניט אויסגע־פיהרט : דער ערשטער מאַן וואָס האָט צו מיר אַ וואונק געטהאָן, האָט מיך געמאַכט אַריינלויפען צוריק אין הויז...

און נאָכדעם — האָב איך מיט אַ קראַנקע גיכקייט, בעשלאָסען צו פאָהרען אין אַנאַנדער שטאָדט. כ'האָב מיך אפילו ניט געזעגענט מיט מיינע חבר'טעס ; כ'האָב מורא געהאַט זיי זאָלען מיר ניט פרעגען, אויב ס'לוינט...

---

איך בין געהאָלפען געוואָרען.

אין יענער שטאָדט בין איך פערפאָהרען צו מיינע אַ חבר'טע. כ'האָב דערצעהלט, אַז איך האָב אין מיין שטאָדט אַ „סטעדי דזשאָב" און פערדין צוואַנציג דאָללאַר אַ וואָך. איהר פערשטעהט, אַז ס'איז געווען ליגענד.

נאָך דעם זעלבען אָבענד בין איך בעקאַנט געוואָרען מיט אַ בחור ביי מיין חבר'טע אין שטוב. זי, פון נאַטור אַ ריידעוודינע, האָט אַלעס וועגען מיר אויסגעפּלוידערט און וועגען מ י י ן סטעדי צוואַנציג דאָלאַר דזשאָב, האָט זי עטליכע מאָל דערמאָנט. דער בחור האָט מיר גלייך געשענקט זיין אויפמערקזאַמקייט...

דער בחור הייסט היימאַן. זיינע מענערשע קליידער, וואָלט שוין, פאַר מיר הונגעריגע, כמעט גענוג געווען...

— נו, נו, כ'האָב אַביסעל הנאה ווי אין אייך פלאַמט אויף אַ פּער־הייראַטהע, אינסטינקטיוו האָב איך געטראָפען די „וואָפען", דער כעס... צו וואולגאַר ? נישקשה... ער האָט געזונגען שעהנע ליעדער אויך, און שוואַרצע שעהנע האָאָר האָט ער אויך, און שעהנע אויגען... און וועגען אידעען און ביכער רעדט ער...

אין דעם זעלבען אבענד האָבען מיר זיך געקושט. און אין אַ וואָך שפּעטער זיינען מיר דאָ שוין צוריק געוועזען, מיר האָבען געוואוינט אין איין צי־מער, און איך בין געגאַנגען אין שאַפּ.

איצט הערט ווי איך האָב געלעבט.

— היימאַן איז אַ היימישער „שטיקעל" אינטעליגענט, ד.ה. אין דער היים האָט ער גאָר ניט געטהאָן, נאָר אַריינגעקוקט אַמאָל אין אַ בוך. ער איז אַ צאַרטער, מיט ווייסע שעהנע הענד. מיין חבר'טע האָט מיך געוואָרענט, אַז ער האָט שוין „געליעבט" צוויי מיידלאַך, און ביידע האָבען פאַר איהם געמאַכט אַ לעבען. מיך האָט די וואָרנונג ניט געאַרט ; צופיעל הונגעריג בין איך געווען אין ליעבע... און אויפ'ן העכסטען שטאַפּעל פון ראַדיקאַליזם

האָב איך ארויפגעקלעטערט. נעמליך, ווער ס'איז שטאַרקער און פעהיגער דער דאַרף מאַכען דעם לעבען. קיין אונטערשייד מאַן אָדער פרוי.

עס האָט זיך אָנגעהויבען א לעבען פון שווערע ארבייט. איך פלעג מאַכען צוועלף דאָלאר א וואָך. מיין פאַנטאַזיע איז ניט פערווירקליכט געוואָרען. קיין הויז האָב איך ניט געקענט איינאָרדנען, מיר האָבען גענומען א צימער. אין קיך ביי דער מיסעס האָב איך מיך געדאַרפט אומדרעהען אין איילעניש עסען צוגרייטען. און איהר ווייסט דאָך, דאָס אייביגע קריגערייי מיט די מיסעסען, ווענגען א טעפעל וואָס מען האָט פערגעסען אויסצוואַשען ? און מיין בעט האָב איך מיט בלומען ניט בעציערט : ס'איז זעהר ענג געווען, צוויי אין איין רום און ביכער און קליידער.

— אח, אח, — און דאָס ערגסטע, קיין קינד האָב איך ניט געטאָרט האָבען. א ווייב א פערדינערין — חאַ־חאַ — דריי „אַפּערייזשאַנס" האָב איך געהאַט אין דעם יאָהר צייט...

אז איך בין זאַט געוואָרען מיט ליעבע, האָט אַן אונצופריעדענהייט אָנגעהויבען עסען מיין הארץ. „איך וואָלט דאָך געוועזן אַזאַ זעלטענע מוטער, אַזאַ גוטע, עדעלע הויז־ווירטהין"...

— די „אַפּערייזשאַנס" האָבען מיך נערוועז געמאַכט, און כ'האָב אָנגעהויבען אָבפאַלען פון טאָג צו טאָג.

און נאָכדעם איז געקומען די קראַנקהייט. און נאָכדעם האָט ער מיך פערלאָזט. זעהט ווי דער כעס צינדט אייך אָן ! — א פערדאָרבענער איז ער ? — נו, רופט איהם קנאַקניסעל... איך טאָר ניט טראָגען קיין כעס אויף די מענשען, ס'עסט מיך אויף ; איך רעכען איהם צו גוטען : „די פאָרערונג בעשאַפט דעם מאַרקעט", ריידען אין א ביזנעס־שפּראַך — חאַ־חאַ — וואָס דען זאָל ער טהאָן ? וואָס טהו איך איצט, אז איך קען אַליין קיין לעבען ניט מאַכען ? האָט מיר דעם צימער געשענקט א רייכע דאַמע, און צוואַנציג בעקאַנטע צאָהלען צו קוואָדער א וואָך פאַר מיין עסען. און כ'ביז שוין צו דעם אויך געוואוינט...

מערי האָט זיך א כאַפּ געטהאָן ביים הארץ, אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבען שפּאַנען איבער'ן צימער. ס'האָט אָנגעהויבען דעמערען. די שכנה'־שע פענסטער האָבען זיך רויט געצונדען אַקעגען דער זינקענדער זון, מערי'ס פּנים האָט געברענט און ניט־ווילענדיג האָב איך עס צוגעגליכען צו די לייבטענדע פענסטער, וועלכע ס'וועט באַלד בלינד מאַכען די נאַכט... דונקעלע שאָטען האָבען זיך געלעגט אויף די ווענד. מיר איז געוואָרען טרויעריג און אונהיימליך.

מערי האָט זיך פאַר מיר אָבגעשטעלט. איהרע שעהנע, דורשטיגע, ווייטזעהענדע אויגען האָבען זיך אין מיר איינגעגעסען אזוי ווי עקשנות'דיג — אזוי

ווי די אויגען פון א קראנק עופה'לע, וועלכעס בעט רעטונג ביי דער צארטער ליעבענדער מאמען.

„טהייערע", — האט זי געפליסטערט מיט א ציטערדיג קול — „שוועסטער מיינע, וואס איך וויל וויסען, וואס עס לאזט מיך ניט שטארבען — איז אט די פראגע : וואס וועט ווערען פון מיין גאנצער גרופע מיידלאך חבר'טעס ? וואס איז זייער וועג, מיטנעהמען די מיידעלשאפט און בענקשאפט אין קבר אריין ? אדער ווערען פראסטיטוטקעס און קריגען שווינדזוכט ? אדער איז פארהאן נאך א וועג ?... איך בין ניט קיין געבילדעטע, קיין דענקערין, זאג דו מיר, שוועסטער, ענטפער מיר, נעהם אראב דעם שטיין וואס דריקט מיין הארץ...

זי האט זיך אראבגעלאזט אין שטוהל, איך האב אליין ניט געפיהלט ווי איהר קאפ איז געקומען אויף מיין שויס, ווי מיינע הענד האבען געגלעט איהרע זיידענע האר. איך האב נאר געפיהלט הייסע טרעהרען בריהען מיינע קניה, און נאך הייסערע — מיינע אייגענע — פאלען אויף מיינע הענד איבער מערי'ס קאפ...

פון דאמאלס אן בעזוך איך זי אפט. איך קום צו איהר זונען־אונטערגאנג, די שווערסטע צייט, ווען א קראנק הארץ נויטהיגט זיך אין א ווארים טרייסטענדיג ווארט. זי זיצט אקעגען מיר שטענדיג א שוויינענדיגע. איהרע דורשטיגע וואונדערבארע אויגען האלט זי איינגעזאפט אין מיר, און איך רייד. איך דערצעהל איהר פון שעהנע, רייכע וועלטען, פון ברייטע הערצער איבערפולט מיט ליעבע פאר דער גאנצער וועלט... פון זונען־ליכט און גליק, פון גלאנץ און פראכט, פון הארמאניע און שעהנקייט און פון נאך און נאך גוטע זאכען און ביסלעכווייז געה איך אריין אין מיין ראליע... איך הויב אליין אן גלויבען אין אלעס... שטארק און פייערדיג גלויבען,, און אין בין־השמשות, צווישען די דונקעלע שאטען אין מערי'ס צימער, טויכט אויף א נייע וועלט פאר אונז ביידען, א וועלט פון שעהנקייט, הייליגקייט און גליק...

# אומגעביטען

כ'האָב מיך אומגעביטען, זאָגט איהר ! אַלע בעקאַנטע זאָגען אויף מיר דאָס אייגענע. און זייער „זאָגען" איז אזא גיפטיגער, דאָס די בלוט אין די אָדערען פריהרט . . . ר'מיינט, זיי פערגינען ? „איהר גאַנצער פעסי־מיזם איז נאָר געווען א חתן־פראַגע", בייסען זיי מיר אָפּט. פאַר־א־יאָהרען, אַז איך האָב געוואָלט שטאַרבען, האָבען זיי מיר די טריט געהיט און דער־היט, ניט דערלאָזט . . . און איצט, אַז כ'וויל לעבען, לאָזען זיי ווידער ניט. אָרימע ברואים !

איך אינטערעסיר אייך איצט, זאָגט איהר ? נו, געוויס, א שריי־בער, אָרים אין טהעמאָס, זוכט מען טיפען . . . פאַר־א־יאָהרען בין איך פאַר אייך קיין „סחורה" ניט געווען : א חשך'דיגע, אַן אומעדיגע, קוים די פיס שליאָפּען, ווענין האָט דאָס לעבען אַזעלכע ? ווענין סס'ען זיי די לופט ?

פון מיין לעבען זאָל איך אייך דערצעהלען ? פון מיין פערגאַנגענהייט ? ד. ה., פון געוויסע פעריאָדען אין מיין לעבען. נו, דאָס גאַנצע מענשען־לעבען איז זעהר לאַנגווייליג . . .

כ'וועל אָנהויבען ווי א שרייבער, פעריאָד נומער איינס :

א זומער־נאַכט, אַ חתונה אין אַ דאָרף, איך בין זיעבצעהן יאָהר אַלט, מיינע בלאָנדע האָר זיינען צופלאָכטען און ארומגעזוימט מיט א בלויען באַנד. א בלויע זומער־קלייד איז ווי אויסגעגאָסען אויף מיין שלאַנקען געשטאַלט, דאָס ראָזעווע פּנים פלאַמט, די אויגען בלוי, ווי דאָס קלייד, לויכטען, די פיס שוועבען, ווי פליגעל, איך טאַנץ.

פון מזרח שיינט אריין א רויטער שטרייף דורכ'ן פענסטער כ'ווער מיעד, כ'געה, שטילערהייד, ארויס פון שטוב, א ביסעל ווייטער איז א גראָ־זיגער פלאַץ מיט אַ פּאָר בוימער, כ'ליג מיך אויפ'ן גראָז, שפּאַר אָן דעם קאָפּ אויף א שטאַם פון א בוים און ווער אַנשלאָפען.

ניט לאַנג שלאָף איך. עס טהוט מיר אַ ברען אין די אויגען, כ'עפען זיי, זיי, ווערען ליכטיג און קלאָר, און דאָס האַרץ . . . נור, כ'בעט אייך,

נאָמיר ניט דערמאָנען „האַרץ״ : עס גודזשעט שוין פון די ווערטער „האַרץ און נשמה״ אין איצטיגע ריידעכצען און שרייבאכצען . . .

נו, מיינע אויגען זיינען אָפען, זיי זעהען די זונן פלעכט זיך אויס פון מאָרגען־רויטקייט, (אפילו אויף א צו־שאַבלאָנער אויסדרוק), דאָס גרינע פעלד איז געפלעקט מיט גאָלד, די דאָרפישע הייזלאַך, ווי שטיקער פייער, א גרויסער בעכער וויין קוקט אויס די דערבייאיגע אָזורא, מיינע האָר וויעגט א ווינד און א שטראַהל פאַרבט זיי אין זיבען פאַרבען, דער ווינד בלעזעלט מיין בלויען קלייד און ענטפּלעקט די ווייסע שפּיצען פון געקראָכמאָלטען אונטעררראָק . . . אָבער נאָך ניט דאָס אַלעס . . . ניט ווייט פון אָזורא אויף א גרויסען שטיין זיצט אברהם און קוקט אויף מיר . . . און ער קוקט אזוי מאָדנע . . . אזוי הייליג . . . אהא, איהר וואָלט שוין געפונען אַלער־ליי צוגלייכענישען : „ער קוקט ווי א פער׳כשופ׳טער ריטער אויף א טרוי־מענדע געטין, א. ז. וו.

חא, חא, חא !

אברהם איז דעם חתן׳ס א ברודער, א בחור פון א יאָהר ניינצעהן, א הויכער, א בלאַסער, און זעהר א שעהנער. ער הויבט זיך אויף און נעהנ־טערט לאַנגזאַם צו מיר. א שטראַהל גלאַנצט אויף זיינע האָר. גאָט, ווי שעהן ער איז ! — — —

---

נו, נאָך ווילט איהר ? פעריאָד נומער צוויי :

א גרויסע שטאָדט, ריזיעגע הייזער, ברייטע גאַסען, שפּאַציר־גערט־נער, מאַגאַזינען מיט גרויסע שוי־פענסטער, אַלערליי גוטיגקייט אין די פענסטער. אין די גאַסען קאָכט עס : מענשען פון אַלערליי נאַציאָנען, אויסגעפּוצטע, שיינענדיגע. מיך אינטערעסירט עס וועניג. איך וואָהן מיט נאָך דריי מיידלעך אין א דאַך־שטיבעל, מיר לערנען, מיר גרייטען זיך צו. צו וואָס ? כ׳ווייס אַליין ניט. פיער דיפּלאָמען האָבען מיר שוין : פון א קורס גימנאַזיום, פון מאַסאַזש, פון פּאָקען זעצען, פון אַקושערקע, איצט גרייטען מיר זיך פאַר פעלדשערינס . . . מיר טראָגען אויסגעקרימטע שיך, צובויגענע היטעלעך, צוריסענע קליידלעך. אויף א הילצערנעם קעסטעל ביי אונז אין צימער שטעהט א גאַז־מאַשינקע ; מילך און ברויט איז דער גרעסטער ראָסקאָש . . .

איך בין שוין אַלט פיער און צוואַנציג, אַפּולע קנייטשען אויפ׳ן שטע־רען, אַרום מויל, די אויגען קורצזיכטיג, כ׳טראָג „פּענסנע״. אברהם איז שוין לאַנג א „חלום״ פערבליבען. ער איז אַוועק אין אַמעריקא פון זעלנעריי, און האָט דאָרט חתונה געהאַט. כ׳לויף דורך עטליכע גאַסען א טאָג, אָבער

כ׳זעה ארום דעם לעבען, ווי דורך א נעבעל: מיין קאָפּ איז פערנומען מיט מיינע לעהרע־ביכער און מיט די „אוראָקען", וואָס כ׳לויף געבען. שווערע קעפּ ביי די שילער, מיט פעטס־פערגאָסענעם מארך, ס׳הארץ עסט מען זיך אויס, און ס׳הארץ איז טאקע אויסגעטריקענט און ס׳שטעכט אָפטמאָל אזוי שטארק . . .

---

נו, פעריאָד נומער דריי:

איך בין זיעבען און צוואנציג. די זעלבע שטאָדט, שטורעמטעג, כ׳בין שוין א פּאָר יאָהר אין דער בעוועגונג. קיין גרויסע זאכען טהו איך ניט. איך בעלאנג צום סאניטארען־אבטהיילונג, קיין גרויסע געשעהעניסען פּאסירט ניט אין אונזער שטאָדט. אויף איין געראָניעטען פינגער זיינען פאראן צוואנציג הענד . . . ניט אינטערעסאנט! אויף דעמאָנסטראציעס געה איך וואקלענדיג: די ארבייטער טוליען זיך איינס צו די אנדערע, זיי פיהלען אין מיר אן אנדער קלאס, און די „אינטעליגענטען" רוקען זיך צו די ארבייטער, איבערהויפּט צו די ארבייטערינען . . . איך געה מיט נאָך אזעלכע, ווי איך, נו, מילא, די נאַטור איז שווער איבערצומאכען . . .

ס׳ווערט שטיל דער „שטורם". די אפּאטיע קומט. „סאנין" רייסט זיך פון אלע ווינקעלאך. יונגע, בליהענדע מיידלאך שפּראָצען ארויס ווי פון דר׳ערד . . . מיך פערהילט א פינסטערניש, און אונהיימליכער פייער ברענט אין מיין אויג — — —

---

דער פיערטער פעריאָד:

איך בין פון דער זייט ים. געצויגען האָט מיך אהער אברהם. כ׳האָב ח״ו ניט געוואָלט צושטערען זיין פאמיליען־לעבען. כ׳האָב געוואָלט נור זעהען א שאָטען פון מיין אמאָליגען גליק. און אפשר . . . ווער ווייסט? ווער קען אריינדרינגען אין די פערבאָרגענע ווינקעלאך פון מענשען׳ס הארץ! . . .

אברהם איז „גוט אָב". ער איז פעט און שעהן, ער האָט א פעטע שעהנע ווייב, פינף פעטע, געזונטע קינדער, און א גוטען געשעפט. קיין איין נערוו האָט ביי איהם ניט א ציטער געטהאָן, ווען ער האָט מיך דערזעהן. זיינע נערווען זיינען פערגאָסען מיט פעטס, מיט פעטס איז פערגאָסען מיין גליק . . .

קיין פריינד האָב איך דאָ ניט, קיין נאָהענטע בעקאנטע אויך ניט. א פּאָר מיידלאך פון אונזער „קרוזשאָק" ארבייטען און לערנען דאָ, זייער טרוים איז צו ווערען א „נוירס" . . .

איך קען ניט לערנען אפילו די שפראך. כ'האב מיך צופיעל „איבער־געגעסען" מיט'ן לערנען. ארבייטען קען איך אויך ניט, אָבער איך מוז.

איך ערוואך ווען ס'איז נאָך פינסטער. מיינע קליידער זיינען נאָך כמעט היימישע, די שיך ניט גאַנץ. איך שליאָפּע אין רעגען און שנעע דריי בלאָק ביז די קאר, אונטער'ן אָרעם האלט איך מיין עלענדען לאָנטש. אין שאָפּ איז מיר אונהיימליך. מיינע דארע הענד טויגען ניט צו ארבייטען, און די נערוועז גיבען מיר קיין רוה. איך ארבייט ווייניג אוים. ביינאַכט קום איך אַ צובראָכענע. אויף מיין דירה פערברייננ איך ווייניג: די מיסעס איז פערנומען מיט קליינע קינדערלעך, און דער מיסטער געהט אַלע נאַכט אויף מיטינגען.

איך בעלאנג דאָ צו קיין פעראיין: צו זאַט בין איך דערמיט. איך האָב אַ סך ביכער אויף מיין פענסטער ליגען; אָבער כ'קען זיי ניט לייענען. ווייניג האָב איך דען געלייענט?

איך כאַפּ אַ פּאָר טעגליכע צייטונגען. אַנאַנדערס מאָל דוכט מיר, אַז איך געפין אין זיי אוצרות און איך לייען דורשטיג די אדווערטייזמענטס אפילו . . . און אַנאַנדערס מאָהל בלעטער איך נערוועז איין פּייפּער נאָכ'ן אַנדערען, און שליידער זיי איינציגווייז צו דר'ערד . . .

בעקאַנטע האָב איך ווייניג. און די ווייניגע מיידען מיר אויך אוים. קיין וואונדער: ס'פערגעהט דער חשק צום לעבען, קוקענדיג אויף מיר.

און ווער איז מיר דען שולדיג? ווער האַט מיך, אייגענטליך, ניט געלאָזט האָבען אַ רייכע, אַ שעהנע, אַ גאָלדענע פערגאַנגענהייט? איך האָב צו קיינעם און מאָהן ביי קיינעם גאָרנישט.

אין דער יוגענד איז פאראַן אַ מאָמענט, ווען מ'קען אָנכאַפּען דעם גליק פאר'ן באָרד. פערזעהט מען דעם מאָמענט, איז פערפאַלען . . .

און פּלוצלונג הויבען אָן מיינע פּאָאר בעקאַנטע מיידלאך אריינקומען צו מיר פריה און אבענד. זיי סוד'ען זיך מיט מיין מיסעס . . . זיי האָבען געטראָפען מיין געדאנק . . . חא, חא, — זיי ווילען מיך דען איינהיטען?

דער געדאנק פון זעלבסט־מאָרד איז צו מיר געקומען ווי אַן אַלטער חבר. עפּעס האַט מיר געדוכט, אַז איך לעב שוין מיט'ן געדאנק יאָהרען לאַנג. איך גלויב ניט אייערע ליטעראַטען וואָס מיינען, אַז זיי דרינגען אריין אין די געדערים פון זעלבסט־מערדער, און זיי פּלוידערען אָן גאַנצע בערג אויף דעם. איך האָב נור געפיהלט אַ שרעקליכע מיעדיגקייט און שטאַר־קען פערלאַנג נאָך רוה. איך בין אפילו ניט ראָמאַנטיש אָנגעלייגט: איך פּוץ ניט אוים מיין צימער מיט בלומען און קלייד מיך ניט אָן אין קיין חופה־קלייד, ווי איהר שרייבט אין אייערע ראָמאַנען. כ'האָב שוין אַ פּאָר טעג

די קאָפּ ניט געקעמט, איך טהו די שיך ניט אויס. אין צימער איז אָנגע־וואָרפען ביכער און צייטונגען, ניט אויסגעקעהרט, ניט אויפגערוימט, מיין קלייד איז נאָך נאַס פון רעגען; איך פאַל אַזוי אויפ'ן בעט. פאר'ן לייגען זיך האָב איך נאָר גוט פערקלעפּט די שפּאַלטען און אָבגעדרייהט די געז . . .

---

און איצט איז דער פינפטער פעריאָד:

די טהיר האָט מען אויפגעפּראַלט; מיך האָט מען געראַטעוועט. ס'האָבען זיך נאָכדעם אָבגעזוכט קרובים. איינע האָט מיר געקויפט אַ „פּרע־זענט" אַ קלייד, די אַנדערע אַ סוט, די דריטע אַ בלוזע. און חבר'טעם האָב איך פלוצלונג געקראָגען! ווי שוואָמען זיינען זיי אויסגעוואַקסען. און הערט, חברים אויך . . . חא־חא! און ער, מיין איצטיגער, איז אויך צווי־שען די נייע חברים.

איצט, זעהט איהר דאָך, איז מיין צימער אויסגעפּוצט מיט ווייסע פאָר־האַנגען, און אויף די „טוידטענדע" געז איז אָנגעטהאָן אַ ווייסער גלאָז וואָס פערשפּרייט אַ ליעבען שיין. מיר וואוינען צוזאַמען. איך געה אָנגע־טהאָן אין די „פּרעזענטס" פון מיינע קרובים.

איך לייכט, זאָגט איהר. נו, געוויס. ער איז יונג און שעהן. אַ צאַר־טער, אַן ערעלער, איך בין ביי איהם זיין ווייב, זיין געטין, זיין אידעאַל. ער ליעבט מיך מיט די ערשטע ריינע אונשולדיגע ליעבע. זיינע קושען וואָלטען דאָס געזיכט פון אַ מת לעבעדיג געמאַכט. און זיינע אומאַרמונ־גען . . . אַ שאָטען פון טרויער בעמערקט איהר אָפּטמאָל אין מיין אויג? נו, געוויס.

איין טריט ווייטער פון אונזער גליק איז אָפען דאָס שרעקליכע מויל פון אונגליק. און מיין האַנד וועל איך באַלד ווידער דאַרפען אויסשטרעקען צום געז. און דער אונגליק קומט איצט פון די אייגענע. דערויף האָבען זיי זיך גאָר ניט געריכט: אין מיר זיך פערליעבען, און נאָך אַזוי שטאַרק! . . .

און זיי האָבען מיך איצט אַלע פיינד. אַן אונגליקליכען האָט מען פיינט, אָבער אַ גליקליכען נאָך מעהר . . . יעדען בעזונדער — איבער־הויפּט די מיידלאַך — בין איך עפּעס שולדיג. עפּעס קומט זיי אויס, אַז איך די „פּעסימיסטקע", די פערוועלקטע, די אַלטע, טאָר ניט פערנעהמען אַזאַ שעהנעם יונגענמאַן . . .

מילא, דאָס וואָלט מיר אויך ניט אַרען; דאָס אמת'ע גליק איז העכער פון אַלע קלייניגקייטען. אָבער זיי קריכען ווי ווערים, אין גוף אַריין: אָט

עסען זיי באַלד אָב סאַפּער, קומען זיי איינציגווייז. זיי פּילען אָן דעם קליינעם צימער, ס'איז דערשטיקט צו ווערען, זיי רויכערען, זיי ריידען, אַ ים מיט פראַזען פּילט אָן די לופט. און אַז ער לייגט ארויף די האַנד אויף מיר, קוקען זיי מיט גיפט און שפּאָט אויף אונזביידען. זיי גריבלען זיך אין אונז, קריטיקירען, ריידען, און זיצען אָב ביז האַלבע נאַכט . . .

זייערע הויפּט־טהעמען זיינען וועגען ליעבע, „ווערייעטי" א. ז. וו. ער איז נאָך אַזוי יונג . . . אָפּט פערטראַכט ער זיך . . . ר'האָט נאָך גאָר ניט געלעבט . . . און איך! אָך, איך בין פון איהם אַזוי ווייט . . . און כ'האָב אַזוי מורא פאַר זיין אויפוואַכען . . .

שוין באַלד זעקס אַ זייגער . . . ער קומט באַלד . . . געהט געזונ־טערהייט; דאָס גליק איז קורץ און ציטעריג...ס'האָט מורא פאַר א פרעמד אויג . . .

איהר זייט דאָך ניט ווי מיינע חבר'טעס. לאָזט מיך, לאָזט מיך אַליין מיט מיין אָרעמען, עלענדען גליק! . . .

# דער נעסט

מיר זיינען דא א גרופע היימישע אינטעליגענטען . . . אהא, איהר קרימט זיך. נאר פון היימישע אינטעליגענטען, זאגט איהר, דערצעהל איך אייך. אן אויסערגעוועהנליך גרויסען, א העלדישען טיפ, ווילט איהר, זאל איך שאפען. איך בעט אייך, מיר שפילען איצט ניט אין טיפען־שאפעריי : די פאנטאזיע קען שאפען א שמשון הגבור, וואס זאל האבען מיט זיין גבורה מויערען געבראכען, א דלילה, א וואונדער־שעהנהייט, פאר וועלכער דער שטארקסטער איז שוואך געווארען ווי א קינד. און נאך אזעלכע שעהנע זאכען. קיין פאנטאזיען אבער גלייכט איהר ניט. איהר רופט עס „דעקארענץ" און טהוט דערביי א שמייכעל פול מיט פעראכטונג. נו, און דאס קליינע, עלענדע לעבען פערמאגט ניט קיין גרויסקייטען !

וואס נאך ? פאר וואס האב איך גראד אויסגעקליבען דערצעהלען מעשות פון דער אינטעליגענץ ? וואו זיינען די איבעריגע שיכטען פון פאלק?

אה, יא, אפשר דערצעהלען אייך פון דעם לעבען פון די אידישע פאמעשטשיקעס ? פון די אידישע פויערים ?פון די אידישע פרינצען און פרינצעסינס, פון די ריטער, פון די יעגער, פון די אידשע טרעמפס ? כא, כא, איהר ווייסט, אז מיר האבען זיי ניט. נו, אויב איהר ווילט איך זאל דערצעהלען, טא הערט !

---

מיר זיינען דא א גרופע היימישע אינטעליגענטען. אפט פערברייגען מיר צוזאמען. „ווי אזוי ?" פרעגט איהר. אין „קיסינג גיימס" שפיעלען מיר ניט, דאס פאסט פאר „פוסטע קעפ". בעריידען אנדערע טהוען מיר ניט אפט : מיר ווייסען, אז דאס איז קליינליך, און מיר ווייסען אויך, ווי מיאוס קליינליכקייט איז. נבול־פה — כאטש אונז גלוסט זיך, ריידען מיר ניט : פאראן צווישען אונז מיידלאך, און זיי קוקען אויף אייך גרינגשעציג, ווי איינער זאגט : „דאס הערען מיר זיך אן דעם גאנצען טאג פון די אפרייטארס, מיט וואס־זשע זייט איהר העכער ?" און אנוועהרען דעם חן ביי מיידלאך ווילט זיך ניט, אפילו ביי מיידלאך־אינטעליגענטקעס . . .

פערברענגען מיר, ריידען מיר פון הויכע פילאזאפישע זאכען.

קומען מיר זיך צוזאַמען ביי איינעם פון אונזערע אין זיין וואוינונג. פער־נעהמט ראָזא, אונזער אַלרייטניצע, דעם איינציגען שאַקעל־שטוהל פון צימער. איהר ווייסט ווער איז ראָזא ? זי איז געקומען אהער מיט זעקס יאָהר צוריק. א היימישע קורסיסטקע מיט די אייביג־גלאַט־געקעמטע האָאר, מיט די דונ־קעלע בלוזען, לאַנגע ארבעל און צוגעמאַכטע קראַגענס ; א הויכע, א שלאַנקע מיט ברוינע, ליכטיגע אויגען. א פּאָר יאָהר שפּעטער האָט זי, מיט איהר מאָ־איסעיען געעפענט א סטאַרקע ערגעץ ניט ווייט אין א קאַנטרי, געהט עס איהר גוט, פערמאָגט זי אַן אייגען הויז און פעט און שעהן איז זי, און איהרע האָאר איז הויך געקעמט, און א בלוזע טראָגט זי פון זייד און שפּיצען, דורך וועלכע עס קוקט א שעהן, וויים לייב ארוים . . .

זי קומט אָפּט צו אונז, צו איהרע „טאָוואַרישטשי“ (מאָיסעי האָט זיך „אמעריקאַניזירט“, ער שפּיעלט דאָרט „א פּויקער׳ל“ מיט זיינע קריסט־ליכע שכנים.) און, עפּעס אזוי ווי אָבגערעדט, קומט אַלע מאָל איהר אוים צו זיצען אויפ׳ן איינציגען שאַקעל־שטוהל.

און אַלע מאָל אויפ׳ן זעלבען אָרט, אויפ׳ן פענסטער, זיצט עמאַטשקאַ. דאָס איז אונזער איינגסטע חבר׳טע. זיעבצעהן יאָהר אין גאַנצען. א שלאַנקע, א צאַרטע, א בלאָנד קעפּעלע, א וויים, קליין פּנים׳על, און אויגען האָט זי רונדע, גרויסע, בלויע און מערקווירדיג קלוגע ; עפּעס אזוי ווי ביי אַן אַל־טען ערפאַהרענעם מענש, וואָס האָט שוין אַלעס נאָכגעקוקט און וועגען אַלעס נאָכגעדענקט. איהר קענט דאָך די אַלט־יונגע קינדער וואָס רוסלאַנד האָט פאַר די לעצטע צייט אזוי פּיעל ארויסגעגעבען . . .

זיצט זי, עמאַטשקאַ, אויפ׳ן פענסטער, ס׳קליין קעפּעל קוקט אוים ווי איינגעוועבט אין טיולענעם פאָרהאַנג, די ווייסע הענטלאַך נעהמען ארום די קניע און די יונג־אַלטע אויגען קוקען אויפ׳ן פייער אונטער׳ן ווייסען מילך־גלאָז. (ביי אונזערע אויף די געז איז, ס׳רוב, מילך־גלעזער א צוגעננ־ליכער לוקסוס...)

און אין ווייטעסטען ווינקעל פון צימער שטעהט א קליין טישעל, פון די זייטען צוויי שטוהלען. אויף איין שטוהל זיצט סעמיאָנאָוו, א מיטעל־יעהריגער, א ניעדריגער, דונקעלער מאַן. ער זיצט מיט׳ן אייביג־סקעפּטישען שמייכעל אויפ׳ן בלאַסען פּנים. א שוויינענדיגער, א מענש וואָס האָט שוין אַלעס איבערגעלעבט ; זיצט ער נור און קוקט אויף עמאַטשקאַ׳ן. איהר ווייסט דאָך די אַלטע, ס׳איינציגע וואָס ציהט זיי צום לעבען, זיינען יונגינקע מיי־דעלאַך, כאָטש זיי קריגען קיין מאָל קיין ליעבע פון זיי.

אויפ׳ן אנדערען שטוהל זיצט מערי, סעמיאָן דעם הויכען׳ס שוועסטער. מערי איז א הויכע, א בלאַסע, א דרייסיג־יעהריגע, מיט א צובראָכען האַרץ פון וועלט־שמערץ אָדער פון עפּעס א ראָמאַן . . . זי איז א נערוועזע, א

בייזע ; רשעות׳דיגע אויגען, גיפטיגע קנייטשען ארום מויל, הוסט מיט א נערוועזען, הילכיגען הוסט. זי שיקט אפט א בליק צו סעמיאָנאָוו׳ען. פול מיט גאַל איז איהר בליק ; און מיר, וואָס לייענען די געדאַנקען פון אונזערע חברים אויסוועניג, ווייסען, אז דאָס מאַכט : „אויף מיר קוקסטו ניט, אָבער יענער וועסטו ניט קריגען״ . . .

און אויף נאָך א שטוהל זיצט מאַריא דאַווידאָוונא. איינער פון די אונזעריגע האָט איהר אַמאָל א נאָמען געגעבען „די מיטעלמעסיגקייט״. זי אינטערעסירט אונז קיינעם און מיר קוקען זיך ווייניג וועגען איהר ארום.

און אויף נאָך א שטוהל „וויעגט״ זיך מאַקס. דער שטוהל איז קיין וויעגשטוהל, אָבער מאַקס איז זעהר אַן אונרוהיגער, א ניעדריגער, א מיאוס׳ער, ניט לאַנג געקומען פון דערהיים. ער רעדט רוסיש מיט א זעהר הויכען קול און דריקט שטאַרק דעם „ריש״. איז נאָך שטאַרק פערליעבט אין „מאַטושקא ראָססיא״ און קראַצט די אויגען די עלטערע חברים וואָס וואגען זאָגען אויף אמעריקא א גוט וואָרט . . .

און נאָך א פּאָר חברים און חבר׳טעס זיצען אויפ׳ן בעטעל און א פּאָר שפּאַנען איבער׳ן שטוב, און אזוי זיינען מיר א גאַנצער „קרוזשאָק״.

בשעת מיר קומען אַלע צוזאַמען, פון וואָס רעדען מיר ניט ? גאָט אין הימעל, בערג קעהרען מיר איבער ! אַלע נעמען פון די גרעסטע אַקטיאָרען ווייסען מיר און יעדער פון אונז האָט זיי געזעהן אין פערשיעדענע ראָליען אויפטרעטען. און די נעמען פון די גרויסע קינסטלער און שרייבער און קעמפּפער . . . און וועלט־פּראָבלעמען לייזען מיר, און פון שטעדט און לענדער רעדען מיר, וואו מיר זיינען קיינמאָל ניט געווען, און פון מוזעאומס, און הכלל . . .

עמאַטשקא איז פון נאַטור א שווייגעדיגע, זיצט זי און האָרכט, וואָס מיר רעדען ; האַלט זי אָיינגעגעסען אין אונז איהרע וואונדערשעהנע אויגען, ווערען מיר עפּעס ווי בעגייסטערט דערפון, רעדען מיר האַסטיג, היצען זיך, ווילען איבעררעדען איינער דעם אַנדערען, דויערט עס אזוי לאַנג ביז . . . ביז איינער פון אונז בעמערקט, אז עמאַטשקא קוקט פערטראַכט אויפ׳ן פייער אונטער׳ן ווייסען גלאָז . און דאָס איז פאַר אונז א מין סיגנאַל אויפצוהערען. מיר ווייסען אז דאָס הייסט : „ניט אינטערעסאַנט, טאָוואַרישצי, זאָגט עפּעס נייעס. אַזעלכעס האָט מען פון אייך געהערט אין די צעהנדליגע מאָל . . . ״

די געשפּרעכען ווערען קעלטער און לאַנגזאַמער, א ווייליע שפּעטער ווערט במעט שטיל, עס קלאַפּט נאָר מיט זיין הויכען, רייסיגען קול מאַקס ; ער רעדט עפּעס ווי קליין די אמעריקאַנער קונסט איז אַנטקעגען דער רוסישער, ער דריקט שטאַרק דעם „ריש״ אזוי אז עס קומט אַרויס „אמיעררר־

ריקא" און דאָס מאַכט אונז נערוועז. איהם האַלט אונטער מערי, זי פּער־טהיידיגט אמעריקא, ניט ווייל זי איז אַזאַ אמעריקאנער פּאַטריאָטקע, נאָר ווייל זי וויל אויף איהם אָבזועצען אַביסעל גאַל . . .

שפּעטער ווערען זיי אויך ענטשוויגען. עס ווערט אומעטיג. עמאַטשקאַ קוקט אויפ'ן פייער אַזוי טרויעריג, די גרויסע אויגען זיינען אַזוי פערזאָרגט, אַז עס הויבט אָן קלעמען ביי'ם הארץ. מערי הוסט נערוועזער, עפּטער, מאַקס סקריפּעט מיט'ן שטוהל, אַ פּאָר חברים שפּאַנען איבער'ן צימער, מאַריאַ דאַווידאָוונאַ קוקט נאָך מיטעלמעסיגער אוים ; ראָזאַ, די אָלרייטניצע, וויעגט זיך האַסטיג אין שטוהל, זיפצט אָפט די זאַטע, ניט־סימפּאַטישע זיפצען... און סעמיאָנאָוו, מיט זיין אייביג־סקעפּטישען שמייכעל, קוקט אויף עמאַטשקאַ'ן און שווייגט.

און איינמאָל אין אַזאַ שווייגעניש טהוט זיך עמאַטשקאַ אַ כאַפּ אויף ווי פון שלאָף, די אויגען לייכטען, דאָס בלייכע פּנים'ל שיינט, זי לויפט גלייך צו סעמיאָנאָוו'ען, כאַפּט איהם פאַר דער האַנד און איהר זים קול'כעל קלינגט: „גאָספּאָדין סעמיאָנאָוו, איהר פאָהרט דאָך עפּעס איבער פערשידענע שטעדט, פאַר וואָס שווייגט איהר תמיד ? דערצעהלט עפּעס פון יענע שטעדט, פון יענע מענשען !"

„בררראַוואָ !!" האָט אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד מאַקס. „אַה !" האָט ראָזאַ זיך אַ האַסטיגען וויעג געטהאָן אין דעם שטוהל. דאָס איז געווען דער זאַטער „אַה", וואָס דערשמעקט עפּעס אַ פּעטען ביסען . . . מערי האָט נערוועז אָבגעהוסט ; אפילו מאַריאַ דאַווידאָוונאַ'ס פּנים האָט אַ שיין גע־טהאָן. מיר זיינען אַלע לעבעדיגער געוואָרען.

סעמיאָנאָוו האָט אַ דריק געטהאָן עמאַטשקאַ'ס האַנד : „גערעכט, קינד, איך וועל דערצעהלען".

אַלע האָבען פערנומען זייערע ערטער און סעמיאָנאָוו, מיט זיין סקעפּ־טישען שמייכעל אויפ'ן פּנים, האָט אָנגעהויבען דערצעהלען :

---

מיט דריי יאָהר צוריק, איז מיר אויסגעקומען אַ געוויסע צייט צו זיין אין דער שטאָדט ש. אויף יענער און יענער גאַס, אונטער דעם און דעם נומער, האָב איך אויסגעפונען אַ הויז, וואו עס וואוינען אַ סך אונזעריגע, און איך האָב עס אַ נאָמען געגעבען „דער נעסט".

דער נעסט איז אַ דריי־פּלאָריגע, אַלטע, רויט־געפאַרבטע הויז. אויפ'ן ערשטען פלאָר וואוינען די בעלי בתים : אויף די אויבערשטע צוויי — צו פינף צימערען יעדער — וואוינען ביי אַ פּופצעהן אונזעריגע מיידלאך מיט בחורים.

סעמיאָנאָוו האָט אַ ווײַלע נאָכגעדענקט ווי בעסער אָנצוהויבען. מיר האָבען געקוקט אויף איהם מיט נײַגיעריגקײט. ער האָט דערצעהלט:

מאָהלען אײַך אַלע מיטגליעדער פוּנ׳ם „נעסט" וויל איך ניט, אפשר אנאנדערס מאָל, איך וועל אײַך נאָר דערצעהלען פון אײנער דאָרט, פון מאַניא׳ן.

מאַניא איז אַלט אַ יאָהר זיבען־און־צוואַנציג. זי איז קליין און צאַרט, מיט אַ ווײַס לענגליך פּנים׳ל און דאָס מאַכט זי אויסזעהן מיט אַ פינף יאָהר אינגער. דאָס שעהנסטע אין איהר זײַנען די האָאָר און די אויגען: שוואַרצע רונדע אויגען, מיט׳ן אײבּיגען תאוה־גלאַנץ נאָך לעבען און מיט׳ן אײביגען שמערץ פון דער וועלט . . . און האָאָר שוואַרצע, דינע, פאַלען אין בינטלאַך בײ׳ם פּראָפיל פון ווײַסען פּנים׳ל, אַזוי עקשנות׳דיג פאַלען זײ, ווי קײנע קאַמען אין דער וועלט וואָלטען זײ ניט געקענט צוריקהאַלטען.

מאַניא׳ס געשיכטע איז אַ געוועהנליכע. פון דער־הײם איז זי געקומען כמעט אַ קינד, אַ פופצעהן־יעהריגע, פון פינפטען קלאַס גימנאַזיום האָט מען זי אַוועקגעריסען. דאָ איז זי געגאַנגען אַרבײטען אין שאָפּ. צו איהר צוואַנציגסטען יאָהר האָט זי חתונה געהאַט. איהר מאַן איז אַ שעהנער, אַ שטילער, אַן אָרענטליכער, אָבער אַ פּראָסטער „בשר ודם", אָהן מאָדערנע שטימונגען, אָהן אַ ליטעראַרישען געשמאַק . . . זי ליעבט איהם ניט. שוין צוויי מאָל זײַנען זײ שוין געוועזן צושײדט און צוריק צוזאַמען. ווען איך האָב זי געטראָפען, איז זי געוועזן אָקאָרשט דעם דריטען מאָל צושײדט.

אויפ׳ן אויבערשטען פלאָר אין דעם „נעסט" פערנעהמט מאַניא אַ בעזונדערען צימער. זי לעבט נאָך דערוויל פון די הונדערט־און־פופציג דאָלאַר וואָס דער מאַן האָט איהר געגעבען בײַם צושײדען זיך.

אַרבײטען געהט זי ניט: פאַר׳ן שאָפּ איז זי צו שוואַך, זי קלײַבט זיך אויסלערנע אַן „אינטעליגענטען טרײד"; ווײסט זי ניט וועלכען, מיט וועמען מען רעדט קומט אויס, אַז קײן זאַך טויג ניט, און דערוויל שווינדען די טעג...

מאַניא שלאָפט אַ שטיק אויפ׳ן טאָג. בײ צוועלף אַ זײגער ווערט זי פאַרטיג מיט איהר ברעקפעסט און דינער צוזאַמען, נאָכדעם לײענט זי די טעגליכע צײַטונגען. זי האָט אַ סך ביכער איהר אײגענס. אַמאָל פּרובירט זי אין זײ אַרײַנקוקען, אָבער זי כאַפּט זיך באַלד צוריק פאַר די טעגליכע צײַטונגען: „אַלץ אײנס וועל איך ניט קליגער ווערען", אַזוי פערענטפערט זי איהר געוויסען. אַמאָל שפּאַצירט זי, אָבער ס׳איז אומעטיג: די זעלבע גאַסען און פּאַרקס האָט זי הונדערטע מאָל דורכגעשפּאַנט. ווײַט אַרויספאָהרען גלוסט זיך ניט אַלײן. נודיעט זי אַזוי אָב די טעג. אַמאָל פאַלט זי פון לאַנגווײַלע אויפ׳ן בעטעל, טראַכט זי און טראַכט. וועגען וואָס? וועגען וועלט און לעבען, וועגען מענשען און זאַכען, וועגען אַלערלײ פּאַסירונגען, וועגען אַלטע

בעקאַנטע, וועגן די פּיעלע ביכער וועלכע זי האָט געלעזען און זיך אָנגע־הערט. עס ווערט אומעטיגער און אומעטיגער, דער קאָפּ טומעלט, דער מאָרך אַרבייט שלעפּעריג, און אין האַלב־דרימעל פּלאָנטערן זיך: ניטשע'ס איבער־מענש, מען איז אָבער שוואַך, עלענד, הילפלאָז ווי קינדער . . . ניטאָ קיין כח... און שאָפּענהויער... ווי ער וועגט גוטעס און שלעכטעס אויפ'ן וואָג... דער וואָגשאָל פון גוט'ס פליהט אַרויף ביז די וואָלקענס, צופליהט ווי אַ רויך; די וואָגשאָל פון שלעכטס שלעפּט טיעף, טיעף אין אַן אָבגרונד אַ שוואַרצען, אַ פינסטערען... ניטאָ צו וואָס צו לעבען, און דאָך... און דאָך... ס'לעבען, ס'אָטעמען, ס'ווילט זיך אַזוי פיעל, אַזוי פיעל...

זי דרעמעלט. דער גערויש פון גאַס מאָלט שווערע קאָשמאַרען פאַר איהר אונרוהיגען מאָרך. אַ שטאַרקער קלאַנג פון דער קאַר מאַכט זי אויפ־וואַכען, דאָס האַרץ שלאָגט האַסטיג, זי נעהמט זיך פאַר'ן לייענען און אַזוי ציהט זיך אַוועק דער טאָג.

צו אָבענד־צו הויבען זיך אָן צונויפזאַמלען די „פּופּצעהן". עס ווערט לע־בעדיג. די קיך איז אַ גרויסע און בעלאַנגט צו אַלעמען. מען הויבט אָן ברענ־גען פעקלעך פון גראָסערי און צוגרייטען סאַפּער: ווער עס קאָכט קאָקאָ, ווער מילך, ווער עס פרייט אייער, ווער סטייק, מאַניאַ ווערט הינגעריסען, ווער עס רעדט צו איהר, ווער עס פרעגט עפּעס, איינע דערצעהלט עטוואָס און עס רעגט צום לאַכען, זי הויבט אויך אָן צוגרייטען איהר סאַפּער, און אין אַלגעמיינעם טומעל רויטעלט זיך איהר בלייך פּנים'ל און די שעהנע שוואַרצע אויגען לייכטען מיט ציהענדען, תאווה'דיגען גלאַנץ...

נאָך סאַפּער געהט זי ערגעץ. נאָך איהר געהט כמעט דער גאַנצער „נעסט". אָפט געהט מען צו אַ לעקטשור. ביים אַריינקומען אין זאַל איז מאַניאַ לעבעדיג. און באמת ס'איז דאָך אַזוי גוט, מען טרעפט זיך מיט אַזוי פיעל אייגענע. אָט דריקט איהר סערגעיעוו די הענד, אָט קוקט אויף איהר מיט ברידערליכע צערטליכקייט דיניך, און אָט איז פרענקלין דער שעהנער, דער שוואַרצלאָקיגער, דער ליעבלינג פון די ווייבער. ער גריסט זי מיט אַזאַ וואַרימקייט... זי געהט איבער'ן זאַאַל, די פיס הויבען זיך ווי צום טאַנץ, זי רעדט און שפּאַסט מיט אַלעמען, און וואַרעם פליעסט דאָס בלוט אַרום האַרץ.

שפּעטער פערנעהמט יעדער אַ פּלאַץ. מאַניאַ'ס פרייד לעשט זיך: סער־געיעוו זיצט נעבען איידע'ן, אַ זעכצעהן־יעהריגע מיידעלע, אַ ליכטיגע, אַ שעהנע. ער איז איהר לעהרער, זי ווייס שוין וואָס דאָס הייסט... און דיניך, ער זעצט זיך נעבען זיין מיסיס וואו ער וואוינט. ער לעגט זיין האַנד, ווי אונגערן, איבער'ן ווענטעל פון שטוהל, זי פיהלט ווי דער מיסיס נאַקען טהוט אַ ציטער — „ווי שעהן און יונג יענע איז!" אַרום פרענקלין'ען דרעהען

זיך א צוואנציג מיידלאך, יעדע צופּט איהם, רעדט צו איהם... „בהמות, וואס איז אויף איהם צו זעהן ?"

דער לעקטשורער הויבט אן. מאניא ווערט נאך אומעטיגער. נעבען איהר זיצט אלע מאל, ווי אויף להכעיס, איהר שכן פון „נעסט", אן אלטער בחור א יאהר פיערציג, א הויכער א דארער, מיט אויסגעסטארטשעטע באקענ־ביינער, א שוויגענדיגער. ווי א שאטען געהט ער איהר נאך . . .

די לעקטשור הערט זי ווענינ. קיינער זאגט פאר איהר קיין נייעס ; זי האט עס שוין אסך מאל געהערט.

איז דער לעקטשורער יונג און שעהן, טראגען זיך פאר איהרע אויגען א סך פרויען־פיגורען פון פערשיעדענעם אויסזעהן. זי איז זיכער, אז ניט איינער'ס הארץ האט ער געבראכען. אגב האט זי פון זיין פּריוואט־לעבען זעהר פיעל עהנליכעס געהערט... עס רעגט איהר א נקמה־געפיהל צו איהם, די פאנטאזיע הויבט אן האסטיג מאלען אן אויסערגעוועהנליכע פרוי, וואס זאל קענען זיין הארץ ברעכען... זי פּרובט אנמעסטען אויף זיך, אבער דער גע־וויסען ער לאזט זיך ניט אבנארען...

און אויב עס רעדט אן עלטערער מאן, קוקט זי אויף זיין צוקנייטשטען פּנים און פערטראכט זיך וועגען זיין גייסטיגען לעבען : „פיהלט ער ניט, ווי וועניג פּרובט עס טראגען זיינע רייד ? פּלאגט איהם ניט זיין געוויסען צו דרש'ענען דאס געדראשענע ?..." און ווידער טומעלט דער מיעדער מארך, די אויגען פאלען צו און אין האלב־דרימעל פלאנטערט זיך : „שאפּענהויער זאגט, מען דארף ניט לעבען, און אטהעמען ווילט זיך אזוי שטארק... און ניטשע ? וואס פאר א שעהנעם, ליכטיגען לעבען... ווי קליין מען איז נעגען זיין „איבער־מענש"... און נאך אנדערע פילאזאפען... און נאך אנדערע... און דער תכלית ? . . ."

נאכ'ן לעקטשור כאפּט זי פרענקלין און דריקט שטארק איהרע הענד. אמאל שטעלט מען זי פאר פאר'ן לעקטשורער. דער גלאנץ אין איהרע שעהנע אויגען לייכט ווידער אויף. זי רעדט, אלע רעדען, מען שפּאציערט אזוי אוועק צום „נעסט" און אן אנגעמיעדטע פאלט זי שלאפען ביז שפּעט אויפ'ן אנ־דערען טאג.

שבת, אין די ווינטערדיגע אבענדען, געהט מאניא, און כמעט דער גאנ־צער „נעסט" צו דער אפּערא. זי קומט פריש און גוט אויפגעלעגט. און באמת אויפ'ן „גאליארקע" איז אזוי היימליך ; כמעט אלע רעדען רוסיש, מען פיהלט זיך פריי, די מיידלאך אין די דונקעלע בלוזען מיט גלאט־געקעמטע האאר דערמאנען אן דער היים, אן די קינדערשע יאהרען... און אט זיינען

אַזוי פּיעל בעקאַנטע, די ברידער פּייגינס, אַלטע טאָוואַרישצי, אַזאַ צייט ניט געזעהן, מען דריקט זיך די הענד, און יעפּים, און בערטהאַ פון דער קאָנטרי אַראָבגעפאָהרען... זעה נאָר, זעה נאָר!

עס הויבט אָן שפּיעלען דער אָרקעסטער, דער פאָרהאַנג ראָלט אויף. מאַניאַ הערט און זעהט אבער אין קאָפּ פּלאָנטערען זיך אַנדערע געדאַנקען אויך: זי האָט שוין אַ סך מאָל אָפּעראַס בעזוכט, גרעסטע קינסטלער געהערט, עס פערכאַפּט זי ניט אין גאַנצען. און וואַרט... איינע, די פּרימאַדאָנאַ, זי קען פון יענער ניט אַראָבנעהמען איהר בליק, אַ יונגער „שטערן" אויף דער ביהנע. ווי שעהן און יונג... ווי זים זי זינגט... און פּרענקלין און יעפּים, און דינין, מיט וואָס פאַר אַ ברענענד־ע אויגען זיי קוקען...

מאַניאַ׳ס אויגען ווערען דונקעל, אַ מרה־שחורה׳דיגער שאָטען פערציהט איהר געזיכט, די פאַנטאַזיע אַרבייט שנעל און מאָלט אַ גן־עדן הינטער די קוליסען; זי גלויבט ניט די שרעקליכע זאַכען וואָס מען דערצעהלט פון דאָרט — דאָס האָט אַ גוטער מענש אויסגעטראַכט כדי מען זאָל גיט שטאַרבען פון קנאה, ווי יענער פוקס פון פאַבעל האָט אויסגעטראַכט, אַז די ווינטרויבען זיינען זויער... זי מעסט זיך אָן פאַר דער ביהנע. עס הויבט אָן נאָגען ביים האַרץ, דער שכל לאָזט זיך ניט אָבנאַרען... און שאָפּענהויער מיט ניטשע׳ן... עפּעס עגבערט עס אין מח...

אַן אונגעוועהנליך הויכער „בררראַוואָ" וועקט זי: אַ ניט־לאַנג אַריבערגעקומענער אינטעליגענט אַפּלאָדירט.

„ווי געפעלט זי אייך? ווי געפעלט זי אייך?" פאַלט אַרום דער גאַנצער נעסט. זי זעהט די בחורים׳ס פּנים׳ער לייכטען. און די מיידלאַך? כאַ־כאַ, זי וויים אַלעמענס געדאַנקען אויסווענינ...

אַהיים קומט זי אַ מיעדע. אויפ׳ן געלעגער וואַרפט זי זיך לאַנג און שלאָפט ביז שפּעט אויפ׳ן אַנדערען טאָג.

און, אַז ס׳איז ניטאָ וואוהין צו געהן, פערקלייבט מען זיך אין איינעם פון די צימערען אין „נעסט" און מען פערברענגט. מאַניאַ רעדט ווענינ, זי קען ניט איבערזאָגען קיין אַלטע זאַכען, און נייעס זאָגען האָט זי ניט וואָס. זיצט זי און האָרכט.

רעדט בערנשטיין פון מוזיק, קונסט און קינסטלער, און זיין פּנים איז אַזוי אויסגעצויגען, מאַוס, קאַלט, זיצט מאַיער און רעדט פון ליעבע און איהרע פּריוויליגיעס. זיצט גילמאַן אַ שוואַרצער, אַ מיאוס׳ער, מיט אַ זעהר פלאַטשיגען נאָז און צולעגט שאָפּענהויער׳ס לעהרע מיט אַלע פּיטשעווקעס, אויפוויינענדיג ווי נישטיג ס׳איז צו לעבען, און איהם שפּאַרט איבער פרומ־

קין, א הויכער, א דיקער, מיט א שרעקליך וואולגארען געזיכט: ער רעדט פון לעבען און זיינע שעהנקייטען, פון די שוואכע ברואים וואס פער'מיאוס'ען דאס לעבען, און זיינע ארגומענטען שפארט ער אן אויף ניטשע'ס לעהרע, דערמאנענדיג אלע ווײלע, מיט גרויס הנאה, זיין נאמען... און צווישען זיי זיצט פיאדאר, א דארער, א בלאסער, א נערוועזער, ער רעדט פון ליעבע און גלויבען, פון „איין באק און א צווייטער באק" פון גוטסקייט און רחמנות, און דערמאנט טאלסטאי'ס נאמען אהן א צאהל. און בערטא, א הויכע, געזונדע, מיאוס'ע מיידעל פרובט ארויספיהרען דעם געשפרעך אויף פרויען־רעכט, וועלכעס גיט זיך איהר ניט איין, און דארא א היימישע מיט א מאגערען פנים און א זעהר אויסגעבויגענע נאז, זינגט עפעס א ראמאנס, און גרישא, א נערוועזער חבר, וויעגט זיך אויף א שטוהל און ברומט א רוסיש ליעדעל פון קאמפף, און אין ווייטעסטען ווינקעל זיצט דער אלטער בחור, דער שווייגענדיגער שכן, ער קוקט אויף מאניא'ן אומעטיג און שווייגט...

סעמיאנאוו איז א ווײלע ענטשוויגען געווארען. ער האט אונז אלע אנגעקוקט מיט זיין סקעפטישען שמייכעל, וועלכער איז געווען פול רחמנות און שפאט.

אלע האבען געהאלטען איינגעגעסען אין איהם די אויגען. ער האט פארטגעזעצט דערצעהלען:

דער געשפרעך אין דעם „נעסט" היצט זיך און היצט זיך אזוי לאנג ביז עס ווערט שטיל. אלע בלייבען ווי אבגעהאקט. מען זוכט, מען וויל זיך אן עפעס אנכאפען, אבער אן וואס? און פלוצלינג ווענדעט זיך מאניא צו איהר שווייגענדיגען שכן: „גאספאדין אנדרעיעוו", קלינגט טרויעריג איהר קול „דערצעהלט עפעס אינטערעסאנטעס, איהר פאהרט דאך אזוי אפט ארום איבער פערשיעדענע שטעדט". און אנדרעיעוו דערצעהלט:

מיט פיער יאהר צוריק, ווען איך בין געווען אין ניו יארק, פלעג איך אויף דער און דער גאס, אונטער דעם און דעם נומער, אריינקומען אין א הויז...

סעמיאנאוו האט אבגערוהט. די ערשטע איז צוגעלאפען צו איהם עמאטשקא. איהר פנים'ל איז געווען בלייך, די אויגען גרויס, איבערראשט, צושראקען, זי האט איהם געכאפט פאר'ן האנד: „פון אונז, פון אונז האט ער דערצעהלט!" און איהר קול'כעל האט אזוי געציטערט.

„פרא נאס?" האט א קוויטש געטהאן מאקס, אויפשפרינגענדיג פון שטוהל. מערי'ס נערוועזער הוסט האט א הילך געטהאן און ראזא דער אלרייטניצעס „אה" איז געווען ווי פון א הונגעריגען טהיער...

„שטא אן ראסקאזאל פרא נאס?" האט די מיטעלמעסיגע מאריא

דאווידאָוונאַ געפרעגט. אָבער סעמיאָנאָוו האָט ניט דערצעהלט מעהר, ווייל עמאטשקאַ איז שוין געזעסען אויפ'ן פענסטער, דאָס קעפעל איינגעוועבט אין פאָרהאַנג און איהרע גרויסע, פערטראַכטע, דאָס מאָל צושראָקענע אויגען, האָבען געקוקט אויפ'ן פייער אונטער'ן ווייסען גלאָז.

אויפ'ן געלעגער האָבען מיר זיך יענע נאַכט אומגעוואָרפען. און אין האַלב־דרימעל האָבען זיך געפלאָנטערט : ניטשע, שאָפּענהויער, טאָלסטאָי, און אַנדערע, און גרויסע, שעהנע לעבענס, און קליינע, טרויעריגע, עלענדע לעבענס... און דער נעסט דאָרט אין ש., און דער „נעסט" דאָ ביי אונז, און דער גרויסער, גרויכער „נעסט" אין וועלטאַל... און דער תכלית פון לעבען... און נאָך און נאָך אַזעלכע געדאַנקען וואָס קענען נאָר מאַטערען דעם מח פון אונזערען אַ היימישען אינטעליגענט.

# אַמעריקאַניזירט

### (אויס די ערצעהלונגען פון'ם „גנעסט".)

נאָך אַ מאָל זיינען מיר געזעסען צוזאַמען, אונזער היימישער קרוזשאָק, און פערבראַכט.

דאָס מאָל איז געגאַנגען אום אַ נייער רוסישער צייטונג, וואָס'ט גע־זאָלט אָנהויבען ערשיינען דאָ אין אַמעריקא. די טהעמא איז געווען אַן אינ־טערעסאַנטע, געהאַנדעלט האָט זיך אום די שעדליכקייט פון די פיעל־שפּראַכיגע אויסגאַבען, וועלכע דערלאָזען ניט די פרעמדע זיך אַמערי־קאַניזירען.

דאָס מאָל איז צווישען אונז געווען אַן אַלטער חבר, וועלכען מיר האָ־בען גערופען ביים צונאָמען דער „אַמעריקאַנער פּאַטריאָט". זיין נאָמען איז געווען לאַזאַר.

לאַזאַר איז אַלט אַ יאָהר פערציג. די ערשטע העלפט יאָהרען האָט ער פערבראַכט אין רוסלאַנד ביי די רוסישע ביכער און אידעאַלען; דאָס צווייטע העלפט — ביי די אַמעריקאַנער. ער איז אַ הייסער אַנהענגער פון אַמעריקאַנער קולטור; צווישען אונז קומט ער אָפט. איך ווייס ניט, טהייל־מאָל דאַכט זיך מיר, אַז טראָץ זיין גרויסע ליעבשאַפט צום אַמעריקאַנער פאָלק, פיהלט זיך דאָך זיין נשמה געלייטערטער און הייליגער צווישען אונ־זער קרייז, און טהיילמאָל קומט מיר אויס, אַז ער האָט זיך עס גענומען פאַר אַ הייליגע מיסיאָן אונז צו בעקעהרען צום אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם.

ווי די זאַך איז, אָבער ער טראָגט אַלע מאָל אַריין אַ ביסעל נייע לעבען צווישען אונז „צוטרייסעלטע". זיין אויסערען אויסזעהן אפילו, איז אינטע־רעסאַנט. ער איז הויך און גלייך, אַזוי ווי אַ וויאָרסט, פול מיט יוגענד קראַפט, טראָץ זיין עלטער; זיין געזיכט פול ענערגיע און זיינע בלויע אויגען רוהיגע, גוטע און יונגע, ווי ביי אַן אַכטצעהן־יעהריגען מאַן. זיין שכל, לאָגיק און רעדענס־אַרט, קומט אויס, ווי ס'וואָלט זיך וויקלען פאַר אייך אַ גלייכער, ברייטער טראַקט, וועלכען אַ גוט אויג קען פערנעהמען מיילען, מיילען ווייט...

לאזאר האט איצט גערעדט מיט מאקסען. איהר קענט דאך איהם, מאק־סען, דעם ניעדריגען, מיאוס׳ען, דעם ניט־לאנג געקומענעם היימישען אינ־טעליגענט. ס׳איז שעהן געווען צו קוקען. לאזאר, דער הויכער, דער גלייכער, דער רוהיגער, מיט׳ן גלייכען, ברייטען שכל, און מאקס, דער נערוועזער מיט׳ן רייסיגען קול, וויביידע האבען גערעדט.

מיר האבען טאקי אלע געקוקט. האט זיך ראזע, די „אלרייטניצע״, געשאקעלט אין שטוהל, און די מאגערע מערי האט אפט און נערוועז גע־הוסט, און מאריא דאווידאוונא, די „מיטעלמעסיגע״, איז זיך רוהיג געזעסען אויפ׳ן שטוהל, און דער פערציג־יעהריגער סעמיאנאוו, דער שוויינעדיגער, מיט׳ן סקעפטישען שמייכעל אויפ׳ן בלייכען פנים, איז געזעסען און געקוקט אויף עמאטשקא׳ן, און עמאטשקא, איהר געדענקט זי דאך, אונזער זיעבצען־יעהריגע, בלאנדע חבר׳טע, מיט די שעהנע בלויע, יונג־אלטע אויגען, זי איז געזעסען, ווי תמיד ; דאס קליין קעפעל איינגעוויקעלט אין טולענעם פאר־האנג, און האט געהאלטען שטארק איינגעגעסען אין לאזאר׳ן איהר בליק. און מיין געניט אויג האט אויפגעכאפט דעם שמערצליכען צוג פון אייפער־זוכט אויף סעמיאנאוו׳ס געזיכט, וועלכען ער האט זיך געסטארעט צו בע־האלטען.

און לאזאר, קענטיג בעגייסטערט פון עמאטשקא׳ס אויפמערקזאמקייט, האט אנגעהויבען רעדען האסטיגער און לעבהאפטער. זיין הארטער רוהיגער קול איז געווארען קלינגענדיג און עטוואס אויפגערעגט, און די בלויע יונגע אויגען האבען בעקומען א גלאנץ.

און גערעדט האט ער — אין א פאעטישער שפראך — וועגען גרויסען, שעהנעם, רייכען אמעריקאנער לעבען, וועגען די הויכקייט פון אמעריקאנער קולטור, וועגען די ריעזיגע ערפינדונגען, וועגען די ווירטהשאפטליכע אוצרות, וועגען די גוטסקייט און דעמאקראטי פון פאלק, און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער. און דערביי האט ער געטאדעלט אונזער הארטנעקיגקייט, פאר וואס מיר ווילען ניט, אדער קענען ניט, זיך אמעריקאניזירען.

„מיר אמעריקאניזירען זיך, יא !״ האט אויסגעריפען סעמיאנאוו, און מיין געניט אויער האט געכאפט דעם קלאנג פון זיין שטימע, דער קלאנג, וואס רופט צו מלחמה און זיעג... און באמת האט עמאטשקא שנעל געווענדעט צו איהם איהר בליק, מיר אלע נאך איהר, און סעמיאנאוו, בעהאלטענדיג דעם פרייד־געפיהל, האט דערצעהלט :

„מיט פיער יאהר צוריק, ווען איך האב בעזוכט אין דער שטאדט ש. דאס הויז, וואס איך האב א נאמען געגעבען „דער נעסט״, בין איך דארט בעקאנט געווארען מיט דריי מיידלאך.

איינער׳ס נאמען איז געווען פעני. זי איז א הויכע, א בלאנדע, מיט

שעהנע, לאנגע האָר. די צווייטע — אסתר — איז אַ מיטעל־הויכע, אַ רויטען קאָפּ האָר, גרויע לעבעדיגע אויגען, אַ ווייס פּנים, אַ שעהנע און אַ לעבעדיגע. די דריטע רופט מען רייזעלע; זי איז אַ קליינינקע, אַ ברונעטקעלע, אַ יונגינקע, אַ זיעבצעהן־יעהריגע, שוואַרצע ברענענדיגע אויגען, שעהנע האָר און אַ קול'כעל, וואָס פערקלינגט דאָס גאַנצע הויז.

די דריי מיידלאַך פערנעהמען אַ גרויסען צימער אויפ'ן דריטען פלאָר, זיי האַלטען זיך שטאַרק צוזאַמען, כאָטש זיי זיינען ניט קיין קרובים. און וואוילע מיידלאַך זיינען זיי. זיי קומען פון אַ גרויסער רוסישער שטאָדט. דאָרט האָבען זיי אַנטהייל גענומען אין דער בעוועגונג, געלייענט די מאָדערנע רוסישע ליטעראַטור, און אַלע רוסישע לידער געקענט אויסווענדיג. דאָ ארבייטען זיי אין אַ שאָפּ.

די ווענד פון גרויסען צימער ביי די דריי חבר'טעס זיינען אויסגעציערט מיט די בילדער פון רוסישע „גדולים", צוויי שווערע אַלבומס איז דאָרט פאַראַן, אָנגעפּילטע מיט רוסישע „ווידען", אַ ביכער־שאַף פול מיט רוסישע ביכער, כמעט אויף יעדען בוך איז אָנגעשריבען אַ „נאַ פאַמיאַט" פון עפּעס אַ פריינד. גערעדט האָבען די מיידלאַך צווישען זיך נור רוסיש, און אין די אבענדען, אויפ'ן באַלקאָן, פלעגען אַלע דריי צוזאַמען זינגען רוסישע לידער.

איצט האָט ניט פאַראיבעל, וואָס איך מיש אריין אַ בעמערקונג אפשר ניט צו דער זאַך:

צו הערען רוסישע לידער פון שעהנע יונגע מיידלאַך זינגען, איז אַמאָל אנגענעהם, אַמאָל ניט. ווי מען איז געשטימט. אָט, אַ שטייגער, זייט איהר גוט, איידעל און ווייך געשטימט, דאַכט זיך אייך, אַז קיין זיסערע זאַך ווי די רוסישע, האַרציגע, בייענקענדע, מעלאָדישע לידער זיינען ניט פאַראַן. אָט זעהט איהר ווי לערמאָנטאָוו שפּאַציערט אין אַ שעהנער לבנה־נאַכט, אַן אונגליקליכער, אַ מיעדער, פון די פערלאָנגען און ענטטוישטע האָפנונגען אין לעבען, ער זינגט און בעט רוה, ער בעט רוה, וואָס שמעקט מיט פרייד און לעבען... און אָט זינגט נאַדסאָן פון מענשליכע ליידען און האָפנונגען. און אָט זינגט אַן אַנדערער און בעט מען זאָל איהם ניט ברענגען צו די נסיונות פון ליידענשאַפט... און נאָך איינער זינגט פון ליעבעס־ליידען, און נאָך איינער זינגט פון טורמע אַרויס, און דער „סלושאַי" שטעלט אייך די האָאָר אויפ'ן קאָפּ דיבאָם... און איהר פיהלט, ווי עס ווערט צוגאָסען אייער נשמה, אייער האַרץ. איהר פערפליהט ערגעץ אין אַ געפיהלען־וועלט, אין אַ וועלט פון הייליגע ליידען, זיסען שמערץ, און שעהנע האָפנונגען...

דאָס איז אַלץ, ווען איהר זייט ווייך, איידעל און גוט־געשטימט. אַמאָל אָבער טרעפט, אַז דער „מעפיסטאָפעל" אַרבייט אין אייך (איבערהויפּט טרעפט עס ביי מיינע יאָהרען). איהר זייט האַרט און רויה געשטימט, דאַ־

מאָלס קענט איהר די רוסישע מעלאָדישע ליעדער ניט פערגעהמען. און נאָך מעהר רעגט עס אייך אויף, ווען איהר הערט זיי פון מיידלאך זינגען. אייך דאכט — האָט ניט קיין פאראיבעל — ווי קעץ וואָלטען קלאָגען. אז איהר הערט דאמאָלס דאָס מיידעל זינגט : „טאסקא לובווי", „טאסקא לובווי", „טאסקא לובווי", און לעגט אריין א סך געפיהל אין ליעד, דאכט אייך, אז זי זינגט : „איך וויל א מאן", „איך וויל א מאן", „איך וויל א מאן"... און איהר דערמאָנט אייך אָן דעם פויגעל, וועלכער זינגט אזוי לאנג, ביז עס ווערט בעפרידיגט... און..."

סעמיאָנאָוו האָט זיך אָבגעהאַקט. עמאטשקא'ס אויגען האָבען געקוקט אויף איהם מיט צאָרן און האַס. „ביזט גערעכט, קינד", האָבען זיך זיינע בליקען ווי געבעטען. און ער האָט דערצעהלט :

„צו יענער צייט האָבען זיך שוין געפונען צווישען אונזערע א סך אמעריקאנער פאטריאָטען, וועלכע האָבען געזעהן אונזער „גליק" אין אמע־ריקאניזירען זיך. איך האָב אָפט געטראַכט וועגען דעם, צי וואָלט עס באמת ניט געווען גוט ? חא־חא — מיר, אינטעליגענטען, דארפען דאָך נאָר בע־שליסען... די דריי מיידלאך האָבען מיר זעהר לייד געטהאָן : „אזעלכע ווי זיי" — האָב איך געטראַכט — „ווערען שוין שטארבען רוסישע פאטריאָט־קעס". פון דעסטוועגען בין איך ניט געווען אזוי שלעכט צו זיי. אין מיין גע־דאנק האָב איך זיי צוגעפּאסט צו דריי חברים פון „נעסט". פאר פעני'ן דער הויכער סאמואיל, פאר אסתר'ן — דעם בלאָנדען אייזיק ; און פאר ריי־זעלען — דעם יונגען נייגצעהן־יעהריגען אבראמסאָן.

צו די שדוכים זיינען גלייך, האָט מיך ניט געאַרט, ווייל אַלץ איינס, האָב איך עס ניט גע'שדכנ'ט, מיין געדאנק האָט זיי נאָר צוגעפּאסט. און נאָכדעם בין איך אוועקגעפאָהרען און פערגעסען אָן זיי.

---

פיער יאָהר שפּעטער בין איך ווידער געווען אין יענער שטאָדט. איך האָב בעגעגענט מיינע דריי „מיידלאך". און הערט ווי איך האָב זיי גע־טראָפען :

פעני האָט חתונה געהאַט פאר סאמואיל'ן. זיי וואוינען „וויט ארויס", האָבען א גוטע ביזנעס, א שעהנע הויז פון זעקס צימערען און א שעהן קינד, א טעכטעריל פון א יאָהר דריי. פעני קוקט אויס פעט און שעהן, די האָאָר טראָגט זי „סטייליש". אַלע צימערען זיינען אויסגעבעט מיט ראַגס, אפילו די טרעפּען, וואָס פיהרען צום צווייטען פלאָר, און די וואָס פיהרען צום ביסמענט, זיינען אויך אויסגעבעט מיט קארפּעט. אויף די געזימסען אין אַלע צימערען זיינען אָנגעשטעלט צאצקעס, גלעזערנע כלים, פיגורען, בילדעלאך

אזש דער קאָפּ הויבט אָן שווינדלען. און שעהנע מעבעל קאָסטבארע שפּיג־לען פאַרהאַנגען און אַלע קלייניגקייטען, וואָס דערשטיקט און מאַכט ענג די לופט אין יעדער אַמעריקאַנער הויז...

פעני איז אַ ביסעל רויט געוואָרען ביי מיין קומען. שפּעטער האָט זי זיך בערוהיגט, און מיך אָנגעהויבען פיהרען פון איין צימער אין אַנדערען, כדי מיר צו צייגען איהר גאַנצע „האָב און גוטס”. שפּעטער האָבען מיר גע־האַט סאַפּער. פעני האָט געגרייט דעם טיש מיט די אַלע טעפּעלאַך, גלעזעלאַך און שמאַכטעס, וועלכע מאַכען ענג דעם טיש, פערשטעלען די שפּייזען און זיינען איבערהויפּט מקצר די יאָהרען אונזערען אַ היימישען... זי האָט ארויפ־געגעבען אַלערליי שפּייזען און געבעקסען, „אַלץ אייגענע ארבייט”, האָט זי זיך געגרויסט; זי האָט געפרעגט, אויב מיר שמעקט עס? און ווען איך האָב געלויבט דעם פּודינג, האָט איהר שעהן, פעט געזיכט אַ לויכט גע־טהאָן... די זעלבע צופרידענהייט איז אויך געווען אויף סאַמואיל'ן. גערעדט האָבעןביידע געבראָכענעם ענגליש. דאָס מיידעלע און די קריסטליכע שכנים האָט זיי געצוואונגען צו לערנען די שפּראַך.

„פאַלשטענדיג אַמעריקאַניזירט”, איז געווען מיין ערשטער געדאַנק וועגען זיי. מיר איז געוואָרען אַ ביסעל „זויער” אויפ'ן האַרצען.

נאָכדעם האָב איך בעזוכט אסתר'ן.

אסתר וואויהנט מיט אייזיק'ען. זיי פערנעהמען אַ קליינעם פלעט. ער לערנט פאַר דענטיסט, זי אַרבייט אין שאָפּ. זי אַרבייט שווער, זעהט אויס מאָגער און בלאַס, ניטאָ די לעבעדיגקייט. זי אַרבייט שווער בייטאָג אין שאָפּ, ביינאַכט די הויז־אַרבייט און אַ ביסעל לערנט זי נאָך. „אייזיק וועט זיין דאָקטאָר און זי זאָל אפילו די שפּראַך ניט קענען?” זי איז גערעכט.

איך האָב דאָרט לאַנג ניט פערבראַכט. אונזער קורצער געשפּרעך האָט זיך נאָר געוויקעלט אַרום איהר שווערען עקאָנאָמישען לעבען. „וואָס עס דריקט, דאָס פיהלט מען”. איך האָב אויף איהר קיין פעראיבעל ניט געהאַט.

ווען איך האָב מיך געקליבען אַוועקגעהן, האָבען איהרע גרויע אויגען אויפגעפלאַמט, און זי האָט אויסגערופען מיט ענטציקונג:

„אָבער, אַז אייזיק וועט ענדיגען און אָנהויבען פערדיענען, אַז מיר וועלען זיך ארויפאַרבייטען, וועל איך דאָס לעבען אַ טאָג! כ'וועל איינריכטען אַ שעהנע הויז, נעהמען אַ דיענסט, וועל אויסרוהען מיין צובראָכענעם גוף. אַך, ווי שווער ס'איז צו אַרבייטען! גאַנצע טעג וועל איך ליגען אויפ'ן דיוואַן, קוקען צום סילינג אַרויף און קלעהרען...”

איך בין אַוועק פון איהר אַן אומעטיגער. איך האָב פיינט צו זעהן שווערע לעבענס. און אַ געדאַנק האָט מיר געגעבערט: „פון וואָס וועט זי קלעהרען

זוקענדיג צום סילינג ?" פון לערמאָנטאָוו'ס וואַנדערענדען גייסט ? פון דער זיסער, טרויעריגער, הייליגער, פערלאָרענער יוגענד אין רוסלאַנד ? אָדער וועט זי קלעהען פון די ראָגס, פון די צאַצקעלאַך, פון די זיסע, פעטע פודינגס? עך, עך !

נו, און רייזעלען האָב איך אויך געטראָפען לויט מיינע נביאות : זי וואויהנט מיט אבראַמסאָנען. זיי וואוינען נאָך דערוויל אין אַ בעדרום ביי פרעמדע, און געהען ביידע ארבייטען. זעהען אויס אַ ביסעל עלטער ווי די יאָהרען, אָבער נאָך גענוג פריש. זיי לעבען שפּאָרזאַם. אבראַמסאָן, אַן ענ־טהוזיאַסט, אַ האַלבער פּאָעט, ער טרוימט פון קויפען אַ פאַרם ; רייזעלע איז בעגייסטערט פון זיין טרוים, ביידע שפּאָרען געלד און ארבייטען ענער־גיש פאַר זייער אידעאַל.

אין אָנהויב בין איך בעגייסטערט געוואָרען פון ביידען. „ס'איז דאָך שעהן צו זעהן ווי די יוגענד טרוימט". האָב איך געקלעהרט. נאָכדעם האָט דער „מעפיסטאָפעל" אָנגעהויבען ארבייטען אין מיר. „וואָס, וואָס וועלען זיי ביידע ווערען ?" זי אַ שעהנע פאַרמערקע, וועט באַקען פודינגס, קלינען די ראָגס און די צאַצקעלאַך, און ער, אַ פאַרמער, וועט זוכען זיך ארויפצואַר־ביימען... אָבער ס'וועט גאָר זיין גענוג !...

סעמיאָנאָוו האָט אויפגעהערט. מיר האָבען אָבגעאָטהעמט, זיך ארומ־געקוקט.

ראָזא האָט זיך אונרוהיג געשאָקעלט אין שטול, מערי האָט נערוועז געהוסט, דער ניעדריגער מאַקס האָט געקלאַפּט האַנד אָן האַנד און געמורמעלט: פּררדרעקראַסנאָ... פּררדרעקראַסנאָ"... און עמאַטשקא, אַ צושראָקענע, האָט גע־קוקט אויף סעמיאָנאָוו'ן און לאַזאַר'ן, ווי זי זאָל וועלען דערגעהן אַ שווערע, זעהר אַ שווערע רעטעניש...

און לאַזאַר, מיט זיין גאַנצער הויך, האָט זיך אויסגעגלייכט. זיין ליב־טיגער פנים איז געוואָרען עטוואָס בלייך, זיינע בלויע אויגען האָבען גע־לויכטען פון אויפרעגונג און, ווי אַ בעליידיגטער נביא, האָט ער זיך אַ ווענד געטהאָן צו סעמיאָנאָוו'ען און אויסגערופען :

„אָט אזוי פערשטעהט איהר אמעריקאַניזירען זיך ? אָט אזוי פער־שטעהט איהר דעם אמעריקאַנער טיפּ ?"...

אָבער סעמיאָנאָוו האָט איהם איבערגעשלאָגען :

„איך וויים, איך וויים אויסוועניג אייער גאַנצע דרשה, וואָס איהר וועט איצט האַלטען. און מיט זיין גאַנצען סקעפּטיציזם, מיט דאָס גאַנצע גאַל פון אַ צובראָכענעם, אידעאַלענלאָזען מענשען, האָט ער אויסגעזונגען מיט אַ ניגון „און וואָס איז די נפקא מינה ?"

ווי אַ קאַלטער ווינד איז דורכגעלאָפען דורכ'ן צימער. אַ פראָסט האָט אונז דורכגענומען. ס'איז געוואָרען גאַנץ שטיל. נאכהער האָט זיך עמאטשקא טרויעריג פערקוקט אויפ'ן פייער אונטער'ן ווייסען גלאָז.

דער ווייטערדיגער געשפּרעך האָט זיך ניט געקניפּט. מיר זיינען גיך זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

און ווידער האָבען מיר פערבראַכט אַן אונרוהיגע, שלאָפלאָזע נאַכט, אַ נאַכט פון זוכען דעם ציעל און תכלית פון לעבען און זאַכען, מיט וועלכען עס גיט זיך, מעהר פאַר אַלעמען, אָב דער אידיש־רוסישער, צובראָכענער אינ־טעליגענט...

# די בעדייטונג פון ווערטער

איין מאָל האָבען מיר שפּאַציערט אין אַ קליינעם פּאַרק.

ס'איז געווען ארום האַלבע נאַכט. מיר האָבען געהאַט אַ שטיקעל יום־טוב, אַ באַנקעט לכבוד איינעם אַ גדול וואָס'ט ביי אונז געלעקטשורט און מאָרגען פריה האָט ער געזאָלט אוועקפאָהרען.

ס'איז געווען ענדע ווינטער, אַ וואַרימע ערב פריהלינג נאַכט, מיט אַ פולע לבנה, אויפגעלייגט זיינען מיר געווען, און אַזוי ווי יעדער גדול איז פיעל אינטערעסאַנטער פריוואַט, האָמען מיר, אַ קליינער קרייז, איהם ארומגערינגעלט און האָבען זיך אַלע געלאָזט אויפ'ן שפּאַציער.

דער געשפּרעך האָט זיך געוויקעלט אַרום עטליכע האַרבע ווערטער מיט וועלכע ער האָט בעליידיגט זיינעם אַ אָפּאָנענט און אויפגעוועקט דעם גרימ־צאָרן פון דער אַנדער פּאַרטיי. מיר, ליעבהאָבער פון שלום, האָבען איהם דערפאַר, מעשה אייגענעם, אַביסעל אויסגע'מוסר'ט.

דער גאַסט איז געווען פערטראַכט, און אונז כמעט גאָר ניט געהערט, אָבער שפּעטער האָט ער זיך אָבגערופען:

„גלויבט מיר, פריינד, ס'איז אַ נאַרישקייט זיך טשעפּען צו ווערטער, אַפּט גליטשען זיי זיך אַראָב פון צונג, שיטען זיך דורך די ליפּען ווי דורך אַ זיפּ, און טראַכטען טראַכט מען בעת מעשה עפּעס אַנדערש".

ער האָט זיך פּלוצלונג אַ האַסטיגען קער געמוהאָן אַ הינטער, מיר, אינסטינקטיוו, נאָך איהם; קיין בעזאָנדערס האָבען מיר ניט געזעהן, אַ ביסעל ווייטער זיינען געגאַנגען יעפים מיט אננאַ'ן געאַרמט, זיי זיינען אַ פערליעבט חתן־כלה, פערטיפט אין זיך, וועמען געהן זיי דען אָן?

דער גאַסט האָט זיך אומגעקעהרט אַביסעל פערשעמט. מיר האָבען זיך בערוהיגט. דערווייל האָט זיך איבערגעריסען אונזער געשפּרעך, מ'האָט געדאַרפט צוקניפּען פון דאָס ניי, אָבער קיינעם פון אונז האָט זיך ניט געגלוסט, און מיר זיינען געגאַנגען שטיל. און איהר ווייסט דאָך, אַז מ'געהט שווייגענדיג אין אַ ערב פריהלינגדיגע לבנה־נאַכט, פערטיעפט זיך יעדער אין זיך.

„איבריגענס האָבען ווערטער אַמאָל יאָ אַ בעדייטונג, און אפשר גאָר אַ גרויסע . . . הם" . . . האָט ארויסגעזאָגט אונזער גאַסט מיט אַ שטילען, געהיימניספולען קול כמעט ווי צו זיך.

„וואָס מיינט איהר דערמיט ? וואָס מיינט איהר ?" האָבען מיר איהם ארומגערינגעלט מיט יענע נייגעריגקייט פון דורכשניטס־מענש צו הערען פון גדול אַ קלוגע זאַך.

„גלאַט אזוי, ווענען די בעדייטונג פון ווערטער, גראָד היינט האָב איך מיך אין דעם דערמאַנט, אויב ר'ווילט וועל איך אייך דערציילען".

מיט האַלב־אָפענע מיילער האָבען מיר זיך צוגעהערט, און ער האָט דערציילט :

ס'איז געווען שוין גאַנץ לאַנג, מיט אַכט־און־צוואַנציג יאָהר צוריק, איך בין דאַמאלס אַלט געווען פינף־און־צוואַנציג (מיר האָבען, ניט ווילענדיג, אַ קוק געטהאָן אויף זיין גרויען קאָפּ און געמאַכט שנעל דעם רעכנונג, „דריי־און־פופציג". ער האָט עס בעמערקט און אַ טרויריגער שמייכעל האָט דורכגעצוקט זיין געזיכט) כ'האָב געוואוינט אין אַ גרויסע שטאָדט אין רוסלאַנד און האָב בעזוכט אַ אוניווערזיטעט.

געווען בין איך צו מיין זיעבצעהנטען יאָהר אַ ישיבה־בחור געהאָדעוועט אויף די אַלט און נייע אידישע פּאָעזי, און נאָכדעם האָב איך דורכגעמאַכט צו יענער צייט, דעם אַלבעוואוסטען קאַמפּף מיט די פאַנאַטישע עלטערן, ביז כ'האָב דערגרייכט צום אוניווערזיטעט.

איך האָב געלעבט ניט ווי טאָלסטאָי'ס סטודענטען, וועלכע ר'שילדערט : איהר ווייסט דאָך, ביי אונז, אידען, איז זעלטען, באַראָנען, גראַפען, אָדער גלאַט רייכע זינדעלאַך. אונזערע טאַטעס זיינען מעהרסטענס שניט־קרעמער תבואה־הענדלער, האַלץ־סוחרים, וועלכע פערמאָגען, מעהר ווי האָר אויפ'ן קאָפּ — חובות.

האָבען מיר געלעבט אַ לעבען פול מיט אידעאַלען. און דאַמאלס האָט מען אָנגעהויבען זייען די ערשטע קערנער פאַר דער „רעוואָלוציאָן", האָט מען געטרוימט פון העכערע לעבענס, שענערע וועלטען, בעסערע מענשען, און דאַמאלס . . . אָבער אַח, ווער קען עס איבערגעבען וואָס מיר זיינען דאַמאלס געווען ?

און דאַמאלס טאַקע האָט מען אַ פּאָר פון אונזערע אוועקגעפיהרט מיט דער „שוואַרצער קאַרעטע" און איך, כדי אויסצומיידען דאָס אייגענע, האָב געדאַרפט פערלאָזען די שטאָדט.

צווישען די אונזעריגע זיינען אויך געווען סטודענטינס פריילינס. מיט אַכט־און־צוואַנציג יאָהר צוריק, דאַרפט איהר וויסען, זיינען מיר נאָך

ניט געווען אזעלכע דעגענעראטען ווי איצט, מ'האט ניט אבגעוויינען אין א מיידעל נאר דאס פלייש . . . און דערפאר האט צווישען אונז, שטודירענדע מענער און פרויען, עקזיסטירט א פערבאנד פון ריינער אמת'ע פריינדשאפט.

צווישען זיי האב איך געהאט איינע א בעקאנטע, וועלכע איז מיר בעזאנדערס נאהנט און ליעב געווען.

איהר נאמען איז חנה. איהר ערציהונג איז א סך עהנליך געווען צו מיינע; א רב'ס א טאכטער א איינציגע, האט זי דער טאטע געלערנט ווי א אינגעל, נאכדעם האט זי, בעהאלטענערהייד, השכלה ספרים געלייענט, און נאך א שווערען קאמפף אנגעקומען אין אוניווערזיטעט.

חנה איז אלט געווען דאמאלס א יאהר דריי־און־צוואנציג, א היבשע, א שלאנקע ברונעטין. בעשיינט מיט'ן רבניש'ען חן, דאס לענגליך, בלאס פנים האט זיך, ביי די קלענסטע אויפרעגונג, רויט געפארבען, , לאנגע שווארצע, פרומע (אויב מ'קען זיך אזוי אויסדריקען) ברעמען, און אויגען וואונדערבארע, גרויסע, שווארצע, פול מיט לוסט צום לעבען, און פול מיט די סודות התורה און פון יענער וועלט פון איהר רבנישער משפחה.

איך מיט חנה'ן פלעגען אפט פערברייננגען צוזאמען ביי אונזערע למודים. איהר שטויסט זיך, אז מיר האבען איינס ס'אנדערע ליעב געהאט; אבער בעאיינפלוסטע פון אידעאלען און פון דער ראמאנטישער העברייאישער ליטעראטור, האבען מיר וועגען דעם קיינמאל ניט גערעדט: מיר האבען געליעבט און געשוויגען.

דעם טאג פאר מיין אבפאהרען האב איך מאדנע געפיהלט: מ'פאהרט אוועק פון א רייכען, אידעען לעבען, און פאר זיך שפרייט זיך אויס אן אונבעוואוסטע ברייטע רייכע וועלט. און האב א גאנצען טאג ארומשפאצירט מיט חנה'ן. אין אבענד האבען מיר זיך געפונען אין א אבגעלייגטען פארק ווייט פון שטאדט. מיר האבען זיך גוזעצט אויף א באנק נעבען א וואסער־בעקען, וואס האט געשפריצט פון א דערבייאיגען פאנטאן. בעשרייבען אייך די פאעזי פון יענעם אבענד און פון יענעם פלאץ, וואלט איך זעהר וועלען; אבער ווער פון אייך האט עס ניט געלייענט די פאעזי פון אזעלכע ראמאנטישע אבענדען?

די פינסטערנים האט אונז איינגעהילט צוועלף א זייגער האט איך געדארפט אבפאהרען. ביידע האבען מיר געשוויגען. ווען ס'איז געקומען די צייט פון צושיידען, האט מיין שטארקע מענער־הארץ א ציטער געטהאן, כ'האב זי אנגענומען ביים האנד. „חנה, טייערע", האט מיין פערליעבטע קול געציטערט, „איך פאהר היינט אוועק, וועט עס אייך פערדריסען? וועט איהר . . . כ'האב געוואלט ענדיגען די פראגע — ביינ־

קען, אָבער די פרומע ברעמען האָבען זיך אויפגעהויבען און די שוואַרצע, גרויסע, לעבענספולע אויגען, די אויגען מיט'ן געהיימניספאָלען גלאַנץ האָבען אויף מיר געקוקט . . .

קיין ענטפער האָב איך ניט געוואָלט הערען. די שענסטע ווערטער וואָלטען נאָר וואָכעדיג געמאַכט איהר הייליגען געפיהל. נאָך דעמזעלבען אבענד האָבען מיר זיך צושיידט.״

אונזער גאַסט האָט אָבגעהאַקט, זיך געריסען קוקען אַ הינטער און געוואָלט, מיר זאָלען עס ניט זעהן. איך, מיט די שרייבערשע נייגעריג־קייט, האָב מיך אָבגעקעהרט. חנה מיט יעפים'ען זיינען געווען אויף אַ גרויסען שטח פון אונז. צוויי שענע, יונגע מענשען, הויכע, לעבענסלוסטי־גע, זייערע שאַטען האָבען זיך געמאָלט אויפ'ן גלאַטען וועג, הויכע, גליי־כע גיגאַנטישע שאַטען. כ'האָב מיך געשטויסען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען זיי און דעם פערציילער, כ'וועל עס אייך נאָך אָבער, ניט אויסזאָגען . . .

דער גאַסט האָט פאָרטגעזעצט זיין ערצעהלונג:

— כ'האָב אָנגעהויבען אַריינטרעטען אין דער גרויסער, ברייטער וועלט . . . געווען בין איך נאָכדעם אין דייטשלאַנד, אין דער שווייץ, אין פאַריז, אין וויען, און ענגלאַנד. פערשיעדענע שטעדט, דערפער, מענשען און זאַכען געזעהן, אַלעס שטודירט, פון אַלעם געלערנט; און אָנגעלאַדען מיט קענטניסע און ערפאַהרונג, בין איך אַראָבגעקומען אַהער אין לאַנד.

און דאָ האָב איך אָנגעהויבען וועלטען איבערקעהרען. אַ קלייניגקייט וואָס כ'האָב ניט צוטהאָן פאַר דער מענשהייט? פאַר דער שלעכטער, ניט דאַנקבאַרער מענשהייט: געלערנט, גע'מוסר'ט, געטרייסט, געשטראָפט, און ווידער געלערנט, און אָבער געלערנט, און וועגען מיט בלומען בעפּוצ־טע האָב איך אַלעמען אָנגעוויזען, און אַ סך זיינען מיר נאָכגעגאַנגען, און שונאים האָב איך געהאַט, און גוטע פריינד און הכלל . . . און דערווייל האָבען זיך אוועקגעגליטשט פינף־און צוואַנציג יאָהר.

וואָס האָט מיך אַ שטוים געטהאָן, ווייס איך ניט. אַמאָל דאַרף מען אַ גרויסע געשעהעניש און אַמאָל איז גענוג אַ וואונק.

אָבער פּלוצלונג האָב איך אויפגעוואַכט און זיך אַרומגעקוקט.

וואָס האָב איך דערזעהן? ס'ערשטע האָב איך מיין גרויען קאָפּ דער־זעהן, און נאָכדעם, פרעגט שוין גאָר ניט . . . אַלע צרות און ספיקות שלעפּען זיך נאָך אַ קאָפּ מיט גרויע האָר . .

און צוגלייך מיט די ספיקות האָט מיך אויך אַ ביינקשאַפט ערגריפען, איך האָב מיך פערביינקט נאָך דער צייט. מיט פינף־און־צוואַנציג יאָהר

צוריק, נאָך די חברים, נאָכ'ן שטאָדט. און חנה'ס געשטאַלט האָט מיך ניט רוהען געלאָזט. די פרומע ברעמען, דאָס רויטע פאַרב אויפ'ן רבניש־בע'חן'טען געזיכט, די וואונדערבאַרע אויגען, איהר לעצטער בליק אויף מיר . . . און געצויגען אהין האָט עס מיך, מיט יענעם אימפעט, ווי ס'ציהט אַלטע יונג צו ווערען, ווי ס'ציהט דעם וואָס טרינקט זיך אָנצוכאַפּען אַן עפּעס ניט איז . . . און, מערקווירדיג, ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אז דאָס אַלעס ליגט ניט הינטער מיינע פּלייצעס אין אנ'אַלטע, ווייטע פערגאַנגענהייט, נאָר אַ צוקונפט ווייט, ווייט פאַר מיר, אַ ליכטיגער שטערן, אַ פייערדיגער זייל, איך דאַרף נאָר דערגרייכען אַהין און זיין אַ געראַטעוועטער . . .

און דערגרייכען ביי אַ ענגאַיסט ווי איך, איז ניט שווער. פון ווייב און קינדער אוועקגעהמען אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר, אביסעל צייט, עט נאַרישקייט ווער קימערט זיך אום דען? איך בין געפאָהרען אַהין אין יענער שטאָדט.

נאָכדעם איז שוין די געשיכטע אַ געוועהנליכע, די געוועהנליכע ענטוישונג; אַלעס קאַפּויר, די חברים, אנדערע מעטע געפּאַשעטע מיט גוטע פּראַקטיקע, אנדערע אָהן פּראַקטיקע, אַלטע צובראָכענע, אנדערע געשטאָרבען, אנדערע פערשיקט, און אַ נייער דור . . . און חנה? אַ זקנה, מאָגער, איינגעבויגען, גרוי, דער שיקזאַל האָט זי ניט גוט איינגעטיילט, אנשטאָדט געזעלשאַפטליכע אינטערען, האָט זי געהאַט צו טהאָן מיט אייגענע: אַ קראַנקען מאַן, אַ אַרעם לעבען, קינדער געשטאָרבען. די אויגען איהרע, האַלב פערלאָשענע האָבען נאָך אָבער פערמאָגט עטוואָס פון זייער אַמאָליגען גלאַנץ; אין דעם האָב איך מיך אָנגעכאַפּט, עפּעס האָט מיר געדוכט. אז מ'קען נאָך די אויגען ווידער אויפלייכטען, אז מ'קען נאָך אַלעס מאַכען גוט. — —

דעם אבענד פאַר מיין צווייטען אוועקפאָהרען זיינען מיר געזעסען אויפ'ן זעלבען באַנק, די זעלבע דעקאָראַציע ווי צוריק מיט פינף־און צוואַנציג יאָהר.

„חנה טהייערע", מיין קול האָט איצט געציטערט פון יאוש — „באַלד פאָהר איך אוועק, וועט אייך פערדריסען? וועט איהר"... כ'האָב געוואַרט אויף יענעם בליק, אַ סעקונדע האָט מיר געדאַכט, אז איך זעה איהם, אָבער באַלד האָבען איהרע אויגען געקוקט אויף מיר מיעד און אומעטיג, אזוי אומעטיג ווי סע קען נאָר קוקען אַ מענש וואָס קען זיך אַליין אויף איין מינוט ניט אָבנאַרען, און וואָס זעהט דעם טרויעריגען אמת אויף שריט און טריט . . .

דער לעצטער שמערץ האָט צוזאַמענגעדריקט מיין הארץ. כ׳האָב אין דער מינוט קלאָר געזעהן, אַז די יוגענד־טרוימען, די ציהענדע פייערן, די ליכטיגע שטערן, ליגען וויט, וויט הינטער מיר. און, אַז פאַר מיר ציהט זיך די גרויע, אומענדיגע ענדלאָזיגקייט, די גרויע ענדלאָזיגקייט וואָס ציהט זיך פאַר יעדען עלטערן מענש. און אין דערזעלבער מינוט האָב איך אויך, מיט די ווירדע פון אַ שטאָלצען בעליידיגטען מאַן, אונטערגענומען צו געהן מיין גרויען, ענדלאָזען וועג — —

דעמזעלבען אבענד האָב איך אויף אייביג פערלאָזען יענע שטאָדט.

דער גאַסט איז ענטשוויגען, מיר נאָך איהם. די נאַכט, וועלכע האָט ליעב אַזעלכע אומעטיגע געשיכטען, האָט ווי איינגעהאַלטען דעם ווינד, אַ מאַטע ווייסקייט האָט בעלויכטען אונזערע קעפּ, מיר האָבען זיך פערטראַכט.

מען האָט ניט געלאָזט לאַנג שווייגען.

„אקעגען וואָס האָט איהר אונז עס גראַד היינט אבענד דערצעהלט?״ האָב איך געמאָנט.

איך בין מודה אַז איך האָב אַלעס פערשטאַנען, איך האָב אָבער גע־וואָלט די איבעריגע זאָלען אויך פערשטעהן.

דער גאַסט האָט אַ שנעלען קוק געטהאָן אַהינטער, און האַלב פער־שעהמט געזאָגט:

„אמת, טאַקע היינט . . . ס׳איז אפילו מאָדנע . . . אָבער יענע וואָס געהט דאָרט הינטען איז אַזוי עהנליך צו דער וואונדערבאַרער חנה׳ן מיט אַכט און צוואַנציג יאָהר צוריק . . . ביים הארץ האָט מיך פּשוט פערחאַפּט ווען איך האָב זי געזעהן צום ערשטען אבענד מיט דריי טעג צו־ריק, און דערצו האָט נאָך איהר חבר׳טע זי אַרוף געטהאָן ביים נאָמען חנה . . . און גוט, צערטליך איז זי געוועזן צו מיר די גאַנצע דריי טעג, און ביי מיין עלטער ווילט זיך קיין גרויסע חשבונות ניט מאַכען: מען איז גליקליך האָטש איין מינוט זיך זעלבסט אָבצונאַרען . . . היינט אבענד איז זי געוועזן צו מיר צערטליך און צוגעלאָזען; און איך? הם . . . אַ ווײלע זיינען מיר געוועזן אַליין. איך האָב זי אָנגענומען ביים האַנד און געזאָגט: „חנה טהייערע, איך פאָהר שוין אָב פון דאַנען, וועט איך פערדריסען?״

מיין קול האָט געמוזט זאָנדערבאַר ציטערן. איך האָב געפיהלט ווי איהר האַנד ציטערט, באַלד האָבען איהרע שוואַרצע, שעהנע אויגען אָנגעהויבען ארומבלאָנדזשען, איך האָב אָבגעלאָזט איהר האַנד, פאַר אונז איז ווי פּלוצלונג אויסגעוואַקסען יעפים, זי האָט ליידענשאַפטליך אַ חאַפּ געטהאָן זיין אָרעם.

מיינע ווערטער האָבען דאָס מאָל אויך געהאַט אַ בעדייטונג, אָבער ניט פאַר מיר . . .

מיר האָבען אַלע, ווי צוזאַמענגערעדט זיך אַ ווענד געטהאָן אויף הינ־טען, אננאַ מיט יעפים׳ען האָבען אונז אָבער ניט בעמערקט.

מיר האָבען זיך בערוהיגט, די עלטערע האָבען אָבגעזיפצט און די אינ־גערע! נאר די אינגערע, ווייסט איהר דאָך, איז אין אַלע פעלע גוט . . .

איך און נאָך איינער פון קרייז, אַ דאָקטאָר, וועלכער האלט אויך אָפּט די פעדער אין האנד, האָבען זיך פערטראַכט, און גלייך אויף אָנ־אָרט האָבען מיר אָבגעמאַכט, ביי אַ געלעגענהייט, שרייבען יעדערער אַ זאַך מיט׳ן צונאָמען, „די בעדייטונג פון ווערטער״ און דאָס ווידמען יענעם טהייערען נאָך ניט פערגעסענעם גאַסט.

# מאשא

## (פארטרעט).

---

מאשא רופט מען זי.

ווער עס זעהט מאשא'ן צום ערשטען מאל, בלייבט א ווייל'ע אין פערווירונג: ניט וויסענדיג, וואס פריהער אין איהר צו בעטראכטען, צו די מיטעל־הויכע, גוט ענטוויקעלטע געשטאלט, צו דאס רונדע געזיכט מיט דער פרישער, שמייכלענדיגער רויטקייט, וואס שפיעלט דארויף צו די צוויי פעך־שווארצע, לאנגע דיקע צעפ, צו פערהאלטען גאר דעם בליק אויף'ן קליינעם מויל מיט די רויטע האלבע אפענע ליפען, דורך וועלכע עס וועט, דאכט זיך, באלד ארויספליהען א גוט ווארט, א ברכה... און אז מאשא הויבט אויף איהרע לאנגע ברעמען און בעוויזט איהרע גרויסע שווארצע אויגען, ווערט קוקענדיג אין זיי,ווארם אין הארץ, און מען ווערט דערביי אונרוהיג, זי זאל זיי צוריק ניט אראבלאזען... א פאאר גרויסע שווארצע אויגען — צוויי קוואלען מיט לייד, שוועסטער־ליעבע און מוטערליכע צערטליכקייט...

און הענד האט זי געטאקטע, ווארעמע, פינגער — שמאלע און לאנגע, ווען מען זי גיט די האנד, ווילט זיך ניט גיך פריי לאזען... מאשא בעוועגט זיך לייכט און געשיקט און אזוי איז אויך איהר געמיטה. קומט עפעס פרעהליכעס, קען זי זיך צוטאנצען פאר פרייד; ביים טרויעריגען — האט זי טרעהרען אין די אויגען. זעהט זי עפעס שעהנס, שטרעקען זיך איהר אינסטינקטיוו אויס די ארעמס און די ליפען הויבען אן קענטיג צו ציטערען!

פון נאטור איז זי דאך א פרעהליכע, א ריהרעוודיגע, זיצען אויף איין ארט קען זי ניט לאנג; עפעס לאזט זי ניט רוהען... אפט דעקלאמירט זי און נאך אפטער זינגט זי. נאר אלץ שטיל; איהר פרעהליכקייט איז ניט קיין רוישענדיגע; עפעס שטיקט אין איהר אזוינס, וואס לאזט נישט איהר פרעהליכקייט פול אויסשפרייטען די פליעגעל אין דער גאנצער לענג... זינגענדיג קלאפט זי מיט די פינגער אויפ'ן טיש, עס פעהלען איהר קלאווישען צום שפיעלען...

---

מאשא האט זיך געלעהרענט א מאל פיאנא שפיעלען און האט א לעהרער געהאט. דער לעהרער איז איהר נישט גלייכגילטיג געווען. שטארקער פלעגט

קלאַפּען דאָס יונגע האַרץ ביי זיין אָנקומען; אָבפּאַלען — ביי זיין אַוועק־געהן...

אין א צייט אַרום האָט זי איהם פיינד בעקומען. ריכטיג פאַר וואָס, ווייס זי ניט. עפּעס האָט זיך דאָס אַלץ פון זיך אַליין אָבגעטהאָן... ער ער־קלעהרט איהר וואָס, זי זאָגט, אז זי פערשטעהט, און ער שמייכעלט, נישט גלויבענדיג. און זיינע איבערצייגונגען! — ביי א פרוי, זאָגט ער איהר א מאָל, איז דאָס וויכטיגסטע, שעהנקייט... אינסטינקטיוו דערפיהלט זי אין איהם א דעספּאָט און האָט איהם פיינט געקראָגען, און אָבגעזאָגט פון דער פּיאַנא. קוים זיעבעצעהן יאָהר האָט זי דעמאָלט געהאָט.

---

מאשא האָט פיעל בעקאַנטע און האָט זיי אַלע זעהר גערן.

און בעקאַנטע קלייבט זי, ווי פּערל, און לויט א בעזונדערן געשמאַק. מיידלאַך זוכט זי יונגע, שעהנע, מונטערע — און האָט זיי זעהר ליעב, און קושט זיי און האַלזט זיי זעהר אָפט; דאַגעגען שעהנע און פרעהליכע מענער מיידט זי אויס: עפּעס שרעקט זי זיך פאַר זיי... איהר דאַכט, זיי זיינען איהרע נאַטירליכע פיינד... איהר געפעהלען קרענקליכע, פערזאָמערטע, טרויעריגע... זי איז צו זיי צוגעלאָזט, ווי א טרייע שוועסטער און האָט זיי ווירקליך ליעב. זי האָט ליעב צו זעהן ווי זייערע געבויגענע קערפּער גלייכען זיך, אין איהר געגענוואַרט, אויס, ווי א רויטע פאַרב פליעסט אַרויף אויף די בלייכע געזיכטער, ווי די פערלאָשענע אויגען גלאַנצען און לייכטען אויף... פערלוירען אין לעבען, בלייבען זיי איהר לאַנג אין זכרון. עס ציהט זיך ביי איהר פון אַזעלכע זכרונות א לאַנגער, ליכטיגער פאַס... איינער פון זיי איז מאַשאַ׳ן געבליעבען אין זכרון לענגער אַלס אַלע אַנדערע. א הויכער, א מאָגערער מיט איין אויסטערליש בלייכען געזיכט... און אַזעלכע טיעפע טרויעריגע אויגען, אָפט — א פערצווייפעלטער בליק, אַז עס פלעגט אונטער איהם פרייערן. ער האָט איין אָבצעהרונג געהאַט, געוואוסט, אַז ער מוז שטאַרבען און געוואָלט זיך די מאַטער פערקירצען. זי האָט נישט דערלאָזט... פון איהר האַנד האָט ער גענומען מעדיצין, מילך־געטרונקען, מיט איהר וועגען א זומער־וואָהנונג גערעדט. (ווינטער איז עס געוועזען) זיינע אויגען זיינען פון דאַמאָלס אָן אַנדערש געוואָרען... ווי זיי פלעגען קוקען אויף איהר... די אויגען קען זי ניט פערגעסען...

דעם זומער׳ האָט ער נישט דערוואַרט... אין שפּיטאָל איז ער געשטאָרבען, זי איז ביים טוידטען בעט געוועזען. זיינע קאַלטע, ביינערדיגע הענד אין איהרע געוואַרעמט... טרעהרען זיינען געשטאַנען אין זיינע אויגען... פאַר פרייד, האָט ער געזאָגט. ביז אין דער לעצטער סעקונדע האָט אויף זיינע בלייכע ליפּען א שמייכעל געשפּיעלט... „איך האָב — זאָגט ער — גאָר נישט גע־

וואוסט, ווי גוט און לייכט עס שטארבט זיך... טרעהרען קומען איהר אין די אויגען, ווען זי דערמאָהנט זיך אן זיין לעצטען אטהעם, וואָס האָט אויס־געהויכט איהר נאָמען...

יעצט דערמאָהנט זיך מאשא אָן איהם זעלטענער ; זי האָט דויד'ן.

דויד איז א יונג, אכצעהן יעהריג, א קרבן פון א „דעמאָנסטראציע"... איין האנד ארונטערגענומען... די צווייטע אויף א באנד... ער קומט צו איהר. זי געהט ארום איהם ווי א טרייע שוועסטער, קעמט איהם די האָאר... קאָרמעט איהם, ווי א צערטליכע מוטער איהר ציטעריג קינד... קוקט איהם אין די אויגען אריין און ער שמייכעלט צו איהר אזוי פריי און גוטמוטהיג, ווי א קינד... זי ענטפערט מיט א שמייכעל און דאָס בלוט ארום הארץ פליעסט ווארימער, האסטיגער... ס'וויעגט זיך. עס איבערגיעסען זיך ווייכע, ליעב־הארציגע געפיהלען...

דו ביזט מיינע הענד — זאָגט ער, זיצענדיג ביי איהר — וואָס פעהלט מיר דען ?... און זי שמייכעלט, גלעט איהם איבער'ן קאָפּ און קוקט איהם אין די אויגען אריין אלץ ליעבער, אלץ ווארעמער...

צופריעדען און גליקליך איז נאָר איין מאשא, זאָגען בעקאנטע.

און זי פיהלט זיך באמת צופריעדען : די צייט געהט איהר פאראיבער אין געזאנג און אין ליעבע...

זי האָט אלע ליעב. אז זי דערמאהנט זיך אָבער אָן איהר געוועזענעם פיאנא־לעהרער הויבט דאָס הארץ איהר מאָדנע צו קלאפּען... פאר איהרע אויגען וואקסט פלוצלונג אויס זיין שלאנקע, שטאָלצע געשטאלט, דאָס ווייסע געזיכט, די שווארצע לאָקען, וועלכע ליעגען ווי א קרוין איבער'ן הויכען שטערען מיט די שעהנע ווינקלען, און די וואונדערליכע שטראהלענדיגע אויגען... זי הערט זיין קלינגענדיגע שטימע...

נאָר איהם האָט זי פיינד !

# דראַמאַטישעם

# אויף דער וואַך

(דראַמאַ אין איין אַקט און צוויי בילדער).

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

**הינדע,** אַ הויכע בלאַסע פרוי, אַלט אַ יאָהר פערציג.

**לייזער,** איהר מאַן, אַ מיטעל־הויכער שעהנער איד מיט אַ שוואַרץ בכבוד'יג באָרד, אַ פּאָר יאָהר עלטער.

**טילאַ,** זייער עלטערע טאָכטער, הויך און שלאַנק, בלאָנדע האָאַר, גרויע ענערגישע אויגען. אַלט צוואַנציג יאָהר.

**אסתר,** זייער אינגערע טאָכטער. אַ ברונעטין מיט טרוימערישע אויגען, לאַנגע דיקע צעפּ, קינדיש־חן'עווידיגע בעוועגונגען, אַלט זיעבצעהן יאָהר.

**אָרט :** אַ מיטעל־גרויסע שטאָדט אין רוסלאַנד.

**צייט :** פון דריטען ביז'ן פינפטען יאָהר פון לעצטען צעהנדליג.

ע ר ש ט ע ס  ב י ל ד :

אַ גרויס עס־צימער. אַ טיהר לינקס פיהרט צום גאַס ; רעכטס — צו די איבעריגע צימערען. צוויי גרויסע פענסטער אין הינטערגרונד, אין מיטען צימער אַ טיש מיט שטוהלען ; אַ הענג־לאָמפּ איבער'ן טיש, אַ גרויסער שפּיגעל, אַ שראַנק אויף וועש, אַ ספרים־שראַנק מיט גלעזערנע שויבען, אַ גרויסער זייגער, בילדער און נאָך פערשיעדענע קלייניגקייטען. אַ ווינטערדיגער אָבענד. דער לאָמפּ ברענט העל, דורך די פענסטער זעהט זיך אַ שכן'ישער דאַך בעדעקט מיט שנעע און פערשנעעטע בוימער.

**לייזער** (זיצט ביים טיש, קוקט אין אַ ספר, ברומט דעם בעקאַנטען ניגון פון דער גמרא).

**הינדע** (ביים צווייטען זייט טיש, מיט אַ האַנד־ארבייט, איז שטאַרק פערטראַכט, ארבייט לאַנגזאַם).

לייזער (קושט דעם ספר און פערמאכט איהם, געהט צו צום ספרים־שראנק און זוכט).

הינדע (האלב ערוואכט) : וואס זוכסטו ?

לייזער (בייז) : דעם משניות ! די טעכטער׳ס ביכלאך היטסטו און מיינעם א ספר געפין איך קיינמאל ניט.

הינדע (געהט צו צום שראנק, געפינט דעם ספר, גיט איהם איבער, זעצט זיך שווייגענדיג צו דער ארבייט).

לייזער (שפאנט איבער׳ן צימער, קוקט בייז אויף הינדע׳ן) : און די טעכטער זיינען נאך ניטא ?

הינדע (קוקט אויפ׳ן זייגער) : זייל׳ן באלד קומען.

לייזער (בייז) : און אסתר׳קע געהט שוין אויך אהין ?

הינדע : זי׳אי׳געגאנגען בייטען א בוך.

לייזער (בייז) : די ביכער איז דער ערשטער טריט, נאכדעם געהען זיי ווייטער !

הינדע (אונרוהיג) : הויבסט שוין אן ?

לייזער (בייז) : וואס, נאך רעדען אויך נימ ? צוויי שטיקלעך קינדער, אבגעהארעוועט פאר זיי דעם גאנצען לעבען ; און אז ס׳קומט צו די נחת, האבען זיי זיך גאר פערקירעוועט, פערדרעהט אויף אנדערע וועגען... און א מאמע שווייגט, ס׳איז רעכט...

הינדע (נערוועז) : אלע טאג דער זעלבער פזמון.

לייזער : ס׳איז אלע טאג די זעלביגע צרות ! (שפאנט איבער׳ן שטוב, קוקט דורכ׳ן פענסטער) און אין אזא פראסט זיך ארומצושלעפען !

הינדע (קוקט אונרוהיג צום פענסטער. פאר זיך) : מיינע קינדערלאך, מיינע טהייערע טעכטערלאך...

לייזער (זעצט זיך נעבען הינדען) : כ׳האב פערגעסען דיר דערצעהלען, פיינשטיין קומט די טעג.

הינדע (פערזארגט) : מאכען א סוף ?

לייזער : מסתמא.

הינדע (פערזארגט) : וואס היילסטו, לייזער, נאך אזא יונג קינד ?

לייזער (אויפגערעגט) : אידענע ! וואס דען,ווארטען ביז זי׳ט ווערען ווי די עלטערע ? אוועקגעהן צו די „באסיאקעס”, זיך ניט לאזען רעדען שדוכים, שטראשען מיט אנטלויפען ?... דערווייל פאלגט זי, ער געפעהלט איהר ; זעהסט נים, ווי זי רויטעלט זיך, ווען מ׳דערמאהנט זיין נאמען ? איצט איז צייט !

הינדע : ז׳איז דאך נאך א קינד, מ׳רעדט זי איין. ווער ווייסט, ווי ער׳ט איהר נאכדעם געפעלען ?

לייזער (אויפגערעגט) : אז דו'סט איהר איינרעדען, וועט ער איהר טאקע ניט געפעלען. אז דו, דו אליין, שלעפסט די טעכטער צו דער טומאה ! כ'ווייס, דיר געפעהלט דער עלטערער'ס באסיאק, מיט דער רויטער העמ־דעל, מיט'ן גלאטען, טריפה'נעם פנים...

הינדע (פאר זיך) : ר'וואלט וויסען, ווי פיינט כ'האב יענעם ! (הויך) אז איהר געפעהלט ער !

לייזער (אין שטארקען צארען) : זי ווייס, וואס איהר געפעהלט ! אז דיר איז אמאל געפעהלען געווען א גוי, האט מען דיר אויך בעדארפט לאזען...

הינדע (פאר זיך) : הלואי וואלט מען געלאזען... (הויך) הער אויף, לייזער, מיר האבען גרויסע קינדער !

לייזער (געלאסענער) : די צרות רעדען !

הינדע (געהט צו צו איהם, לעגט איהר האנד אויף זיין אקסעל) : בע־רוהיג זיך, מיין מאן, אזא יאהר מיר, ס'ארא צוויי קינדער מיר האבען ; פארשוינען, גערעטעניש. און מיינסטו, דעם רב'ס קינדער... און דעם ריי־כען גינסבורג'ס קינדער... אלע זיינען איצט אזוי... און מ'דארף אזוי זיין... הלואי וואלטען מיר געווען יונגע לייט...

לייזער (שמייכעלט בעהאלטען) : אידענע, אלץ פערגלעט זי ; וואלסט נאך אויף דער עלטער אויך חשק האבען צו טראגען די פאהן און שרייען : „דאלאי !"... גיב מיר דעם מאנטעל, כ'וועל געהן אין בית־המדרש.

הינדע (אב רעכטס. קומט צוריק מיט א שווערען פוטער און א וואַ־רימער היטעל, העלפט לייזער'ן אטהאן).

לייזער (פארטיג צו געהן) : אז זיי'לן קומען, רייד מיט זיי, ביסט דאך א מאמע. וואס וועט זיין דער תכלית מיט דער עלטערער ? (קושט די מזוזה. אב לינקס).

הינדע (געהיימניספאל) : געוויס בין איך א מאמע... איך וועל טאקי האנדלען ווי א מאמע... ווי א אמת'ע מאמע... דער „איך" אין גאנצען אראב. די קינדער זאלען גליקליך זיין. דאס איז מיין ציעל. (שפאנט אונרוהיג איבער'ן שטוב, קוקט דורכ'ן פענסטער, זעצט זיך ביים טיש, ווייל ארבייטען, קען ניט. שפארט אן די קאפ אן ווענטיל פון שטוהל) מיינע קינדערלאך, ווי שעהן און ליעב זיי זיינען ! די עלטערע איז שעהן, ווי א יונגער טייטעלבוים, און קלוג... צייטענווייז דאכט מיר, אז איך בין גאר איהר קינד. זי רעדט צו מיר, און זי קומט מיר אוים, ווי א לעהרערין, ווי א נביא'טע... ווי גערעכט זי איז אין איהרע רייד... און אסתר'ל, א יונג ציגעלע ; נאך גאר א קינד, נאר די פיגור איהרע קוקט שוין אוים באלד רייף... און עפעס איז זי אומעטיג די לעצטע צייט. איך קען דאך דעם אומעט, ווי לאנג צוריק בין איך אליין געווען א מיידעל ? איהרע הירשען־טריט ! זי קומט שוין, מיין קינד.

**אסתר** (קומט אריין, טהוט געשווינד אויס דעם מאַנטעל, די הוט, די הענדשקעס, די קאַלאָשען, וואַרפט דעם בוך אויפ'ן טיש. איהר געזיכט ברענט פון פראָסט) : גוט'ן אָבענד, מאַמעשי ! (טאַנצט איבער'ן שטוב, רייבט די הענד) אוי, א פראָסט, אוי, א פראָסט אין דרויסען !

**הינדע** : וואַרט, אסתר'ל, איך'ל דיר ברענגען טהעע, ווּעסט דיך דער־וואַרעמען.

**אסתר** (לאָזט זיך דער מוטער ניט אויפהויבען) : זיץ, מאַמעשי, זיץ, איך'ל אליין נעהמען. (אָב רעכטס. קעהרט זיך צוריק מיט א גלאָז טהעע און פוטער־ברויט. זעצט זיך נעבען דער מוטער, עפענט דעם בוך) דער טאַטע אין בית מדרש ? טילא נאָך ניטאָ ?

**הינדע** : דער טאַטע האָט פערדרוס, וואָס ער זעהט איך קיינמאָל ניט אין שטוב.

**אסתר** (כאַפּט דאָס עסען, רעדט) : וואָס זאָל איך טהאָן, מאַמעשי, אין שטוב איז אומעטיג... און אין ביבליאָטהעק, ווייסטו, פריהער איז געזעסען א פריילין, אן אלטע, מיט א קאַלטען, שטרענגען געזיכט ; פלעגט מען בעטען א בוך פון מאַפּאסאן, פון זאָלא, פלעגט זי אָנקוקען אזוי מאָרנע, און זאָגען : „ס'איז ניטאָ !" און אזוי בייז פלעגט זיין איהר קול. מ'פלעגט כאַפּען אבי וועלכען בוך און גלייך אַנטלויפען. איצט זיצט אַן אנדערע, יענע האָט מען ארעסטירט, א וויכטינער מיטגליעד געווען... די איז א יונגינקע, א שעהנינקע, א קול'כעלע ווי זילבער. בעט מען א ראָמאן, קוקט זי אָן אזוי וואַרים און זי קען זוכען א שעי צייט ביז זי געפינט ; איצט איז דער ביבליאָטהעק־צימער פול־געפּאַקט. ס'איז היימליך, ס'ווילט זיך גאַר ניט געהן אהיים. (עפענט דעם בוך, וויל אָנהויבען לעזען).

**הינדע** : אָהאָ, שוין באַלד א האַלבען בוך אָבגעלייענט.

**אסתר** (ענטציקט) : אז ס'איז אזוי שעהן ! ווילסט, מאַמעשי, וועל איך דיר פאַרלייענען.

**הינדע** : מען דאַרף ניט, קינד, כ'האָב עס שוין אמאָל געלייענט...

**אסתר** (קוקט זי אָן) : געלייענט ? ווען ?

**הינדע** : וואָס מאַכט עס אויס... כ'וועל דיר בעסער דערצעהלען נייעס.

**אסתר** (לאָזט דעם בוך. נייגעריג) : וואָס פאַר א נייעס ?

**הינדע** (קוקט זי אין געזיכט פאַרשעמדיג) : פיינשטיין קומט צו פאָהרען.

**אסתר** (ווערט שטאַרק רויט, לאָזט ארונטער די אויגען).

**הינדע** (ווייך) : אסתר'ל, דו ווייסט נאָך וואָס ער קומט ?

**אסתר** (מיט א פרעהליך־פערשעהמטען גלאַנץ אין די אויגען) : איך וויים !

הינדע : געפעהלט ער דיר ? פאַר דער מאַמען שעהם דיך ניט, איצט האָסטו צייט.

אסתר (בעוועגט זיך אונרוהיג אויפ'ן שטוהל) : ר'איז אַ גאַנץ שעהנער... און אין שטוב איז אומעטיג, כ'האָב די וואָך פערלאָרען מיינע לעצטע צוויי חבר'טעס.

הינדע : פאַר וואָס ?

אסתר : זיי זיינען אוועק, וואו טילא געהט.

הינדע : און דו ?

אסתר : כ'בין אויך איינמאָל געווען דאָרט. זאָג ניט דעם טאַטען דערפון.

הינדע : האָסט מורא פאַר'ן טאַטען ?

אסתר (האלב בעליידיגט): ניין, מ'געוואוינט זיך איין, ווי טהוען אַלע ?

הינדע : טאָ וואָס דען ?

אסתר (פערלעגען) : כ'ווייס, מאַמעשי, אז איך דאַרף אזוי ניט רעדען... דו האַלסט מיט טילא'ן. איהר זייט אַלע גערעכט ווי די וועלט... אָבער... אָבער דאָרט איז אזוי אומעטיג. אויגען פינקלענדע, געזיכטער בלייכע, ערנסטע, אַ קליין שטיבעל, מ'רעדט ערנסטע, שווערע, גערעכטע רייד, אָבער מ'האָרכט אַלע ווילע צום דרויסען, ווי דער טויט וואָלט לויערען אַרום שטוב...

הינדע : דער טויט לויערט טאַקע, דער אמת ווערט פערפאָלגט.

אסתר (ווייזט אָן אויפ'ן בוך) : אָבער זעה, מאַמעשי, דאָ איז גאָר אַן אַנדער וועלט. ריעזיגע שטעדט, קירכען־דעכער בלישצען אַקעגען זונן, סטאַטועןן, בערג, לוסט גערטנער, פּאַלאַצען... און גאָלדענע בעטען, טערקישע טעפּיכע, פּרויען אין זייד און פּעריל... כוואַליעס גאָלדענע האָאר, שטאַרקער וויין... ריטערליכע מענער, מיט אַ וואונדערבאַרען גלאַנץ אין די אויגען... אַך, ווי שעהן ! ווי שעהן !!...

הינדע (פערטראַכט, פאַר זיך) : אזוי האָט יענער אויך גערעדט...

אסתר (הויבט אָן שפּאַנען איבער'ן שטוב מיט שנעלע, אויפגערעגטע טריט, בלייבט שטעהן ביים פענסטער, קוקט אַ לענגערע צייט, רופט) : מאַ־מע, מאַמעשי, קום אַהער !

הינדע (געהט צו צום פענסטער ; אסתר נעהמט זי אַרום, מיט אַ יונג־פרויליכע צערטליכקייט).

אסתר (ווייזט אין גאַס : זעה, מאַמע, אַ וואונדערבאַרע נאַכט... דער שנעע פינקעלט אין טויזענד פאַרבען, ווי די דימענטען, מיט וועלכע פּאַריזער פרויען זיינען בעהאַנגען... און די לבנה, ס'אַ וואונדערבאַרע ליכט... אָן פאַרט אַ „טראָיקע”... הערסט, ס'קלינגט ? דאָרט זיצט אַ פערליעבטע פּאָר...

(קעהרט זיך אָב פון פענסטער, לאָזט ניט אָב דער מוטער, שפּאַציערעןביידע איבער'ן שטוב) מאַמעשי, ער איז א הויכער, א שלאַנקער ! . . .

הינדע : פיינשטיין ?

אסתר : יא ! און רייך איז ער... ר'האָט אייגענע פערד און וועגען !

הינדע : יא.

אסתר : און אין אזעלכע אָבענדען וועט ער לאָזען איינשפּאַנען די פערד. מיר וועלען זיך טראָגען איבער די אָנגעשנעעטע פעלדער... מיינע האָאר וועלען זיך צושיטען און פאַלען אויף זיין האַלז... ר'וועט מיך אומ־אַרמען און קושען די האָאר... אָך ! (כאַפּט דעם בוך פון טיש, קושט דער מוטער) גוט נאַכט, מאַמעשי ! איך'ל געהן אין מיין צימער לייענען... (אָב האַסטיג רעכטס).

הינדע (קוקט זי נאָך, שטאַרק פערזאָרגט) : און וואָס זאָל איך טהאָן ? צושטערען איהרע אילוזיעס ? זאָגען איהר, אז פיינשטיין איז ווייט פון ראָ־מאַנען ? אז מיט די פערד און וועגען פאָהרט ער נאָר אין שטאָדט אריין נאָך סחורה ?... אז א ווייב דאַרף ער, זי זאָל זיין א הויז־ווירטהין... און, ווער ווייס, אפשר וועט זי ביי איהם מעהר ראָמאַנטיק געפינען, ווי ביי די קלוגע, אויפגעקלעהרטע און ערנסטע ?... א יונג, ראָמאַנטיש קינד. כ'טאָר איהרע פאַנטאַזיעס ניט אָבטוידטען מיט לאָגיק, זאָל זי אַליין געהן איהר וועג... (פאַלט שווער אויפ'ן שטוהל, בלייבט זיצען שטאַרק פערטראַכט. לענגערע פויזע. אין צימער איז שטיל, ס'הערט זיך נאָר דאָס מעסיגע קלאַ־פּען פון זייגער. באַלד הערט זיך א געוויש פאַר'ן טיהר. הינדע הערט ניט. טילא קומט אריין).

טילא : גוטען אבענד, מאַמעשי, וואָס ביסטו אזוי פערטראַכט ?

הינדע (מאַכט א פרעהליכע מינע) : גוטען אָבענד, טאָכטער, גוט פערפרוירען ? געה צום אויוועז, וואַרים דיך אָן.

טילא : ניט אזוי קאַלט. טהוט אוים די זאַכען) וואו איז דער טאַטע, מיט אסתר'ן ?

הינדע : דער טאַטע איז אין בית־מדרש, און אסתר לייענט אין איהר צימער. ווילסט עסען, טאָכטער ?

טילא : ניין, כ'האָב געגעסען מיט מאַקס'ען אויף זיין קוואַרטיר. אָבער וואָס וועט זיין פון אסתר'קען מיט איהרע ראָמאַנען ?

הינדע : וואָס אַרט דיך ?

טילא : דו זאָלסט עס פרעגען, מאַמע ? אזא הייסע צייט, אַלע יונגע מענשען זיינען פערטהאָן אין ערנסטע זאַכען... עלטערע מענשען אפילו העל־פען ; און זי, נאָר זי לייענט ראָמאַנען . . .

הינדע: און אין דער הייסער צייט פיהרט מען ניט צווישען זיך ראָ־מאַנען? נאָך וואָס געהסטו מיט מאַקס'ען?

טילא (שמייכעלט): ביסט גערעכט, מיין קלוגע מאמע, אָבער גאָר אויף אַן אנדער שטייגער, ווי אין די ביכער.

הינדע: וואָס מאַכט עס אוים?

טילא: עס מאַכט שוין גאָר אוים... האָסט אַ גלאָז טהעע?

הינדע: אָט ברענג איך באַלד, טאָכטער. (אָב רעכטס. קעהרט צוריק מיט אַ גלאָז טהעע און מיט איינינגע עפּעל אויף אַ טעלער) טרינק און עס!

טילא (טרינקט און עסט).

הינדע: ווייסט, טאָכטער, פיינשטיין קומט די טעג.

טילא (נייגעריג): אויף אַ תנאים?

הינדע: איך דענק אַזוי.

טילא (ענטוישט): וועט אסתר'קע חתונה האָבען, וועלען אַ בורזשר־אַזנע מאַראַם... אבי כ'האָב נאָך גערעכענט וואָס מאַכען פון איהר... איז זי צופריעדען?

הינדע: יאַ, און איכ'ל זי ניט אָברעדען, זאָל זי זיין גליקליך, אַזוי ווי זי וויל, ניט ווי מיר ווילען.

טילא: מאַמעשי, דער טאַטע זאָרגט, וואָס ער געהט שרייבען תנאים דער אינגערער? און איך האָב דאָך שוין אויך אַ חתן, חאַ חאַ!

הינדע: מאַקסען?

טילא: יאַ, מאַקסען. כ'וויים, ער געפעהלט דיר ניט; וואָלסט איהם אָבער נור קענען. ר'איז איינער פון די גרויסע, פון די זעלטענהייטען...

הינדע (פערטראַכט): מסתמא ווייסטו. וועסט פאַר איהם חתונה האָבען?

טילא (ערנסט): מאַמע דו ווייסט דאָך, ווי איך קוק אויף חתונה האָבען. כ"האָב אַ סך מאָל מיט דיר גערעדט וועגען דעם. און דו האָסט מיר גערעכט געגעבען. און נאָך וואָס זיך פערבינדען? היינט איז מען דאָ, מאָר־גען דאָרט... ווייסט דאָך מיין שטעלונג. וואָס ווייס מען, ווי לאַנג מ'לעבט?

הינדע (בעקעמפּפט איהר שרעק, מאַכט זיך עטוואָס זוכענדיג ביים שראַנק).

טילא (נעהמט אַרוים פון מוף אַ פּעקעל פּאַפּירען, גיט עס דער מו־טער): מאַמעשי, לעג דאָס אַריין אין ניט געהייצטען אויווען... טאָמער הערסטו ביינאַכט וואָס, זאָלסטו עס גלייך אונטערצינדען...

הינדע (מוטהיג): גוט, טאָכטער. (בעהאַלט די פּאַפּירען. טילא טהוט דערוויי׳ל אָן דעם הוט און נעהמט דעם מאַנטעל).

הינדע (מיט בעהאַלטענע מורא): געהסט נאָך אַוועק, טאָכטער?

טילא (טהוט זיך אָן, ענטשלאָסען) : מאמע, כ'וויס, אז דו וועסט איבערטראכטען, ניט קענען איינשלאָפען, און זאָגען וועסטו מיר גאָרניט. טאָ זיי־זשע רוהיג, גוטע מאמע, כ'געה ניט אין קיינע געפעהרליכע ערטער, כ'געה צו מאקסען.

הינדע (קעהרט זיך אָב צום שראנק, שטארק בלייך, פאר זיך) : זי געהט צו איהם אָהן חופה וקדושין... איצט איז דער אמת'ער נסיון... אזוי איז איהר פערלאנג... אנדערש קען עס ניט זיין... איך'ל איהר גליק ניט פער־סם'ען... (הויך, מיט געמאכטע רוהיגקייט) : געה טאָכטער, וואו דו ווילסט ! איך שטעה און וואך איבער מיינע קינדער'ס גליק... זאָלען זייערע יוגענדליכע פערלאנגען ניט וועלקען אזוי ווי מיינע...

טילא (לאָזט נאָך דעם מאנטעל, נייגעריג) : דיינע פערלאנגען ? זאָג, מאמע, וואָס האָבען אמאָליגע מיידלאך פערלאנגט ?

הינדע (ביטער) : דאָס זעלבע, וואָס די איצטיגע, נאָר שטארקער...

טילא (פעראינטערעסירט) : האָסטו געקענט פריהער דעם טאטען ? איהם געליבט ?

הינדע : ניט דעם טאטען.

טילא (געשפאנט) : וועמען ?

הינדע (פערטרוילוך) : דעם פריץ פון אונזער שטעדטעל, דעם שעהנעם קאזימיר...

טילא : און ער דיך ?

הינדע : וואָס מיינסטו, בין איך געווען, אַן אַלטע אידענע ? (פיהרט זי צום שפיעגעל) זעהסט, אין איין הויך זיינען מיר. אין דיינע יאָהרען בין איך שעהנער און בליהענדער געווען. מיין יוגענד האָט דער וועלט־שמערץ געקרייצט, און איך האָב מיך זאָרגלאָז געשפיעלט אויף די בערג פון אונזער שטעדטעל, בעלויכטען פון דער גאָלדענער זון,

טילא (געשפאנט) : נו ?

הינדע : נו, פלעגען מיר זיך טרעפען אין גאָרטען צווישען די צווייג־האפטע עפעל־בוימער, הינטער זיין שלאָס. ער פלעגט מיר לייענען ראָמאנען... אזעלכע ווי אסתר'ל לייענט איצט. א שעהנע, ליכטיגע וועלט מיר געמאָלען... דעם זוים פון מיין קלייד געקושט... ליעבע געשוואָרען...

טילא (שטארק געשפאנט) : און ?...

הינדע (טרויעריג, מאכט מיט דער האנד) : און, אַן אַלטע געשיכטע : דער טאטע איז גרוי געוואָרען פאר צער, די מאמע צעהן מאָל א טאָג גע־חלש'ט... א ווייך הארץ געהאט, ניט געקאָנט צוזעהן... האָב איך מיך געלאָזט אוועקפיהרען אין א דערבייאיגער שטאָדט צו א מוהמע ; און דאָרט האָט מען מיך שפּעטער חתונה געמאכט פאר דיין טאָטען.

טילא (ענטריסטעט) : און מ׳לעבט אזוי, און מ׳פערגעסט.

הינדע (טרויעריג) : וואָס דען ? קינדער קומען, פּאָקען, מאָזלען, איינס געשטאָרבען, א צווייט׳ס אויף אָוועקגעקומען, די איבעריגע ווערען ציטעריג, ס׳ווערט א לעבענס־אויפגאבע, זיי צו היטען ; דערווייל ווערען קנייטשען אויפ׳ן פּנים, ס׳ווערען גרוי די האָאר... אָבער פערגעסען — דאָס ניט. די פערגאנגענהייט מיט אַלע בילדער אין די הערליכסטע פארבען, לעבען אין דער נשמה... שטילע אבענדען, דער טאטע אין בית המדרש, זיץ איך מיר אַליין, און טראַכט און חלום, טראַכט און בענק, אַזוי יאָהר איין יאָהר אויס... אָבער וואָס העלפט עס ? (קוקט צום זייגער) ס׳איז שפּעט, טאָכטער, דער טאטע קען אונטערקומען...

טילא (ערוואכט ווי פון חלום, טהוט אָן געשווינד דעם מאנטעל : שטאַלץ און ליידענשאַפטליך) : יא, כ׳געה, מאמע, כ׳געה נעהמען גליק פון לעבען ; פאר מיר און פאר די, וואָס האָבען עס ניט געקאָנט... פאר דיר, מיין גרויסע, ליעבע, עלענדע מאמע. (קושט דער מוטער, וויל געהן לינקס).

הינדע (בלייך און אויפגערעגט, פערשטעלט זי דעם וועג) : ניט דאָ, דורך די טיהר... דער טאטע קען אונטערקומען... ער׳׳ט פרעגען, שרייען, זיך בייזערען, פער׳סם׳ען דעם גליק... (שטופּט זי רעכטס, ציטערט שטארק).

טילאָ (אָב רעכטס מיט שנעלע טריט. ס׳הערט זיך א גערויש אויף די טרעפּ).

הינדע : אהה, ר׳קומט ! מ׳מוז זיך בערוהיגען. וואָס איז ער נעבאך שולדיג ? ר׳וויים נור וואָס איהם פעהלט, ניט וואָס אנדערע... ר׳טאָר ניט וויסען. כ׳מוז פערגלעטען... זאָגען ליגען פון שלום־בית וועגען.. אי, שפּעטער? א קינד... א ממזר... (כאַפּט זיך פאר׳ן הארץ, מאכט זיך זוכענדיג עפּעס אין שראנק. לייזער קומט אריין).

לייזער : אוה, ס׳א פראָסט ! די טעכטער שלאָפען שוין ?

הינדע (בעהערשט) : זיי שלאָפען... שלאָפען... געה הענג אריין דעם פוטער אין שאַפ.

לייזער( אָב רעכטס).

הינדע (פאלט אויף א שטוהל) : זיי שלאָפען... חא, חא, חא !ביידע זיינען וואַך... איינע טרוימט פון גליק, איינע געניסט דעם גליק... און איך ? פערפאַלען, פערפאַלען... (בלייבט זיצען שטארק פערטראכט).

(דער פאָרהאַנג פאַלט לאנגזאַם).

## צווייטעס בילד.

אנדערהאלבען יאהר שפעטער. דער זעלבער צימער. א זומערדיגער פאר־מיטאג. די פענסטער שטעהען אפען, און דער צימער איז אנ־געפיהלט מיט זונען־שטראהלען.

לייזער (זיצט ביים טיש און קוקט אין א צייטונג. זיין בארד איז ערטער־ווייז גרוי, אויפ'ן שטערען טיעפע קנייטשען).
הינדע (שטארק געעלטערט, רוימט צו די שטוב, טראגט אוועק די כלים פון טיש אין קיך אריין, קומט צוריק, נעהמט זיך שטויבען די מעבעל).
לייזער (רעדט פון צייטונג) : אין ב. האט מען צושטערט א דעמאנ־סטראציע... דריי זיינען טוידט, ניין פערוואונדעט.
הינדע (שטארק בלייך : נאך וואס דערצעהלסטו מיך ? כ'האב עס אליין געלייענט.
לייזער (בייז) : אידענע, דער וועהטאג רעדט : שוין מעהר ווי א יאהר, ווי זי איז פערשוואונדען, אפילו א בריוועל ניטא... ווער וויים, צו זי איז ניט אין יענער שטאדט ?
הינדע (ווייך) : וואס זאל מען טהאן, מיין מאן ? ז'איז ניט די איינ־ציגע...
לייזער (מאכט מיט דער האנד) : א קליינער טרייסט. אבגעהארעוועט א וועלט, געזארגט פאר די קינדער, און געבליבען ביי גארנישט.
הינדע : וואס הייסט ביי גארנישט ? און אסתר'ל ? כ'בין דאך די וואך געקומען פון איהר ; וואלסט זעהן, ווי שעהן זי איז. זי לאכט. די אויגען גרויס און לעבעדיג, דאס פנים ראזיג, פריש... ס'ט'איהר היינט זעהן, זי שרייבט, אז היינט קומט זי.
לייזער (מיט בעהאלטענע פאטער־ליעבע : אידענע, אפילו „עין־הרע” זאגט זי ניט. (פערטיעפט זיך ווידער אין בלאט. הינדע ווישט די מעבעל. פויזע).
לייזער (פערזארגט) : מיר געפעהלט ניט, וואס אסתר'קע קומט היינט.
הינדע (בלייך ווערענדיג) : פאר וואס ?
לייזער (בייז) : רייד מיט א אידענע ! כ'האב איהר געשריעבען, אז מ'ריכט זיך אויף אונרוהען...
הינדע : נו ?
לייזער (גערייצט) : נו, נו, זי קומט צו די אונרוהען... די טומאה פערשפרייט זיך. דער מאמע'ס פרוכט... זי געהט אין יענער'ס וועג...
הינדע (טרויעריג פאר זיך) : צו האב איך עס דען לאנג ניט בעמערקט ?

(הויך) אין יענער׳ס וועג, אין דער׳ס וועג, זאָרג ניט, מיין מאַן, מיר זאָגט דאָס האַרץ, אַז טילא לעבט, אז מיר וועלען זי אין קורצען זעהן געזונטערהייד.

לייזער (מאַכט מיט דער האַנד. פערטיעפט זיך צוריק אין בלאַט. הינדע רייניגט די הויז. פּויזע).

לייזער : נאָך וואָס פּוצען היינט אַזוי די הויז ?

הינדע : וואָס הייסט, ס׳קינד וועט קומען, זאָל עס געפינען צוגערוימט.

לייזער (ביטער) : אַז ניט, וועט זי לאַנג זיין ביי דיר.

הינדע (זיפצט שטיל, זעצט פאָרט איהר אַרבייט).

לייזער (שטעהט אויף) : הינדע, גיב מיר מיין מאַנטעל, ס׳קעלטערט מיר עפּעס.

הינדע (ברענגט דעם מאַנטעל, קוקט איהם אָן. פאַר זיך) : ווי געל און אַלט ר׳איז ! (הויך מיט רחמנות) : ביסט ניט געזונד, מיין מאַן ? בלייב אין שטוב, די גרויסע געשעפטען ?

לייזער (ביטער) : אַ שפּאַס, אַ היימליכקייט, אַ פולע שטוב מיט טעכ־טער, איידעמס, אייניקלאַך...

הינדע : זינדיג ניט, מיין מאַן, זאָל דוכטען, מיר האָבען נור איין קינד. וועסט איהר היינט זעהן, וועסטו שעפּען נחת.

לייזער (וויינער) : איכ׳ל שפּעטער קומען. כ׳דאַרף אַיינמאָהנען אַ ביסעל געלד. (אָב לינקס).

הינדע (קוקט איהם נאָך) : אָרימער ! איהם פעהלט, אַזוי ווי אַ חיה פעהלט עפּעס, און ר׳שרייט זיך כאָטש אויס... און איך ? טהוט מיר דען ניט וועה ? אָבער שווייגען מוז איך... (שפּאַנט איבער׳ן שטוב) קינדערלאַך מיינע, טעכטערלאַך מיינע... (בלייבט שטעהן ביים פענסטער, קוקט פערטראַכט אין דער גאַס אַ לענגערע ווײַלע ; שפּרינגט אָב מיט שרעק) אַ פּויערטע מיט צוויי קערב יאַגדעס, און אַזוי ווי איהרע אויגען !... (ס׳הערט זיך אַ גערויש אויף די טרעפּ) גאָט, זאָל זי עס זיין ?... פערקליידט, פערשטעלט... (די טיהר עפענט זיך. טילא, פערקליידט ווי אַ פּויערטע, שטעלט אוועק די קערב, קוקט זיך אום פאָרזיכטיג איבער׳ן שטוב, קוקט אָן שאַרף דער מוטער; פאַלען מיט אַ געשריי איינע אין די אַנדערע אָרעמס).

טילא (בעפרייט זיך פון דער מוטער, וואַרפט אַראָפּ די פּויערשע זאַכען, בלייבט אין אַ שוואַרצער קלייד, מיט גלאַט־געקעמטע האָאָר. זעהט אויס אָבגעצעהרט און בלייך).

הינדע (פריידיג־אויפגערעגט) : טאָכטער מיינע, פאַר וואָס האָסטו ניט געשריבען, ניט אָנגעזאָגט, אַז דו קומסט ? אהא, כ׳ווייס, מ׳האָט נאָכ־געשפּירט... די יונאים... די הינד...

טילא : יא, יא, מיין קלוגע מאמע... זאג מיר אבער,וואס מאכט דער טאטע ? ווי גערהט׳ס אסתר׳ן ?

הינדע (אלץ אויפגערעגט) : דער טאטע געזונד... און אסתר ? זי קומט היינט צופאהרען. חא־חא־חא ! — אזוי ווי אין א בוך : ג׳ווארט אויף איין טאכטער און געקומען צוויי... ווארט, טאכטעריל, ביסט מיעד און הונגעריג פון וועג, איך׳ל אריינברענגען וואס צו עסען... (אב רעכטס).

טילא (שפאנט איבער׳ן שטוב, בעקוקט די מעבעל, שטעלט זיך אנט־קעגען שפיגעל) : אלץ אויף איין ארט, קיין זאך ניט אבגעניצט. ווען איך וואלט געווען דעם יאהר אין דער שטוב, וואלט איך דען געווארען אזוי אב־געניצט ?

הינדע (קומט צוריק מיט א טאץ עסענוואריג, שטעלט עס אויפ׳ן טיש) : קום, טאכטעריל, עס עפעס ! (טילא קומט צום טיש, זעצען זיך ביידע, נעהמט א פאר זופ מילך).

טילא (רעדט נערוועז) : און אסתר א בורזשואזנע מאדאם, הא ? האט א קינד... איז געווארען פעט... ניט אזוי ?

הינדע : ניין, ס׳קינד איז געשטארבען. פעט איז זי ניט, נאר שעהן ווי די זון. (מיט א בעהאלטענעם טרויער) און צום שכל געקומען : זי לייענט איצט דיינע ביכלאך...

טילא (שפאטיש, האלב פאר זיך) : אזוי, אזוי, צום שכל געקומען...

הינדע (קוקט זי אן שארף) : און וואס איז מיט דיר, טאכטער ? עפעס קוקסט אויס ניט גוט, ס׳פנים מאגער, קנייטשען ארום מויל, ד׳אויגען איינ־געפאלען... ביסט געווען גליקליך, קינד ? ווי האסטו געלעבט ?

טילא (האלב פאר זיך) : יא, גליקליך, גליקליך... (הויבט אן שפאנען איבער׳ן שטוב. הינדע קוקט זי נאך. איהר שרעק וואקסט).

הינדע (פאר זיך) : ווי דאר און איינגעפאלען. וואס האב איך פון איהר געמאכט...

טילא (בלייבט שטעהן פאר׳ן שפיגעל, רופט דער מוטער. הינדע נעהנ־טערט צו איהר ביים שפיגעל. טילא נעהמט זי פאר׳ן האנד) : זעהסט, מאמע, ווי צוויי שוועסטער זעהען מיר אויס.

הינדע : וואס רעדסטו, קינד, דו ביסט נאך קיין צוויי און צוואנציג יאהר ניט, און איך בין אן אלטע אידענע.

טילא (פאר זיך) : כ׳בין עלטער פון איהר... עלטער אין גייסט... (הויך) מאמעשי, בענקסט נאך איצט, אין די שטילע אבענדען, נאך דיין אמאליגען געליעבטען ?

הינדע : נאך וואס פרעגסטו עס, קינד ?

טילא : גלאט אזוי... כ'בין דיר מקנא : אַ ניט־ערפילטער פערלאַנג לאָזט ניט אַלט ווערען...

הינדע (זיך דערמאָהנענדיג) : און וואו איז מאקס ? וואָס מאכט ער ?

טילא (גלייכגילטיג) : כ'ווייס גאָר ניט װעגען איהם.

הינדע : (פערוואונדערט) : וואָס הייסט ?

טילא : כ'האָב איהם פערלאָזט. (שמייכעלט קאַלט) כ'האָב שוין נאָך איהם געליעבט צוויי אַנדערע... ס'ווערט אַלץ מיאוס, מ'לעבט, ראַש, שטורמ־דיג . . .

הינדע (שטאַרק טרויעריג) : און איך האָב ניט דערהיט מיינע קינדער'ס גליק... (פאַלט אויף אַ שטוהל, וויינט).

טילא (שוואַך געריהרט) : דו וויינסט, גרויסע, שטאָלצע מאמע ? ס'פּאַסט פאַר דיר ניט קיין טרעהרען. (גלעט זי איבער'ן קאָפּ, בערוהיגענד) און מיינסטו, װעניג האָב איך גענאָסען ? און וועניג האָב איך נאָך פאַר מיר ? כ'בין אין שטעדט און דערפּער געווען... ריעזיגע בנינים געבויעט... אויף מיינעם איין וואונק זיינען הונדערטע מענשען בערייט זייער לעבען צו געבען... וועסט עס נאָך אפשר הייגט זעהן...

הינדע (בעהערשט זיך) : אָך, יאָ, ווארט מען טאַקי היינט אויף פּאַ־סירונגען ?

טילא (ערנסט) : היינט... אין צעהנדליגע שטעדט מיט 'אַמאָל וועט מען זיך אויפהויבען... אַ ריעזיגער מאַסען־פּראָטעסט... אַן אַלגעמיינער סטרייק... אָבער וואָס זאַמט זיך דער טאַטע ? ווי ס'מאַכט זיך, כ'וואָלט איהם וועלען זעהן... (הויבט אָן שפּאַנען איבער'ן שטוב, בלייבט ביים פענ־סטער, הינדע קוקט זי נאָך. פּויזע).

טילא : מאַמע, מיר דאַכט, אסתר קומט.

הינדע (לאָזט זיך צום פענסטער) : יאָ, יאָ.... (עפענען ביידע די טיהר, אסתר קומט אַן, זיי פאַלען זיך אַלע קושען. ס'דויערט אייניגע סעקונדען).

אסתר (טהוט אוים דעם הוט און מאַנטעל, בלייבט אין אַ ברוינעם קלייד, זעהט אוים פריש און מיט אַן ענערגישען גלאַנץ אין די אויגען) : מאַמעשי, מיר האָבען זיך דאָך ניט לאַנג געזעהן. אָבער דו, שוועסטער'ל, וואָס מאַכסטו ? איצט ערשט זיינען מיר זיך אמת'ע שוועסטער... פריהער זיינען מיר זיך געווען אזוי פרעמד... (פיהרט זי צום טיש, זעצען זיך).

הינדע : רעדט, פערברענגט, קינדערלאָך, איך'ל געהן מאַכען דעם סאַ־מאָוואַר. דער טאַטע וועט באַלד קומען, וועלען מיר טרינקען טהעע. (פאַר זיך) אפשר צום לעצטען מאָל... (אב רעכטס).

טילא: וואָס הערט זיך, שוועסטער, לייענסט ניט מעהר קיין ראָמאַנען?

**אסתר** (מיט רעליגיעזע בעגייסטערונג) : ניין ! כ'האָב מיך שפּעט געטומען ; אָבער כ'וועל דער מענשהייט, דער בעוועגונג אָבגעבען מיין חוב...

**טילא** : געהסט צו אונז ?

**אסתר** (פייערליך) : כ'בין שוין אן „אונזעריגע".

**טילא** : און דיין מאַן ?

**אסתר** (דעקלאַמירט פייערליך) : „וואָס שערט מיך מאַן, וואָס שערט מיך קינד, כ'טראָגע ווייט איין העכערען פערלאַנגען"...

**טילא** (נערוועז) : אָהן מליצה : פערלאָזט איהם ?

**אסתר** : געוויס ! זאָל ער אויך געהן, אויב ער וויל.

**טילא** (האַלב פאַר זיך) : אזוי... אזוי... (בלייבט פערטראַכט).

**אסתר** (בעטראַכט זי, אונרוהיג) : און וואָס איז מיט דיר, שוועסטער ? עפּעס ביסטו בלייך און אָבגעצעהרט. וואו איז דיין מאַקס ?

**טילא** (שפּאָט זי נאָך) : „וואָס שערט מיך מאַן, וואָס שערט מיך קינד, כ'טראָגע ווייט איין העכערען פערלאַנגען"...

**אסתר** (מעהר אונרוהיג) : ווי דו רעדסט ! דיין קול איז האַרט און שטעכעדיג... וואָס פאַרט האָט מיט דיר פּאַסירט ?

**טילא** (שפּאָטיש) : פּאַסירט ? גאָר און גאָר א סך... מיט דיר'ט פּאַסירט דאָס אייגענע און מיט נאָך הונדערטע אויך... געהסט אַריין פריש און יונג... פּאַהרסט דורך שטעדט און דערפער. אומעטום די זעלבע מענשען, די זעלבע דומהייטען... אונטער די הייליגסטע ארבייט, צווישען די הייליגסטע מענשען הערשען קליינליכקייטען, טהירישע לוסט, און נאָך און נאָך... קלוג ווערסטו... פריי ביסטו... וואָס דיר געפעהלט נעהמסטו, וואָס ניט, וואַרפסטו אוועק... און גיך ווערט אַלעס אויסגענומען... און גיך ווערט אַלע אוועקגעוואָרפען... און אין אָנהויב לעבען בלייבסטו שטעהן אַלט און אויסגעשעפּט... אַלט און קלוג... קלוג און בייז... חא — חא. —

**אסתר** : א שרעק, א שרעק, וואָס דו רעדסט ! און אידעען... און הייליגע ארבייט... און די גרויסע געשעהענישען, וואָס שטעהט פאַר ? . . .

**טילא** (נערוועז) : אַך, יאָ, די גרויסע געשעהעניש... א ליכט פאַר אַנדערע לעבענס... א בלייכער שיין פאַר דעם אייגענעם... נאָר גענוג, מיר דאַכט, כ'הער א ווייטען געטומעל אין גאַס, מיין אויער איז שאַרף...

**הינדע** (קומט אריין בלייך) : קינדערלאַך, ווער ווייס, צו מיר טרינקען טהעע צוזאַמען : אין גאַס איז אונרוהיג. אַלע קראָמען פערמאַכט מען... ־ער טאַטע איז אין גאַס... (עס דערטראָגט זיך א ווייטער געזאַנג פון דער מאַרסעליעזע. טילא און אסתר לויפען צום פענסטער).

**לייזער** (קומט אַן, דערזעהט די קינדער, ווערט א פערגליווערטער).

טילא, אסתר (לויפען איהם אנטקעגען) : טאטעשי, וואס מאכסטו ?
(פאלען איהם קושען. דאס געזאנג דערגעהנטערט זיך).

לייזער (שטופט זיי אב) : אוועק'ט, אוועק'ט, ר'זייט מיר פעררע־כענטע... מ'האט טעלעפאנירט נאך קאזאקען... (דאס געזאנג קומט נאהענט. עס הערט זיך דייטליך פון א סך שטימען : „שטעהט אויף, איהר ארבייטער־מאסען זאל נעהמען פון שקלאפעריי אן עק"... די שטוב ווערט אנגעפילט מיט הייליגע מורא. הינדע פאלט האלב אהנמעכטיג אויף א שטוהל).

אסתר (ווי געצויגען דורך מאגנעט, פערלאזט שנעל די הויז, דאס גע־זאנג פערטויבט איהרע טריט).

טילא (ווארפט א לאנגען, אומעטיגען בליק אויפ'ן הויז, אויף טאטע־מאמע) : קיין אנדער וועג איז דאך ניטא... מ'מוז געהן... (פאלגט נאך אסתר'ן. עס הערט זיך א שטארקער געטומעל, דאס טאפטשען פון פערד, א שיסעריי און ווילדע, פערצווייפעלטע קולות).

הינדע (שפרינגט אויף, כאפט לייזער'ן פאר'ן האנד, שלעפט איהם צום טיהר, שרייט) : קום !

לייזער : משוגע ?

הינדע (שלעפט איהם, שרייט היסטעריש) : קום שטארבען מיט די קינדער... צוויי וועלטען לעבט מען ניט... קום אטלויפען פון יאמער־טהאל... איינס אין אבגרונד, די אנדערע ביים ראנד... מ'שיסט אין זיי, קינדערלאך מיינע טהייערע... קינדער... איך געה צו אייך, כ'קום... (לאזט זיך לויפען, פאלט אהנמעכטיג אין לייזער'ס הענד).

(פ א ר ה א נ ג)

# צוריקגעקומענע

(דראמאטישעס בילד).

---

פערזאָנען:

מוטער　　　　טאָכטער

צייט:

אין אָנהויב פון לעצטען צעהנדליג יאָהר פריהלינג.

אָרט:

א קליין שטעדטעל אין דער ליטא.

---

א גרויסער עס־צימער, א טיש, ארום שטולען מיט הויכע ווענטלאַך, רעכטס א גרויסער שפּיגעל, לינקס אן אַלטמאָדישע זאָפא, א שאַף מיט ספרים, א זייגער און נאָך קלייניגקייטען.

אין הינטערגרונד צוויי פענסטער אויבען בויגענמעסיג ווי אין א קירכע, רעכטס א טהיר.

נאָך האַלבען טאָג. די פענסטער שטעהען אָפען. עס זעהען זיך צוויי שורות קליינע, זויבערע הייזלאַך. פאר די הייזלאַך פּרוכטגערטנער. די צו־וואַכסענע בוימער זיינען בעדעקט מיט ווייסע און לילאָווע בליטהען. ווייטער די הייזער ציהט זיך א גרויסער וואלד פון וואַנען עס שימערן די ווייסע בע־ריאָזעס.

דורך די פענסטער קוקט אריין דער הימעל. עס וואָלקענט. די זונן רייסט זיך פון די כמארעס, אָט איז זי בעפרייעט און בעלייכט דעם צימער; און באלד פערציהט זי דער וואָלקען, און דער אַלטמאָדישער צימער ווערט אָנגעפילט מיט א גרויען, אומעדיגען שיין.

---

מוטער (קומט פון רעכטס. זי איז א הויכע, א בלאַסע, געהט אָנגעטהון אין א גרויען קלייד, גרויע האָאר זעהן זיך פון אונטער'ן שווארצען בלאַנד*)

---

*) בלאַנד — א שאַל פון שפּיצען־שטאָף.

איהר שטערען איז פול קנייטשען, די אויגען קוקען קאלט און גלייכגיל־טיג. זי געהט גלייך און לאנגזאם, אין איין האנד טראָגט זי א פּאַק קאָלירטע זאַקען, אין צווייטען א דראָטען קערבעל מיט נעהגעצייג. זעצט זיך ביים טיש מיט'ן פּנים צום סטיידזש, צולעגט לאנגזאם די זאָקען און הויבט אָן לאַטען. זי טהוט איהר ארבייט שווייגענדיג.

פויזע.

פון יענער זייט טהיר הערט זיך א יונגער אנגענעהמער קול זינגען :

„ווידער איז דער מאי געקומען
מיט זיין צויבער, מיט זיין פּראכט
אַלע גראָזען, אַלע בלומען
האָבען ווידער אויפגעוואכט."

די טהיר עפענט זיך און עס ערשיינט די טאָכטער. אין זעלבען מאָמענט בעפרייעט זיך די זונן פון וואָלקען, און דעם צימער פערגיסט א ליכטיגקייט.

**טאָכטער** (איז הויך, שלאנק, מיט א ראָזיגען געזיכט, איהרע בלויע אויגען לייכטען פון לעבען, איבער'ן נאקען צווי בלאָנדע צעפּ צוגעבונדען מיט א בלויע ליענטע, אנגעטהאָן אין א העל־בלויען זומער־קלייד. זי נעהנ־טערט, מיט לייכטע טריט, צו דער מוטער, זעצט זיך נעבען איהר, נעהמט זי ארום מיט יונגפרויליכע צערטליכקייט. די זונן פערציהט. אין צימער ווערט ווידער גרוי).

**טאָכטער** : מאמעשי, נאָר דו לאַטעסט זאָקען ! וואָס פאר א אינטערעס געפינסטו דריין ?

**מוטער** : (מאכט א אונרוהיגע בעוועגונג, גלייך עס דריקט זי דער טאָכ־טערס אומארמונג, מיט לייכטען שפּאָט) : דו ווייסט ניט, טאָכטער, ווי אינטערעסאנט עס איז גאנץ צו מאַכען לעבער וואָס ווערען צוטראָ־טען מיט די פיס...

**טאָכטער** (אונצופריעדען) : מאָמע, אַלע מאָל רעדסטו אזוי מאָדנע, גלייך אונטער דיינע ווערטער ליעגט א בעהאלטענער מיין.

**מוטער** (טהוט איהר ארבייט שווייגענדיג).

**טאָכטער** : מאמע, פאר וואָס בינסטו אזא שווייגענדע ? עס ווערט אונהיימליך (קוקט צום פענסטער) אפילו די זונן בעהאלט זיך !

**מוטער** (טרוקען) : פאר מיר האָט זי אָבגעשיינט.

**טאָכטער** : און פאר מיר ?

**מוטער** (אונרוהיג) : פאר דיר ?... ווייס איך... גלייבער אז זי שיינט ניט אויף....

**טאָכטער** (ערנסט) : מאמע, דו מאכסט מיר אונרוהיג ! הער אויף רייּ־דען פערשטעלט סימבאליש, רייד מיט מיר אָפען. איך בין שוין ניט

קיין קינד, און טאַקי איצט וויל איך זאָלסט רייִדען מיט מיר, ווייל איצט דאַרף איך נעהמען אַ נייעם וועג אין לעבען.

**מוטער** (פאַר זיך) : דאָס אונפערמיידליכע מוז געשעהען... זי האָט אויך געירש'ט די אונרוהיגקייט... (הויך:) דער אַלטער וועג געפעהלט דיר שוין ניט ?

**טאָכטער** (שטעלט זיך אויף, מיט אַ פלאַם אין די אויגען) : מאַמע, מיינע אַלע יאָהרען, האָסטו מיר זיך געלאָזט האָדעווען ביי דער באַבען אין קליין שטעדטעל, דו מיט'ן טאַטען פלעגען אַ מאָל קומען מיר זעהן, אָבער קיינמאָל ניט געפּרובט נעהמען מיר אהיים. נאָך וואָס האָט דער טאַטע מיך גראַד אויף היינטיגען פּסח גענומען אַ היים ?

**מוטער** (טרוקען) : ער וויל דיך פערזאָרגען : האַלטען אין דער היים ביז ס'וועט זיך מאַכען אַ רעכטער שידוך.

**טאָכטער** (היציג) : איך ווייס ! איך וועל אָבער אין דער היים ניט זיין : דעם טאַטען זעהט מען קיינמאָל פאַר די אויגען : אָדער אין מאַרק אָדער אין שוהל. און דאָ אין שטוב... דו אַזאַ שווייגענדיגע, ס'איז אומעדיג צום טוידט.

**מוטער** (טרוקען) : פאָהר צוריק צו דער באַבען !

**טאָכטער** (היציג) : ניין, ניט צו דער באַבען ! איך האָב וואו צו פאָהרען : מיינע אַלע חבר'טעס זיינען צופאָהר'ען אין די גרויסע שטעדט לעהרנען, איך פאָהר אויך אהין.

**מוטער** (טרוקען) : טאָ וואָס ווילסטו פון מיר ?

**טאָכטער** (ווייך, גלעט זי איבער'ן קאָפּ) : מאַמעשי, איך וועל... די באָבע האָט מיר דערצעהלט, אַז דו בינסט אויך מיידעל־ווייז געפאָהרען אין אַ גרויסער שטאָדט אריין לעהרנען.

**מוטער** (טרוקען) : נו, טאָ איז וואָס ?

**טאָכטער** : זי האָט מיר אָבער דערצעהלט, אַז דו בינסט אוועקגעפאָהרען אַ שעהנע, אַ שטאָלצע, אַ מונטערע —

**מוטער** (אונרוהיג) : נו ?

**טאָכטער** : און נאָכדעם בינסטו צוריקגעקומען, אַ פּאָאַר יאָהר סך הכל האָסטו זיך געזאַמט... בינסט געקומען ניט די זעלביגע : מאָגער, בלאַס, אַ שווייגענדיגע, מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּען . . .

**מוטער** (אונרוהיג) : נו, טאָ איז וואָס ?

**טאָכטער** : מאַמעשי, איך וויל וויסען פאַר וואָס בינסטו געקומען צוריק אַזאַ... אַזאַ פערגליווערטע... דערצעהל מיר, עפען מיר דיין הארץ, איך בין דאָך דיין קינד...

**מוטער** (טרוקען) : מיין הארץ איז פּוסט, ניטאָ וואָס צו עפענען...

וועסט אליין זיין, וועסטו וויסען... (פערטיעפט זיך אין איהר אר־בייט).

**טאָכטער** (שפאנט אויף און אָב, קוקט דורכ'ן פענסטער אין דער ווייט־קייט, נעהענטערט צו דער מוטער) : מאמע, דאָ איז אַ מאָדנע אָר־מעדיגע, פערשלאָפענע שטעדטיל ! (ענטציקט) און הינטער יענעם וואלד, ווייט, ווייט, זיינען דאָך פערהאַן גרויסע שטעדט, מיט אַ סך מענשען, די מענשען זיינען מיט פרעהליכע פנים'ער, מיט לוס־טיגע שטימען, זיי ריידען, זיי לאַכען, זיי לעבען...

**מוטער** (שפּאָטיש, מיט אַ ניגון) : און זיי וויינען, און זיי קרעכ־צען... (פערטיעפט זיך אין איהר ארבייט).

**טאָכטער** (געהט אויף און אָב, בלייבט שטעהן אקעגען שפּיעגעל, צו־פלעכט די האָאר, די זונן שיקט אַ פּאָאר שטראַהלען און פערגאָלדעט זיי, זי שמייכעלט, נעהענטערט זיך צו דער מאמען) : זעה, מאמע, כל זמן מ'האָט אַזעלכע האָאר, וויינט מען אויך ?

**מוטער** (טרוקען) : ד'האָב נאָך שעהנערע געהאַט.

**טאָכטער** (נעהמט זי ארום, איהרע צולאָזטע האָאר פאַלען אויף דער מו־טערס אַקסעל, ווייך און בעטענדיג) : מאַמעשי, דערצעהל מיר, וואָס האָט מיט דיר פּאסירט אין דער גרויסער שטאָדט ! דו ווייסט ניט, איך טראָג אַזעלכע גאָלדענע פלענער, איך בין אַזוי גליקליך, די פאַנטאַזיען וועגען נייעם לעבען, בעלייכטען מיין הארץ ווי טוי־זענד זונען... אָבער צייטענווייז... ווייסטו... עס פער'גנב'עט זיך אַ שאָטען פון טרויער : דו קומסט מיר דאָ אויפ'ן זינען. דיין צוריק־קעהרען אַ בלאַסע, דיין אייביגער שוויגען, דיינע צווייפעלהאַפטיגע רייד, דיין טרוקענער קול... וואָס האָט פּאַרט מיט דיר פּאַסירט ?

**מוטער** (וואַרפט די ארבייט, פאַר זיך) : זאָל איך זי דערצעהלען ? זאָל איך זי „קלוג" מאַכען ? יאָ, גלייכער, זאָל זי וויסען פון לע־בען, נאָך איידער זי פערשטעכט די הענד אָן איהם !... (הויך) יאָ, ד'וועל דיר דערצעהלען ! (קוקט זי אָן אַ פּאָאר סעקונדען גע־היימניספאָל — קאַלט).

**טאָכטער** (טהוט זיך אַ צאַפּעל) : מאַמעשי, קוק ניט אַזוי אויף מיר ! עס ווערט אונהיימליך... ווארט ד'וועל מיך צורעכט מאַכען... (זעצט זיך צו־פוסענס דער מאַמען, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף איהר שויס) אַט אַזוי ! גלעט מיך די האָאר, מאַמעשי, און דערצעהל פון יענער שטאָדט וואו דו בינסט מיידעלווייז געפאָהרען... דערצעהל מיט אַ ווייכען, זיס־טרויעריגען קול, עס זאָל קלינגען ווי אַ וויעגען־ליעד פון אַ

צאַרטער מוטער דעם וויעגען־ליעד בינסטו מיך שולדיג ד׳האָב איהם פון דיר קיינמאָל ניט געהערט...

מוטער (בעפעהלענד און טרוקען) : שטעה אויף ! ניט קיין וויעגען־ליעד האָב איך צו זינגען : די וויעגען־ליעדער זיינען איינצושלעפע־רען, איך בין אָבער וואך... איך וועל דיר דערצעהלען דעם אמת פון דער גרויסער שטאָדט, דעם אמת, וועלכער קלינגט גאַנץ אַנדערש ווי א וויעגען־ליער...

טאָכטער (שטעהט אויף) : מאַמעשי, איך האָב מורא פאר דיין אמת ! זעה ווי מאָדנע דו זעהסט אויס, ווי גרוי ס׳איז איבער׳ן שטוב...

מוטער (רעדט לאַנגזאַם, הויך, בעפעהלענד) : דו מוזט וויסען אַלץ פריהער. דו פאַהרסט אין א גרויסער שטאָדט א נייעם לעבען זוכען, בלומען רייסען פון לעבען. קוק אויף מיר, איך האָב אויך געריסען בלומען, אָט זיינען מיינע הענד !

טאָכטער (קוקט ערשראָקען) : ווי דאר און בלאַס... (קוקט אויף די אייגענע הענד, מיט פרייד) : זעה ווי ראָזיג, ווי ווייך און צאַרט מיינע זיינען...

מוטער (מיט שפּאָט) : מיינע זיינען נאָך שעהנער געווען !

טאָכטער (קוקט זי אָן אומעדיג).

מוטער (זעצט פאָרט) : יעדער בלום פון לעבען איז מיט טויזענדע דער־נער פערשטעלט... יעדער טראָפּען גליק פערשווינדט אין א ים ביי־טערקייט... דער שמייכעל פערקעלט אויף די ליפּען, פון ארומיגען טרויער... דער פרייד־געשריי בלייבט אין האַלז שטעקען. איהם פער־טויבען די זיפצען... יעדער אונץ לעבען ווערט מיט צעהנדליגע יאָה־רען געקויפט...

טאָכטער (האַקט איבער, מיט שרעק) : מאַמע, ניט דאָס האָב איך געמיינט צו הערען פון דיר ! אין די ביכער מאָלט מען גאַנץ אַנ־דערש דאָס לעבען...

מוטער (שארף) : גלויב ניט ! איך בין אליין א קרבן פון די ביכער. דאָרט מאָלט מען נאָר די ליכטיגע זייט. די ליכטיגע זייט. הא־הא — איין ליכטיגען פונק כאַפּען טויזענד קינסטלער אויף און פּרובען דאָס אין פלאַמען פערוואַנדלען... און אָפט פערגעהען יאָהרען און יאָה־רען, און עס פעהלט דער פונק. ווייסטו וואָס מ׳טהוט דאַמאָלס ? מ׳פערשטעלט דעם אמת... מ׳הויבט אָן די טרעהרען אידעאַליזירען... דעם טוידט טהוט מען רויטע קליידער אָן... מ׳טונקט פאָהנען אין מענשען־בלוט און מ׳פלאַטערט מיט זיי אין דער לופט כדי די פאַנ־טאַזיע צו רייצען . . .

**טאָכטער** (שפּאַנט איבער'ן צימער אונרוהיג, טהוט אַ קוק אין שפּיגעל, טהוט זיך אַ כאַפּ, שרייט) : מאַמע, הער אויף ריידען! מיינע האָאר זיינען, דאכט מיר, גרוי געוואָרען... זעה ווי בלייך ס'איז מיין פּנים... מיינע אויגען זיינען מאַט און טרויעריג... (כאַפּט זיך פאר'ן האַרץ) און דאָס האַרץ... די טויזענד זונען פערשווינדען... עס צושפּרייט זיך אַ פינסטערקייט...

**מוטער** (אין אַ שטרענגען, פּראָפּעטישען טאָן) : דער אמת איז שווער... ס'איז נאָך אָבער ניט גאַר... הער ווייטער!

(די זונען בעפרייעט זיך פון וואָלקען, עס ווערט פלוצלונג ליכטיג איבער'ן צימער, די ליכטיגקייט זעהט זיך איבער'ן גאַנצען שטח, די שכנה'ישע פענסטער צינדען זיך רויט, די בוימער וואַרפען פון זיך גאָלד־פלעקען אויפ'ן זאַמדיגען וועג, און פון ווייטען דער וואַלד זעהט אויס ווי מיט אַ גאָלדענעם קרוין).

**טאָכטער** (שרייט אויס מיט פרייד) : אָה, די זונען, די ליכטיגקייט! מאַמע, איך האָב איצט קיין מורא פאר דיינע רייד... די ליכטיגקייט איז שעהנער, איז שטאַרקער פאר דיין אמת... (שפּרינגט צום שפּיע־געל, צולאָזט איהרע האָאר. זיי צינדען זיך רויט אַקעגען דער זונען) זעה אַ ים גאָלד איך פערמאָג... און זעה ווי ליכטיג־בלוי מיינע אויגען זיינען... און ווי יונג מיין געזיכט... און גרינג און ליכטיג איז אויפ'ן האַרץ... (הויבט אָן טאַנצען איבער'ן שטוב, זינגט) :

„ווי־עדער איז דער מאַי געקומען
מיט זיין צויבער מיט זיין פּראַכט"...

**מוטער** (קאַלט) : טאַנץ, די זונען האַלט ביים אונטערגעהן, עס קומט די נאַכט...

**טאָכטער** (שטעלט זיך אַקעגען פענסטער, אַזוי אַז זי ווערט איינגעטונקט אין די שטראַהלען און זעהט אויס ווי אַ פלאַמענדיג שטיק גאָלד) : מאַמע, די זונען פערגעהט און קומט ווידער... איך רייד שוין אויך סימבאָליסטיש האַ־האַ — זיי געזונד, מאַמע, איך פאָהר אוועק... ווייט הינטער יענעם וואַלד... זעה ווי שעהן, ווי געהיימניספאָל שעהן דאָרט איז... דאָ אין שטוב שטיקט דער טוידט... זיי געזונד, גע־רים דעם טאַטען... (פערשווינדט דורכ'ן טהיר. פון דרויסען הערט זיך איהר געזאַנג).

**מוטער** (בלייבט שטעהן ביים פענסטער מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּען, קוקט טרויעריג צום וואַלד. אַ לאַנגע פּויזע. עס הויבט אָן דעמערען, שוואַרצע שאָטען צושפּרייטען זיך איבער ווענד און מעביל, עס ווערט פינסטערער און פינסטערער. עס גליטשען זיך אריין דורך די אָפענע

פענסטער לבנה־שטראַהלען און צולעגען זיך אויף די ווענד, דער גאַנ־צער שטח ווערט בעלויכטן פון דער לבנה; די שכנה'ישע פענסטער בלאַנקען ווי שטאָהל, אין ווייטען וואַלד שיינט די לבנה ארוים פון צווישען אייניגע בוימער וועלכע קוקען אוים געהיימניספול־ווייס, און פלוצלונג בעוויזט זיך אין ווייטען וואַלד אַ פרויען געשטאַלט אין אַ העלען קלייד. דאָס געשטאַלט שוועבט נעהנטער צום שטח, דאָס העלע קלייד פלאַטערט אין דער נאַכט.

מוטער: אָט איז זי!... שוין צוריק?... ווי בלייך און מאָגער!....
(שפרייט אוים די אָרעם) קום צו מיר מיין טאָכטער... איצט איז אַלעס פערביי... מיר זיינען גלייך...

דאָס געשטאַלט פערשווינדט צווישען שאָטען, די מוטער שפּאַרט זיך אָן אָן פענסטער און קוקט פאַרשעגדיג אין דער נאַכט (עס פאַלט לאַנגזאַם דער פאָרהאַנג).

# בראנקא

(דראמאטישעם בילד).

---

**פערזאנען:**

**אסתר, א שעהן בלאנד מיידעל, א יאהר פיער און צוואנציג.**
**פרידא, איהר חבר'טע, אלט צוויי און דרייסיג יאהר.**

---

א מיטעל־גרויס צימער. לינקס א טיהר, אין הינטער־גרונד א פענ־סטער מיט ווייסע פארהאנגען, אויף די וואנד שעהנע נאטור־בילדער, א ברוינער „דרעסער" מיט א גרויסען שפיגעל, א קליין טישעל, א ראקינג־טשער, א סינגעל־בעט מיט שנעע־ווייסען בעצוג, בלומענטעפ מיט פרישע בלומען, פערשיעדענע קאסטבארע קליי־ניגקייטען. אבענד. די געז ברענט העל אונטער א ווייסען גלאז. ווען דער פארהאנג ראלט אויף, איז דער צימער א פאר מינוט ליידיג. עס שמעקט מיט בלומען און מיט זיסער, שטילער רוה.

---

**אסתר** (ערשיינט אנגעטהאן אין א לייכט שטוב־קליידעל, זי איז פריש איינגעוואשען און ענדיגט ווישען דאס געזיכט, וועלכעס פלאמט אונגע־וועהנליך. זי קוקט אין שפיגעל, שמייכעלט אויפגערעגט) : ד'וועל פאסען צו מיין נייער ראלע ! (דעקלאמירט שפאטיש) : „בראנקא", א ווייסער, ווייכער שנעע ביסטו פאר מיין מיעדען וועזען, א וויס, וויך קישעלע אנ־צושפארען מיין מיעדען קאפ" !... (לאכט נערוועז) כא, כא, היינט שפיעל איך „בראנקא"... קום, מיין ליעבער, שפאר אן דיין מיעדען קאפ... אבער אויפהויבען... ווארט, דאס וועסטו מיר פרעגען... (הארכט דורכ'ן טיהר) : זי קומט שוין : אלע מאל, ווען מ'דארף ניט, איז זי דא.

פרידא (קומט אריין, ווארפט א האסטיגען בליק איבער'ן צימער, אויף אסתר'ן) : — גוטען אבענד ! עפעס יום־טוב'דיג.

אסתר (אונצופריעדען) : ווער האט דיך איצט בעדארפט ?

פרידא : ווען דארפסטו מיך ? ד'מוז דיך נאר שלעפען מיט געוואלד. קום, טהו זיך אָן, מיר האָבען היינט א מיטינג.

אסתר : געה מיט דיינע מיטינגען !

פרידאַ (יאָגענדיג) : קום, ס'ט' שפעטער ריידען ! היינט ווערט פער־האנדעלט...

אסתר (שלאָגט זי איבער) : ס'ווערט פערהאנדעלט, וואָס ס'קאָכט זיך ביי אַלע בעקאנטע אין די טעפּלאך... ווער אין ווערמען ס'איז פער־ליעבט, ווער ווערמען האט אוועקגעוואָרפען...

פרידאַ : ביסט שוין ווידער משוגע, אסתר'קע ?

אסתר : ד'בין קיינמאָל ניט קלאָהר. געה אַליין, ד'ל ניט געהן ! (הויבט אָן קעמען די האָאר).

פרידא (קוקט זי אָן פארשענדיג) : מסתמא א נייע פערקאָכעניש. זאָג כאָטש אין ווערמען ?

אסתר (לאַכענדיג) : דארפסט וויסען איבערצוגעבען ביים מיטינג ?

פרידאַ : זיי ניט משוגע, אסתר'קע, דו ווייסט דאָך, אז איך בין ניט בלויז דיין חבר'טע ; ד'בין דיר ווי א מאמע !

אסתר (ווייך) : יא, פריידעלע, האָב ניט קיין פעראיבעל, דו ביסט מיר א חבר'טע און אזוי ווי א מאמע ; ס'איז טאקע א נייע „פערקאָכעניש", ווי דו זאָגסט. ווער עס איז, מאכט דאך ניט אויס ; מעגסט זיין זיכער, אז א מאַנסביל. הער אָבער א נייעס ; ד'נעהם היינט א נייע ראָל ; ד'געה שפּיעלען „בראַנקאַ".

פרידא (נייגעריג, זעצט זיך אויף א ברעג בעטעל, ציהט אסתר'ן צו זיך) : דערצעהל, אסתר'קע, וואָס מיינסטו דערמיט ?

אסתר (דרעהט זיך ארויס פון איהר) : ווארט, האָב געדולד, ד'ל פערטיג ווערען מיט די האָאר. (הויבט אָן פלעכטען די האָאר, ווערט אונ־געדולדיג, צופלעכט עס, לאָזט זיי פאנאנדער איבער ביידע שולטערען ארום געזיכט, קוקט שטיפעריש אויף פרידא'ן) ; אזוי פאסט בעסער, שטייף געקעמט דארף געהן „עווא"...

פרידא (שטארק נייגעריג, שלעפט זי פאר'ן האנד, זעצט זי נעבען זיך) : לאָמיך שוין הערען, וואָס פלוידערסטו עפעס היינט !

אסתר (קוקט אויף פרודא'ן מיט א לאַנגען, שארפען בליק) : ווילסט מיך אויסהערען פון אָנהויב אָן ?

פרידא (פערוואונדערט) : מאָדנע סודות היינט ! דערצעהל, אסתר !

**אסתר** (מיט א זעהר ערנסטען טאָן) : הער פריידעלע, שוין יאָהרען לאַנג ווי מיר זיינען חבר'טעס, אָבער קיינמאָל האָב איך מיט דיר אינטים ניט גערעדט : אין דערהיים האָט די „הייליגע" ארבייט ניט דערלאָזט ; און דאָ ביסטו אַלץ פערטאַראַמעט מיט דיין ברענטש...

**פרידא** (אונגעדולדיג) : אָבער דערצעהל !

**אסתר** : אז איך בין אלט געווען אכטצעהן יאָהר...

**פרידאַ** (שלאָגט זי איבער) : ד'געדענק, אסתר'ל, א ווילדע ציעג ביסטו געווען.

**אסתר** : אמת. אָבער א חתן האָב איך געוואָלט, א געליעבטען...

**פרידא** : נו ?

**אסתר** : און ווייסט דאָך, שעהן בין איך געווען. אין וואָוילטאָג זיך געהאָדעוועט, אונטער'ן זוניגען הימעל פון אונזער שטעדטעל, ביים ברעג פון שטילען טייך...

**פרידא** : לאָז דיין פּאָעזיע, רייד צו דער זאַך !

**אסתר** (האלב בייז) : האָסט קיין צייט ניט, טאָ געה !

**פרידא** (גלעט איהר די האָאר) : נו, דערצעהל, אסתר'קע, ד'בין דאָך דיין עלטערע חבר'טע, רייד זיך אָב פון האַרץ.

**אסתר** : צו יענער צייט האָב איך געוואוינט אין דער גרויסער שטאָדט א. ד'האָב מיך פערפערטיגט אָנקומען אויף קורסען. א סך בעקאַנטע האָב איך געהאַט. ד'האָב געלערענט פלייסיג און ניט ווייניג געלעזען. און פּלוצ־לונג איז מיר בעפאַלען אן אונרוהיגקייט, ס'בלוט אין די אָדערען האָט אָנגע־הויבען האַסטיג צו שלאָגען... ווייסט דאָך, ווען מ'ווערט רייף...

**פרידאַ** : נו, אַזוי שעהן ווי דו ביסט, האָסט דאָך מסתמא גלייך א חתן געקראָגען ?

**אסתר** (אומעטיג) : געקראָגען, אָבער ווי אַזוי ?... הער, דאָס ווייסטו, אז די ליעבע האָט זיך איהרע מאָדעס, אזוי ווי היט אָדער קליידער, למשל ?...

**פרידא** : אונגעפעהר ?

**אסתר** : אונגעפעהר... די שרייבער און קינסטלער זיינען גרויסע מבונקים אין ליעבעס־אנגעלעגענהייטען... זיי ברענגען דאָס ארוים די מאָדע ווי צו ליעבען... אזוי האָט מען אמאָל אויסגעטראַכט א ריטערליכע ליעבע...

**פרידא** : אסתר'ל, רייד צו דער זאַך. דו ווייסט דאָך, איך האָב מיך ווייניג אָבגעגעבען מיט ראָמאַנטיזם און ד'ווייס ווייניג וועגען דעם.

**אסתר** : ביסט גערעכט. דיין פערמאָגסבילטער קאָפּ טראַכט ניט וועגען אזעלכע זאכען. נו, הער : אין יענער צייט זיינען געווען אין מאָדע גאָרקי'ס העלדען. די ציגיינערין אין „מאַקאר טשודרא" געדענקסטו דאָך. און דעם ציגיינער אויך ?

פרידאַ: נו?

אסתר: האָבען די מענער שטאַרקע „ציגיינערינס” געזוכט...

פרידאַ: נו?

אסתר: און איך בין אַ ווייבע, אַ צערטליכע יונגפרוי געווען. „אַזוי ווייך ווי דער שנעע אויפ'ן שטילען טראַקט”...

פרידאַ (לאַכט): כאַ, כאַ, פּשיבישעווסקי'ס שפּראַך רעדסטו היינט.

אסתר (שמייכעלט): דאָס דאַרף איך היינט איינלערנען... נו, הער, קיינער פון מיינע בעקאַנטע האָט פיר מיר קיין רעספּעקט געהאַט. „אַ ווייבינקע, אַ שמאַטקעלע”, האָבען זיי פון מיר געלאַכט... און ווייסט דאָך, אינטעליגענטען זיינען קאָנזעקווענט, איינגע'עקשנ'ט אין זייערע פערלאַנגען. וואָס האָב איך געזאָלט טהאָן? האָב איך מיך מאַסקירט; אַ שטאַרקע בין איך געוואָרען...

פרידאַ: ווי אַזוי?

אסתר: אַ דענטיסט האָב אַך געהאַט אַ בעקאַנטען, איז מיין ליעבע געפאַלען אויף איהם. און ער איז זעהר אַ שעהנער געווען. פלעג איך די נעכט ניט שלאָפען פון בענקעניש און די טעג פלעג איך ארומגעהן ווי אין שלאָף. און ער האָט דער „שטאַרקער ציגיינערין” פערגעטערט. האָט מיר אָנגעהויבען וועה טהאָן אַ צאָהן (עפענט ס'מויל, ווייזט) זעהסט אַ לאָך! נאָך אַ גאַנצער צאָהן געווען ד'האָב עס געלאָזט ארויסנעהמען. (טוליעט זיך צו פרידאַ'ן, ציטערט) דעם שמערץ וועל איך קיינמאָל ניט פערגעסען. אָבער קיין קול, קיין קרעכץ, שטום און שטאָלץ בין איך געשטאַנען פאַר מיין גאָט וועמען כ'האָב מיין צאָהן געאָפּפערט. און כ'האָב געזיעגט...

פרידאַ (שפּאַסיג): איז דאָך גוט.

אסתר (טרויעריג): נאָך ניט אַזוי גוט. ד'האָב איהם שטאַרק ליעב געהאַט. און ווייך מאַכען די ליעבע, און צאַרט און אונטערטהעניג... און אונטערטהעניגקייט פּאַסט ניט פאַר קיין שטאַרקען מענש... און ר'האָט מיך פערלאָזט.

פרידאַ (ערנסט): אַ האַרץ קען מען ניט צווינגען. און דו האָסט זיך געטרייסט מיט אַנ'אַנדערען?

אסתר: ניין, צו שטאָלץ בין איך געווען צו פּרובען נאָך אַ מאָל און ווערכפאַלען. און אין בעוועגונג האָב איך מיך דאַמאָלס אריינגעטהאָן. אַ רוישיגעס לעבען, געדענקסט דאָך, ארומפאָהרען, ריידען, טהאָן, אָרגאַניזירען... אַ ביסעל „שוהמח” מעג זיך צו פיהרען ראָמאַנען, אַ ביסעל פערגעסט מען זיך... ביז מיר זיינען געקומען אהער, אין דיעזען לאַנד.

פרידאַ: און דאָ ?

אסתר: און דאָ איז קיין געזעלשאַפטליכע ארבייט ניטאָ, דער פּער־זענליכער לעבען פערנעהמט דעם אויבען־אָן...

פרידאַ: וואָלסטו אַזוי וועלען טהאָן, ווי ס'איז פאַרהאַן גענוג געזעל־שאַפּליכע ארבייט.

אסתר (פערמאַכט איהר דעם מויל): גענוג, גענוג, פריידעלע, זאָגען מוסר! (שפּרינגט אויף לעבעדיג): ד'ל בעסער איינשטודירען מיין ראָל. (כאַפּט זי פאַר די הענד, דעקלאַמירט): „מיין איזידאָר, דאָס שווערע לעבען האָט דיין אויג דונקעל געמאַכט, ד'ל זיין דאָס העלע ליכט פאַר דיין בליק!... דיין הארטער מזל האָט דיך פון ליעבע בערויבט. אַ קוואַל פון ליעבע וועל איך פאַר דיר זיין. אַ קוואַל וואָס שעפּט זיך קיינמאָל ניט אויס"... (ציהט זי צו זיך).

פרידאַ (שפּרינגט אויף): ביסט גאָר ווילד, אסתר'קע! געהסט דאָך ניט ווערען קיין אַקטריסע. וואַרטסט אויף אַ בחור, אויף אַ מאַנסביל, נעהם איהם אויף, און גענוג!...

אסתר (קוקט זי אָן מיט שפּאָט): און פאַרוואָס טאַקע ניט קיין אַקט־ריסע ?

פרידאַ (ציהט זי צוריק, זעצען זיך, שטאַרק ערנסט): אסתר'קע, רייד קלאָרע דבורים, וואָס טהוט זיך מיט דיר ? ד'הויב ניט אָן צו פער־שטעהן.

אסתר (מיט נצחון): טאָ הער אויס. שוין באַלד דריי יאָהר ווי איך בין דאָ אין לאַנד. יונג, שעהן, ניט בעפּריעדיגט, האָבען אויפגעלעבט אין מיר מיינע ראָמאַנטישע נייגונגען...

פרידאַ: וועניג בעקאַנטע בחורים האָסטו ? וועניג לויפען דיר נאָך ?

אסתר (אומעטיג): יאָ, ד'האָב זיי אָבער קיינעם !

פרידאַ: וואָס הייסט ?

אסתר: הער אויס ! ווידער אַ נייע מאָדע אין ליעבע. אין דער היים איז איצט די מאָדע „סאַנין"; פאַר דאָ איז עס אַביסעלע צו שטאַרק. וויים איך, עפּעס שרעקט מען זיך פאַר „בריטש אָוו פּראָמיס", פאַר „סופּאָרט"... האָט מען זיך געכאַפּט פאַר פּשיבישעווסקי'ן, פאַר האַמסונען. אַ נס וואָס אַלע שרייבען אויף איין פאַסאָן... הכלל, ס'איז איצט ארויסגעקומען אַ „עווא" מיט אַ „בראָנקאַ". עווא ענטלויפט און מ'יאָגט זי נאָך, מ'חלש'ט נאָך איהר, און בראָנקאַ איז אַ „ווייך קישעלע" — כאַ, כאַ, אַ ווייך קישעלע, מ'רייצט זי, נאָכדעם טרעט מען זי צו מיט די פיס און מ'יאָגט זיך נאָך עוואַ'ן... איך האָב ביז היינט געשפּיעלט „עווא"...

פרידאַ (בייז) : דו רעדסט ווי אַ שקלאַף ! דו דערצעהלסט, וואָס די מאַנסבילען פערלאַנגען ; נו, און וואו איז דיין אייגענער אויסוואהל ? פאר וואָס ביסטו ניט די טאָן־געבערין ?

אסתר (פערטראַכט) : ד׳וויס ניט, פריידעל. ד׳טראַכט אָפט וועגען דעם. אָבער ס׳איינציגע : ד׳האָב קיין רעספּעקט פאר אזא „טאָנגעבעריי״. אין אמת׳ן זיינען אונזערע בעקאַנטע מאַנסבילען אַליין שקלאַפען צו די אייניגע שרייבער און מאָדע־מאַכער, וואָס גיבען דעם טאָן. נאָר ווייסט וואָס, נאָמיר איצט ניט אָנריהרען די פרויענפראַגע.

פרידאַ (געהט איבער׳ן צימער, אויפגערעגט) : ביסט דאָך אַ שמאַטע, אסתר׳ל. איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט וואָס דער מאַן דענקט, וואָס איהם געפעהלט. איך האָב גענומען נאָך מ י י ן פערלאַנג...

אסתר (בייז) : וואָס גלייכסטו זיך ? דו ביסט דאָך דער מאַנסביל אַקעגען דיין מאָררים׳ן ! (שטעלט זיך צו איהר נאָהענט) : און זעה ווי הויך דו ביסט אַקעגען מיר. זעה דיין האַנד אַקעגען מיינע, סאַמעט און ביין... פערמאָגסט דען עפּעס ווייבליכעס ? דיין קול איז אפילו אַ מאַנסבילשער... נאָמיר זיך וועטען ! (הויבט אָן זינגען) : „סעררצע נאָיעט״... נו, זינג אויך !

פרידאַ (זינגט זי נאָך) : דו ביסט אַ נאַר, דו ביסט אַ שמאַטע...

אסתר (שטופּט זי אָב) : געה, כ׳האָב דיך פיינט, לאָז מיך אַליין !

פרידאַ (בערוהיגט זי, גלעט זי מוטערליך) : נו, הכלל, אסתר׳ל, דערצעהל וויטער : ביסטו געוואָרען „עוואַ״. אויך גוט. האָסטו געצויגען, גענומען דעם לעבער פון די מאַנסבילען ?...

אסתר (לעבעדיג) : יאָ, אַזוי איז דאָס געווען. שעהן און לעבעדיג. און אונזערע בעקאַנטע, מ׳שטיינס געזאָגט, „ביכער העלדען״, שוואַכינקע, איין פונק, איין בליק איז גענוג זיי צו נעהמען... און נאָכדעם, אַ שעהנער שפּאַס : דו האַלט אין איין ענטלויפען און זיי האַלטען דיך אין איין נאָכיאָגען... כאַ, כאַ, כאַ !

פרידאַ (ערנסט) : נו, און היינט ?

אסתר (אויך ערנסט) : און היינט ? ווי לאַנג איז דער שיער ? פיער־און צוואַנציג יאָהר. קליינע קנייטשעלאַך אַרום די אויגען און מויל, דער קערפּער פערליערט די בויגזאַמקייט... און עלענד איז מען... ס׳האַרץ איז פּוסט, ס׳ווילט זיך ליעבע, לאַסקעס... ס׳ווילט זיך אַ מאָל זיין „בראַנקאַ״...

פרידאַ (שפּאַנט איבער׳ן צימער פערטראַכט, אסתר געהט צום דרעסער, נעהמט אַרויס אַ ווייס קלייד און פערשיעדענע קלייניגקייטען, קליידט זיך איבער, פלעכט די האָאר אין צוויי צעפּ און נעהמט עס אַריבער מיט אַ

בלומען־באנד. איז שטארק פערטהאן אקעגען שפּיגעל, בעמערקט ניט ווי פריד־דא קוקט אויף איהר).

פרידא (מיט מוטערליכער זאָרג) : אסתר'ל, קינד, וואָס וועט אָבער זיין ?

אסתר (קוקט זי אן פערוואונדערט) : וואָס מיינסטו ?

פרידא : ד'ל איבערזאָגען דיינע פריהערדיגע רייד : ס'איז פאראן פאר אונזערע „ביכער־העלדען" א „עווא" מיט א „בראַנקאַ" ; אן בראַנקאַ'ן שפּארט מען זיך אן, מ'רייצט זי, מ'רוהט זיך אויס, און נאָכדעם צוטרעט מען זי, און מ'יאָגט זיך נאָך עווא'ן...

אסתר (מיט א בייזען גלאַנץ אין די אויגען) : וואָס מיינסטו, ד'בין איצט אן אכטצעהן־יעהריגע מיידעלע ? ד'בין א פּראקטישער מענש. ער־פאהרונג לערנט אויס. כאַ, כאַ : ד'זוך איהם לאַנג, ער איז פּונקט דער פּאסיגער. א יאָהר דרייסיג איז איהם, ר'איז נאָך שעהן, אָבער ער שמעקט מיט קבר... ר'זוכט רוה... מיינסט, ביי אזא עלטער, איז גרינג אויפצושטעהן פון דער ווייכער קישעלע ?... אָבער וואָרט, ס'איז שפּעט. זאָג מיר בעסער, קוק איך היינט אויס גענוג גוט ?

פרידא (קוקט אויף איהר מיט ענטציקונג) : ביסט שעהן, אסתר'ל. ד'האָב דיך קיין מאָל אזוי שעהן ניט געזעהן ווי היינט. אָבער... (האקט אָב) אָבער וואָס העלפען די ארגומענטען ? אין מיין פערמאנסבילטען מוח טור־מעלט עפּעס... וואָס העלפט עס ? ס'לעבען טראָגט ניט אקעגען קיין זאך, מ'נעהמט ווי און אויף וואָס פאר איין אָרט איינער קען... זיי געזונד, אסתר'ל! (קושט זי אין שטערען) דער מיטינג וואַרט אויף מיר...

אסתר (בעגלייט זי צום טיהר) : גּעה, גּעה, דער מיטינג וואַרט... וועסט זיין „טשערמאַן". דיין מאנסבילשער קול וועט שטיל מאכען די „גענז"... נאָכדעם קומסטו אהיים. דיין „קאַלב", דיין מאררים, וואַרט אויף דיר... האָסט פּעראיבעל ? וואָס דען איז ער ? קוקט דיר אין די אויגען ווי א קינד און וואַרט אויף א גלעט... כאַ, כאַ. נו גּעה, נו גּעה ! (שטופּט זי מיט ליעב־שאַפט צום טיהר).

(פרידא, שטארק פערטראכט, געהט לאַנגזאַם אָב. אסתר קוקט זי נאָך א לענגערע ווילע. פּויזע).

אסתר (ערוואכט ווי פון שלאָף) : עט, וואָס העלפט קלעהרען ? לעבען דארף מען ! (געהט צום דרעסער, נעהמט ארויס א פּאָר העלע לייכטע שיך, טהוט זיי אן, נעהמט פון בלומענטאָפּ א פּאָר ראָזען, שפּיליעט זיי איין אין די האָאָר, קוקט אין שפּיגעל, צוטאַנצט זיך פרעהליך איבער'ן שטוב) : כאַ, כאַ, ניט די „ציגיינערין" מיט'ן שטאָלצען, קאַלטען בליק... ניט עווא, מיט

געהיימניספולע, ציהענדע פייערען אין די אויגען... (שטעלט זיך אקעגען שפיגעל) א שטילען, א ווייסען, א זיידענעם קוק. אט אזוי... (בעקוקט זיך אין גאנצען) : א ווייס קלייד, בלומען אין די האָר, א ווייסער, שטילער צימער, א ווייס, ווייך קישעלע... כא, כא. קום, מיין ליעבינקער, שפאר אן דיין קאָפ ; ניט דיין רוה זוך איך, נאָר מיין אייגענע... (האָרכט צום טיהר. א גערויש אויף די טרעפען). ער קומט... (האָרכט צום טיהר אויפמערקזאם) : ער פלאָנטערט זיך... קען ניט טרעפען.. זאָל ער זיך אָנמאַטערען, וועט זיין זיסער די רוה... (טאַנצט לייכט און פרעהליך איבער'ן צימער, בליקט אַלע ווייַלע צום טיהר) אהא, שוין אָבגעזוכט ! (ס'הערט זיך א קלאַפען, אסתר טהוט א גיכען קוק אין שפיגעל, פעררייכט די בלומען אין די האָר, געהט עפענען).

(פ אָ ר ה א נ ג).

# בײַם װיגעל

(אַ דראַמאַטישעס בילד פֿון פּאַרטײ־לעבען).

פּ ע ר ז אָ נ ע ן :

מאַרקוס : אַ שעהנער ברונעט, אַ פּאַרטײנער, אַלט 25 יאָהר.
העלענא : זײַן פֿרױ, אַ פּאָאַר יאָהר אינגער.
ליאָלקאַ : זײער קינד, אַלט אַ האַלב יאָהר.
מאַניאַ : אַ יונג, בלאָנדע מײדעל.

עס שטעלט פֿאָר אַ קלײנעם פֿיער־עקיגען צימער, אַן׳אײזערן בעט־טיל בײַ אײן װאַנד, אַ קושעטקע בײַ דער צװײטער, בײַם אײנציגען פֿענסטער אַ קלײנער טישעל, פֿון בײדע זײטען טיש צװײ שטוהלען, אַ עטאַזשערקע, אַ קינדער־װאָגען, און נאָך פֿערשיעדענע קלײניג־קײטען. אַבענד. אַ לאָמפּ אונטער אַ װײסען שײן־גלאָז בעלײכט דעם צימער.

**העלענא** (געהט אָנגעטהאָן אין אַ העלע שטוב־קלײד, זיצט בײַם טיש, עס ליעגט פֿאָר איהר אַ אָפֿענער בוך װעלכען זי לײענט ניט. זי קוקט אונ־רוהיג אױפֿ׳ן זײגער) : שױן אַזױ שפּעט און ער איז נאָך ניטאָ. (שטעהט אױף, בליקט אונרוהיג צום טיהר, שפּאַטיש) : ער אַגיטירט דאָרט אױפֿ׳ן „אוראַק״, װער װײסט צי מיט די ברידער, צי מיט דער שװעסטער ?... (געהט אױף און אָב איבער׳ן שטוב. שטעלט זיך אָב בײַם װיעגעל, פֿערציהט די פֿאָר־הענגלעך, עס זעהט זיך אַ שעהן, שלאָפֿעדיג קינד).

**העלענאַ** (בעטראַכט דעם קינד אַ לענגערע צײַט, פֿעסט און בעשלאָ־סען) : אַזױ בלײַבט עס. ד׳װעל איהם איבערלאָזען בײַם סטרוזש אין שטוב

אייף אַ פּאָאר שעה אַלע אָבענד. ניטאָ מעהר קיין כח צו זיצען אין שטוב ווי אַ לעבעדיג בעגראָבענע און עס היטען!

(עס הערען זיך טריט).

**העלענאַ** (אויפגערעגט): ס'איז ניט זיין גאַנג... ער וועט נאָך אזוי גיך ניט קומען... (מ'קלאַפּט אין טיהר).

**העלענאַ**: הערייו!

**מאַניאַ** (קומט אריין מיט גיכע טריט, פאַלט צוגעלאָזט צו העלענאַ'ן, גיט זי די האַנד). גוטען אָבענד, העלאַטשקאַ! (נעהענטערט זיך צום וויעג, בעטראַכט דעם קינד): שלאָפט דער יונגאַטש? (עטוואָס רויט ווערענדיג) און וואו איז מארקוס?

**העלענאַ** (טרוקען): נאָך ניטאָ!

**מאַניאַ** (פערדריסליך): אבי מיר האָבען דאָס אָבגעמאַכט צו געהן גלייך אויפ'ן פערזאַמלונג!

**העלענאַ** (פאַר זיך, גיפטיג): מיט איהם צוזאַמען איז איהר היימ־ליכער... (הויך) היינט געה איך אויך מיט אייך!

**מאַניאַ** (פערוואונדערט): דו, העלאַטשקאַ, און דאָס קינד?

**העלענאַ** (פאַר זיך, בייז): ס'איז ביי איהר רעכט, איך זאָל היטען דעם קינד און זי זאָל געהן מיט איהם אויף פערזאַמלונגען... (הויך) איך וועל עס לאָזען ביים סטרוזש אין הויז!

**מאַניאַ** (אונצופריעדען): ליאָלקאַ'ן ביים סטרוזש, אין אַזאַ שמוץ? אַ רחמנות!

**העלענאַ** (מיט פערשטעלטען שפּאָט): וואָס איז, דעם סטרוזש'ס קינדער לעבען ניט? פּראָלעטאַריער... ביי אַזאַ אָרדנונג... די ארבייט רופט. (פאַר זיך) ארבייט וואָלט איך קענען קריגען אין שטוב אויך...

**מאַניאַ** (פערטראַכט): יאָ, יאָ, די ארבייט רופט... אָבער, העלאַטשקאַ, דו קענסט דאָך נעהמען אין שטוב אַ דיענסט און אַליין געבען אוראָקען.

**העלענאַ** (לאַכט ביטער): חאַ, חאַ, דו רעדסט ווי דו וואָלסט געווען פון אַנ'אַנדער שטאָדט: אַ דיענסט נעהמען, דאַרף מען איינפיהרען אַ גאַנצע ווירטהשאַפט, און מיינע דריי־רובל'דיגע און מארקוס'עס פינף־רובל־דיגע אוראָקען קענען דאָס ניט אויסטראָגען. שוין ניט צו ריידען, וואָס אַ „ווירטהשאַפט" איז מיר עקעלדיג.

**מאַניאַ** (נעהענטערט זיך צום וויעג, קוקט אויפ'ן קינד מיט רחמנות): אָרימער ליאָלקאַ, אין אַזאַ שמוציגע שטוב!

**העלענאַ** (עטוואָס געריהרט, קוקט אויפ'ן קינד, ווי פאַר זיך): אויפ'ן סטרוזש'ס קינדער איז אויך אַ רחמנות... (פעסט) ד'האָב אַ דייד־

דענסקראַפט און מוז עס אויסנוטצען ! אין אַזאַ צייט טאָר מען ניט בלייבען אין שטוב !

**מאַניאַ** (קוקט אויף איהר ווי אַ פערשולדיגטע, קורצע פּויזע).

**העלענאַ** (פּאַר זיך מיט שפּאָט און ביטערקייט) : זיצען אין שטוב אַ לעבעדיג־בעגראַבענע... אַזוי גיך... און ער ! יאָ, ער וועט אַוועקגעהן גאַנצע אָבענדען... ער מוז דאָך געהן : די אַרבייט רופט...

**מאַניאַ** (קוקט אויפ'ן זייגער, אונגעדולדיג) : שוין אַזוי שפּעט און מאַרקוס איז נאָך ניטאָ !

**העלענאַ** (אייפערזיכטיג און בייז) : ער האָט דאָרט אַ שווער שטיקעל אַרבייט : ער אַגיטירט מיט די ברידער זילבערשטיין און מיט זייער שוועסטער...

**מאַניאַ** (אייפריג) : אַ שעהנע מויד, די שוועסטער...

**העלענאַ** (פּאַר זיך) : אהאַ, זי אייפערט איהם... (הויך) יאָ, אַ שעהנע אָבער אַ פּוסטע קאָקעטקע.

**מאַניאַ** (נאָך מעהר אייפריג) : נישקשה, מאַרקוס וועט זי שוין מאַכען פאַר אַ לייט... (קוקט אויפ'ן זייגער, געריייצט) : שוין צייט צו געהן, ער וועט אַלץ איינם אַזוי גיך ניט קומען... גוט נאַכט, העלאַטשקאַ ! וועסטו באַלד, זאָגסטו, אונטערקומען ? (גיט איהר די האַנד, אָב).

**העלענאַ** (אַליין) : חאַ־חאַ, זי אייפערט איהם, און איך ? איך דאַרף זיצען ווי אַ לעבעדיג־בעגראַבענע און היטען דעם קינד... איך דאַרף ווערען אויפגעגעסען פון איינזאַמקייט און פון אייפערזוכט. און אפילו אויסשרייען דעם כעס טאָר מען ניט : ער געהט דאָך ניט בלויז צו מיידלאָך, ער געהט דאָך צוליעב'ן הייליגען ציעל... (מיט פעסטען טאָן גלייך עמיץ שטעהט יי ענטקעגען) אַזוי בלייבט עס ! פון היינט אָן געה איך צוריק אויף אַלע פערזאַמלונגען. צוריק זיך טרעפען מיט מענשען. זיך ווייזען אויפ'ן „מאַרק" ווייל אויב מ'ווייזט זיך ניט, ווערט מען פערגעסען... מיידלאָך זיינען פּאַר־האָן געננוג... און די מאַנסבילשע טבע : אז זיי זעהען מ'געפעהלט אַנדערע, נעפעהלט עס זיי אויך... חאַ־חאַ.

**העלענאַ** (שפּאַנט איבער'ן צימער, נעהמט אַרויס פון טישקעסטיל אַ קליין שפּיגעלע, קוקט אַריין, שמייכעלט) : נאָך גאָר ניט שלעכט... (זי געהט צום וואַסער־קראַן, וואַשט דאָס געזיכט, קעמט צו די האָאַר, נעהמט אַראָב פון וואַנד אַ שוואַרץ קלייד מיט אַ בלוזקע, קליידט זיך איבער, טהוט אָן אַ ווייס קראַגעלע, קוקט ווידער אין שפּיגעל אַריין, צופריעדען) : ס'איז נאָך פערהאַן אַ ברייטע וועלט !

**העלענאַ** (ווערט פערטיג, בלייבט שטעהן איבער'ן מיטען צימער,, בליקט צו דער טיהר, עס הערען זיך טריט אויף די טרעפּ.

העלענא (אויפגערעגט) : זיינע טריט... ער ריכט זיך גארניט, אז איך זאל אויך געהן מיט איהם... מיר'ן הערען וואס ער וועט זאגען... (אייפערזיכטיג) א גאנצע „סוויטע” פערהערערינס האט ער דארט, און איך דארף זיין אליין !

מארקוס (עפענט האסטיג די טיהר, זיין פנים דריקט אויס גליקליכע צוטראגענהייט, מיט א צופריעדענעם קול) : גוט'ן אבענד, העללא !

העלענא (פאר זיך) : א אינטערעסאנטער אוראק מסתמא געהאט... ער איז צופריעדען... (הויך) : גוט'ן אבענד !

מארקוס (געהט צו מעכאניש צום וואגען, בעטראכט דעם קינד) : האט עס היינט גערוהט ?

העלענא (פערגעסט זיך, מיט מוטערליכען שטאלץ און ווארימקייט) : וואלסט זעהן, מארקוס, ווי ס'האט געטאנצט און געפלאפעלט היינט ! (בעטראכט מארקוס'ען, האקט אב, פאר זיך) : און, אז ניט טראכט ער טאקי וועגען קינד... ער פרעגט דאך דאס גור פון יוצא־וועגען...

(קורצע פויזע).

מארקוס : שוין געגעסען אבענד־ברויט, העללא ?

העלענא (טרוקען) : יא, און דו ?

מארקוס : איך האב געגעסען ביי די זילבערשטיינס. (דערמאהנט זיך, טהוט א קוק אויפ'ן זייגער, נעהמט ארויס פון טאש פאפירען, צו העללא'ן) : נעהם דאס ביי זיך, העללא, איך געה אויף א פערזאמלונג און האב דאס מורא מיטצונעהמען.

העלענא (מיט נצחון) : איך געה אויך היינט מיט דיר, מארקוס.

מארקוס (קוקט זי אן, בעמערקט ערשט, אז זי איז אנגעטהאן צום געהן, פערוואונדערט) : דו געהסט ! און דאס קינד וואו וועט בלייבען ?

העלענא : ד'וועל עס איבערלאזען ביים סטרוזש... שוין אבגערעדט... צוואנציג קאפיקעס פאר אנ'אבענד.

מארקוס (אונצופריעדען) : ביים סטרוזש איז אזוי שמוציג, א רחמנות אויפ'ן קינד.

העלענא (ווי צום קריעג) : דעם סטרוזש'ס קינדער לעבען אויך... מיר זיינען קעמפפער און האבען א העכערען ציעל ווי הויז און קינד... (פאר זיך, מיט שפאט) : אין נאמען פון קאמפף מעג מען אלץ, אין נאמען פון לעבען גארניט...

מארקוס (קוקט זי אן פארשענדיג, וויל עפעס זאגען, בערענקט זיך, פאר זיך) : ד'טאר זי גארניט זאגען... זי האט דעם זעלבען תירוץ וואס איך... טהעטיג זיין אין הויז ? נו, איך וואלט עס אויך געקענט... עס ציהט

אָבער זיין צווישען מענשען... פערפאַלען... (הויך, מיט אַ געמאַכטען שמייכעל) : גוט, העללאַ, מיר געהען גלייך !

העלענאַ (קוקט אויפ'ן זייגער) : שוין אַזוי שפּעט ! (טהוט אייילענדיג אָן דעם מאַנטעל, געהמט אַ ווארימע טוך און דעקט איין דעם שלאָפענדיגען קינד, איהר אויג פאַלט אויף זיינע ענטבלויזטע ראָזיגע פּיסעלאַך, זי כאַפּט און קושט עס. גליקליך אויפגערעגט צו מאַרקוס'ן) : וואָלסט זעהן, איך האַלט עס צו און דאָס שטעהט אַליין איינינע מינוטען צייט ! (פאַר זיך בייז) : נאָך וואָס דערצעהל איך איהם ? עס אַרט איהם דען ? ער זעהט עס דען אָן גאַנצע טעג !

מאַרקוס (נעהנטערט זיך צום וויעג, בעטראַכט דעם קינד, מיט ערוועקטען מיטלייד, ווי פאַר זיך) : אַ רחמנות, ביים סטרוזש אין הויז, אין אַזאַ שמוץ...

העלענאַ (אונרוהיג) : טאַקע אַ רחמנות ! (דערמאָנט זיך, טהוט ענערגיש אַ מאַך מיט'ן האַנד, ברומט בייז פאַר זיך) : די ווייבערשע רחמנות ברענגט צום אונטערגאַנג... זאָל ער רחמנות האָבען אויף איהם און בלייבען אין שטוב !

מאַרקוס (מיט אַלץ מעהר ערוועקטען מיטלייד, קוקט אויפ'ן קינד, בויגט זיך פּלוצלונג איבער'ן וויעג, קושט עס, הויבט אויף דעם קאָפּ, האַלב פערטראַכט צו העלענאַ'ן) : ווייסט וואָס, העללאַ, היינט איז מיין אַרבייט ניט אַזוי נויטהיג, דרויסען איז אַ אומוועטער און מ'קען ניט טראָגען דעם קינד, געה דו און איך בלייב אין שטוב !

העלענאַ (עטוואָס צומישט און פערשעהמט, קוקט איהם אָן, ניט גלויבענדיג) : דו פערבלייבסט אין שטוב !

מאַרקוס (קוקט אויפ'ן קינד, פעסט) : יאָ, ד'פערבלייב !

העלענאַ (האַלב מיט נצחון, פאַר זיך) : אַזוי איז געווים רעכט ! שפּילעט צו דעם מאַנטעל, טהוט אָן די בּאַראַשקענע היטעלע, נעהמט אין האַנד די מוף, ווערט פאַרטיג, בעטראַכט זיך אין שפּיגעלע, שמייכעלט צופריעדען. עס הערט זיך אַ שטילעס מורמעל'ן פון גאָר וואָס ערוואַכטען קינד).

העלענאַ (עטוואָס אויפגערעגט ווייזט אין אַ ווינקעל) : אָט דאָ, מאַרקוס, שטעהט דאָס מילך... שוין שפּעט, איך קען מיך ניט פערנעהמען איהם זויגען איצט... (איילט צו מאַרקוס'ן, גיט איהם די האַנד, מיידט אוים צו קוקען אויפ'ן קינד, כאַפּט דאָך אַ קוק, פערגעסט זיך, מיט פרייד) : זעה, זעה, מאַרקוס, ס'אַר אַ פּאָאַר אויגען ס'האָט געעפענט ! ווי דאָס קוקט ! (דערמאָנט זיך, בייז פאַר זיך) : ווידער די ווייבערשע שוואַכקייט !... (צו מאַרקוס'ן) : גוט נאַכט !

מאַרקוס (האַלט איהר האַנד אין זײַנע, קוקט זי אין די אױגען אַרײַן, שעפּטשעט צערטליך) : העללאַטשקאַ !!...

העלענאַ (װערט שטאַרק רױט, קוקט איהם אָן, פאַר זיך) : װי שעהן ער איז הײנט !... (דערמאַנט זיך, אײַלט צו געהן).

מאַרקוס (האַלט פעסט איהר האַנד, שעפּטשעט לײדענשאַפטליך) : העללאַטשקאַ, זעה װי שעהן דו ביסט הײנט... װי דו לױכסט...

העלענאַ (אײַפערזיכטיג, רײַסט זיך פון איהם) : איך װײס, איך װײס, די זילבערשטײן איז אָבער שעהנער, אַז ניט װאָלסטו דאָרט ניט פערבראַכט גאַנצע אָבענדען !... װאָלסטו דאָך געװען נעבען מיר !... שטאַרק בײז, בעפרײַעט זיך פון איהם, גלײַכט אױס דעם קאָפּ, מיט אַ געביטערישען קול) : הער מאַרקוס, װי איך זעה, װילסטו מיך הײנט אָבהאַלטען, אָבער כ'װעל געהן ! איך װיל נאָך לעבען, און װער עס װיל אַלײן לעבען מוז טרע־טען אױף אַנדערע. ביז איצט האָב איך געליטען פון אײנזאַמקײט, פון שרעק־ליכע אײפערזוכט. פערלאָזען און פערגעסען בין איך געװאָרען פון אַלעמען, אפילו פיר דיר, פון מײַן מאַן... דאָס איז דערפאַר װאָס כ'האָב ניט געקענט איבער מײַן קינד אַריבערטרעטען... איצט האָבען מיר זיך געביטען מיט די ראָללען : אין דיר האָט אױפגעװאַכט דער פאָטער־געפיהל. דו האָסט בע־קומען אױף איהם רחמנות... טאָ היט עס, פרײַנד, און לײד װי איך האָב גע־ליטען... לײד ביז ס'װעט דיך מיאוס װערען... מיך אָבער, זאָלסטו ניט אָב־האַלטען ; איך מוז געהן ! (װאַרפט אַ האַסטיגען בליק צום קינד, נעהנ־טערט זיך צום טיהר, װאַרפט נאָך אַ בליק צו מאַרקוס'ן, פערשװינדעט).

מאַרקוס (קוקט זי נאָך, הױבט אָן שפּאַנען איבער'ן צימער, פערטראַכט. ער הערט זיך צו צו די שטילקײט) : אומעטיג אַלײן צו זײן פערשלאָסען צװישען פיער װענט ! (שטעלט זיך אָב בײם װיגעל, בעטראַכט דעם קינד אַ לענגערע צײַט, קוקט אין דער לופט אַרײַן, מיט צער) : נײן, ס'איז ניט קײן גרינגע זאַך פאַר אַ יונגען, לעבענסלוסטיגען מענש, זיך צו פערשליסען אין שטוב און היטען אַזאַ קלײן נפש'ל... (מיט רחמנות) אָרימע העללאַ ! אַזױ לאַנג געװען פערשפּאַרט ! (מיט ביטערקײט) : זאָל עס געהן צום סטרוזש... זאָל זיך דאָס אױסהאָדעװען אין שמוץ צװאַמען מיט'ן סטרוזש'ס קינדער... זאָל עס געהן, זאָל עס לײדען, ביז ס'װעט װערען אָן אַנדער אָרד־נונג... (נעהנטערט זיך צום װאָגען, דעקט אײן דאָס קינד, פיהרט עס האַסטיג אַרױס פון שטוב).

(פױזע. עס הערט זיך דאָס קלאַפּען פון װאָגען אָן די טרעפּ. פאָרהאַנג).

# לעגענדעו און מעשה׳לאך

# צו שפּעט

זי איז אַ הירטין געווען און אין אַ שטילען טהאָל שאָף געפּיטערט...

נאָך ביי די וויעג־ליעדער האָט איהר די באָבע (קיין מוטער האָט זי נישט געהאַט) פון אַ וואונדערשעהנעם פער'כישופ'טען ריטער מיט אַ פערשטיינערט האַרץ, ערצעהלט, וועלכער וואוינט אויף אַ באַרג אין אַ גרויען, שטיינערנעם טהורעם אָבגעשיידט פון דער וועלט...

„פער'כישופ'ט האָט איהם אַ יונגע צויבערין", דערצעהלט די באָבע, „ער האָט זי געליעבט און שפּעטער, ווי זיין שטייגער, פערלאָזט און זיך אַ צווייטער געפונען... און, אַז זי האָט געזעהן, אַז ער איז פערלאָרען פאַר איהר, האָט זי, אויס צאָרן און אייפערזוכט, דורך כישוף זיין האַרץ פערשטיינערט... פון דאַמאָלס אָן, קען ער מעהר קיין פרויען ליעבען און פון דער וועלט געניסען. איינזאַם און אָבגעשלאָסען פון אַלעמען לעבט ער אין גרויען, שטיינערנעם טהורעם. ער פערלאָזט איהם נאָר אין די העלע לבנה־נעכט. דאַמאָלס שטעלט ער זיך, מיט'ן געזיכט צו דער לבנה־שיין געווענדט, אונטער'ן העכסטען אייכענבוים נעבען טהורעם, אונטער וועלכען דאָס כישוף איז געשעהן, און שטעהט אַזוי לאַנג, ביז די לבנה פערבלייכט... אַ שטאַרקערער כישוף, פלעגט די באָבע צוגעבען, פון אַ יונגער, שעהנער פרוי וואָלט קענען דעם וואונדערמאַנ'ס האַרץ וועקען און איהם צו לעבען ברענגען...

און דאָס בילד פון שעהנעם פער'כישופ'טען ריטער האָט זיך אין איהר פאַנטאַזיע נאָך ביי די וויעג־ליעדער אָנגעהויבען וועבען... און די בלומען פון טהאָל וואו זי האָט שפּעטער די שאָף געפּיטערט, האָבען געהאָלפען דאָס בילד מאָהלען... און דער בלויער הימעל אין וועלכען זי פלעגט זיך אָפט פער'חלום'ען, און דער קלאָהרער טייך וואו זי פלעגט די שאָף אָנטרינקען, און די גאָלדען־זוניגע פלעקען אויפ'ן גרינעם גלענצענדען גראָז, אַלץ, אַלץ האָט איהר געהאָלפען זיין בילד פערשעהנערען...

און וואָס גרעסער זי איז געוואַקסען, אַלץ שעהנער האָט זיך אין איהר פאַנטאַזיע זיין בילד געמאָהלט... און וואָס העכער די ברוסט האָט זיך געהויבען, אַלץ שטאַרקער האָט אינוועניג, פאַר'ן ריטער'ס וועגען, דאָס האַרץ געקלאַפּט... און וואָס וואַרימער דאָס בלוט האָט געפליסען, האָט עס אַלץ מעהר און מעהר צו איהם געצויגען...

און איינמאָל אין אַ קאַלטער אָסיען־נאַכט, ווען זי איז ביים שפּינדעל

געזעסן און זיך צוגעהערט צו דאָס וואָיען פון ווינד, האָט איהר די באָבע ווידער פון וואונדער־שעהנעם פער׳כישוף׳טען ריטער דערצעהלט, וועלכער זיצט איינזאַם און איינגעשלאָסען אין גרויען טהורעם, ווייל ס׳איז ניט פאַרהאַן אַזאַ פרוי וואָס זאָל אָבטהון דעם כישוף פון איהם...

און די יונגע הירטין האָט זיך פערטראַכט... „צי וואָלט זי נישט דורך ליעבע זיין הארץ וועקען״?... דער געדאַנק האָט זי נישט אָבגעלאָזט... „מיט די ליעבע, וועלכע וואַקסט און שטאַרקט זיך אין איהר, וועט זי זיין פער־שטיינערט הארץ וועקען... און ער וועט איהר צוריק מיט ליעבע צאָהלען״...

און אַז דער פריהלינג האָט צוריקגעקעהרט און דעם טהאָל מיט גרינס און זונען־ליכט בענייעט, האָט זי בעדאַכט, אַז ס׳איז צייט, געהן דעם שעהנעם ריטער זוכען... און דאַמאָלס איז שוין איהר געשטאַלט צו אַ טייטעל־בוים גלייך געווען... איהר יונגעם הארץ האָט שטורעמדיג געקלאַפּט... און דאָס בלוט איז איהרע אָדערען האָט ווי אַ הייסע כוואַליע געשלאָגען...

און זי האָט זיך פון בלויע ליינען אַ קלייד געוועבט, און אויפ׳ן שלאַנקען קערפּער אָנגעצויגען... און פון די ליליען וואָס וואַקסען אין טהאָל האָט זי זיך אַ קראַנץ געפלאָכטען און דערמיט איהרע גאָלדענע לאָקען בעקרוינט... און הירשען־פעל האָט זי אויף איהרע פיס אָנגעטהון. און, אַז דאָס מאָרגען רויטקייט האָט דעם טהאָל פערגאָסען, האָט זי איהם פערלאָזט און איז צו די בערג געגאַנגען דעם שעהנעם ריטער זוכען...

---

און, אַז די זון האָט זיך אָנגעהויבען אַרונטערלאָזען, האָט זיך די יונגע הירטין אין אַ טהאָל, וועלכער איז צו פוסענס אַ הויכען בארג געלעגען, אָב־געשטעלט. און אין טהאָל זיינען, אין אַ לאַנגע שורה, קליינע הילצערנע הייזלעך געשטאַנען, וועלכע זיינען געווען פון די לעצטע זונען־שטראַהלען פערגאָלדעט.

און פאַר די הייזלעך זיינען אַלטע לייט געזעסען און האָבען זיך גן־עדן מעשיות דערצעהלט... איבער׳ן גאַס האָבען זיך קליינע קינדער געיאָגט, און אויף אַ דערבייאיגען, מיט גראָז־בעוואַקסענעם פּלאַץ, האָבען זיך יונגע מיידלאַך מיט בחורים אין אַ לוסטיגען טאַנץ געטראָגען... און די מיידלאַך זיינען דונקעל־פּנים׳דיגע געווען, און די שוואַרצע האָאָר־קראַנצען האָבען זייערע קעפּ בעציערט, און זייערע אויגען זיינען שוואַרצע און ברענענדיגע געווען, און אויף זייערע ברייטע שולטער׳ן האָבען פּורפּורנע טיכער גע־פלאַטערט...

און די בחורים האָבען קויל־שוואַרצע האָאָר און אויגען געהאַט, און זיינען אין ווייסען ליינען געקליידעט געווען... און זי האָט צו די יונגע טענצער גענעהנט, און אַז זיי האָבען טאַנצען אויפגעהערט האָט זי זיך גע־

ווענדט צו זיי און געפרעגט: — גוטע לייט: קענט איהר מיר ניט זאָגען וואו דער שעהנער ריטער מיט'ן פערשטיינערט הארץ געפינט זיך?

און ביי איהר אנבליק איז א פריידען־גערויש צווישען די בחורים ענטשטאַנען, נאָך וואָס עס האָט זיך געהערט א צאַרניגעס מורמלען צווישען די מיידלעך...

און איינער פון די בחורים, דער העכסטער, אָנגעטהאָן אין א ווייסען טורבאַן אויפ'ן שווארצען לאָקען־קאָפּ, האָט גענעהנט צו איהר און געזאָגט: — שעהנעס קינד! נאָך וואָס דארפסטו א ריטער מיט א פערשטיינערט הארץ זוכען? קוק מיך אָן! בין איך דען ערגער פון א ריטער? און איך האָב דערצו א הייסעס, קלאַפּענדעס הארץ, וועלכע וועט דיר תמיד ליעבע געבען...

נאָך זיינע רייד האָט זיך געהערט איין אנגסט־געשריי פון א מיידעל וועמענס געליעבטער ער איז געוועזן...

די שעהנע הירטין אָבער, האָט זיך פון זיי געשווינד אָבגעקעהרט, און איז ווייטער געגאַנגען דעם פער'כישופ'טען ריטער זוכען...

און, אַז די זון האָט שוין געהאַט איהרע לעצטע שטראַהלען צוזאַמענגעצויגען און זיך הינטער'ן וואָלקען בעהאַלטען, האָט זי זיך געבען א גרויסען טייך אָבגעשטעלט.

און פאַר'ן שיין פון די לעצטע בלייכע שטרייפען פון טאָג, האָט זי געזעהן ווי אין טייך האָבען זיך בלאָנד־האָריגע מיידלעך געבאָדען און זיך לוסטיג געשפּיעלט מיט איינאנדער בעשפּריצענדיג די ווייסע קערפּער מיט קאַלטע וואסער־טראָפּען... און זי האָט צום טייך גענעהנט און גערופען צו זיי. זיי האָבען זיך אומגעקוקט, און אַז זיי האָבען זי דערזעהן האָבען זיי זיך, ווי ווייסע שוואַנען, א לאָז געטהאָן צום ברעג. און איינע פון זיי, וועלכע איז גיכער געשוואומען, האָט גענעהנט צו איהר, דעם ווייסען אויבער־קערפער מיט די נאַסע צופלאָסענע לאָקען איבער'ן וואסער געהויבען און זי בעטראַכט...

— אויך א בלאָנד־האָריגע! האָט זי איהרע שוועסטער פערקינדעט, און די האָבען זיך נאָך האַסטיגער געלאָזט צום ברעג... — וואָס פערלאַנגסטו? האָט די ערשטע דער הירטין געפרעגט. — שוועסטער! האָט זי געבעטען — קענסט דו מיר ניט זאָגען וואו דער שעהנער פער'כישופ'טער ריטער מיט'ן פערשטיינערט הארץ געפינט זיך?

און א הילכיגעס לאַכען האָט זיך צוטראָגען צווישען די מיידלעך...

און די ערשטע האָט זיך געווענדט צו איהר און געזאָגט: — ווארף אראָב געשווינד דאָס קלייד פון זיך און קום צו אונז אין טייך אריין! באַלד וועלען קומען די שעהנע העלדישע פישער־יונגען אויף זייערע ווייסע שיפלעך

צו־שווימען און דו וועסט זיך צווישען זיי א געליעבטען אויסזוכען...נאך וואס טויג דיר א ריטער מיט אפערשטיינערט האַרץ ?... זי אָבער, האָט עס נישט געטהון, זי האָט זיך געשווינד פון זיי אוועקגעקעהרט און איז ווייטער געגאנגען.

און אז די לבנה, איז שטיל און פער׳חלומ׳ט אויפ׳ן הימעל געשוואומען, האָט זי זיך ווידער אבגעשטעלט. דאס מאָל האָט זי זיך געפונען אויף א הויכען בארג.

און שטיל איז געווען אויפ׳ן בארג. שטיל און לאנגזאם האָבען זיך די הויכע בוימער געוויעגט און געלאָזט גלעטען זייערע גרינע לאָקען־קעפּ פון די מילדע זילבער־שטראַהלען. און זי האָט זיך אומגעקוקט און געזעהן אויף א גרויסען שטיין, מיט׳ן געזיכט צו דער לבנה־שיין געווענדט, איין אַלטען מאַן זיצען. און זי האָט גענעהנט צו איהם און איהם אין געזיכט אריינ־געקוקט. און מילדער איז דעם אַלטען׳ס געזיכט פאר דאס לבנה־ליכט גע־ווען, און א לאנגע ווייסע באָרד האָט זיין פּנים געזוימט, און לאנגע זילבערנע ברעמען האָבען בלויע טויבען־אויגען געפּאַסט. און זי האָט זיך געווענדט צו איהם און געפרעגט : — גוטער אַלטער ! קענסטו מיר ניט זאָגען וואו דער שעהנער פער׳כישופ׳טער ריטער מיט׳ן פערשטיינערט האַרץ געפינט זיך?

און דער אַלטער האָט זי אָנגעקוקט און מיט א טרויעריגע שטימע געפרעגט :

— נאך וואס דארפסטו איהם, קינד ?

— איך האָב איהם ליעב און בעגעהר נאך זיין ליעבע... דער אַלטער האָט מיט׳ן קאָפּ געשאָקעלט און זיין שטימע האָט נאך טרויעריגער געקלונגען.

— צי ווייסטו דען, קינד, — האָט ער געזאָגט — וואס פאר א גרויס אונגליק עס איז צו ליעבען א מאַן מיט א פערשטיינערט האַרץ ?... צי ווייסטו דען, אז א פערשטיינערט האַרץ קען מיט קיין ליעבע צוריק נישט ענטפערען ?

און זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט איהרע וואַסער־בלויע אויגען און געזאָגט : — גוטער אַלטער ! מיין האַרץ איז א יונגעס, א הייסעס און פול מיט ליעבע... מיין שטאַרקע ליעבע וועט זיין פערשטיינערט האַרץ וועקען...

— אָרים קינד ! נישטאָ אזא קראַפט וואס זאָל קענען א פערשטיינערט ריטער־האַרץ וועקען... דאס וועסטו אָבער שפּעטער פערשטעהן... דערווייל געה !... און ער האָט איהר אָנגעוויזען אויפ׳ן העכסטען בארג, און ער האָט זי געוואָרענט, איילען אהין איידער די לבנה פערבלייכט, דען דער פער׳־כישופ׳טער ריטער רעדט נאָר דאמאָלס ווען זיין געזיכט ווערט מיט׳ן לבנה־שיין בעלויכטען... און דער אַלטער האָט זיין זילבערנעם קאָפּ אויף די הענד געשטיצט, א שווערען זיפץ געטהאָן און זיך פערטראַכט...

און די אַנגסט ניט צו פֿערשפּעטיגען האָט דער יונגער הירטין׳ס פּיס בעפֿליגעלט... און אַז די לבנה איז נאָך אויפ׳ן הימעל געשוואומען האָט זי דעם באַרג עררייכט. און איהר האַרץ האָט שטאַרק אָנגעהויבען קלאַפּען אַלס זי האָט דעם שטיינערנעם טהורעם בעמערקט וועלכער האָט אין דער זילבערנער ווייסקייט, ווי אַ גרויער, גיגאַנטישער פּלעק אויסגעזעהן... זי האָט געשווינד דעם עלטעסטען רייכסטען אייכענבוים אויפגעזוכט און צו איהם גענעהנט.

און אַ פרייד־געשריי האָט אויס איהר ברוסט אַרויסגעשפּאַרט אַלס דעם ריטער׳ס געשטאַלט האָט זיך פאַר איהר ענטפּלעקט... און זי האָט מיט צאָרן די צווייגען געבראָכען וועלכע האָבען אַ טהייל פון זיין קערפּער פערשטעלט...

און דעם ריטער׳ס געשטאַלט איז אַ הויכע, ברייט־ענטוויקעלטע און שטאָלצע געווען... און זי איז אָהן בעוועגונג געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אייכענבוים, און זיין געזיכט, ווי פון ווייסען מאַרמאָר געשניצט, איז געווען בעשיינט מיט לבנה־ליכט... און זיינע נאַכט־שוואַרצע לאָקען האָט דער ווינד צוואָרעגט און זיי זיינען זיך ווי שלאַנגען צופלויגען... און פון אונטער זיינע לאַנגע שוואַרצע ברעמען, וועלכע זיינען צו ראָבען־פליגעל עהנליך געווען, האָבען אַ פּאָר אויגען ווי שוואַרצע דימאַנטען געגלענצט און רוהיג געקוקט אין דער נאַכט אַריין...

און די יונגע הירטין איז בלייך געוואָרען... איהר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט, הייס איז איהר אָטהעם געוואָרען... און זי האָט געקניהעט פאַר איהם און מיט אַ ציטערנדע שטימע געזאָגט :

— שעהנער שטאַרקער מאַן ! איך בין געקומען בעטען ליעבע ביי דיר.

און דאָס שטאָלצע געשטאַלט פון שעהנעם ריטער האָט זיך ניט בעוועגט, און זיין שטימע האָט געקלונגען ווי פון אַ פערבאָרגענער הייל בשעת ער האָט געזאָגט :

— פערשטיינערט איז מיין האַרץ און איך קען נישט ליעבען מעהר...

און זי האָט זיך ראַזענד אויפגעהויבען פון צו קניהען, זיך איהם אַקעגען געשטעלט און געזאָגט :

— שעהנער שטאַרקער מאַן ! מיין הייסעס האַרץ וועט דיין פערשטיינערטעס וועקען... און זי האָט אויפגעריסען די בלויע קלייד אַקעגען האַרץ און אַ צווילינג ראָזיגע בריסטען האָבען פאַר דער לבנה־שיין אַ בליץ געטהון, זי האָט זיי געדריקט צו זיין האַרץ... און מיט איהרע צופלאָסענע האָר האָט זי זיין האַלז געוויקעלט... און מיט איהרע ווייכע ראָזיגע אַרעם האָט זי איהם אומגעקלאַמערט... און מיט איהרע זאַפטיגע ליפּען האָט זי זיינע געקושט... און איהר שעהנעס קערפּער האָט זי ליידענשאַפטליך צו

זיינעם געדריקט... ער אָבער איז ווי פריהער שטאָלץ און אָהן בעוועגונג געשטאַנען... און אַז זי האָט עס דערשפּירט האָט זי איהרע וואונדערבלויע אויגען צו איהם מיט אַ געבעט אויפגעהויבען, פול ליידענשאַפט האָט געקלונגען איהר שטימע און זי האָט געזאָגט: — שעהנער, שטאָלצער מאַן! קענסטו מיר נאָך אַלץ מיט קיין ליעבע נישט ענטפערען?

— בערשטיינערט איז מיין הארץ און איך קען נישט ליעבען מעהר, — האָט ער געזאָגט. און זיין שטימע האָט נאָך פערבאָרגענער געקלונגען.

און זי האָט איהם וויעדער בעטראַכט און געזאָגט:

— שעהנער מאַן! דיינע רויזען־ליפּען בעוועגען זיך דאָך, קענסטו מיך דען נישט קושען? און מיט דיינע ריטער־ארעם קענסטו מיך נישט דריקען צו דיין הארץ?

און ער האָט געענטפערט:

— בשעת דאָס הארץ לעבט שטרעקען זיך די אָרעמס אויס, אַז דאָס הארץ שטורעמט, זוכט מען עס אין קושען אויסצודריקען... מיין הארץ אָבער, איז פערשטיינערט און טויט...

— און קען דען מיין הייסע ליעבע דיין הארץ נישט וועקען? האָט זי איהם געפרעגט און ער האָט געענטפערט:

— פיעלע יונגע שעהנע פרויענקערפּער האָבען זיך שוין געפּרובט אין מיינע ארעמס וואַרפען... אָבער אומזיסט...

און ער האָט נאָך רעדען נישט געענדיגט ווי זיין קול האָט אָבגעהאַקט און שטיל געבליבען, דען די לבנה האָט זיך אין דער מינוט אָן אַ זייט פערריקט און אויפ'ן הימעל האָבען זיך בעוויזען די ערשטע גרויע שטרייפען פון מאָרגען־שטערען...

---

און די שעהנע הירטין האָט בעטריבט דעם באַרג פערלאָזט און צוריק אין טהאָל געניהדערט... און אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך דעם שעהנעם ריטער האָט דורכגענומען איהר זעעל... און די שטילע פעלדער וואו זי האָט שאָף געפיטערט האָבען נאָך מעהר אין איהר דאָס בענקשאַפט געוועקט... און זי האָט זיי פערלאָזט און איז אין שטאָדט געגאַנגען, מיינענדיג צווישען מענשען־געררויש דאָס בענקשאַפט צו פערגעסען... אָבער אומזיסט... דאָס בלישצען פון די פערגאָלדעטע קירכען־דעכער האָט איהר בענקשאַפט גערייצט... די הויכע שטיינערנע הייזער האָבען איהר אָן ריטער דערמאָהנט... און די מענשען, וואָס האָבען זיך איילענדיג אויף די מערקען געיאָגט, האָט זי מיט'ן ריטער געמאָסטען, און זייער קליינקייט אָקעגען איהם האָט אַלץ מעהר און מעהר געוועקט אין איהר די לוסט...

און די מענשען האָבען זיך דערפרעהט מיט איהר. און קינסטלער האָבען נאָך איהר שעהנעם קערפּער געגלוסט אינ'ם נאָמען פון דער קונסט... און דיכטער האָבען זיך געוואָלט פערקוקען אין איהרע וואונדער־בלויע אויגען און מיט זייערע שעהנסטע לידער צאָהלען... און לעבע־לייט האָבען פאר בריליאַנטען און פערל געוואָלט איהר הארץ קויפען... זי אָבער האָט זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט, זי האָט נאָכ'ן ריטער געגלוסט... און דאָס בענקשאַפט האָט אַלץ מעהר און מעהר דורכגענומען איהר זעעל... און דאָס יונגעם הארץ האָט ניט אויפגעהערט צו שטורעמען און קלאַפּען... און ענדליך האָבען זיך אויף איהר בענקשאַפט־געפיהל די דיכטער פערטראַכט און איהם אַנגעהויבען בעזינגען אין זייערע לידער...

און דאַמאָלס איז זי צוריק אויפ'ן בארג געשטיגען. און אַז די לבנה האָט זיך אַקעגען דעם ריטער'ס געזיכט געשפּיעגעלט, האָט זי געקניהעט פאַר איהם און געזאָגט:

— שעהנער שטאָלצער מאַן! אויב מיין ליעבע האָט נישט געקענט דיין פערשטיינערטעס הארץ וועקען, וועט עס פיעלייכט פון מיין בענקשאַפט־געפיהל ווערען געריהרט. פון מיין שטאַרקען בענקשאַפט־געפיהל וועלכען די דיכטער ווערען נישט מיעד בעזינגענדיג...

דער ריטער אָבער, האָט זיך ווי אַ שטיין־בילד פון אָרט נישט געריהרט און מיט זיין פערבאָרגענער, קוים הערבארער שטימע האָט ער געזאָגט:

— אומזיסט!...פון די עדעלסטע פרויען, וועלכע די בערג בעוואוינען, ביז די קלענסטע איינוואוינערין אין טהאָל, אַלע לעבצען זיי און בענקען נאָך מיר... מיין הארץ אָבער, איז פערשטיינערט און טויט...

און אַז זי האָט צוריק פון בארג געניעדערט, האָט זי אַ שטאַרקער טרויער דורכגענומען... און זי האָט זיך אין שטאָדט צווישען די מענשען פרעמד געפיהלט... פרעמד זיינען געווען צו איהר הארץ זייערע פריידען און ליידען... קיין זאַך האָט איהר נישט געוויילט... און די טרויער־שאָטען האָבען אַלץ מעהר און מעהר איהר שעהנעם געזיכט פערצויגען. און איהר טרויער איז געפעלען געוואָרען דעם בעריהמטעסטען זינגער פון יענער צייט, און ער האָט דערפון אַ ליעד געשאַפען וועלכען ס'האָבען אַנגעהויבען צו זינגען גרויס און קליין...

און דאַמאָלס האָט זי ווידער פאַר'ן ריטער געקניהעט.

— שעהנער, שטאָלצער מאַן! האָט זי געזאָגט, און איהר שטימע האָט געקלונגען אַזוי זיס־טרויעריג — שעהנער מאַן! מיין טרויער איז איצט ביי אַלע מענשען אַזוי בעליעבט, וועט עס פיעלייכט דיין פערשטיינערט הארץ

ריהרען ?... און דעם ריטער׳ס קול איז דאָס מאָל נאָך שטילער, נאָך פֿער־באָרגענער געווען — און ער האָט געזאָגט :

— ליעבע און בענקשאַפט זיינען שטאַרקער און שעהנער אַלס טרויער און אויב יענעם האָט נישט געוווירקט, איז דאָס אויך אומזיסט...

און זי האָט ווי אַ שאָטען צוריק אין טהאָל געוואַנדעלט, און די ליעבעס־לוסט נאָכ׳ן שעהנעם ריטער האָט איהר קיין רוה געגעבען... און אָפט פלעגט פאַר בענקשאַפט איהר יונגעס הארץ קלעמען און פון איהרע וואונדער־בלויע אויגען האָבען זיך הייסע טרעהרען געגאָסען... און איינמאָל האָט זי־איהרע שטאַרקסטע שמערצליכסטע געפיהלען פון ליעבע, בענקשאַפט און טרויער צוזאַמענגעפלאָכטען און אָנגעהויבען צו זינגען דערפון אַ ליעד... און איהר ליעד האָט די מענשען פער׳כישופ׳ט... און אַנדערע, הערענדיג איהר זינגען, האָבען געקניהעט פאַר איהר... און אַנדערע האָבען ליידענשאַפטליך איהרע טענער פון דער לופט געקושט...

און זי האָט אויפ׳ן באַרג געשטיגען און דאָס וואונדערבאַרע ליעד פאַר׳ן ריטער געזונגען. ער אָבער איז קאַלט געבליבען און זיך נישט געריהרט פון אָרט... און אַז זי האָט איהם געפרעגט, האָט ער איהר געזאָגט : — צי האָסטו אַמאָל געהערט דאָס הייסע ליידענשאַפטליכע ליעד, וועלכע די זאַטע בערג־בעוואָהנערין זינגט ? דאָס זינגט זי פאַר מיינטוועגען... און הערסטו דאָס פאַנטאַסטיש־מעלאַנכאָלישעס זינגען פון אַ שעהנער טרוימערין אין אַ לבנה־נאַכט ? דאָס זינגט זי פאַר מיר... און די פיעלע, מיט טרויער, בענקשאַפט, פערצווייפלונג און טרעהרען געזאַפטע ליעדער וועלכע עס זינגען די פרויען פון טהאָל, דאָס איז אַלץ פון מיינטוועגען... מיין הארץ אָבער ריהרט עס נישט, ווייל ס׳איז פערשטיינערט און טויט...

* * *

און אַז זי איז צום לעצטען מאָל צום פער׳כישופ׳טען ריטער געקומען, האָט זי נישט געקניהעט פאַר איהם... איהר געשטאַלט איז גלייך און קע־ניגליך־שטאָלץ אַקעגען זיינער געשטאַנען... און געבורענט האָט איהר געזיכט ווי דאָס מאָרגען־רויטקייט אויפ׳ן מזרח־הימעל... און איהרע בלאָנדע האָר זיינען ווי שלאַנגען צופלויגען געוועזן... און די רויטע ליפען האָט זי גע־האַלטען צוזאַמענגעפרעסט... און איהרע אויגען, ווי צוויי פייערדיגע זיילען, האָבען דעם ריטער גלייך אין זיינע אויגען אריינגעקוקט, און זיי האָבען גע־פונקעלט פאַר׳ן צאָרן און האַס... און מיט אַ דונערענדע שטימע האָט זי געזאָגט צו איהם :

— בעזער שטאָלצער מאַן ! נישט ליעבע בין איך איצט געקומען בעטען

בײ דיר !... איצט בין איך דיר געקומען זאָגען, אַז איך האַס דיך... אַז איך פעראַכט דיך... אַז איך האָב דיך פײנט ! . . .

און אַ וואונדער איז פּלוצלונג געשעהן : דאָס ריעזיגע בּערשטײנערטע האַרץ פון שטאָלצען ריטער האָט זיך אַ װיעג געטהאָן און שטאַרק אָנגעהױבען צו קלאַפּען... און צוגלײך מיט דעם האָט זיך זײן שטאָלצעס ריטער־געשטאַלט אָנגעהױבען בױגען און אײַנברעכען...

ער איז ענדליך צו דער ערד געזונקען, פאַר דער שטאָלצער פײנדין אויף די קניע געפאַלען און איהר אָנגעבאָטען זײן ליעבע...

עס איז שוין אָבער צו שפּעט געװען... דאָס ריעזיגע געפיהל פון פײנדשאַפט און צאָרן האָט איהר גאַנצעס װעזען אויסגעפילט, און נישט אײ־בערגעלאָזט פאַר ליעבעס־געפיהלען קײן אָרט...

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

# אַ זיפץ

**(אַ לעגענדע).**

אין איינעם פון די שעהנע זומער־טעג האָט דורכ'ן בלויען נעבעל דורכ־געשוועבט אַ ריינע ליכטיגע נשמה פון אַ יונג־געשטאָרבענעם דיכטער, און איז גלייך צוגעפלויגען צום הימעל און אָנגעקלאַפּט. עס האָט זיך געעפענט אַ קליין פענסטער'ל און דער אַלטער טויער־וועכטער האָט ארויסגעשטעקט זיין שטרענגען געזיכט מיט די לאַנגע בייזע ברעמען.

— וואוהין ? — האָט ער שטרענג געפרעגט.

— אין הימעל אריין, צום גן־עדן וויל איך — ענטפערט דער יונגער דיכטער.

— דער גן־עדן איז נישט פריי פאַר אַלעמען.

— איך בין אָבער אַ דיכטער ! איך האָב מיין גאַנץ לעבען געבענקט צו הימעל און גן־עדן און האָב דאָס רעכט אריינצוקומען.

— און וואָס ועסטו דאָ טהאָן ? זיצען מיט די צדיקים און לערנען ?

— ניין, איך וועל פאַר גאָט מיינע ליעדער זינגען — ענטפערט דיזער.

— פאַר גאָט זינגען ? שפּעט דער אַלטער וועכטער — גאָט מיט'ן זינגען איז נישט אזוי לייכט צוצוטרעפען... אַ נו, פּרוב נאָר זינגען פאַר מיר ! אויב דו וועסט ווערטה זיין, וועל איך דיך אריינלאָזען. און אַ טראַכט טהוט ער : אַ פרישער וואָלט גאָר ניט שאַדען... יענע זינגען שוין ווירקליך צו אַלטע זאַכען...

— אונטער טיהרען זינג איך נישט ! — ענטפערט דער דיכטער מיט אַ בעליידיגטען טאָן.

— נו, קום אריין. — זאָגט דער וועכטער, און שליסט אויף.

דער דיכטער קומט אריין אין אַ וועכטער־ביידעל, ער קוקט זיך אום, און דערזעהט איבער איין וואַנד אַ שווערען זיידענעם פאָרהאַנג הענגען, דורך וועלכען עס שלאָגען זיך דורך פערשיעדענפאַרביגע ליכט... ער דער־פרעהט זיך : „דאָרט דאַרף געוויס דער גן־עדן זיין" קלעהרט ער, און הויבט אָן צו זינגען.

און דאָס ערשטע ליעד איז וועגען קינדערשען אונשולד געוועזן. ער זינגט

הויך, און ארום דערביידעל פערזאמעלט זיך א גאנצע מחנה יונגע מלאכים׳-לאך מיט ראזיגע פנים׳לאך, בלויע אויגעלאך און גאלדען-צעפלאסענע לאקען. און זיי בעטראכטען, דורך דער אפען-געבליבענער טיהר, דעם זינגער, און זיי קוקען איהם אין מויל אריין, און נאכ׳ן טאקט פון זיינע טענער קלינגט זייער פרעהליך-זילבערן געלעכטער.

„דעם קליינוואַרג געפעהלט", טראכט דער וועכטער, און א שמייכעל גליטשט זיך אראב פון זיינע ליפען און פערשווינדט אין זיין געדיכטער גרויער בארד. דער יונגער דיכטער זינגט ווייטער, וועגען ליעבע ... און די מלאכים-קינדער פערשווינדען ; אויף זייער ארט ערשיינען מלאכים יונגע לייט... און מיט זיי זיינען אויך געקומען מלאכים-מוזיקאנטען מיט באלא-לייקעס, פויקען און טאצען אין די הענד. און דער יונגער דיכטער זינגט, און די מלאכים-מוזיקאנטען שפּיעלען, און דאס יונגוואַרג טהיילט זיך איין אין פּאארלאך און עס הויבט זיך אן א ליעבער, לוסטיגער טאנץ...

„גאנץ לוסטיג", געפעהלט עס דעם טויער-וועכטער און ער ווארפט הייסע בליקען אויף די יונגע טענצער... דער דיכטער זינגט ווייטער. וועגען גלויבען... די טענצער טאנצען לוסטיג אוועק, פערשווינדען, און אויף זייער ארט בעווייזען זיך הויכע, קרעפטיגע מלאכים... און פון דעם דיכ-טער׳ס געזאנג האט זיך אין זייערע אויגען א פייער בעוויזען... הייס איז זייער אטהעם געווארען... און מיט א ווילדען אייפער האבען זיי זיך פאר׳ן טיהר פון ביידעל געווארפען, ווי זיי וואלטען ווארטען פון ווענען אויף עפּעס א בעפעהל...

„אט דאס איז גראד ניט שלעכט"... טראכט דער אלטער טויער-וועכטער.

דאס געזאנג האט אויפגעהערט. די מלאכים פערשווינדען, דער דיכטער האט זיך פערקוקט אויפ׳ן גן-עדן טיהר. די פערשיעדען-פארביג-ליכט שי-מערען דורכ׳ן זיידענעם פאַרהאנג.

— ווי שעהן דארט דארף זיין ! רופט ער אויס, און לויפט צום טיהר.

— האלט ! רופט דער שטרענגער וועכטער.

— געפעהלט דען נישט מיין געזאנג ? פרעגט פערוואונדערט דער יונגער דיכטער.

— מעהר קיין ליעדער קענסטו נישט ?

— ניין.

— און מיט דעם אליין ווילסטו פאר גאט א זינגער ווערען ?

— איז עס דען נישט גענוג ?

— געוויס נישט גענוג : ס׳איז דאך לויטער זיסע טענער, ס׳הויבט דאך אן לאנגווייליג צו ווערען... וואלט כאטש אן אנדער טאן זיך אריינ-געמישט... כאטש א זיפץ...

— אַ זיבץ? פרעגט דערשראָקען דער יונגער דיכטער, מיין הערץ, זיפצען זיינען דאָך ניט שעהן... איך האָב זיי דאָך דעריבער ביים לעבען אויס־געמיעדען...

אָבער דער שטרענגער טויער־וועכטער לאָזט אראָב זיינע שווערע ברע־מען, און פון צווישען די ציין רעדט ער: — פערהאַן אויך שעהנע, זוך וועסטו געפינען...

און דעם יונגען דיכטער'ס געבעט האָט גאָרנישט געהאָלפען: דער וועכטער האָט זיהם אין גן־עדן אריין נישט געלאָזט, און ער איז צוריק אראָב אויף דער ערד, צו זוכען אַ זיפץ פאַר זיינע ליעדער.

זוך, נישט לאַנג קלעהרענדיג, האָט זיך דער יונגער דיכטער אין אַ פערוואָרפען ווינקעל פון שטאָדט ביי אַ קליין שטיבעל אָבגעשטעלט. „דאָ וועל איך עס געפינען", טראַכט ער, און הויבט אָן צו שוועבען ארום דער צובראָכענער טיהר. און לאַנג האָט ער נישט צו ווארטען געהאַט. אין קליי־נעם שטיבעל איז אַ ווערקשטאַט געשטאַנען: קיין ארבייט נישטאָ, פינף בלייכע קינדער וויינען, דריי פאַכען שטילערהייד מיט דער נשמה, קיין ברויט נישטאָ פאַר די געזונטע, קיין מילך, קיין רפואות פאַר די קראַנקע, די מוטער רייסט זיך די האָר פון קאָפּ און וויינט; דער פאָטער — אַ מאַנס־פערשוין — וויינען קען ער נישט — דער צער פרעסט זיין הארץ און דורך זיינע, פון הונגער פערדאַרטע ליפּען, רייסען זיך שווערע זיפצען דורך.

און דער יונגער דיכטער האָט אויפגעכאַפּט אַ זיפץ, דערמיט צום הימעל געשוועבט און עס פאַר'ן טויער־וועכטער געבראַכט.

— דאָס איז קיין אמת'ער זיפץ! צאָרענט דיעזער. דאָס האָט בעדאַרפט אַ בייזע קללה זיין... געה צוריק און ברענג אַן אַנדערען.

און דער יונגער דיכטער וואונדערט זיך: אַזעלכע זיפצען, ווייס ער, פלעגען זיינע לעבעדיגע חברים אין זייערע אומעדיגע ליעדער בעזינגען... נאָר דעם אַלטען'ס בייזע געזיכט זאָגט איהם, אַז שאלות מ'זאָל איהם פרע־גען האָט ער פיינט... ער וואַרפט ווידער זיינע אויגען צום זיידענעם פאָר־האַנג.

— ווי שעהן, ווי שעהן, — פליסטערט ער, זיין שטימע ציטערט פאַר בענקשאַפט... אָבער אַן אַנדערען זיפץ מוז ער ברענגען, און ער לאָזט זיך צוריק אין דער ניעדער אראָב.

דאָס מאָל האָט ער זיך פערטראַכט, וואו צו געהן.

„אין די רייכע פּאַלאַצען זיפצען מענשען עפּטער ווי אין די ענגע קעלער און דאַך־שטובען", האָט איהם זיין באָבע ביים לעבען דערצעהלט.

ער האָט דאַמאָלס ניט געגלויבט, ציגד פּרובט ער זיך געהן אהין אַ זופץ זוכען.

ביי דעם העכסטען, שעהנסטען פּלאַץ האָט ער זיך אָבגעשטעלט, און ווייל ער איז קערפּער־פריי, איז איהם לייכט געווען דעם הויכען צוים אריבער פליהען, אָהנע אָנצוקומען צו די טויער־וועכטער, וועלכע וואָלטען איהם נישט אריינגעלאָזט, ווייל ס'איז אין מיטען נאַכט געווען. ער איז גלייך אין שלאָפ־צימער געקומען און זיין בליק צום בעט געשיקט, און ער האָט זיך נישט גענאַרט : אין אַ גאָלדענע בעט אויף פויגעל־פּוכענע קישען מיט ווייסע זיידענע בעטציינג איז דער בלייכער, יונגער ווירטה געלעגען און זיינע אָפענע אויגען האָבען פיבערהאַפט געגלאַנצט... „געררייזט איבער דער וועלט", מור־מעלט דער בלייכער ווירטה, „קאָרטען, וויין, ווייב, געזאַנג, פון אַלץ, פון אַלץ גענאָסען... און אין אַ פולער מאָס גענאָסען... איצט איז אַלץ גלייכ־גילטיג, אומעדיג, איבערדריסיג... קיין נייע זאכען נישטאָ אויף דער וועלט... און דאָס לעבען איז פאַר מיר אַזוי פוסט... און עס וועט זיך נאָך ציהען אַזוי לאַנג... אָח, אָח, אָח, אָח ! ! !

און דער יונגער דיכטער האָט זיינעם אַ זיפץ פאַר'ן גן־עדן וועכטער געבראַכט. „מיין העררר", פליסטערט ער פריידיג, און וואַרפט בשעת־מעשה זיינע בליקען צום זיידענעם פאַרהאַנג, „אַ זיפץ פון אַ רייכען פערגאָלדעטען פּאַלאַץ, דאָס איז דאָך וואָס שעהנעס, נישט וואהר ?"

נאָר דער אַלטער וועכטער איז נאָך צאָרניגער געוואָרען און פול שפּאָט האָט געקלונגען זיין שטימע : — דאָס איז קיין זיפץ, דאָס איז אַ קרעכץ פון אַ זאַטען ליידיגגעהער, וועלכער האָט פאַר זיך גאָר נישט געשאַפען און גיך פערנוצט דאָס, וואָס אַנדערע האָבען פאַר איהם אָנגעגרייט... פער־שטעהסטו דען נישט, אַז אַזוינס האָט אין זיך קיין שעהנעס און קען פאַר קיין ליעד נישט פּאַסען ?..."

און ווידער האָט דער יונגער דיכטער אויף דער ערד געניעדערט, און ווידער האָט ער אַ צייטצווישען מענשען געשוועבט, פאַר זיינע ליעדער אַ פּאַסענדען זיפץ געזוכט, און ער האָט ווידער געפונען. אין אַ גרויסער, רוישענדער שטאָדט האָט ער דעם סטודענטען־קוואַרטאַל אָבגעזוכט, זיך ביי [illegible] טיהר פון אַ דאַך־שטיבעל געשטעלט, און דורך אַ שפּאַלט אריינגע־קוקט אינוועניג. און געזעהן האָט ער דורכ'ן שפּאַלט אַ קליינעם פעררויכערט[illegible]ן לעמפּעל אויף אַ טיש שטעהן, אַ לעהרן־בוך האָרט [illegible]בען לאָמפּ, אַ [illegible] פון אַ פריילין [illegible]ם בוך געווענדעט. און דאָס געזיכט פון דער פריי[illegible]ין איז ב[illegible]ייך און טרויעריג געווען, און איהרע שוואַרצע האָר האָבען, [illegible] זילבערנע פעדים, גרויע דורכגעשטרייפט... און איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען הא[illegible]ן פון די דונקעלע רענדער טרויעריג ארויסגעקוקט... און דאָס פריילין האָט איהרע בליקען פלוצלונג פון לערען־בוך אָבגעריסען און עס דורכ'ן קליינעם פענסטער'ל צום הימעל געשיק[illegible]... אויפ'ן הימעל האָט זי

צווישען די שטערען איהר מזל געזוכט... לאנג האט זי געזוכט... טרעהרען האבען זיך אויף איהרע שווארצע לאנגע ברעמען אויפגעהאנגען, וועלכע זי האט מיט איהר מאגערער האנד אבגעווישט... בענקשאפט־שאטען האבען אלץ דונקעלער און דונקעלער איהר געזיכט פערצויגען... און אויס איהרע בלייכע ליפען האבען זיך שוער זיפצען געריסען...

און דער יונגער דיכטער האט איהרען א זיפץ פאר׳ן גן־עדן וועכטער געבראכט און דער האט זיך איבער איהם פערטראכט. „צוגעטראפען", פרעהט זיך דער דיכטער בעטראכטענדיג דעם אלטען׳ס געזיכט... זיין הארץ ציהט, ציהט הינטער׳ן פארהאנג אין גן־עדן אריין, ער פערטראכט זיך וועגען גן־עדן־ליכט...

„אויך נישט דאס", וועקט איהם דעם אלטען׳ס בייזע שטימע, און ער ווערט א פערציטערטער.

„א זיפץ איז עס", ערקלעהרט איהם יענער, „נאר קיין אבקלאנג ביי מבינים געפינט ער נישט, און גאט וועט עס געווים נישט געפעהלען... מיט איהר יוגענד האט זי זיך נישט בענוצט... דאס שעהנע, דאס לעבעדיגע האט זי אויף ריסונקעס פון טרופען און אויף טרוקענע ווערטער פערביטען... מיט אלערליי תורות האט זי זיך פערצוימט, וועלכע האבען זי פון לעבען אבגעשיידט... איצט זיפצט זי... זי בענקט... שטערען... ליעבע זוכט זי... פערפאלען... צו שפעט...

און דער יונגער דיכטער רייסט ווידער אב זיינע פערבענקטע אויגען פון גן־עדן־טיהר, און לאזט זיך ווידער אויף דער ערד ארונטער.ביי א גרויער, שטיינערנער פעסטונג האט ער זיך אבגעשטעלט. און די ווענד פון פעסטונג האבען פיעל קליינע פענסטער דורכגעלעכערט, וועלכע זיינען מיט אייזערנע גראטעס בעשלאגען געווען; און אין איינעם פון אזעלכע פענסטער האט ער אריינגעקוקט, און געזעהן האט ער אינוועניג א קליינעם, שמוציגען צימער׳ל, א לאמער טישעל, א באנק און א שטרוי־זאק. דאס זיינען די כלי־בית געווען... און איבער׳ן פאל, וואס איז פון דריי ברעטער בעשטאנען, האט געשפאנט אויף און אב א הויכער, א ברייט־שולטערדיגער יונגערמאן מיט שווארצע, ברענענדיגע אויגען. און דער יונגערמאן האט זיינע ארעמס געשטרעקט ווי ער זאל ווען ארומנעהמען די בלייכע שטראהלען, וועלכע דער טאג האט דורך די אייזערנע גראטעס אריינגעשיקט. און זיינע בליקען האט ער צום פענסטער׳ל געשיקט און געזיפצט: — אח, דרויסען שטעהט אזא ליעבער טאג... די זון שיינט אזוי העל... די פרייהייט, די פרייהייט ווי גרייכט מען!... און דער דיכטער האט דעם איינגעשלאסענעם׳ס זיפץ פאר׳ן גן־עדן וועכטער געבראכט.

דער אלטער פערציהט די בייזע ברעמען. „שוואך", רופט ער, וואלט ער

ווירקליך נאָך די פרייהייט געבענקט, וואָלטען די גרויע, שטיינערנע ווענד אין זיינע הענד ווי שטויב זיך צושיטען, די אייזערנע גראַטעס וואָלט ער ווי דינע פעדים צורייסען... „מעגסט ברעננגען אַן אַנדערען", ענדיגט ער.

און דער יונגער דיכטער ניעדערט וויעדער אויף דער ערד; דאָס מאָל רעכט טרויעריג, מיער איז ער שוין געווען זוכענדיג.

און ער האָט פאַר'ן גן־עדן וועכטער זיפצען געבראַכט פון זינגער וואָס דער הונגער האָט זייער שטימע גלעהמט, און ער האָט זיי פערבראַקירט: — צו פיעל איז שוין דאָרט דער הונגער פערשפּרייט... ער איז שוין אין לעבען אריין... און דאָס ווערט אַלטעגליך פערליערט די שעהנהייט... זיפצען פון ענטטוישטע גלויביגע האָט ער געבראַכט, און אויך די, זיינען איהם נישט געפעהלען, מיינענדיג, אַז פאַר אַזעלכע פּאַסען קיין זיפצען און זיי קומען אַרויס נישט אָריגינעל... זיפצען פון עלטערען וואָס די קינדער האָבען זיי פערלאָזט, און די האָט ער אָבגעוואָרפען: „נישט קיין פּרוכטבאַרע" האָט ער געזאָגט. און, אַז ער האָט אַ זיפץ פון אַ טרייען ליעבהאָבער ביי וועלכען די געליעבטע איז געשטאָרבען, געבראַכט, האָט זיך דער בייזער וועכטער שטעכענדיג צולאַכט און מיט אַ שפּעטישען טאָן געזאָגט: נאַ, נאַ — ביי דעם ערשטען פריינדליכען קוק פון איין אַנדער פּאָר בלויע אָדער שוואַרצע אויגען, וועט ער זיפצען אויפהערען...

און דער יונגער דיכטער האָט ווייטער געזוכט. ווי אַ שאָטען האָט ער אויף דער ערד געוואַנדעלט. דאָס פערלאַנג נאָך גן־עדן־ליכט האָט איהם אַלץ מעהר און מעהר דורכגענומען.

און איינמאָל בעגעגענט ער שול־קינדער מיט לעהר־ביכער אונטער די הענד. און ער זעהט ווי זיי קוקט נאָך אַ אָרים־געקליידטע צעהניעהריגע מיידעלע און וויינט. "איך וויל אויך געהן אין שול", וויינט דאָס קינד, „איך וויל לערנען, זיין קלוג און וויסען פון אַלץ... מיין מוטער, אָבער, איז אָרעם, זי האָט נישט צו צאָהלען פאַר מיר, זי האָט נישט מיר אַ קליידעל צו מאַכען"... און, אַז די שול־קינדער זיינען פערשוואונדען פון דעם קינד'ס אויגען, האָט עס וויינען אויפגעהערט, איהרע קאַרשען־ליפּעלאַך האָבען זיך צוזאַמענגע־צויגען, און זי האָט אַ זיפץ געטהאָן... און דער יונגען דיכטער האָט דעם זיפץ געכאַפּט און צום הימעל געשוועבט. „מיין לעצטע האָפנונג", טראַכט ער, בעוויזענדיג דעם זיפץ פאַר'ן גן־עדן־וועכטער, „אַזיפץ פון אַ קינד", ברומט דער אַלטער, דאָס פּאַסט נישט צו קיין גאָטס־געזאַנג: די לייכטעסטע שפּיעלצייג וועט איהר שמערץ פערוויישען... ברענג אַן אַנדערען"... דער יונגער דיכטער אָבער הערט איהם שוין נישט; דען ער איז ווי פערשטיינערט אויף אָן אָרט געבליבען... מעהר זוכען, מעהר ניעדערען אויף דער ערד האָט ער קיין קראַפט... און ער זעהט די צויבערנדע ליכט וועלכע שימערן הינ־

טער'ן זיידענעם פֿאָרהאַנג, און איהם דאַכט, אז זיי רייצען זיך און שפּעטען
אויס איהם... און אַ שטאַרקער חשק אהין אַריינצוקומען האָט זיין וועזען
פֿערצערט... און אַ ריעזיגער שמערץ פֿון בענקשאַפֿט און פֿערצווייפֿלונג האָט
איהם אַרומגענומען... ער איז אָהן כח, פֿאַר'ן גן־עדן־טיהר געפֿאַלען, און...
דער ערשטער שווערער זיפֿץ האָט פֿון זיין פֿערקלעמטער ברוסט ארויס־
געשפּאַרט... און דער זיפֿץ פֿון יונגען דיכטער האָט אין אַלע זיעבען הימלען
אָבגעקלונגען... און די מלאכים — אָבגעשטעלטע זיינען ערשראָקען־פֿער־
וואונדערט געקומען צו שוועבען און האָבען דעם פֿער'חלש'טען דיכטער
בעטראַכט. און דער אַלטער, בייזער וועכטער איז פּלוצלונג ווייכער געוואָ־
רען ; ער האָט דעם דיכטער'ס זיפֿץ צוזאַמען מיט זיינע ליעדער פֿאַר גאָט
געבראַכט, און גאָט איז עס געפֿעהלען... און באַלד דאַרויף האָט ער זיך
פֿון זיין גאָלדענעם שטוהל אויפֿגעהויבען, צום פֿער'חלש'טען דיכטער גע־
נעהנט, זיך איבער איהם אָנגעבויגען און איהם אויף די בלייכע ליפּען גע־
קושט, וועלכע זיינען ווי רובינען רויט געוואָרען... און ער האָט איהם אי־
בער'ן קאָפּ געגלעט פֿון וואָס זיינע, פֿון שמערץ פֿערגרויטע לאָקען, האָבען
צוריק זייער גאָלדען גלאַנץ בעקומען... זיינע אויגען האָט ער געקושט און
זיי האָבען אָנגעהויבען לייכטען מיט אַ שכינה־גלאַנץ... און אויף גאָט'ס
וואונק, האָבען מלאכים דעם יונגען דיכטער אונטער די הענד גענומען...
דער זיידענער פֿאָרהאַנג האָט זיך ברייט פֿונאַנדער געעפֿענט, אַ שטראָם
גן־עדן־ליכט האָט איהם אין זיך איינגעוועבט... און ער איז אין גן־עדן אַ
זינגער געוואָרען...

# דאָס גליק

אַ יונגע, שעהנע בת־מלכה אַן איין איינציגע טאָכטער פון אַ בייזען און שטאַרקען קעניג איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרען. איהר קריינק איז בע־שטאַנען דעריין, וואָס דאָס רוישענדע לעבען אין הויף איז איהר מיאוס גע־וואָרען, און זי האָט אָנגעהויבען זוכען און בענקען נאָך גליק.

און אַ טיעפער טרויער האָט זיך איבער דער שעהנער בת־מלכה'ס נשמה פערצויגען, און פערנעבעלט זיינען איהרע בלויע אויגען געוואָרען, און אויסגעבלייכט האָט זיך איהר געזיכט פון בענקשאַפט, און איהר שלאַנקע געשטאַלט איז פון טאָג צו טאָג איינגעפאַלענער געוואָרען.

דער בייזער קעניג האָט זיין איינציגע טאָכטער שטאַרק ליעב געהאַט. איהר קריינק האָט איהם צער אָנגעטהאָן, און ער האָט צוזאַמענגערופען זיינע יועצים אָבצוקלעהרען, מיט וואָס זיין געליעבטע טאָכטער גליקליך צו מאַכען.

„מען דאַרף זי חתונה מאַכען פאַר אַ שעהנעם מאַן", איז געווען די עצה פון עלטעסטען קליגסטען מיניסטער. זיינע אַלטע, פערלאָשענע אויגען האָבען דערביי אויפגעבליצט. „קיין גרעסערעם גליק פאַר אַ יונג מיידעל ווי חתונה האָבען פאַר אַ שעהנעם מאַנספערשוין איז ניט פאַרהאַן". דעם קעניג איז די עצה געפעלען, די יונגערע, נאַרישערע יועצים איז עס געוויס געפעלען געווען, און אַ פּאָר יועצים וועלכע זיינען ניט געבליבען צופרידען, האָבען עס פערשוויגען. און מען האָט בעשלאָסען, אויפזוכען דעם שעהנסטען יונגען מאַן פון דער וועלט, איהם פאַר דער בת־מלכה'ס מאַן צו מאַכען. פאַר אַן אויסקלייבער איז בעשטימט געוואָרען דער קלוגער עצה געבער, און ער האָט זיך טאַקי באַלד איבער דער וועלט געלאָזט, זיין שליחות אויסצופיהרען... געפאָהרען איז ער רעכט לאַנג (אויף קייזערליכע הוצאות איז עס ניט שווער), ביי אַלע קעניגען איז ער אויסגעווען, די יונגע פּרינצען בעקוקט און ענדליך צווישען זיי דעם שעהנסטען אויסגעקליבען און איהם צו זיין קעניג געבראַכט.

און אויסגעציערט האָט מען דעם שעהנעם בן־מלך אין די טהייערסטע קליידער, און דער טרויעריגער בת־מלכה אַקעגען געשטעלט. זי האָט זיך אויף איהם פערקוקט, און וואָס מעהר זי האָט איהם אָנגעקוקט, אַלץ העלער, לויטערער איז געוואָרען איהר בליק. און לויטערער זיינען געוואָרען די בלויע

אויגען, וועלכע האָבען זיך אין בן־מלך׳ס קוילען־שוואַרצע געטוקט, און איהר בלייכעס געזיכט האָט זיך רויט געפאַרבט און אַקעגען זיין מאַרמאָר־ווייסעס געזיכט געשפּיגעלט... און די געשטאַלט איהרע האָט ווי אויפגעבליהט און זיך צו זיין איידעלער געשטאַלט גענעהנטערט — אָן זיינע שוואַרצע לאָקען האָבען זיך איהרע גאָלדענע אַנגעשלאָגען... ווייכע, קליינע הענד האָבען זיך אין קרעפטיגע מענער־ארעם געפלאָכטען... און דער בענקשאַפט־שמערץ איז פערשוואונדען...

און אַ פרייד איז געוואָרען אין קייזערליכען הויף. מיט גרויס פּאַראַד האָט מען געפייערט דער יונגער פּרינצעסינס חתונה. דער בייזער קעניג האָט אפילו פאַר פרייד געהייסען אַ פּאָר צעהנדליג פּאָליטישע פערברעכער בעפרייען. און דער אַלטער עצה־געבער איז פון דאַמאָלס אָן נאָך חשוב׳ער געוואָרען : דער קעניג האָט איהם מיט פיעל מתנות און מיט פערשיעדענע טיטלען בעשאָנקען.

די פרייד אָבער האָט ניט לאַנג געהאַלטען. די שעהנע בת־מלכה איז אין אַ קורצע צייט אַרום, צוריק טרויעריג געוואָרען... „ניט דאָס איז גליק״, האָט זי געזיפצט, „אַ וויילינע פערטויבונג איז עס נאָר״... און זי האָט דעם שעהנעם פּרינץ אָבגעשטויסען פון זיך, און ווי אַ שאָטען איז זי אומגע־גאַנגען, בענקענדיג און זוכענדיג דאָס גליק.

דער פערזאָרגטער פאָטער האָט ווידער אַנ׳עצה געהאַלטען, דאָס מאָל האָט דער פריהערדיגער עצה־געבער זיין חן שוין פערלאָרען, און דאַרום איז אויף דער פערזאַמלונג אַ טומעל ענטשטאַנען. יעדער פון די מיניסטאָרען האָט געוואָלט די קליגסטע עצה געבען און געלונגען איז עס קיינעם. אויף דער פערזאַמלונג איז אויך דעם קעניג׳ס אַן אַלטע מוטער געוועזען. דער קעניג האָט דאָס מאָל זיין מוטער׳ס עצה געפאָלגט, און איהר עצה איז געוועזען, מען זאָל וואַרטען, ביז די פּרינצעסין וועלכע איז שוואַנגער, וועט געבוירען. וועט זי אַ מוטער ווערען — וועט זי דערין געפינען איהר גליק...

איבער אַ קורצע צייט אַרום איז ווידער געוואָרען אַ פרייד אין קייזערליכען הויף : די שעהנע פּרינצעסין האָט אַ קינד געבוירען, אַ ווייס, אַ שענעס, ווי אַ מלאך׳ל. מיט זיין געבוירען איז דער פּרינצעסין׳ס טרויער פערשוואונדען... און האַרציג האָט זיך די יונגע מוטער געפרעהט מיט איהר קינד, און גליקליך האָט זי זיך געפיהלט, שפּירענדיג נעבען זיך זיין זאַנפטעס וואַרים קערפּערל, און זעהענדיג, ווי דאָס וואַקסט און קוועלט פון איהר זאַפּט. שפּעטער אָבער, אז דאָס קינד איז עלטער געוואָרען, און זי האָט עס ענטוויינט, איז עס איהר גלייכגילטיג געוואָרען. און דער טרויער האָט זיך ווידער איבער איהר נשמה פערצויגען, און דער בענקשאַפט־שמערץ נאָך גליק האָט זיך ווידער צוגאָסען אין איהר האַרץ... און אין קייזערליכען

הויף איז ווידער א בעראטהונג צונויפגערופען געוואָרען. דאָס מאָל האָט מען רעפאָרמען געמאכט, און מען האָט אויך פערשידענע פּראָפּעסאָרען און געלערנטע איינגעלאַדען.

„גליקליך מאכען דעם מענשען קען נאָר די וויסענשאפט", האָט גע־זאָגט זיין מיינונג א גראָב־בייכיגער געלערנטער מיט א קאַהלען קאָפּ און מיט א פעטען גלאַנציגען געזיכט. דערויף האָט א הויכער בלייך־פּנים'דיגער געלערנטער איראָניש א שמייכעל געטהאָן, דאָס האָט אָבער קיינער ניט בעמערקט, ווייל אַלע זיינען געווען פערנומען מיט'ן אפּלאָדירען.

דער קעניג האָט בייז פערצויגען די ברעמען : — וויסענשאפט... פאַר זיך זעהט ער קיין גליק ניט דערין... נאָר אום דעם גליק פון זיין געליעבטער טאָכטער איז איהם קיין זאַך ניט שווער געווען, און ווייל קיין אַנדערער האָט קיין גלייכערע עצה ניט געפונען, האָט ער דערצו איינגעווילינט.

און געמאכט האָט מען דעם זעלבען געלערנטען פאַר'ן הויפּט־לעהרער, צו איהם האָט מען נאָך אַנדערע געלערנטע איינגעלאַדען, און זיי האָבען אָנ־געהויבען אריינצופיהרען די אומעדיגע, בענקענדע פּרינצעסין אין די טיעפע־נישען פון דער וויסענשאפט.

די פּרינצעסין האָט א גוטען קאָפּ געהאַט, און האָפענדיג צו געפינען דאָס גליק אין די וויסענשאפטען, האָט זי זיך מיט חשק געוואָרפען צו די ביכער. לערנענדיג האָט זי זיך באמת גליקליך געפיהלט : נייע זאכען, נייע סודות, נייע אידעען, נייע וועלטען... ווי גוט !... נאָר, אז די לעהרער האָ־בען איהר זייער גאַנצע חכמה פערשענקט, איז זי דאמאָלס רעכט טרויעריג געוואָרען. עס האָבען זי אָנגעהויבען פּלאָגען אַלערליי שאלות און ספיקות, אויף וועלכע זי האָט ביי די קלוגע געלערנטע קיין ענטפער ניט געפונען. זי האָט אָנגעהויבען אליין זוכען, נאָר דאָ האָט זי זיך נאָך מעהר אין ספיקות פער־פּלאָנטערט, און זי האָט די ביכער אוועקגעוואָרפען, און די בענקשאפט נאָך גליק האָט ווידער גענומען רייסען איהר הארץ.

דער פערזאָרגטער פאָטער האָט ווידער א בעראטהונג געמאכט. דאַ־מאָלס איז שוין אויף „פילאַנטראָפּיע" אין מאָדע געווען, און מען האָט דערום פערבעטען צו דער בעראטהונג בעריהמטע כלל־טהוער. דער בע־ריהמטעסטער פון זיי האָט זיין עצה געגעבען, אז די אונגליקליכע פּרינ־צעסין זאָל זיך אָנהויבען פערנעהמען מיט צדקה און הילף פאַר ליידענדע, דען קיין זאַך, האָט ער צוגעגעבען, מאכט ניט אזוי גליקליך און בערוהיגט ניט אזוי דאָס הארץ, ווי דאָס וויסען, אז מען האָט הונגעריגע זאַט געמאכט... אז דאָס מאכט גליקליך, האָט עדות געזאָגט זיין פּרעהליכעס, שיינענדיג געזיכט. דער קעניג האָט ווידער בייז פערצויגען די ברעמען : „דאָס איז געגען קעניגליכע געוועהנהייטען". האָט ער געברומט, נאָר ער האָט די עצה

ניט אָבגעשלאָגען, ווייל טהייער איז איהם געווען דאָס גליק פון זיין איינ־ציגער טאָכטער. ער האָט דארום אויף פערשיעדענע פּראָדוקטען נייע אָב־צאָהלונגען געמאַכט און די סומען געלד דער יונגער פּרינצעסין געגעבען, זי זאָל עס געהן פערטהיילען צווישען אָרימען פאָלק.

און אַ צייט לאַנג איז די שעהנע בת־מלכה צווישען פאָלק געגאַנגען און איהם נדבות געטהיילט. פיעל בלייכע שמאַכטענדע ליפּען האָט זי מיט מילך און וויין אָבגעפרישט און זיי האָבען איהר ליוב־ווערטער געפליסטערט, פיעל קאַלטע שטיבער האָט זי וואַרעם געמאַכט, און די אונגליקליכע איינ־וואוינער האָבען זי געבענשט. פיעל נאַקעטע האָט זי בעקליידעט, און זיי האָבען פון דאַנקבאַרקייט געקניהט פאַר איהר... און זי האָט זיך דערמיט גליקליך געפיהלט...

איינמאָל איז זי אויף אַ הויכען טרעפּ אַרויפגעשטיגען און איז אין אַ קליינע דאַך־שטוב אריין. דאָרט איז אַן אַלטער, איינזאַמער ארבייטער קראַנק געלעגען. און זי האָט פאַר דעם אַלטען, וויין, מילך, און רפואות געבראַכט, און זי איז צוגעגאַנגען צו זיין צובראָכענעם בעט, האָט מיט איהר צאַרטער האַנד זיין גרויען קאָפּ אויפגעהויבען און איהם געוואָלט די רפואות איינ־געבען. דער אַלטער האָט צו איהר זיין פאַרמעט־געזיכט געווענדט, און זיינע מיעדע אויגען האָבען איהר געקוקט אין פּנים אריין. — דאָס ביסט דו ! האָט ער פּלוצלונג אויסגעשריען מיט אַן אויפגערעגטער הייזעריגער שטים — דיך קען איך... דו ביסט דעם קעניג׳ס טאָכטער... אַרויס, אַרויס פון דאַנען ! און ער האָט מיט כעס איהר האַנד אָבגעשטויסען און די רפואות האָט זיך אויסגעגאָסען.

די פּרינצעסין איז ווי פערשטיינערט אויף אַן׳אָרט געבליבען. „מיט וואָס בין איך דען זינדיג געגען דיך" ? האָט זי קוים אויסגעשטאַמעלט. „מיט וואָס ? מיט וואָס ?" האָט דער אַלטער געקייכט, און ווייסטו דען ניט, וואָס דיין פאָטער האָט מיר אָבגעטהאָן ? ער האָט מיינע צוויי על־טערע זיהן אין מלחמה געטויט, מיין טאָכטער האָבען זיינע דיענער צוגע־נומען, זי געשענדעט און אין געפענגניש געוואָרפען, און אַז איך האָב גע־וואָלט מיין אַרבייט פערלייכטערן, האָט ער מיך פערשפּאַרט און ערשט אַ קראַנקען אַרויסגעלאָזט... צוריק קומענדיג האָב איך מיין אָרימע פרוי טויט געפונען, מיינע דריי קליינע קינדער פייניגען זיינע דיענער ערגעץ אין אַ פינדעל־הויז, און אַז איין פערגעניגען איז מיר פערבליבען, דאָס רויכערען — דאָס רויכערען פלעגט מיר מאַכען די ליידען פערגעסען — האָט ער דעם טאַבאַק דאָפּעלט טהייער געמאַכט, און איך קאָן עס איצט ניט בענוצען.

דער אַלטער איז אַ וויילע שטיל געבליבען, האָט צאָרניג אויף די דער־שראָקענע פּרינצעסין געקוקט און האָט באַלד צוגעגעבען : — און ווע‍מעס

געלד פערטהיילסטו צווישען אָרימע ? דאָס איז דאָך נאָר א טוויזענדער טהייל פון דעם, וואס ווערט פון זיי אוועקגערויבט... אוועק, אוועק ! איך וויל דיך דאָ מעהר ניט זעהן !

און די שעהנע בת־מלכה האָט א טרויעריגע, א צובראָכענע, זיך צוריק־געקעהרט אין הויף. פון דאַמאָלס אָן האָט זי איהר צדקה־ארבייט פער־וואָרפען. א חשד אויף איהרע אָרומיגע האָט זיך ביי איהר אין הארצען דערוועקט. און טרויער־שאָטען האָבען דער פּרינצעסינס געזיכט פערצויגען, און דער בענקשאַפט־שמערץ נאָך גליק האָט זי צו בעט געלעגט... און דער פערזאָרגטער פאָטער האָט זיך צו זיין שטענדיגען מיטעל — צו די בע־ראטהונגען גענומען.

„פערדיענטער כבוד איז דאָס גרעסטע גליק", האָט זיין מיינונג גע־זאָגט דער עלטעסטער זינגער פון קעניגליכען טהעאַטער, א הויכער מאַן מיט אַן אָדלער אויסזעהן, וועלכער איז צופעליג אויף דער בעראַטהונג געוועזען. „גליקליך פיהלט מען זיך, ווען מען קאָן מיט דעם אייגענעם כח אַנדערענס הערצער בעצווינגען, ווען מען קאָן מאַכען מענשען וויינען און לאַכען לויט אייגענעם בעגעהר"... ער האָט געראַטהען, אזוי ווי דער פּרינצעסינס שטים איז א זאַנפטע און קרעפטיגע, זאָל זי אויף דער סצענע פאַר'ן עולם זינגען, און דערין וועט זי געפינען איהר גליק...

דער קעניג איז דאָס מאָל רעכט בייז געוואָרען : „דאַרף מען דען מעהר כבוד, ווי א קעניג'ס טאָכטער צו זיין" ? נאָר דער פּרינצעסינס בלייך געזיכט מיט די איינגעפאַלענע אויגען האָבען איהם געצוואונגען איינצואוויליגען דערצו...

דער זעלבער זינגער איז דער פּרינצעסינס לעהרער געוואָרען. און ניט איינמאָל האָט דער זעלבער מיט זיין זינגען איהר הארץ בעצוואונגען, ניט איינמאָל האָט זי איהם מקנא געווען. „אָט דאָס איז א גליקליכער", פלעגט זי וועגען איהם טראַכטען.

און דאָס גרויסע טהעאַטער איז פול געפּאַקט מיט מענשען, און אַלע־מענס אויגען זיינען געווענדט צו דער סצענע, וואו די פּרינצעסין זינגט... און אַז זי האָט אויפגעהערט צו זינגען, האָט א פריידען־אויסרוף פערהילכט דעם זאָל און דאָס אַפּלאָדירען האָט ניט אויפגעהערט. דער פּרינצעסינס הארץ האָט א שפּרונג געטהאָן פאַר פרייד. נעבען איהרע פיס האָבען זיך אָנגעהויבען צו קאָלערען בלומענקראַנצען און לאָרבער־קראַנצען. זי האָט זיך אָנגעבויגען דאָס אויפצוקלייבען און איז געווען גליקליך... נאָר פּלוצלונג האָט זי איהר בליק ווי אונגערן אין דערהויך אויפגעהויבען... און גאָט, וואָס זעהט זי ? דאָרט אויבען אויפ'ן העכסטען באַלקאָן שטעה דאָס פאָלק, מאָ־גערע פיגורען, בלייכע געזיכער... און זיי אַפּלאָדירען ניט. זיי וואָרפען ניט

קיין בלומען. אַנשטאָט דעם שיקען זיי איהר שטעכעדיגע בליקען, און אַ שמייכעל פון איראָניע שוועבט איבער זייערע בלייכע ליפּען אַרום... און בליץ־שנעל האָבען זיך ביי איהר אַנגעהויבען יאָגען שטעכעדיגע געדאַנקען, און דאָס גליק איז פערשוואונדען... „קיינעם'ס הארץ גיט בעצוואונגען... ניט איהר אַפּלאָדירט מען, נאָר איהר קעניגליכען נאָמען. די בלומען וואַרפט מען איהר ווייל זי איז אַ קעניג'ס טאָכטער... שמאַך... שאַנד..." און זי האָט איהרע אויגען צו די „לאָזשען" געשיקט, פון וואַנען די בלומען האָבען זיך געשאָטען, און פערדונקעלט זיינען זיי געוואָרען פאַר כעס... „קריכער, קריכער"!... און זי האָט זיי די בלומען צוריק אין געזיכט געשליידערט. און איהרע הענד האָט זי ווי בעטענדיג צו די אויבען־שטעהענדע פערשפּרייט, ווי זי זאָל וועלען ביי זיי שוץ געפינען... און זי האָט געזעהן, ווי אַ מילדער אויסדרוק האָט זיך אין זייערע אויגען בעוויזען, דער איראָנישער שמייכעל פון זייערע ליפּען איז פערשוואונדען. און אַ גרויסער ליכטיגער געדאַנק האָט איהר נשמה בעלייכט: „זי וועט געהן צום פאָלק"...

און איינמאָל אין אַ שעהנעם זומער־טאָג האָט זיך די שעהנע בת־מלכה פערקליידט פאַר אַ פּויערין, שטילערהייד פערלאָזט דעם פאָטער'ס פּאַלאַץ און איז אַוועק צום פאָלק. און אַוועק איז זי וועיט, וועיט. אין אַ גרויסער שטאָדט האָט זי זיך אָבגעשטעלט, דאָרט אַ דאַך־שטיבעל פאַר אַ וואוינונג גענומען און זיך געשטעלט אַרבייטען. שווער איז איהר דאָס אַרבייט אָנגעקומען; איהרע צאַרטע הענד האָבען געבלוטעט, די פיס זיינען פון פיעל שטעהן געשוואָלען, געוואָרען איז זי אָבער דערמיט צופריעדען; דען ביי דער אַרבייט האָבען שעהנע געדאַנקען בעלויכטען דעם מוח און איידעלע געפיהלען דערקוויקט דאָס הארץ... און נאָך דער אַרבייט האָט זי צוזאַמען מיט אַנדערע געוועבט גאָלדענע פּלענער פאַר דער צוקונפט. דערין האָט זי אויך איהר אייגען גליק געפונען...

אַנגעהאַלטען אָבער האָט דאָס אויך ניט לאַנג. איינמאָל זיצענדיג פערשפּאַרט אין אַ קליינעם, גרויען צימער'ל, האָט זי אַנגעהויבען טראַכטען און געטראַכט האָט זי פיעל: פונ'ם אונרעכט, וואָס שטאַרקט זיך און נעהמט די אויבערהאַנד, פון די גרויסע ליכטער, וועלכע בעלייכטען דאָך אַזוי שוואַך די אייביגע פינסטערניש, פון הייסען גלויבען, וועלכער האָט אַזוי מורא פאַר חשבונות, פון די יאוש'דיגע געפיהלען, וועלכע דערוועקען זיך און סמ'ען דאָס בלוט. און נאָך און נאָך געדאַנקען, וועלכע האָבען פון איהר דאָס גליק אַוועקגערויבט.

אַז זי איז אַרויסגעגאַנגען פון קאַמער, האָט זי זיך שוין מעהר צו דער אַרבייט ניט אומגעקעהרט. אַ פּראַסטיגע גלייכגילטיגקייט האָט זי דורכ־

גענומען, און זי האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין פּאַלאַץ דאָרט צו ענדיגען די לעצטע טעג...

און דער בייזער קעניג האָט פון דער צייט וואָס זיין טאָכטער האָט איהם פערלאָזט נאָך בייזער געוואָרען, און ער האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו טרויערן נאָך איהר און זי צו זוכען. און אז ער האָט זי דערזעהן, האָט ער מיט פרייד און מיט אָפענע אָרעמס זי אויפגענומען. געפּרעהט מיט איהר קומען האָבען זיך אויך אַלע הויפלייט. „אַצונד וועט דער קעניג אויפהערען אזוי בייז צו זיין", האָבען זיי געטראַכט. און זיי האָבען קיין טעות ניט געהאַט: דער קעניג איז באמת צו אַלעמען מילדער, ווייכער געוואָרען. זעהענדיג אָבער דאָס בלייך־טרויעריגע גלייכגילטיגע געזיכט פון זיין טאָכטער, האָט דעם קעניג אויך אַ טרויער דורכגענומען; דאָס הארץ האָט איהם געריסען, קוקענדיג אויף זיין אונגליקליכעס קינד, און בעראַטהונגען זיינען געווען איינע נאָך דער אַנדערער. קיינער אָבער האָט קיין מיטעל ניט געפונען, ווי אַזוי די אונגליקליכע פּרינצעסין גליקליך צו מאַכען.

— גרויסער קעניג! — האָט איהם איינמאָל דער טיהר־וועכטער געזאָגט, פאַלענדיג פאַר איהם מיט'ן פּנים צו דער ערד, — „צו קליין בין איך, מען זאָל ביי מיר אַנ'עצה פרעגען, איך קאָן מיך אָבער ניט איינהאַלטען, אום דעם גליק פון דער שעהנער בת־מלכה. הער מיך אויס".

— רייד! — האָט דער קעניג בעפעהלען.

— גרויסער קעניג, נאָך אין די אַלטע צייטען האָבען פיעל שטאַרקע הערשער ביי אַלטע מכשפות עצות געפרעגט. זיי האָבען געוואוסט, אז אַנ'עצה פון אַן אַלטער מכשפה קען אמאָל קליגער זיין, ווי פון אַ מיניסטער אָדער געלערנטען... דאָרט ווייט הינטער'ן פּאַלאַץ אין פערוואָרפענעם דאָרף וואוינט איינע אַזאַ. זאָל מען זי אפשר ברענגען אהער?

דער קעניג האָט זיך פערטראַכט: „ערגער קאָן עס דאָך ניט מאַכען", און ער האָט בעפעהלען צו ברענגען די כישוף־מאַכערין. מען האָט זי געבראַכט און צו דער שלאָפער טרויעריגער פּרינצעסין אריינגעפיהרט.

אַ צייט האָט איהר די אַלטע בעטראַכט. „עס וועט ווירקען", האָט זי ווי פאַר זיך אַרויסגערעדט, און זי האָט אַרויסגענומען אַ ווייסעס טוך, פון וועלכען עס האָט זיך איבער'ן צימער צוטראָגען אַ ריח פון בשמים, און זי האָט דעם טוך געפאַכט דער פּרינצעסין איבער'ן געזיכט, און אַ וואונדער איז געשעהן: אויף דער פּרינצעסין'ס בלייכען געזיכט האָט אַ ראָזע פאַרב אַרויפגעפליסט... זי האָט זיך אַ שטעל־אויף געטהאָן, און איהר געבויגענער קערפּער האָט זיך אויסגעגלייכט, איהרע בלויע אויגען האָט זי ברייט פאַנאַנדערגעעפענט, זיי האָבען אָנגעהויבען לייכטען מיט אַ פערחלום'טען

גלאַנץ און טיעף אין דער ווייטקייט געקוקט, בעת אַרום איהרע רויט־געֿ־וואָרענע ליפּען האָט זיך געקרייזעלט אַ שמייכעל פון צופרידענהייט און גליק.

— מיט וואָס האָסטו זי גליקליך געמאַכט ? — האָט דער קעניג פערוואונדערט געפרעגט דער כישוף־מאַכערין.

— מיט חלומות — ענטפערט זי — אַצונד חלומ'ט זי, פאַנטאַזירט זי, און זי איז גליקליך... דאָס איינציגע שעהנע וואָס דאָס לעבען פערמאָגט פאַר אַ זוכענדע זעעלע זיינען פאַנטאַזיע, און חלומות... — האָט די כישופמאַכערין צוגעגעבען, און זי האָט בעקומען איהר לוין און האָט זיך שטילערהייד אַרויסגערוקט פון פּאַלאַץ.

און יאָהרען פערגעהען און די פרייד אין קייזערליכען הויף ווערט אַלץ גרעסער : די פּרינצעסין חלומ'ט און איז געזונד, פריש, שעהן און גליקליך. און אַז זי שיקט איהרע בלויע גלענצענדע אויגען אין דער ווייטקייט און אַז דער זיסער שמייכעל קרייזעלט זיך אַרום איהרע ראָזע ליפּען, איז זי דאַמאָלס אַזוי וואונדער־שעהן, אַז אַלע הויפליים ווערען בעגייסטערט און קניהען פאַר איהר. דער בייזער קעניג פרעהט זיך מיט זיין גליקליכער טאָכטער. ער האָט אויפגעהערט די הויף־לייט צו בעשטראָפען, ער שענקט זיי אָפּט מתנות, און אַלע זיינען פרעהליך און צופריעדען. איינער נאָר אין גאַנצען הויף איז פון יענער צייט אָן אומעטיג געוואָרען. דאָס איז דער שעהנער בן־מלך, איהר מאַן ; דען אַנשטאַדט וואָס ער האָט פריהער די בלייכע אומעטיגע פּרינצעסין פיינט געהאַט, איז ער איצט אין די שעהנע טרוי־מ׳ערין שטערבליך פערליעבט....

און ער געהט זי נאָך ווי אַ שאָטען, און ער קושט דעם זוים פון איהר קלייד, און ער קושט די ערד, אויף וועלכער איהרע קליינע פיס טרעטען, און ער בעטעלט ליעבע ביי איהר... דאָס אָבער גיט זיך איהם ניט איין, ווייל די שעהנע טרוימענדע בת־מלכה האָט אויסער חלומות קיינע אַנדערע פערלאַנגען.

# דער פערצווייפעלטער

(א פאנטאסטישע מעשה)

ער האט די מענשען פעראכט, און איז אוועק פון זיי.

בשעת ער האט דעם ישוב פעלאזט, איז נאך זיין געשטאלט צו א צעדער־בוים גלייך געווען, זיינע האר האבען ווי סאמעט געגלאנצט, און פון זיינע אויגען האבען פונקען געשלאגען.

ער האט זיך א שיף געבויט און איינער אליין אויפ'ן ים געלאזט. נאך וואו, נאך וואס, האט ער נישט געוואוסט, און נישט געוואלט וויסען. „דער עיקר איז דאס שווימען"... האט ער בעשלאסען.

און ער איז געשוואומען. א סך שיפען מיט אלערליי פאהנען און אויפ־שריפטען האט ער בעגעגענט. די מאטראזען האבען איהם הארציג גע־גריסט, און געוואלט אבהאלטען. ער אבער האט זיי אויסגעמיעדען: נאך וואס, נאך ווען טויגען זיי איהם"?

אויסגעמיעדען האט ער אויך די שטילע וואסערען: „זיי זיינען בלוי, פאנטאסטיש, אבער שטיל און שלעפעריג"... ער האט די ברויזענדע ימים פארגעצויגען: „דאס וואסער איז שטענדיג געלב, מוטנע, אבער דערפאר רוישט עס, זידט און לעבט"...

און, אז די ברויזענדע ימים פלעגען א ווייל שטיל ווערען, פלעגט ער דעם אנקער פערווארפען, און אין זיין „קאיוטע" ארונטערגעהן. דארט פלעגט ער פון א פערמאכטען קאסטען א פופע, אין געשטאלט פון א יונגער פרוי, ארויסנעהמען. און שעהן איז די פופע געווען! א שווארץ־לאקיגע, מיט וואונדערליך־שטילע, פער'חלומ'טע אויגען. און ער פלעגט די פופע אומ־ארמען, דריקען צו זיך, און קושען זי, און, אז דער שטורעם פלעגט ווידער־קעהרען, פלעגט ער זי צערטליך, צוריק אין קאסטען לייגען, פערשליסען, און געהן פון דאס ניי מיט'ן שטורעם שטרייטען...

און אזוי זיינען יאהרען פערפלאסען. וויפיעל, האט ער נישט געוואוסט. ער האט מיט זיך קיין קאלענדאר געהאט. צו האט זיך זיין אויסזעהן גע־ביטען, האט ער אויך נישט געוואוסט: צו פיעל מוטנע איז דאס וואסער געווען, אז עס זאל איהם פאר א שפיגעל דינען...

א פערענדערונג אין זיך האט ער דאך דערשפירט : ער האט צו טראכטען אנגעהויבען...

און, אז א מענש הויבט אן צופיעל צו טראכטען, איז עס א סימן, אז זיינע כוחות ווערען וועניגער... וואס מעהר ער האט געטראכט, אלץ מעהר האט ער אנגעווארען דעם כח מיט'ן שטורעם צו שטרייטען... און אלץ אפ־טער און אפטער האט ער בעקומען חשק דעם אנקער צו ווארפען... און אזוי ווי אין די ברויזענדע ימים האט ער זיין שיף אפט ניט געקענט פעראנ־קערען, האט ער זיך ביסלעכווייז אנגעהויבען אין די שטילערע וואסערען איבערצוקלויבען...

און אין די שטילע קלארע וואסערען האט ער דעם אבגלאנץ פון זיין געשטאלט דערזעהן, פון וואס ער איז טרויעריג געווארען...

זיין געשטאלט איז מאגער און איינגעבויגען געווען, די האר גרוי, די אויגען פערלאשען, און דאס געזיכט מיט א פארמעט־הויט בעצויגען, און פול קנייטשען...

און דער טרויער האט זיך איבער זיין נשמה פערצויגען. זיין שיף האט אנגעהויבען צו שווימען לאנגזאמער, און ער האט אלץ געטראכט און גע־טראכט...

און געטראכט האט ער איבער זיין פערגאנגענהייט... איבער דעם ישוב מיט די מענשען וואס ער האט פערלאזט... איבער זיין לאנגיעהריגען איינזאמען שווימען... איבער די פיעל געפאהרען וואס ער האט דורכגעמאכט... איבער זיין פערצווייפעלטען שטרייטען מיט'ן שטורעם, און אויך וואס ער האט זיינע כוחות גע'פטר'ט... און ער האט זיך געפרעגט : „נאך וואס האט מען עס אלץ בעדארפט" ?...

און די איין שאלה האט געשלעפט נאך זיך פיעלע אנדערע... ער האט זיך אין די שאלות פערפלאנטערט ווי א פליעג אין א שפינוועב־נעץ... און ער איז אלץ טרויעריגער געווארען...

און איינמאל איז איהם איינגעפאלען א געדאנק : „ווי גוט וואלט געווען, צו האבען נעבען זיך א מענשען פאר וועמען זיך אויסצורעדען". ער האט זיך אן ישוב דערמאהנט, „געהן צוריק אהין"! האט ער זיך געפרעגט. „ניין ! האט ער בעשלאסען, די מענשען פון ישוב זיינען אלע מאל טויב און שטום געווען צו זיינע רייד און געפיהלען, און דעריבער דאך האט ער זיי דאמאלס פערלאזט".

און דער טרויער האט זיך איבער איהם געשטארקט.

און איינמאל, קושענדיג זיין פופע, איז איהם איינגעפאלען : „ווי גוט וואלט געווען, אז זי וואלט א לעבעדיגע געווען". און האט זי דערביי

געקושט ליידענשאפטליכער ווי תמיד. עס האט אויסגעזעהן, ווי ער זאל האפען, זי דורך דעם לעבעדיג צו מאכען...

פון דאמאלס אן האט איהם בעהערשט א חשק, זיין געליעבטע פופע א לעבעדיגע צו זעהן. און ער האט אלץ אפטער און אפטער אין „קאיוטע" געניעדערט; דארט פלעגט ער זי אין זיינע ארעמס נעהמען, און מיט זיין גאנצער קראפט וואס איהם איז געבליבען, פלעגט ער זי דריקען צו זיך, מיט ליידענשאפט און פערצווייפלונג קושען זי, אבער אומזיסט. איהר וואקסע־נער קערפער איז טויט געוועז, און אין די פער'חלומ'טע אויגען האט זיך קיין סימן פון לעבען בעוויזען...

און צייטען זיינען פערפלאסען, און ער איז אלץ איינזאם אין שטילע וואַ־סערען געשוואומען. און דאס בענקשאפט און דער טרויער האבען זיך איבער איהם געשטארקט.

---

און איינמאל, פארנאכט איז עס געוועזן, האט ער דעם אנקער פער־ווארפען און זיך אומגעקוקט. און געזעהן האט ער, אז זיין שיף שטעהט צו־פוסענס א הויכען, שיפען בארג. ער האט דעם בארג בעטראכט.

און וואונדערליך־שעהן האט דער בארג אויסגעזעהן! אין גאנצען מיט גרינע, הויכע גראז און מיט העל־פארביגע בלומען בעוואקסען, האט ער זיך געטוקט אין די רויט־גאלדיגע שטראהלען פון דער אונטערגעהענדע זון, און האט אין די ארומיגע שטילקייט, אקעגען בלויען הימעל און טייך, ווי א טרוים־בילד אויסגעזעהן.

און ער האט פלוצלונג דערשפירט א פערלאנג אויפ'ן בארג צו שטייגען. ער האט פערלאזט זיין שיף און זיך געלאזט געהן אויפ'ן בארג.

און, אז ער האט, נאך לאנגע יאהרען שווימען אויפ'ן וואסער, צוריק די ערד — דעם בארג — בעטרעטען, האט איהם א שטארקע פרייד דורכגענומען... ער האט פלוצלונג צוריק זיין יוגענד־קראפט דערשפירט... און ער האט זיך געלאזט לויפען אויפ'ן בארג אלץ האסטיגער און העכער... און דער ריח פון די בלומען האט איהם פער'שיכור'ט. און וואס העכער ער איז געשטיגען, אלץ מעהר קראפט האט ער אין זיך געשפירט, און אלץ פלינקער און האסטיגער איז געווארען זיין פוס...

און אין זיין לויפען האט ער נישט בעמערקט ווי די זון איז דערווייל אונטערגעגאנגען, ווי די לבנה איז ארויפגעשוואומען אויפ'ן הימעל; ער האט אפילו נישט בעמערקט, ווי די העל־פארביגע בלומען זיינען געווארען, וואס ווייטער אלץ שיטערער, די גראז טרוקענער, די לופט קעלטער, און שטיינער און דערנער האבען דעם וועג פערשפרייט... ער איז געשטיגען אלץ העכער און העכער...

און פלוצלונג האט ער זיך אן א גרויסען שטיין אבגעשלאגען, און זיך אבגעשטעלט. ער האט זיך ארומגעקוקט און איז דערשראקען געווארען. אויף א גרויסען ליידיגען פלאץ איז ער געשטאנען, אויף וועלכען עס זיינען גע־ווען אנגעווארפען פיעל שטיינער, און די לופט איז דא געווען שיטער, קאלט און אומעטיג. און פון די שטיינער האט אויך געוועהט א קעלט און א אומעט... און איהם האט גערדאכט, אז יעדער שטיין בעזונדער שעפצעט עפעס... דערצעהלט עפעס א לאנגע, א אומעדיגע געשיכטע...

און א פראסט און אומעט, האט ער געשפירט, פערשפרייט זיך איבער זיין גוף און נשמה... און ער האט פערצווייפעלט זיינע בליקען אין דער הויך אויפגעהויבען ווי ער זאל דארט וועלען רעטונג זוכען... און, פאר דער העלער לבנה־שיין, האט ער עפעס וואונדערבארעס דערזעהן : אויפ'ן שפיץ פון א הויכען בארג שטיינער, הויך, קוים מיט'ן אויג צו פרנעהמען, איז א יונג־פרוי געשטאנען, אין ווייסען געקליידט.

און ער האט זי בעטראכט. און ער האט געזעהן, ווי א ווינד האט מיט דער ברייטער, ווייסער קלייד פון דער יונג־פרוי און מיט איהרע צולאזטע גאלדיגע לאקען געשפיעלט, און דערמיט אין דער לופטען געפלאטערט... און איהם האט גערדאכט, אז דאס איז פאר זיינטוועגען... און ער האט געזעהן, ווי איהרע בלישצענדע אויגען האבען געקוקט אויף איהם, און איהם האט גערדאכט, אז זיי ווינקען און ציהען איהם צו זיך... און ער האט געזעהן, ווי זי האלט אויסגעשטרעקט איהרע ווייסע עלפענ־ביינענע הענד, און איהם האט אויסגעוויזען, אז זיי רופען איהם צו זיך... און איהם האט גערדאכט, אז די וואונדערבארע יונג־פרוי רופט איהם צו זיך און זאגט : „קום צו מיר, מענש, אט דא אין דערהויך ! איך בין די איינציגע וואס וויים אלע סודות פון לעבען... און אויב דו וועסט האבען כח ארויפצושטייגען צו מיר, וועל איך זיי דיר פערטרויען, און וועל דיך אויך בעשיידען א סך רעטענסען, וועלכע האבען דיך געפייניגט יאהרען לאנג"...

און ער האט ווידער א נייעם כח אין זיך דערשפירט. און ער האט זיך גרייט געמאכט, צו שטייגען אויפ'ן בארג. נאר... פלוצלונג האט ער פון אונטען ווי א שטילעס מורמלען דערהערט... ער האט זיך אומגעקוקט, און... נאך א גרעסערער וואונדער ! אויפ'ן דעק פון שיף איז זיין פופע א לעבעדיגע געשטאנען. און איהרע הענד האט זי געהאלטען צוזאמענגעלייגט ווי אין א תפלה, איהרע פער'חלומ'טע אויגען האבען צו איהם אין דערהויך, מיט א געבעט געקוקט, און זי האט געוויינט און גערופען : „ליעבער מאן ! קום אראב צו מיר, דו פעהלסט מיר, עס פעהלען מיר דיינע קושען און דאס האט מיך פון מיין רוהיגען שלאף אויפגעוועקט, געשווינד, געשווינד קום אראב צו מיר"!!

„זי לעבט"! האָט זיך אַ פרייד־געשריי פון זיין ברוסט אַרויסגעריסען. ער איז, פערטומעלט, געבליבען שטעהן אויף אַן אָרט.

און אַ צייט לאַנג איז ער אַזוי געשטאַנען, און נישט געוואוסט וואָס צו טהון: אין דער האָט זיך לעבען בעוויזען נאָך וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געגלוסט... און יענע וויל איהם די סודות פון לעבען פערטרויען נאָך וועל־כעס ער האָט אַזוי לאַנג געבענקט... און ער האָט געוואָלט אונטען נידערען, האָט ער געשפירט יענערס בלישצעדיגע אויגען וועלכע האָבען איהם אין דערהויך געצויגען... און האָט ער געוואָלט שטייגען אויפ'ן באַרג, האָט איהם יענערס וויינענדער קול נאָך אונטען גערופען...

און זיין פערצווייפלונג האָט זיך געשטאַרקט. און פּלוצלונג האָט אַ געדאַנק זיין קאָפּ בעלויכטען: „ער געפינט זיך אין מיטען צווישען זיי ביידע. ער וועט זיי רופען צו זיך. אויב יענע לעבט, וועט זי צו איהם אַרויפ־קומען, און אויב די אַנדערע האָט סודות, וועט זי צו איהם אַראָבשטייגען: קיין סודות קען מען נישט בעהאַלטען פאַר זיך... און וועלכע פון זיי ס'וועט פריהער קומען צו איהם, ביי דער וועט ער פערבלייבע"ן...

און אַזוי האָט ער געטהון. ער האָט נאָך אַ מאָל זיין בליק געשיקט אין דערהויך, נאָך איין קוק האָט ער געטהון אין דער ניעדער, זיך אויסגעגלייכט, און מיט זיין גאַנצער קראַפט אויסגערופען: — ווער מיר גלוסט, זאָל קומען צו מיר! און ער איז, פון אויפרעגונג צי פון אַנשטרענגונג, צו דער ערד געפאַלען...

און דאָס עכאָ האָט אויפגעכאַפּט זיין קול, און זיך צושפּיעלט דערמיט אין דער שטילקייט. „ווער מיר גלוסט, זאָל קומען צו מיר"! האָבען אַנגע־הויבען נאָכרופען, דער באַרג, דער טייך; די שטיינער און אַלץ אַרום...

און, אַז ס'איז שטיל געוואָרען, האָט ער זיך, לאַנגזאַם אויפגעהויבען פון דער ערד און אַרומגעקוקט זיך. און אַ שרעק האָט איהם דורכגענומען: אויפ'ן שיף, ווי אויפ'ן באַרג זיינען די ביידע פרויען, ווי פריהער געשטאַנען און זיך נישט געריהרט פון אָרט...

„צו שוואַך איז געווען מיין רוף, און מיין קול האָט נישט דערגרייכט צו זיי", האָט ער זיך אַליין געטרייסט. און ער האָט זיך ווידער אויסגע־גלייכט, צוזאַמענגענומען די כחות און נאָך שטאַרקער, נאָך שטאַרקער, נאָך העכער אויסגערופען: — „ווער מיר גלוסט, זאָל קומען צו מיר!" און ער איז ווידער אָהן כח צו דער ערד געפאַלען.

און אַ צייט לאַנג האָט אין זיינע אויערען דאָס עכאָ אָבגעקלונגען. ער אָבער, האָט, מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ, אויפ'ן קלאַנג פון טריט געוואַרט... ער האָט זיך אָבער נישט דערוואַרט...

און, אַז ער האָט זיך ענדליך ווידער אויפגעהויבען און זיך אַרומ־

געקוקט, האָט ער ווידער געזעהן דאָס אייגענע: פון דער הויך האָט יענע געוואונקען און גערופען איהם צו זיך: און אויפ'ן שיף האָט זיין געליעבסטע געוויינט און געבעטען איהם אראָבקומען. ביידע האָבען אָבער זיך נישט גע־ריהרט פון אָרט...

און אַ שרעק און צווייפעל האָט איהם דורכגענומען: „איז ביי יענער קיין לעבען פערהאַן"!... „איז אין דערהויך נישטאָ קיין סודות"!... און ווידער איז ער אַ לאַנגע צייט געשטאַנען, געקוקט אויף זיי ביידען און נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן... און ענדליך האָט ער צום לעצטען מאָל אויסגע־רופען: „ווער מיר גלוסט, זאָל קומען צו מיר"! און ער האָט זיך, אַ פער־חלש'טער, אַראָבגעלאָזט צו דער ערד...

און פול מיט יאוש איז זיין לעצטער רוף געווען... און דער באַרג, די שטיינער, דער טייך, אַלץ, אַלץ האָט נאָכגעשריען זיין פערצווייפעלטען רוף. פון וואָס ס'האָט אָנגעהויבען ציטערען די לופט...

און, אַז ער האָט צום דריטען מאָל אויפגעוואַכט, איז שוין די לבנה פערבלייכט געווען; און אַ געדיכטער גרויער נעבעל האָט פערשטעלט פון איהם דעם טייך און דעם באַרג, צוזאַמען מיט די צוויי שעהנע יונג־פרויען...

ער איז געווען אַליין...

„אונטען קיין לעבען פערהאַן, און אויבען קיין סודות"!...

און ער האָט זיך אויף אַ שטיין געזעצט, דעם קאָפּ אין די הענד בע־האַלטען, און זיך פערטראַכט...

— — — — — — — — — — — —

# די בייזע געטין

## (א גריכישע לעגענדע).

---

אמאל איז זי א גוטע, א וואונדערבאר גוטע געווען! צארט און זיידענווייך איז געווען איהר הויט, פון איהרע אויגען האבען שטראהלען ליכטיגקייט און גוטסקייט געשלאגען.

און צעאוס (דער גאט איבער אלע געטער) האט איהר ארט אויפ'ן בארג אלימפ, צווישען די געטער בעשטימט, און איהר געמאכט פאר די געטין פון גוטסקייט און טרייסט.

און די ערשטע שליחות האט ער זי געשיקט אויסצופיהרען:

ניט ווייט פון בארג אלימפ איז א רייכער פאלאץ געשטאנען, און פון פאלאץ האט זיך, נאכט איין נאכט אויס, דאס געוויין פון א קליין קינד גע־לאזט הערען. ביי דעם קינד איז די מוטער געשטארבען; דער פאטער האט אן אנדער ווייב גענומען, וועלכע ער האט שטארק ליעב געהאט. און די ליעבע האט איהם געמאכט אן זיין קליין קינד פערגעסען. און אלע נאכט, ווען פון דעם פאטער'ס חדר פלעגט זיך דאס ליידענשאפטליכע קלאנג פון קושען הערען, פלעגט דאס פערלאזען קינד נאך זיין מוטער'ס קושען לעכצען, און ביטערליך וויינען.

און דעם גרויסען גאט צעאוס האבען די טרעהרען פון דעם אונשולדיג־פערלאזען קינד געריהרט, און ער האט צו איהם די גוטע געטין געשיקט.

---

און ווייך איז געווען דאס קארפעט וואס האט צום קינד'ס פערגאלדעטען בעטעל געפיהרט, שוועבענדיג־לייכט זיינען געווען דער גוטער געטין'ס טריט; דאס קינד האט איהר קומען ניט בעמערקט, ווייל עס האט די פערוויינטע אויגען צום פאטער'ס טיהר געהאלטען; נאר, אז זי האט מיט איהר ווייך־זיידענער האנד זיינע לאקען בעריהרט, האט עס פלוצלונג אן פאטער און מוטער פערגעסען און וויינען אויפגעהערט.

און, אז די גוטע געטין האט דעם פער'יתום'טען קינד געמאכט אנ־זעטיגען מיט מוטער־ליעבע, פאר זיין גאנצע קינדהייט, איז זי, מיט א

שיינענדיג־גוט געזיכט, צוריק אויפ'ן בארג געקומען און פאר'ן גרויסען גאָט צעאוס געקניהט.

און צעאוס האָט זיך שטארק געפרעהט איבער איהר, און ער האָט זי געשיקט נאָך א שליחות אויסצופיהרען:

אויף א גרינעם פערלאָזענעם פעלד, איז א צווייגען־געצעלט געשטאַנען, אין געצעלט האָט א בלייך־פנים'דיגער יונגערמאַן געוואָהנט.

מיט א צייט צוריק האָט זיך דאָ דער יונגערמאַן מיט זיין בלאָנד־לאָקיגע געליעבטע בעזעצט, דאמאָלס האָט נאָך אויף זיין געזיכט א רויטע פארב געשפיעלט און אין זיינע אויגען האָט דער יוגענד־פייער געברענט. פון א גרויסער שטאָדט האָט ער זיין געליעבטער געבראַכט. לייזענשאַפטליך שטארק איז געוועזן זיין ליעבע צו איהר, און די אייפערזוכט האָט זיין הארץ פער־צעהרט. פון מענשליכע אויגען איז ער מיט איהר אנטלאָפען און זיך אין דעם לעערען פעלד בעזעצט. און דער יונגערמאַן האָט פאַר זיין געליעבטערס וועגען פון גרינע צווייגען א געצעלט געפלאָכטען, און עס מיט בלומענ־קרענץ פערציערט. און ארום געצעלט האָט ער בלומען־בייטען פערפלאַנצט, וועלכע האָבען געבליהט און געשיינט אין אַלערליי פארבען, און רויט־זיי־דענע פאַרהאַנגען האָבען איבער'ן טיהר פון געצעלט געפלאַטערט און ניט צוגעלאָזט די שטראהלען פון דער זון. און אַלע טאָג ביים זונען־אויפגאַנג, פלעגט זיך דער זיידענער פאַרהאַנג פערציהען און פון בלומען־געצעלט פלע־גען די גליקליכע געליעבטע ארויסגעהן און מיט געזאַנג בעגעגענען דעם יונגען טאָג.

אין א צייט ארום האָט דאָס געזיכט פון דער בלאָנד־לאָקיגער מיידעל אַנגעהויבען בלייכער און בלייכער צו ווערען: צו אומעטיג איז איהר דאָ געוואָרען, און זי האָט נאָך די מענשען געבענקט. זי האָט איהם פערלאָזט. און ער איז אַליין אין לעערען פעלד געבליעבען: און פון דאמאָלס אָן איז אויך בלייך געוואָרען זיין געזיכט. און פון דאמאָלס אָן, ביי יעדען זונען־אויפגאַנג, ווען ער קומט פון זיין געצעלט אָהן זיין געליעבטער ארויס, בעפאַלט איהם א אומעט, און ער קניהט פאר'ן לעערען געצעלט און הויבט אָן זינגען א ליעד.

און פול מיט זיסע לייזענשאַפטליכע בענקשאַפט און קלעמענדע אנגסט איז זיין ליעד. און דאָס שטילע וויסטע פעלד צוטראָגט זיין בענקשאַפט־ליעד אין טויזענדער קלאַנגען ווייט ארום. און די פויגלען אויף די בוימער פער־געסען זייער אַלט־פאַרמיגען געזאַנג און זינגען מיט זיין בענקשאַפט־ליעד, און די וועלען פון ים פלעסקען מיט דעם אייגענעם מאָטיוו, און די בערג פער־טרויען איינס דאָס אנדערע דעם הייליגען געזאַנג; און דעם גרויסען גאָט צעאוס געפעהלט דאָס וואונדערבאַרע זינגען.

און איין פריה־מארגען האט דאס וואונדערבארע ליעד פערפעהלט: דער זינגער איז קראנק געלעגען אין זיין איינזאמען געצעלט. און צעאום האט איהם צו העלפען און טרייסטען די גוטע געטין געשיקט.

---

האלב שוועבענדיג האט זי צו דעם קראנקען זינגער'ס געלעגער געגעהנט. אויף א בינטעל שטרוי איז ער געלעגען, די לבנה שטראהלען האבען זיין בלייכען געזיכט בעלויכטען, ער איז געלעגען פערזונקען אין טיעפען, בע־וואוסטלאזען שלאף און זיינע בלייכע ליפען האבען עפעס טרויעריגעס און אונפערשטענדליכעס געשעפצעט.

און די גוטע געטין האט געקניהט פאר איהם, און זי האט מיט איהרע צארטע הענד זיין קראנקען קאפ אויפגעהויבען און צו זיך אויף דער ברוסט אנגעלעהנט... און די לבנה האט א גאנצע נאכט זייערעביידענס קעפ בע־לויכטען... און אויפ'ן אנדערען טאג, ווי נאר די זון האט זיך אנגעהויבען פון מארגען־רויטקייט אויספלעכטען, האט שוין דער קראנקער זינגער צוריק פאר'ן געצעלט געקניהט און, נאך מיט א העלערע, קלאהרערער שטימע ווי פריהער, געזונגען זיין ליעד.

און מיט א שיינענדיג־גוט געזיכט איז די געטין צוריק אויפ'ן בארג געקומען און פאר'ן גרויסען גאט צעאום געקניהט.

און צעאום האט זיך זעהר געפרעהט איבער איהר, און ער האט זי געשיקט נאך א שליחות אויסצופיהרען:

ניט ווייט פון די הויכע שטיינער־בערג האט זיך געפונען אן אלטע שטאדט. און די שטאדט איז געווען ארומגערינגעלט מיט זיעבען הויכע ווענד, וועלכע זיינען געוועזען פון גרויע שטיינער געבויט, און דערפאר האט מען זי גערופען: „די גרויע שטאדט". און אין דער גרויער שטאדט האט גע־וואהנט א רייכער מאן וואס האט געהאט זעהר פיעל קנעכט. און דער רייכער מאן איז זעהר א בייזער געווען, און ער פלעגט אין זיין האנד א בונד מיט אייזערנע ריטער האלטען און דערמיט פייניגען זיינע קנעכט. און דאס גע־שריי פון די געשלאגענע פלעגט זיך איבער די ווענד פון די מויערען טראגען און פערטויבען די לופט.

און איינמאל האט איינער פון זיינע קנעכט, א הויכער ברייט־שולט־ריגער מאן אנגערעדט זיינע ברידער פון זייער בייזען הערן צו אנטלויפען, און זיי האבען איהם געפאלגט.

און דער ברייט־שולטריגער האט זיי געפיהרט פאראויס, און זיי האבען די זיעבען שטארקע מויערען דורכגעבראכען, און זיינען אנטלאפען אויסען שטאדט. און זיי האבען זיך אבגעשטעלט אויף א לעערען פעלד און דער

ברייט־שולטריגער האָט זיי אָנגעהויבען לערנען, ווי אַזוי אָהן די הערדן אויס־צוקומען...

און דאָס געשריי און קרעכצען אין דער גרויער שטאָדט האָט אויפגע־הערט.

און דער בייזער הערר האָט אַ יונגע, שוואַרץ־אויגיגע טאָכטער גע־האַט, וועלכע דער ברייט־שולטריגער העלד האָט זעהר ליעב געהאַט. און זייענדיג אין לעערען פעלד, איז איהם אַ בענקשאַפט נאָך זיין בייזען הערר׳ס טאָכטער בעפאַלען... און דאָס בענקשאַפט האָט זיך אַלץ איבער איהם גע־שטאַרקט, און מרה שחורה איז איהם בעפאַלען, און ער האָט זיינע ברידער־קנעכט פערלאָזט, און ער האָט זיך אין אַ הייל בעהאַלטען און געטרויערט.

און די קנעכט האָבען נאָך ניט געוואוסט ווי אָהן אַ הערדן אויסצוקו־מען. זיינען זיי צוריק אין שטאָדט געגאַנגען. און זייער בייזער הערר איז נאָך בייזער געוואָרען, און נאָך מעהר ווי פריהער האָט ער זיי געפייניגט, און זייערע זיפצען און קרעכצען האָבען זיך איבער די הויכע גרויע מויערען געטראָגען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבען ביז צום גאָט צעאוס דערגרייכט.

און דער גרויסער גאָט צעאוס האָט דערפון פיעל צער געהאַט, און ער האָט די גוטע געטין צו דעם אומעטיגען העלד געשיקט.

און פינסטער איז געווען די נאַכט.

שפּיציגע שטיינער און פעלזען האָבען דעם הייל פערשטעלט. זי האָט אָבער מיט לייכטע טריט איבער די שפּיציגע פעלזען געשוועבט און צום הייל דערגרייכט.

פורכטזאַם פינסטער איז געווען אין דער הייל, און אין דער פינסטער־קייט האָבען דעם אומעטיגען העלד׳ס אויגען געקוקט מיט אַ ווילדען פער־צווייפעלטען גלאַנץ.

און די גוטע געטין האָט געקניהט פאַר איהם, און מיט איהרע ווייך־זיידענע גוט־שטראַהלענדע אויגען, האָט זי אין זיינע אומעטיגע אויגען אריינ־געקוקט... און, אַז דורך די שפּאַלטען פון הייל, האָבען די ערשטע גרויע שטרייפען פון מאָרגענשטערען אריינגעשיינט, האָט דער ברייט־שולטריגער מאַן דעם הייל פערלאָזט, און איז, מיט גבורה־לייכטענדע אויגען, צוריק צו זיינע ברידער געגאַנגען.

און דאָס קרעכצען פון די געשלאָגענע קנעכט האָט אויפגעהערט. און די גוטע געטין איז, מיט אַ שיינענדיג געזיכט צוריק אויפ׳ן בארג געשטיגען און פאַר׳ן גרויסען גאָט צעאוס געקניהט:

און צעאוס האָט זיך זעהר געפרעהט איבער איהר. און ער האָט זי געשיקט נאָך אַ שליחות אויסצופיהרען:

אויף אַ קליינעם אינזעל האָט אַ יונגער פישער מיט זיינע אַן אַלטע מוטער געוואָהנט.

און שטיל און רוהיג איז זייער לעבען געפלאָסען. וואונדערבאר ליעב האָבען זיך מוטער און זוהן געהאט ! און אַלע טאָג, ביים זונען־אונטערגאַנג, פלעגען זיי זיך ביידע אויף אַ גרויסען שטיין זעצען, וועלכער איז געלעגען ביים ברעג פון מעער, דער יונגער זוהן פלעגט זיין שוואַרץ־געלאָקטען קאָפּ אויף זיין מוטער׳ס שויס אָנלעהנען, זי פלעגט מיט איהרע צאַרטע, פון עלטער ציטערנדע הענד, זיינע האָר גלעטען, און איהם דערביי דערצעהלען מעשה׳־לאַך פון די ים־סודות, פון וועלכע זי האָט אַזוי פיעל געוואוסט. און אַז די זון פלעגט זיך הינטער׳ן וואָלקען בעהאַלטען, פלעגט דער יונגער פישער ווי פון אַ חלום ערוואַכען, זיין מוטער׳ס שויס פערלאָזען, און אין זיין פישער־שיפעל שטייגען.

די מוטער פלעגט איהם לאַנג נאָכקוקען, און אַז די ווייסע זעגלען פון זיין שיפעל האָבען שוין אין דער ווייטקייט ווי די צאַרטע פליעגעלאַך פון אַ שמעטערלינג אויסגעזעהן, פלעגט די מוטער איהרע הענד צום הימעל הויבען, און אַ תפלה צו דעם גרויסען גאָט צעאוס שיקען, ער זאָל איהר איינציג געליעבטען זוהן פון אַלעם בייזען בעשירמען

און די שטילע — ווי די שטורמישע — וועלען פון ים פלעגען פאַר צעאוס די פרומע ריינע תפלות ברענגען, און ער האָט דערפון פיעל נחת געהאַט.

און איינמאָל איז איבער׳ן ים אַ גרויסער שטורעם ענטשטאַנען. די אויפ־גערעגטע וועלען האָבען זיך איינס אַן דאָס אַנדערע אָנגעשלאָגען און פירכ־טערליך געברומט... און העכער פון דאָס פורכטזאַמע וועלען־גערויש, האָט זיך פאַר צעאוס געטראָגען דאָס געבעט פון דעם שיפער׳ס פערצווייפעלטער מוטער.

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער שטורעם געהאַלטען, און אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט דאָס געבעט... מיט׳ן מאָרגענשטערען צוגלייך האָט ביידעס אויפגעהערט.

דער יונגער פישער האָט זיך ניט צוריקגעקעהרט, און פון דאַמאָלס אָן האָבען אויפגעהערט די תפלות פון זיין מוטער. צו איז זי צאָרניג געוואָרען אויף צעאוס ? ווער וויים ? . . .

און דער גרויסער גאָט צעאוס האָט רחמנות געהאַט אויף דער עלענדער מוטער, און ער האָט זיך נאָך איהרע פרומע תפלות פערבענקט, און ער האָט זי, צו טרייסטען די גוטע געטין געשיקט.

מיט'ן מאָרגענשטערען צוגלייך איז זי געקומען צו איהר. אויפ'ן זעל־בען שטיין, וואו זי פלעגט מיט'ן געליעבטען זוהן זיצען, איז די פערצווייפעלטע מוטער געזעסען און מיט אַ פערשטיינערטען בליק אויף די בלויע שטילע וועלען פון ים געקוקט.

אַ גאַנצען טאָג איז די גוטע געטין ביי דער טרויעריגער מוטער געבליבען. און, אז זי האָט, ביים זונען־אונטערגאַנג, דעם אינזעל פערלאָזט, האָט די אַלטע מוטער איהרע הענד אין אַ געבעט צוזאַמענגעלייגט, די פערטראַכטע אויגען האָט זי צום גרויסען גאָט צעאוס ערהויבען, און איהרע בלייכע ליפּען האָבען, פאַר איהר געליעבטען זוהן'ס זעעלע, אַ תפלה געשעפּצעט...

און ווידער האָט די גוטע געטין, מיט אַ שיינענדיג געזיכט, אויפ'ן באַרג געשטיגען, און פאַר'ן גרויסען גאָט צעאוס געקניהט.

און צעאוס האָט זיך זעהר געפרעהט איבער איהר, און נאָך אַ שליחות האָט ער זי געשיקט אויסצופיהרען :

ווייט הינטער'ן הויכען געטער־באַרג אין אַ טיעפען טהאָל האָט זיך געפונען אַ שטאָדט, וועלכע מ'האָט גערופען „די רויטע שטאָדט". און ביים ברעג פון דער רויטער שטאָדט האָט אַ גרויסער טייך געפלאָסען, און די וועללען פון טייך זיינען בלוט־רויטע געוועזן. און דער וואָלקען פלעגט זיך אין רויטען טייך אַנטרינקען און דער הימעל איבער דער שטאָדט האָט זיך געצויגען אין אַ קופּער־רויטען קאָליר... און די איינוואָהנער פון דער שטאָדט זיינען בלייך־פּנים'דיגע געוועזן און זייערע אויגען זיינען, פון רויטען שיין, ווי מיט אַ נעבעל פערצויגען געוועזן... און איבער דער שטאָדט האָט אַ רויט־האָריגער האַר געקעניגט, און דער רויטער האַר האָט געהאַט ביי זיך זעהר פיעל רויט־האָריגע קנעכט. און דער רויט־האָריגער הערשער, איז אַ פורכט־זאַם־בייזער געוועזן ! און פורכטזאַם־בייזע זיינען אויך געוועזן זיינע קנעכט. און דער רויטער האַר מיט זיינע קנעכט פלעגען די בלייך־פּנים'דיגע איינ־וואָהנער זעהר פיעל צרות אָנטהאָן ; און די האָבען געזיפצט אונטער'ן שווערען יאָך.

און איינמאָל, מען ווייס ניט פון וואַנען, און ס'האָט זיך אין רויטען טייך אַ נייער שטראָם אַריינגעריסען. און פריש און זילבער־קלאָהר איז געוועזן דאָס וואַסער פון נייעם שטראָם. און די קלאָהרע וועללען האָבען דאָס בלוט־רויטע וואַסער געלויטערט, און זילבער־קלאָהר איז געוואָרען דער טייך. און דער וואָלקען האָט זיך אין די זילבערנע וואַסערען אָנגעטרונקען און איבער'ן שטאָדט האָבען זיך קלאָהר־ווייסע כמאַרעס געצויגען און דעם

הימעל געלייטערט. און די פערנעבלטע אויגען פון די איינוואָהנער זיינען ליכטיג געוואָרען — — — —

און דער רויט־האָריגער הערשער האָט דערפון זעהר פיעל צער געהאַט: און ער האָט טאָג און נאַכט געקלעהרט ווי אַזוי דעם טייך צוריק רויט צו מאַכען . . .

און איינמאָל האָט ער געלאָזט צוזאַמענרופען די יונגסטע און שעהנסטע מענער פון שטאָדט און ער האָט זיינע רויטע קנעכט בעפוילען, די בליהענדע מענער צו שעכטען און מיט זייער בלוט , דעם קלאָהר־געוואָרענעם טייך רויט צו פאַרבען... די רויטע קנעכט האָבען זיין בעפעהל פאַר זיינע אויגען אויסגעפיהרט : איינס נאָכ'ן אַנדערען האָט מען די יונגע מענער גע־שטאָכען און זיי אין טייך אַריינגעוואָרפען. און, אַז זיי זיינען געקומען צום לעצטען, האָבען זיי זיך אַ ווייַלע אָבגעשטעלט : ער איז נאָך אַזאַ יונגער געווען, מיט אַזאַ מילד־בלייכען געזיכט : און דער בלייכער מאַן האָט פאַר'ן רויטען הערר'ן געקניהט און איהם געבעטען :

„גרויסער הארר ! לאָז מיר נאָך אַ פּאָר טעג צייט, אין אַ ווייטען דאָרף וואָהנט מיין געליעבטע כלה, איך וועל זיך מיט איהר געזעגענען !״

און דער רויטער הארר האָט זיין בקשה אַנדערש דערפילט : ער האָט געלאָזט דער יונגער כלה אין ווייסע קליידער אָנטהאָן, זי פאַר'ן געליעבטען געבראַכט און באַלד דארויף מיט זיין בלוט איהרע ווייסע קליידער פערציערט...

און דער טייך אַרום דער רויטער שטאָדט האָט זיך ווידער רויט גע־פאַרבען, און דער הימעל האָט זיך אין אַ קופּער־קאָליר איבער'ן שטאָדט געצויגען, און די איינוואָהנער'ס אויגען זיינען צוריק פערנעבעלט געוואָרען, און דער רויטער הארר מיט זיינע קנעכט האָבען ווידער געקעניגט.

נאָר פון דאַמאָלס אָן, נאַכט איין נאַכט אויס, ווען די רויטע שטאָדט פלעגט איינשלאָפען, פלעגט די יונגע כלה איהר רויט־בעפלעקטען קלייד אָנ־טהאָן און ביים רויטען טייך איהר געליעבטען חתן בעוויינען.

און דעם גרויסען גאָט צעאוס האָבען געריהרט די טרעהרען פון דער יונגער כלה, און ער האָט צו איהר די גוטע געטין געשיקט.

---

לאַנג האָט זיך דאָס מאָל די גוטע געטין געזאַמט. צעאוס איז אונרוהיג געוואָרען. און, אַז זי איז צוריק געקומען, האָט איהר צעאוס ניט דערקענט : פאַרמעט־געל איז געווען איהר געזיכט און דורכגעשטרייפט מיט טיעפע, פערגליווערטע קנייטשען, אייזען־האַרט איז גווען דאָס הויט פון איהרע הענד און אין איהרע אויגען האָט אַ בייזער, פערגליווערטער פייער געגלאַנצט. און

זי האָט זיך געשטעלט אַקעגען דעם גרויסען גאָט צעאוס, און מיט אַ הייזעריג־הארטען קול האָט זי געזאָגט :

„גרויסער צעאוס ! צו שוואַך איז די טרייסט אַקעגען מענשליכע ליידען. איך קען מעהר ניט זיין די געטין פון גוטסקייט און טרייסט, זאָנדערן פון נקמה, פערניכטונג און בייזעם !”

און דער גרויסער גאָט צעאוס איז טרויעריג געוואָרען. — — — —

— — — — — — — — — — — —

פון דאמאָלס אָן, אז ביי עמיצען טרעפט אַן אונגליק, ווייסט מען, אז דעריין שטעקט די האַנד פון דער שלעכטער, בייז־געוואָרענער געטין...

# די פידעלע

(א מעשה׳לע דערצעהלט פון א פעסימיסט).

— דו בעטסט, איך זאל דיר דערצעהלען א מעשה׳לע, קינד ? איך וועל דיך פאלגען. לייג דיין צארטען קאפ אין מיין שויס ! ניט פורכט זיך פאר מיר, און פערנעהם מיינע רייד.

— אויפ׳ן הימעל ווי מען גיט איבער, פיהרט זיך אלץ מיט א געוויסען סדר : פאר צדיקים איז פארהאן א גן־עדן און דארט איז וואונדערבאר שעהן ! גרויסע ליכטיגע זאלען, די וועגד מיט אלערליי העל־פארביגע בלומען בעמאלט, די פענסטער זיינען גרויסע, פון קריסטאל, און פאר די פענסטער פרוכט־גערטנער מיט אלערליי גן־עדן פרוכט בעהאנגען. די צדיקים זיצען אויף גאלדענע שטוהלען, מיט גרויסע ספרים אין די הענד און לערנען. און ליכטיג איז דארט ! דער אור־הגנוז צוגיסט זיך אין אלערליי פארבען און בעשיינט און בעלייכט די צדיקים׳ס קעפ.

פאר רשעים, ווידער, איז פערהאן א גיהנום מיט זיעבען אבטהיילונגען. דאס זיינען אזא סארט איינגע, פינסטערע קאמערען. און דארט ווערען די רשעים גענייטערט : אנדערע קאכט מען אין סמאלע, אנדערע הייננט מען פאר די צונג — ווייבער פאר די ברוסט — מען שמייסט מיט אייזערנע ריטער, מען ווארפט כף־הקלע און ז. וו. א. ז. וו. און אז מען לייטערט זיי אויס אויף אזוי פיעל, אז זיי האבען מעהר קיין כוח רשעים צו זיין, לאזט מען זיי אריין אין גן־עדן, וואו זיי זיצען שטיל און רוהיג צוגלייך מיט אלע צדיקים . . .

צו צדיקים און רשעים זיינען פערהאן נאך צוויי כיתות : קדוש־השם׳ניקעס און מאבד־עצמו־לדעת׳ניקעס, די ערשטע שטארבען פאר׳ן גלויבען ; די צווייטע זיינען בוגד אין אלעס, אפילו אין לעבען אויך, און לייגען אליין די האנד אויף זיך . . . די ערשטע, אז זיי קומען אויף יענער וועלט, נעהמט מען זיי גלייך אין גן־עדן אריין, און מען גיט זיי אב דעם

שעהנסטען פלאץ ; די צווייטע, אָבער, נעהמט מען אריין גלייך אין גיהנום, פון וואנען זיי קומען שוין קיינמאָל ניט ארויס . . .

---

און אין איין צייט, שוין לאנג, גאנץ לאנג איז עס געווען, איז אין דער גן־עדן אבטהיילונג געוואָרען א מהומה : אומצוקומען אויף קדוש־השם איז אויף דער וועלט געוואָרען א מין מאָדנע־זאַך און עס האָבען אָנגעהויבען אויף יענער וועלט צו קומען מחנות־ווייז קדוש־השם׳ניקעס אזוי, אז עס האָט פערפעהלט אָרט.

קיין גרויסע בייז איז אָבער דערפון ניט ארויסגעקומען : פאר אין ברירה האָט מען צוגענומען נאָך א שטיק הימעל, אוועקגעשטעלט נאָך גאָל־דענע שטוהלען, און ס׳איז גיך געוואָרען שטיל און ווידער רוהיג . . .

האָט זיך די רוהיגקייט געצויגען א גאנצען דור צייט. נאָכדעם איז געוואָרען אן אנדער מהומה : עס איז אויפגעשטאַנען אויף דער וועלט א גאנצער דור פון מאבד־עצמו לדעת׳ניקעס און זיי האָבען אויך אָנגעהויבען קומען מחנות־ווייז אויף יענער וועלט . . .

דאָ איז שוין ניט גוט געווען : די גיהנום־קאַמערען זיינען קליינע, ס׳איז אזוי אויך גענוג איינג. האָט מען זיי צוזאַמענגעפּרעסט אין די איינגע קאַמערען ; זיינען אָנגעקומען נאָך און נאָך מחנות ; און זיי האָבען אויסגעפּיהלט אַלע לעכער, אַלע שפּאַלטען, אַלע קאָררידאָרען און צימערען. און אז עס זיינען נייע מחנות אָנגעקומען האָבען זיי שוין ביז׳ן גן־עדן־אבטהיילונג אָנגעשפּאַרט . . .

און דאָס האָט ניט געטויגט : דעם גן־עדן מוז זיין אָבגעזונדערט, מען טאָר צו די צדיקים אבי וועמען ניט צולאָזען . . .

און נייע מחנות זיינען דערוויל אַלץ אונטערגעקומען.

האָבען זיך פערזאַמעלט די שרים פוןביידע אבטהיילונגען אן עצה צו האַלטען.

האָט מען בעשלאָסען קודם כל מאַכען אן אויספאָרשונג.

האָט מען צוזאַמענגערופען די מאבד־עצמו׳ניקעס און געפרעגט : נאָך וואָס לייגען זיי די הענד אויף זיך ?

איז געוואָרען א טומעל פון אַלערליי קולות. האָבען מחנות מיט שטריק אויף די העלזער געהאָרחעלט : „ברויט" . . . און די קולכ׳לאַך האָבען זיך אריינגעמישט — ווייבערשע — אנדערע פון זיי האָבען, האַלב זינגענ־דיג, געשריען : „פרייע ליעבע" . . . אנדערע ארויסגעזיפצט : „אָהן ליעבע" . . . אנדערע ארויסגעגענעצט : „אָהן אידעאַלען" . . .

האָבען אָבער העכער פאר אַלעמען געשריען די מחנות וואָס האָבען

געהאט קוילען אין שטערען. און די האבען געשריען: „קליין די וועלט, קליין די מענשען, אלץ איז קליין, קליין, קליין״! . . .

האבען די שרים געזעהן, אז די מחנות זיינען די מעהר־צאהל; האבען זיי פערשטאנען, אז די וועלט ליידט פון קליינקייט . . . אז מען מוז די וועלט מתקן זיין, אז ניט איז א סכנה פאר׳ן הימעל. האט מען זיך אנגעהויבען עצות האלטען, ווי אזוי מתקן צו זיין די וועלט.

האט מען אבגעקלעהרט, אויסקלייבען א שעהנעם, הויכגעוויקסיגען מלאך, איהם אראבשיקען אויף דער ערד, כדי די ווייבער זאלען זיך פערקוקען אויף איהם; און, אז עס וועלען געבארען ווערען גרויסע און שעהנע מענשען, וועט די וועלט אויפהערען ליידען פון קליינינקייט...

האט מען אזוי געטהאן.

---

האט זיך דער מלאך אראבגעלאזט אויף א הויכען בארג (מלאכים ניעדערען ניט גלייך אונטען אויף דער ערד) און פון בארג האט ער אראבגעקוקט אין דער ניעדער און דעם ישוב בעטראכט. איז איהם פינסטער געווארען פאר די אויגען . . .

דורך א רויכיגען נעבעל האט ער דערזעהן ריעזיג־גרויסע הייזער און אין זיי א סך קליינע מענשעלאך . . . גרויסע מערק און אויף זיי האבען געווימעלט, אהן א צאהל, קליינע מענשעלאך . . . גרויסע, שטיינערנע סטאטועןן און נעבען זיי קליינע מענשעלאך . . . און א כאאס! איינס שטויסט ס׳אנדערע מיט די הענד, שטופט מיט די פיס, בייסט מיט די צייהן אין אנדערענס פלייש.

האט, דאס אלץ זעהענדיג, א שרעק דורכגענומען דעם מלאך.

איז ער אבער א מלאך געווען. האט ער רחמנות געקריגען אויף די אונגליקליכע מענשען פון ישוב, און דעם הימעל געדאנקט וואס ער האט איהם מיט אזא גרויסע שליחות בעשערט. האט ער פערלאזט דעם בארג און איז אין ישוב געגאנגען.

איז ער אריינגעקומען אין א שטאדט און אנגעהויבען ארומבלאנדזשען אין צענטער וואו די רייכע וואהנען, כדי די רייכע ווייבער זאלען זיך פערקוקען אויף איהם . . .

האבען אבער די רייכע ווייבער גלייך דעם קאפ געהאלטען, און ער איז הויך־געשטאלטיג געווען, האבען זיי איהם ניט בעמערקט . . .

איז ער אוועק אין דארף. האט ער, אויף א גרינער לאנקע, געזעהן א יונגען הירט מיט א הירטין די שאף ווייידען. זיינען די הירטינס געווייינט אויפ׳ן הימעל צו קוקען. האט זי איהם דערזעהן און זיך פערקוקט . . .

האָט צו דער צייט די יונגע הירטין אַ קינד געבאָרען, איז עס אַזוי שעהן געווען ווי דער מלאך. האָבען זיך די איבעריגע ווייבער פון דאָרף אויפ'ן קינד פערקוקט. און עס האָבען אָנגעהויבען געבאָרען ווערען אין דאָרף קינדער איינס שעהנער פאר ס'אַנדערע.

האָבען די ווייבער פון די אָרעמע קוואַרטאַלען, וועלכע קומען האַנד־לען אין דאָרף, זיך פערקוקט אויף די דאָרפס־קינדער. און דער אָרעמער קוואַרטאַל איז אויך געבענשט געוואָרען מיט מלאכים־קינדער.

האָט אַ מאָל אַן אָרעמע פרוי געוואַשען וועש ביי אַ רייכער פון צענטער, און האָט מיטגעבראַכט אַהין איהר קינד. האָט זיך די רייכע פרוי פערקוקט אויף איהם און אויך געבאָרען אַ מלאך־קינד. און דער צענטער איז אויך בע־שיינט געוואָרען . .

זיינען פאַריבער איניגע יאָהר, און דער נייער דור איז אויפגעוואַקסען, איז געווען, מיט גלייכע געשטאַלטען און הויכע, ברייט־שולטערדיגע זיינען אַלע געווען, מיט גלייכע געשטאַלטען און מיט צאַרט־ראָזיגע פנים'ער.

האָט דאַמאַלס די וועלט אויפגעהערט ליידען פון קליינקייט; און אויפ'ן הימעל איז רוהיג געוואָרען . . .

---

איז אָבער אין אַ צייט אַרום דער מלאך טרויעריג געוואָרען: ער האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז ער האָט זיין שליחות ניט גוט אויסגעפיהרט, ווייל דער נייער דור איז נאָר אין געשטאַלט עהנליך געווען צו מלאכים; זייערע נשמות אָבער, זיינען געווען מגושם'דיג און פראָסט . . .

האָט איהם דער טרויער דורכגענומען. איז ער צום הימעל געקומען, פאַר'ן כסא הכבוד געקניעט און געוויינט און געבעטען: „ליעבער גאָט! האָב רחמנות אויף דיין וועלט! לערען מיר, ווי אַזוי צו לייטערן די מענש־ליכע נשמות".

האָט גאָט צוגעהערט זיין געבעט, האָט מען איהם פון פמליא של מעלה אַ גאָלדענע פיעדעל דערלאַנגט און געזאָגט:

„געה שפּיעל!"

האָט ער פון הימעל געגידערט, מיט'ן פיעדעל אין האַנד, צוריק אין ישוב אוועק, און אָנגעהויבען צו שפּיעלען.

האָט ער פון שעהנקייט געשפּיעלט.

האָט דער גרויסער דור מיט אַמאָל די שעהנקייט דערפיהלט און אָנגע־הויבען מיטזינגען. זיינען זייערע נשמות דורכדעם געוואָרען צאַרטער און איידעלער . . . איז דער ישוב, דורך דעם, אויך געוואָרען שעהנער, ווייל זייער געזאַנג האָט די שוואַרצע נאַכט ליכטיג געמאַכט . . . דעם גרויען

וואָלקען, אַז זיי האָבען בעזונגען, איז ער ווייס געוואָרען ווי שנעע . . . די גראָזען און בלומען זיינען פון זייער געזאַנג אויסגעוואַקסען נאָך אַמאָל אַזוי גרויס. און עס האָט אָנגעהויבען שיינען און גלאַנצען די גאַנצע ערד . . .

זיינען אַזוי אַ צייט מיט יאָהרען אַריבער; האָט דער מלאך, אויפ׳ן הימעלשען פיידעל, פון שעהנקייט געשפּיעלט, און דער גרויסער דור האָט איהם נאָכגעזונגען.

---

איז אָבער, אין אַ צייט אַרום, דער מלאך ווידער טרויעריג געוואָרען. זיין גרויסע, מלאך׳שע האַרץ האָט אָנגעהויבען צו נאָגען אַ בענקעניש, ס׳האָט איהם געפעהלט — וואָס, האָט ער ניט געוואוסט . . .

האָט איינמאָל זיין פערבייִנקט האַרץ שטאַרק צו קלאַפּען אָנגעהויבען... האָבען זיינע צאַרטע פערבייִנקט־ציטערנדע פינגער די סטרונעס פון הימעל־שען פיידעל בעריהרט . . . האָבען זיי שטאַרק צו ציטערען אָנגעהויבען . . . און אַ נייער ליעד — אַ בענקשאַפטס־ליעד — האָט זיך איבער דער וועלט צוטראָגען . . .

האָבען די מענשען פון גרויסען דור, ברייטע הערצער און שטאַרקע געפיהלען געהאַט. האָבען זיי, צוגלייך מיט׳ן מלאך, בענקען אָנגעהויבען.

האָט זיך אַ גרויסע בענקשאַפט איבער דער ערד פערשפּרייט . . . עס האָט אָנגעהויבען בענקען די זונן אין הימעל . . . עס האָט געבענקט די שוואַרצע נאַכט . . . עס האָבען אין וואַלד די פויגעל געבענקט, און די ימים האָבען, פאַר בענקשאַפט, אונרוהיג געברויזט . . .

האָט זיך דער מלאך קיין אָרט ניט געפונען. האָט ער אָנגעהויבען וואַנדערען, איז ער געגאַנגען, מיט׳ן פיידעל אין האַנד, דורך וואַלד און פעלד, דורך שטאָדט און דאָרף און אומעדום זיין בענקשאַפט געשפּיעלט. איז ער איינמאָל דורכגעגאַנגען דורך אַ געדיכטען וואַלד. איז ער דורשטיג געוואָרען און האָט זיך נעבען אַ טייך אָבגעשטעלט. האָט ער זיך איבער׳ן וואַסער איינגעבויגען און טרינקען געוואָלט. האָט ער פּלוצלונג דערזעהן אויפ׳ן וואַסער־שפּיגעל אַ בלייך געזיכט פון אַ יונג מיידעל אָבגלענצען . . . האָט ער זיינע אויגען אויפגעהויבען און דערזעהען אויף אַ פּאַלמע ביים ברעג טייך, אַ יונג מיידעל זיצען. האָט ער זי אָנגעקוקט. איז אויפ׳ן בלייכען געזיכט פון דעם מיידעל אַ וואונדערבאַרע בענקשאַפט צוגאָסען געווען . . . האָט דער מלאך אַ ציטער געטהאָן: ער האָט דערין זיין בענקשאַפט דער־קענט.. האָט ער איהר אין די אויגען אַריינגעקוקט, זיינען זיי פער־שטאַרט געוואָרען פאַר בענקעניש און אין דער ווייטקייט געזוכט . . . האָט ער אין זיי אַ הימעלשע בענקשאַפט געזעהן . . . האָט פּלוצלונג זיין האַרץ

אנדערש צו קלאפען אנגעהויבען . . . האט ער זיין הענקשאפט־ליעד פער־ניעסען און צו דער מיידעל גערופען...

האט דאס מיידעל זיין קול דערהערט, האבען איהרע אויגען מיט א שכינה־גלאנץ צו לייכטען אנגעהויבען, האט זיך איהר בלייכעס געזיכט מיט א בלומען־פארב בעדעקט און זי האט אראבגענידערט צו איהם . . .

האט איהר דער מלאך ביים האנד גענומען, זיינען זיי פון איינע גע־שטאלטען געווען . . . האבען זיי אויפ'ן וואסער־שפיגעל געקוקט, זיינען זייערע געזיכטער איינס צו דאס אנדערע עהנליך געווען . . . האט א גרויסע פרייד זיי ביידען דורכגענומען, זיינען זיי זיך אין די ארעמס געפאלען און איינס דאס אנדערע געקושט . . .

האט דעם מלאך די פרייד איבערוועלטיגט . . האט זיין הארץ וויע־דער שטארק צו קלאפען אנגעהויבען . . . האט ער זיין גאלד־לאקיגען קאפ אויפ'ן ברעג פון פיעדעל אנגעשפארט און זיינע צארטע, פון פרייד ציטערנ־דע פינגער האבען זיך אן די סטרונעס אנגעשלאגען. האט ער אנגעהויבען צו שפיעלען פון פרייד און פון ליעבע . . . איז אבער זיין פרייד צו גרויס געווען . . . האבען זיינע פינגער צו שטארק די סטרונעס בעריהרט און... זיי האבען געפלאצט . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

— דעם סוף פערגעסטו, קינד ? א טרויעריגער סוף ! דער גרויסער דור איז דאס ביי די גרויסע בענקשאפט פערבליעבען. . . צו הערען דעם הימלי־שען ליעד פון פרייד און פון ליעבע איז קיינעם בעשערט . . .

# די בלויע קעניגין

## (א מעשה'לע פיר גרויסע קינדער).

---

ווייט, הינטער די הויכע בערג, אינ'ם לאנד וואו די זונן געהט אויף, איז געווען אמאל א גרויסע שעהנע שטאדט.

און דאס איז געווען מיט פיעלע, פיעלע יאהרען צוריק. הינטער די בערג, אין יענעם לאנד, און יענער שטאדט, האט מען נאך דאמאלס ניט געוואוסט פון קיין קעניג און פון קיין הערשער. נאר אזוי ווי מענשען האבען אלע מאל א טבע צו בוקען זיך פאר עמיצין, האבען זיך די לייט פון יענער שטאדט געבוקט צו א קליין מיידעלע וועלכע מ'פלעגט רופען: „די בלויע קעניגין".

און דאס מיידעלע האט בלויע אויגען געהאט. און געלויכטען האבען זיי — די אויגען! אויף וועמען זי פלעגט זיי אנשטעלען, פלעגט יענער פער'כישופ'ט ווערען פון זייער גלאנץ, און פלעגט קניען פאר איהר.

און ביי דעם מיידעלע איז די מוטער געשטארבען; און דער פאטער איהרער איז זעהר א רייכער מאן געווען, און ער האט זעהר ליעב געהאט זיין פערשטארבען וויב, און זיך ניט געקענט צו קיין אנדער פרוי צוגליי־כען, דערום האט ער זיין גאנצע ליעבשאפט פאר זיין קליין טאכטער'ל אוועקגעגעבען: אין זיין צימער האט ער איהר פערגאלדעטען בעטעל גע־לאזט אריינשטעלען, אליין פלעגט ער זי אנקליידען, עסען געבען און קעמען איהרע גאלדענע האאר.

און דער רייכער פאטער האט געלאזט פון ווייסע גראניט־שטיינער א שעהנעם פאלאץ אויסבויען ביים ברעג פון ים, און אלע טאג, ביי זונען־אונטערגאנג, פלעגט ער, מיט זיין געליעבט טאכטער'ל, אויפ'ן באלקאן פון פאלאץ זיצען, זיי פלעגען ביידע קוקען אויף די פעראייניגונג פון די פלאם־גאלדענע זונן מיט'ן בלויען מעער; און דער פערבענגטער מאן פלעגט פאר זיין קליינעם טאכטער וועגען איהר פערשטארבענער מוטער ריידען, און זיין שטימע האט געקלונגען צארט און ליידענשאפטליך ווייך.

אזוי זיינען צייטען פאראיבער.

און איינמאל פאר־נאכט, ווען זיי זיינען ביידע אויפ'ן באלקאן געזע־סען, האט זיי אויפגעוועקט א ווייך־טרויעריגער קול וועלכער האט גערופען

צו זיי פון אונטען ארויף. זיי האָבען זיךביידע אומגעקוקט. אונטען פאר'ן פאַלאַץ איז געשטאַנען א יונגע פרוי אין שווארצען געקליידעט אין איהרע הענד האָט זי געהאַלטען צוזאמענגעלעגט ווי אין א געבעט. דער רייכער מאַן האָט א ציטער געטהאַן : די יונגע פרוי איז וואונדערליך עהנליך צו זיין פערשטאָרבענער געוועזן.

„וואָס פערלאַנגסטו ?" האָט ער זי געפרעגט, און דאָס מיידעלע איז בלייך געוואָרען. דעם פאָטער'ס שטימע האָט געקלונגען אַזוי ווייך, גלייך ווי ער זאָל מיט איהר פערשטאָרבענער מוטערריידען . . .

„גוטער מאַן", האָט די פרוי געבעטען, „איך פערלאַנג צו זיין נאָ־הענט פון דיר, ווייל דו בינסט עהנליך צו מיין געליעבטען פערשטאָרבענעם מאַן !"

און דער רייכער מאַן האָט אויסגעשטרעקט צו איהר זיינע הענד און אויסגערופען : „שטייג ארויף !" און דאָס מיידעלע איז נאָך בלייכער געוואָרען.

---

און פון דאמאלס אָן איז דאָס מיידעלע טרויעריג געוואָרען : איהר קליין גאָלדען בעטעל, ביי איהר פאָטער אין צימער, האָט מען אויף א גרוי־סער פערטוישט, און דער פאָטער האָט אויפגעהערט זי צו צערטלען, ווייל ער איז מיט זיין נייע געליעבטע פערנומען געוועזן.

און די אייפערזוכט האָט אָנגעהויבען דאָס ווייכע הארץ פון דעם יונגען קינד צו נאָגען, און איהרע בלויע אויגען האָבען זיך מיט א דונקעלן שאָטען פערצויגען.

און די מענשען וואָס זיינען ניט געוויינט טיעפער אריינצוקוקען, איז דער דונקעלער גלאַנץ אין איהרע אויגען ניט געפעלען, און זיי האָבען אויפ־געהערט צו קניען פאַר איהר, און שפּעטער האָבען זיי איהר אָנגעהויבען צרות אָנטהאָן, און נאָך שפּעטער האָבען מוטערס אָנגעהויבען מיט איהר די קינדער צו שרעקען . . .

און דער דונקעלער שלייער האָט זיך איבער דער מיידעל'ס אויגען אַלץ געדיכטער פערצויגען, און זי האָט די מענשען פיינט בעקומען, און זי איז ענטלאָפען פון זיי אין געדיכטען וואַלד אריין.

און, בשעת זי איז אין וואַלד אריינגעקומען, איז נאָך גאַנץ פריה גע־וועזן ; די זונן האָט זיך נאָר וואָס פון מאָרגען־רויטקייט אויסגעפּלאָכטען און געוואָרפען א אָבגלאַנץ אויפ'ן גרינעם זאפטיגען גראָז, און אין בלויען זעפיר האָבען מחנות פויגעל געפליגעלט און געזונגען זייער מאָרגען־ליעד.

און דאָס מיידעלע האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען צום הימעל און זיי זיינען צוריק לויטער געוואָרען. און זי האָט זיך אויף די פויגעל פערקוקט

און אויסגערופען: „אָח, וואָלט איך געהאַט פליגעל, וואָלט איך צוגלייך מיט די פייגלאך געפלויגען און ניט בעדאַרפט צווישען מענשען וואָהנען!"

און זי האָט נאָך ניט אויסגעזאָגט איהר פערלאַנג, ווי פאַר איהרע אויגען האָט זיך אַ ווייסער נעבעל פערצויגען, און זי איז, אָהן כוח, געפאַלען צו דער ערד. און, אַז זי האָט אויפגעוואַכט, האָט זי געפיהלט אַ וואונדערבאַרע גרינגקייט אין איהר גוף, אויף איהר רוקען זיינען צוויי ווייסע מעכטיגע פליעגעל געווען. זי האָט זיי פערנאַנדערגעוויגט און איז אַרויפגעפלויגען אין דער לופט.

* * *

און פון דאָס פליהען אין לופטען, זיינען דער מיידעלס אויגען נאָך בלויער געוואָרען, און איהרע בלאָנדע האָר האָבען בעקומען אַ זונענגלאַנץ, און דער בלויער זעפיר האָט זיך איינגעוועבט אין איהר קלייד.

ווי לאַנג דאָס מיידעלע איז געפלויגען אין דער לופט ווייס מען ניט. נור איינמאָל ביי־נאַכט בשעת זי האָט אויף אַן'אַלטען אייכען־בוים גערוהט, האָט איהר אויפגעוועקט אַ וואונדערבאַרע געזאַנג, בעגלייט פון אַ האַרפע. זי האָט זיך איינגעהערט, און דאָס געזאַנג האָט געקינדעט:

„מיין לאַנד איז אַ גרינעס מיט בליהענדע פעלדער מיט רויזען און בלומען פערציערט.

איך האָב עס פערלאָרען, עס האָט מיך דאָס בענקשאַפט צו מיין געליעבטע דאָס בענקשאַפט פערפיהרט. מיין געליעבטע האָט צאַרט־ווייסע פליגעל, איהר קלייד איז פון זעפיר געוועבט.

מיין בענקשאַפט איז אייביג, איך קען זי ניט גרייכען וויל הויך אין דער לופטען זי שוועבט.

און פערוואָגעלט פון לאַנד
די האַרפע אין האַנד
וואַנדער איך טאָג אַזוי נאַכט
דורך פעלדער און דורך וואַלד
מיין ליעד אימער שאַלט
מיין זעעלע איז אייביג פערשמאַכט".

און דער געזאַנג האָט זיך געטראָגען פון אונטען אַרויף און וואונדערבאַר שעהן האָט עס געקלונגען אין דער שטילער לבנה־נאַכט, און די פייגעל האָבען אויפגעוואַכט אין זייערע נעסטער, אַרויסגעקוקט דורך די צווייגען, זיך איינגעהאָרכט צו דאָס וואונדערבאַרע זינגונג, און אָנגעהויבען מיט־זינגען, און דאָס מיידעלע האָט אויך אַראָבגעקוקט פון דער הויך, און פאַר'ן בוים אויפ'ן ווייכען גראָז איז אַ יונגער מאַן געלעגען, און אַ וואונדערליך בלייכען געזיכט האָט דער יונגער־מאַן געהאַט, און זיינע אויגען זיינען טרויע־

ריגע און פערבענקטע געווען, און זיי האָבען צום הימעל געקוקט, און אויף זיינע בלייבע ליפען האָבען זיך בעוועגט און געזונגען דעם ליעד.

און לאנג האָט דאָס מיידעלע געקוקט אויף איהם, און א רחמנות האָט זי דורכגענומען, און זי האָט פערנאָנדערגעוויגט איהרע ווייסע פליעגעל און איז געפלויגען דעם בלייכען זינגער טרייסטען . . . אָבער פּלוצלונג זיינען איהר די פליגלען שווער געוואָרען, און וואָס נידריגער זי האָט זיך געלאָזט צו דער ערד, אלץ שווערער זיינען זיי איהר געוואָרען, און זי האָט אָנגעהויבען פאלען, פאלען . . . און זי איז אין דעם זינגערס ארעם אריינגעפאלען — — —

און א געדיכטער דונקעלער וואָלקען האָט זיך איבער זיי ביידע אראָבגעלאָזט — — —

דער מאָרגענשטערן האָט זיי אויפגעוועקט. פאר'ן שיין פון יונגען טאָג, האָט דאָס מיידעלע דעם זינגער בעטראַכט. געל און מיעד איז געווען זיין געזיכט, און דער זינגער האָט זי אָנגעקוקט און אויף איהר רוקען זיינען קיין פליעגעל געווען . . . און א טרויער האָט זיי ביידען דורכגענומען. און א גאַנצען טאָג זיינען זיי ביידע געזעסען אין וואלד און געטרויערט. און, אז די לבנה האָט זיך אויפ'ן הימעל בעוויזען, האָט זי איהם געבעטען זינגען זיין ליעד. ער אָבער האָט מעהר ניט זינגען געקענט: זיין שטימע איז געווען געלעהמט...

ביים צווייטען זונען־אויפגאַנג האָט ער זיך אויפגעהויבען און געזאָגט צו איהר: „קום!"

„וואוהין?" האָט דאָס מיידעלע געפרעגט.

„אין גרינעם לאנד", איז געווען זיין ענטפער, „אין לאנד פון די זינגער".

און זיי זיינען ביידע געגאַנגען דורך וואלד און פעלד, דורך שטאָדט און דאָרף, א צייט, א צייט לאנג, ביז זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט צופוסענס א הויכען גרינעם באַרג, און דער באַרג איז בעלויכטען געווען מיט'ן גלאַנץ פון דער זינקענדער זונן, און פון באַרג אראָב האָט זיך צוגאָסען א וואונדערליכער כאָרגעזאַנג ווי א תפלה:

„דאָס מיידעל פון הימעל ענטפלעקט פאר אונז גאָט
מיר זיינען זאָ עלענד פערבענגט
דאָס הארץ איז זאָ באַנגליך געקריינקט
וואו האלסטו פערבאָרגען זי גאָט!
מאַך אונז זעהן איהרע אויגען די הימעלשע בלויע
איהרע האָאָר וואָס איז פלאַמיג ווי גאָלד
איהר קערפער וואָס צאָרט איז און האָלד

וואו האַלסטו פערבאָרגען זי גאָט ?״

און ביים קלאַנג פונ׳ם זינגען האָט דאָס מיידעלס אויגען אויפגעלויכטען, איהרע פיס זיינען ווי בעפליגעלט געוואָרען און זי האָט זיך געלאָזט לויפען באַרג אַרויף.

און די לעצטע זונען־שטראַהלען האָבען נאָך איהר קאָפּ בעשיינט ווען זי איז געקומען אויפ׳ן העכסטען שפּיץ פון באַרג. פאַר איהרע אויגען זיינען אַ כאָר בלאָנד־לאָגיקע זינגער ערשיענען, וועלכע האָבען וואונדערליך בלייכע געזיכטער געהאַט.

צוגלייך מיט׳ן לעצטען זונען־שטראַהל איז פערשוויעגען געוואָרען דאָס געבעט פון׳ם זינגער־כאָר. און אויפ׳ן אַנדערען טאָג האָט זיך, אָנשטאָט זייער געזאַנג, אַ ברייטער געגעץ געהערט... און טרויעריג איז דאָס מיידעלע געוואָרען, און איהרע טרויעריגע אויגען האָבען פון אַנדער זייט באַרג אַראָבגעקוקט, און צופוסענס ביים אַנדער זייט באַרג, האָט זיך אַ גרויסער דאָרף פערשפּרייט. אין אַ לאַנגער שורה האָבען זיך ווייס־געפאַרבטע הייזלאַך געצויגען, און פאַר די טהירען פון די הייזלאַך זיינען יונגע מיידלאַך געזעסען, און די געזיכטער פון די מיידלאַך זיינען בלייך געווען פון ליידענשאַפט, און זייערע אויגען זיינען פערדונקעלט געווען פון טרויער און זייערע בליקען זיינען געווען געווענדעט אויף אַ דערבייאיגען פעלד, און אויפ׳ן פעלד זיינען אַ כאָר יונגע בחורים געזעסען, אין הימעל אריינגעקוקט און געזונגען דעם תפלה־ליעד וואָס זיי זיינען געוואָהנט געווען צו הערען פון באַרג.

און איינע פון די מיידלאַך האָט דער בלויער קעניגין דערזעהן און אַ פריידגעשריי האָט אויס איהר ברוסט אַרויסגעשפּאַרט, און באַלד דאַרויף האָבען איהר די איבריגע מיידלאַך בעמערקט און אַ טומעל איז צווישען זיי ענטשטאַנען.

און איילענדיג האָבען די מיידלאַך זייערע ווייס־האָאריגע קעפּ מיט גאָלדענעם שטויב בעשאָטען, זייערע גרויע אויגען האָבען זיי מיט בלומען־פאַרב געפאָרבען פון בלויען געוואַנד האָבען זיי זיך קליידער געמאַכט, און זיי זיינען צו די בחורים אוועק — — —

און דאָס תפלה־געזאַנג האָט אויפגעהערט, און דאָס מיידעלע איז נאָך טרויעריגער געוואָרען, און אַזוי שטהענדיג אויפ׳ן באַרג האָט זי אויסגערופען: „גאָט אין הימעל, ווי וואָלט איך איצט וועלען אין וויסטען מדבר וואָהנען און ניט צווישען מענשען !״

און זי האָט נאָך ניט אויסגעזאָגט איהר פערלאַנג, ווי אַ געדיכטעשטויב האָט זיך אויפגעהויבען און עס האָט זי אָנגעהויבען שווינדלען פאַר די [illegible] איז צו דער ערד געפאַלען — — —

אז זי האט אויפגעוואכט, איז זי געזעסען אויף א הויכען געל־זאמדיגען בארג, און ארום איהר איז נאר געווען הימעל און זאמד.

צו איז דאס מיידעלע לאנג געזעסען, ווייסט מען ניט. נאר איינמאל אין א פריהמארגען, ווען דער פייגעל, וואס פלעגט איהר אלע טאג פרוכט צום נעהרען ברענגען, האט איהר די פרוכט דערלאנגט, האט זיך א בינטעל ווייטרויבען אראבגעגליטצט אויף דער ערד.

דאס פייגעל איז אוועקגעפלויגען ; און פון אונטען האט זיך א שוואכע שטימע געלאזט הערען :

„איך דאנק דיר הימעל, וואס דו האסט מיר ניט געלאזט פון הונגער און דארשט פערדערבען !"

דאס מיידעלע האט זיך אומגעקוקט.

פאר'ן בארג אויפ'ן גליהענדען זאמד איז א יונגער מאן געזעסען, און זיין ברייט־שולטערדיגער קערפער איז געווען אין א רויטען מאנטעל איינ־חילט.

„ווער בינסטו און וואוהין געהסטו ?" האט איהם דאס מיידעלע צו־געשריען.

דער רויטה־געקליידעטער האט זיינע אויגען אויפגעהויבען און זי דער־זעהענדיג, האבען זיי אנגעהויבען צו לייכטען פאר פרייד. „די בלויע קע־ניגין" האט זיין הארץ געאכצעט, און ער האט געענטפערט. „איך בין דער רויטהער נביא, און גאט שיקט מיר אין א רויטהען לאנד די ווייסע קנעכט בעפרייען !"

און א טרויעריגע געשיכטע האט איהר דער נביא דערצעהלט פון א רויטהען לאנד וואו עס ווערען ווייסע קנעכט געפייניגט ; און ער האט זי גערופען, איהם העלפען זיין היילינע שליחות אויסצופיהרען.

און א רחמנות האט דאס מיידעלע דורכגענומען אויף די געפייניגטע קנעכט, און צויבערענד איז געווען דער רוף פון רויטהען נביא, און זי האט דעם זאמדיגען בארג פערלאזט און אראבגעניעדערט צו איהם.

און זיי זיינען ביידע געגאנגען דורך וואלד און פעלד, דורך שטאדט און דארף. א צייט, א צייט לאנג, ביז זיי האבען פון ווייטען א שנעע־בעדעקטען פעלד דערזעהן, און דער רויטהער נביא האט זיך אבגעשטעלט.

„וואס איז דא ?" האט זי איהם געפרעגט.

„דא הויבט זיך אן דאס רויטהע לאנד !" איז געווען דער ענטפער.

„דא איז דאך אלץ אזוי צארט און ווייס !" האט זיך די בלויע קעניגין געוואונדערט.

און טרויעריג איז געווארען דעם נביא'ס בליק, און ער האט געזאגט :

„דאָרט ווייטער, וואו די מענשען וואָהנען איז דער ווייסער שנעע מיט רויטען מענשען־בלוט געפאַרבען".

און טרויעריג איז אויך געוואָרען דאָס מיידעלע, און זיי זיינען ווייטער געגאַנגען.

און שפּעטער ביי־נאַכט זיינען זיי צו אַ בעפעלקערטע שטאָדט געקומען, און זיי זיינען שטיל און פאָרזיכטיג דורכ'ן טהויער אריין כדי די פּערשלאָ־פענע שומרים ניט אויפצואוועקען.

ביים מאָרגען־שיין האָט די בלויע קעניגין די שטאָדט בעטראַכט, און אַ שרעק האָט זי דורכגענומען: די צאַרט־ווייסע ערד האָבען, ווי שלאַנגען, בלוט־רויטע שטרייפען דורכגעפלאָכטען, און אויף די קרומע שמאָלע גאַסען פון שטאָדט זיינען געוועזן צו־וואָרפען אַ סך קליינע האַלב־איינגעפאַלענע הייזלאַך, און די טהירען פון די הייזלאַך זיינען מיט בלוטיגע פלעקען בע־צייכענט געווען.

„אָט דאָ וואָהנען די ווייסע קנעכט". האָט איהר דער רויטער נביא אויף די הייזלאַך געוויעזען.

און שפּעטער האָבען זיי געזעהן, ווי די טיהרען פון די הייזלאַך האָבען זיך אַלע מיט אַ מאָל געעפענט, און פון די הייזלאַך זיינען אַ סך בלייך־פּנים'דיגע מענער, פרויען און קינדער ארוים, און זיי האָבען, מיט אראָב־געבויגענע קעפּ, אָנגעהויבען וואַנדערן אויסען שטאָדט. און עלענד איז געווען דאָס אויסזעהן פון די בלייך־פּנים'דיגע קנעכט; פון זייערע צורי־סענע שיך האָבען נאַקעטע, פערבלוטיגטע פיס אַרויסגעשטאַרצט, און זייערע הענד זיינען, פון שווערער ארבייט, הארט און צובלוטיגט געווען.

און ווייט אויסען שטאָדט אויף אַ שנעעאיגען פעלד איז געשטאַנען אַ גרויסער פּאַלאַץ פון ווייסע גראַניט־שטיינער, וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי אַ שנעע־טהורעם פון גיגאַנטישע קינדער־הענד אויסגעבויט, און אינווענינ אין פּאַלאַץ האָט אַ בייזער קעניג מיט זיינע בייזע שרים געוואָהנט, און דער קעניג מיט זיינע שרים האָבען איבער דער וועלט נאָר בייזעס פער־שפּרייט, און זיי האָבען זעהר פיעל שונאים געהאַט, און זיי האָבען מורא געהאַט, אז די שונאים זאָלען זיי ניט גרייכען; דארום האָבען זיי בעפוי־לען זייערע ווייסע קנעכט ארום פּאַלאַץ זיעבען הויכע מויערן צו בויען.

און שווער איז געווען די ארבייט פון די ווייסע קנעכט, און, אז זיי האָבען געוואָלט אָברוהען, האָט דער בייזער קעניג מיט זיינע שרים, זייערע לייבער מיט אייזערנע ריטער געדראָשען; און געזיפצט האָבען זיי אונטער'ן שווערען יאָך. און, זיי האָבען שוין דעם זיעבעטען מויער געבויט, האָט זיך פּלוצלונג פאַר זיי דער רויטהער נביא בעוויעזען.

און, ביים אַנבליק פון רויטען נביא, האָבען זיך די געשטאַלטען פון

די בלייך־פנים׳דיגע אויסגעגלייכט, און רויט האָבען זיך געפאַרבען זייערע בלייכע געזיכטער, און זייערע אויסגעלאָשענע אויגען האָבען אָנגעהויבען לייכטען פון נקמה און צאָרן, און זייערע פויסטען האָבען זיך געביילט אָקע־נען זייערע פייניגער...

און אַ ווילדעס שטורמען און ברומען האָט זיך אויפגעהויבען, און די מויערן ארום ווייסען פּאַלאַץ זיינע צובראָכנע געוואָרען, און נייע שטראָמען בלוט האָט די ווייסע ערד בעפאַרבען.

און דער רויטער נביא איז אַלץ געגאַנגען פאָראויס, און די בלויע קע־ניגין איז אַ הינטער געבליעבען, ווייל איהרע פיס זיינען געשטרויכעלט געוואָרען פון די שטראָמען בלוט.

און דער רויטער נביא האָט דעם ווייסען פּאַלאַץ דערגרייכט, און, מיט אַ שטורמדיגען געשריי, זיינען געגאַנגען נאָך איהם די רעכענדע קנעכט. און אַ געוואלדיגער שטראָם בלוט האָט פון ווייסען פּאַלאַץ ארויסגעשטראָמט.

און ביים אָנבליק פון דעם נייעם שטראָם בלוט, איז דאָס מיידעלע אַ פערציטערטע געוואָרען; און זי האָט אויפגעהויבען איהרע קלאָהרע אויגען צום הימעל און אויסגערופען: „גרויסער גאָט, בעהאַלט מיר אין די טיע־פעניש פון דער ערד, נאָר איך זאָל דאָס בלוט ניט זעהן!״

און זי האָט נאָך ניט אויסגעזאָגט איהר פערלאַנג, ווי ס׳איז איהר פינסטער געוואָרען פאר די אויגען און זי איז צו דער ערד געפאַלען.

* * *

און אויפגעוואכט האָט די בלויע קעניגין אין אַ הייל טיעף אונטער דער ערד. און די ווענד פון הייל זיינען געווען פון ווייסען גראַניט־שטיינער. אויסגעזעצט מיט סאַפּירען און דימענטען, וואָס האָבען פערשפּרייט אַ וואונדערבאַרע ליכטיגקייט איבער׳ן הייל. און די סטעלי איז געווען פון העל־בלויע שטיינער אויסגעבויגען ווי אַ הימעל און אין מיטען האָט גע־גלאַנצט אַ גרויסער בריליאַנט, וועלכער האָט אָבגעשלאָגען שטראַהלען ווי אַ זונן, און די פּאָל איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט אַלערליי העלפאַרביגע שטיינער, און אין איין ווינקעל־הייל האָט, פון אַ גרויסען שטיין, זילבער־קלאָהרע וואַסער געשפּריצט און זיך אראָבגעגליצט אין אַ גאָלדענעם וואַסער־בעקען, און אין אַ צווייטען ווינקעל זיינען, אויף אַ גאָלדענעם טיש, גע־שטאַנען צוועלף גאָלדענע כלים אָנגעפילט מיט אַלערליי פּירות. און שטיל איז געווען אין הייל! קיין גערויש פון קיין לעבעדיגע זאַך. און דאָס מיי־דעלע האָט זיך געפּרעהט.

צו איז זי דאָרט לאַנג געווען, ווייסט מען ניט. נאָר איינמאָל איז די

שטילקייט צושטערט געוואָרען. פון אויבען האָבען זיך, ווי דאָס קראכען פון פערשטיקטע דונערען־קלעפּ געהערט. פון אָנפאַנג האָבען די קלעפּ פון וויט, גאַנץ ווייט אָבגעקלונגען. אָבער וואָס ווייטער זיינען זיי אַלץ נעהנ־טער געקומען צום הייל, און גאָר נאָהענט זיינען זיי געקומען. און שרעק־ליך איז דאָס קראכען געווען; און פּלוצלונג האָט אַלץ אין הייל אַ ציטער געטהאָן פון אַ שטאַרקען קלאַפּ, און דאָס מיידעלע איז צו דער ערד געפאַ־לען. אַז זי האָט שפּעטער די אויגען געעפענט, האָט זי אין סטעלי אַ גרוי־סען שפּאַלט געזעהן דורך וועלכען עס האָט אריינגעשיינט די זונן.

און דער גלאַנץ פון דער הימעל־זונן, האָט דעם גלאַנץ פון גאָלד און שטיינער פערדונקעלט. און דאָס מיידעלע האָט אָנגעהויבען צו בענקען נאָך דער זונן, און אויבען ארויף צו קוקען...

און וואָס מעהר זי האָט געקוקט, אַלץ ברייטער איז געוואָרען די עפע־נונג און אַלץ ניעדעריגער האָט זיך די סטעלי אַראָבגעלאָזט צו דער ערד. און, אַז זי האָט שוין די עפענונג גרייכען געקענט, האָט זי פערלאָזען דעם הייל...

און זי האָט זיך געפונען אויף אַ גרויסען פעלד, און וויסט און חרוב איז געווען ארום. די גראָזען און בלומען זיינען פון גראָבע פיס צוטרעטען געווען, און דער פעלד איז געווען אָנגעפולט מיט שטיקער אייזען, גע־ברענטע האָלץ, און מענשליכע ביינער... און דאָס מיידעלע האָט דעם וויסטען פעלד בעטראַכט, און אַ שוידער האָט דורכגענומען איהר לייב... און זי האָט איהרע קלאָהרע אויגען צום הימעל געשיקט, און דער הימעל איז לויטער געווען, און די זונן האָט געשיינט און די חורבות בעלויכטען.

און דאָס מיידעלע איז טרויעריג געוואָרען, און זי האָט איהרע בליקען צום הייל געווענדעט; אָבער דער עפענונג אין הייל איז איצט צוריק געשלאָסען געוואָרין. און זי האָט זיך, טרויעריג, אויף איינע פון די חורבות געזעצט, און נאָך אַ מאָל דעם פעלד בעטראַכט. און אין אַ ווייטען ווינקעל פון פעלד, האָט זי געזעהען ליעגען אַ מאַן מיט פערמאַכטע אויגען, און פון זיין קערפּער האָט בלוט געשטראָממט.

און זי האָט געשווינד געגעהנט צו איהם, און זי האָט אַ טהייל פון איהר זעפיר־קלייד אָפּגעריסען און צו דעם מאַנ׳ס וואונדען צוגעלייגט. און, ווי דורך אַ וואונדער, האָבען פּלוצלונג זיינען וואונדען צו בלוטען אויפגע־הערט, און ער האָט זיינע אויגען געעפענט, און זיך אויפגעהויבען פון דער ערד.

און דער מאַן איז פון ריעזען־געשטאַלט געווען, און זיינע רויטע האָאר האָבען זיך ביז צו זיינען שולטערן געשליינגעלט, און זיינע אויגען האָבען

מיט כח און גבורה געלויכטען. און, אז ער האט דערזעהן פאר זיך דער בלויער קעניגין, האט איהם א פרייד דורכגענומען, און ער האט זי אויף זיינע מעכטיגע הענד גענומען, און מיט איהר צוזאמען דעם חרוב'ן פעלד פערלאזט.

„וואוהין טראגסטו מיך?" האט איהם דאס מיידעלע געפרעגט.

„אויפ'ן געלען בארג", איז געווען זיין ענטפער, „אויפ'ן בארג פון ריעזען!"

און דער ריעזען־מאן האט זי געטראגען איבער בערג און טהאלען, דורך וואלד און פעלד, דורך שטאדט און דארף א צייט, א צייט לאנג, ביז ער האט זי אויף א הויכען שטיינערנעם בארג געבראכט.

און אונענדליך גרוים איז געווען דער בארג! און איהם צופוסענס האט זיך דער געלער ים געצויגען און זיינע וועלען האבען שטורעמדיג גע־ברויזט. און אויפ'ן בארג זיינען צוועלף גרויסע פאלאצען געשטאנען, און די פאלאצען זיינען פון געלע שטיינער אויסגעהוילט געווען, און אין זיי האבען צוועלף בריעדער־ריעזען געוואהנט.

און ביי די צוועלף בריעדער איז געווען א מנהג, אז אלע יאהר פלעגט איינער פון זיי דעם בארג פערלאזען און געהן איבער דער וועלט מלחמה צו האלטען. און, אז ער פלעגט צוריקקעהרען אלס זיעגער, פלעגען איהם די בריעדער אנטהאן א גאלדענעם קרוין אויפ'ן קאפ, און ער פלעגט דעם גאנצען יאהר קיניגען איבער זיי. דאמאלס פלעגען זיי אויך א יום־טוב מאכען, און דער בארג פלעגט ציטערען אונטער זייערע ווילדע געשרייען פון פרייד.

און, אז דער רויט־האריגער האט דעם בארג בעשטיעגען, האבען איהם די עלף ריעזען־בריעדער ארומגערינגעלט און, מיט א ווילדער פרייד, זיין קומען בעגריסט. און, אז זיי האבען דער בלויער קעניגין דערזעהן, האט פון זייערע ריעזען־הערצער א פרייד געשריי ארויסגעשפארט — — —

און א ווילדער געפעכט איז דאס מאל צווישען די ריעזען־בריעדער ענט־שטאנען: יעדער האט געוואלט פאר זיך דער בלויער קעניגין אויספעכטען. און דער רויט־האריגער ריעז האט זיינע בריעדער בעזיעגט. ער האט זיי פערוואונדעטע, אין זייערע עלף פאלאצען פערמאכט, און אין צוועלפטען פאלאץ האט ער דער בלויער קעניגין אריינגעפיהרט. און ער האט זי אויף א גאלדענעם טהראן געזעצט, און אויף איהר קאפ האט ער זיין קרוין פון נצחון אנגעטהאן, און ער האט פאר איהר געקניעט — — —

און וואס מעהר דער רויט־האריגער ריעז האט געקניהט, אלץ קלע־נער איז געווארען זיין ריעזען־געשטאלט, און אלץ פערלאשענער איז געווא־

רען אין זיינע אויגען דער העלדישער גלאַנץ... און, אַז די נאַכט איז צו־געפאַלען, און די געל ווייסע לבנה האָט דורך די פענסטער פון פּאַלאַץ אַריינגעשיינט, איז נאָך דער ריעז פאַר דער בלויער קעניגין'ס פיס געלעגען, דער העלדישער גלאַנץ אין זיינע אויגען איז אין גאַנצען פערלאָשען געווען, און זיין געשטאַלט איז געוועז איינגעקאָרטשעט און קליין...

און די בלויע קעניגין האָט דעם פּאַלאַץ מיט דעם קליינגעוואָרענעם ריעז פערלאָזט. און אַ טרויער האָט זי דורכגענומען. און איהרע קלאָהרע אויגען האָבען אויף די ברויזענדע וועללען פון ים געקוקט, און זי האָט זיי אויפגעהויבען צום הימעל און געזאָגט: „גרויסער גאָט! מאַך מיר ניע־דערן אויף'ן גרונד פון ים, איך וויל ניט זיין צווישען מענשען!"

און זי האָט נאָך ניט אויסגעזאָגט איהר פערלאַנג ווי אַ שטורעם ווינד האָט זיך אויפגעהויבען און זי אויף זיינע מעכטיגע פליגעל גענומען און גע־טראָגען אַראָב, אַראָב... און זי איז פער'חלש'ט געבליעבען.

אַז זי האָט זיך אויפגעוואַכט האָט זי זיך געפונען אויף'ן גרונד פון ים. אויף אַ בורשטינענעם טהראָן איז זי געזעסען און אַרום איהר האָבען זיך גע־טראָגען, אין אַ לוסטיגען טאַנץ, די וואַסער־מיידלאַך אָנגעטהאָן אין בליש־צענדע שיפען־קליידער מיט געלע צופלאָכטענע האָאַר.

* * *

צו איז זי דאָרט לאַנג געזעסען, ווייסט מין ניט. נאָר איינמאַל, אין אַ שוואַרצער נאַכט, האָט זיך דער ים צו־וויעגט און אָנגעהויבען פירכטער־ליך צו ברומען. און די וואַסער־מיידלאַך האָבען זייער טאַנץ אויפגעהערט און זיך איינגעהאָרכט. און אויבען איבער'ן וואַסער האָט אַ שרעקליכער קראַך פּלוצלונג דעם שטורעם פערטויבט. און די בלויע קעניגין האָט אויף איהר טהראָן געציטערט, און זי האָט געשיקט איינע פון די וואַסער־מייד־לאַך, זעהן וואָס עס האָט פּאַסירט. און דאָס וואַסער־מיידעל האָט ארויס־געשיקט איהר געל־האָאריגען קאָפּ איבער'ן וואַסער, און זי האָט באַלד צו־ריקגעקעהרט און פערקינדעט: „צוויי שיפען האָבען זיך אָנגערענט און צוקושט".

און די בלויע קעניגין מיט די וואַסער־מיידלאַך זיינען טרויעריג געוואָ־רען און זיי האָבען זיך איינגעהאָרכט צום וועללען־געריויש. און, אַז די לבנה האָט זיך אויף'ן הימעל בעוויעזען, איז דער ים־שטיל געוואָרען און צו ברויזען אויפגעהערט. און, אַז די וואַסער־מיידלאַך האָבען געוואָלט צוריק אָנהויבען זייער טאַנץ, האָבען זיי פּלוצלונג פון איבער'ן וואַסער אַ שטילען מורמלען דערהערט. און אויף'ן פערלאַנג פון דער בלויער קעניגין,

האט אן אנדער וואסער־מיידעל איהר קאפ איבער'ן וואסער־פלעך ארויסגעשיקט און איז באלד צוריקגעקומען און פערקינדעט : „איבער'ן ים שווימט א ברעט פון א צובראכענער שיף, אויפ'ן ברעט ליעגט א מאן מיט לבנה־פארביגע האאר און רופט, „מיין טאכטער, מיין קינד", „מיין טאכטער, מיין קינד !"

און די בלויע קעניגין האט זיך פון איהר בורשטינענעם טהראן ערהויבען און זיך געלאזט צום אויבער־פלעכע פון ים. און די וואסער־מיידלאך זיינען איהר, טרויעריג, נאכגעשוואומען. און, אז די בלויע קעניגין האט דעם שווימענדען מאן דערזעהן און אין זיין געזיכט ארייגעקוקט, האט זי א געשריי געטהאן : „פאטער !" און איז ארויפגעשוואומען צו איהם אויפ'ן ברעט — — —

און די וואסער־מיידלאך האבען זיך טרויעריג אראבגעלאזט צום גרונד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

# דער קינסטלער

(אַ לעגענדע).

---

עס איז געוועזן אַמאָל אַ יונגערמאַן. און ער איז געוועזן זעהר אַ שעהנער, אַזוי שעהן ווי דער צעדערבוים אויפ'ן באַרג לבנון און שעהנער פאַר'ן טרוימענדען גאָט אויפ'ן באַרג אָלימפּ.

און דאַרום האָבען איהם זיינע שטאָדט-לייט זעהר ליעב געהאַט: מאַלער האָבען זיין בילד געמאָהלען, וועלכען די מענשען האָבען מיט חשק געקויפט; פּאָעטען האָבען זיין שעהנקייט בעזונגען, און פרויען האָבען געלעכצט נאָך זיינעם אַ בליק.

ער אָבער האָט זיך ניט געפרעהט דערמיט; ער איז געוועזן טרויעריג און אונגליקליך.

און זיין אונגליק איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס זיין נשמה האָט אַ געטליכער פייער בעלויכטען. ער איז געבאָרען געוואָרען צו זיין אַ קינסטלער; און ער האָט ניט געהאַט קיין טהעמאַ פאַר זיין ווערק.

אין אַ זאָנדערבאַרע צייט איז ער געבאָרען געוואָרען; אין אַ טרויעריגע צייט. אַלץ, וואָס די וועלט האָט פערמאָגט, איז שוין אויסגענוצט פון די פריהערדיגע קינסטלער, און קיין נייעס איז פאַראַן. די ערד מיט אַלע ברואים זיינען אין אַלערליי פאָרמען געמאָלען, די פאַנטאַזיע פון קינסטלער האָט שוין אַלע הימלען דורכגעדרונגען און צום כסא־הכבוד דערגרייכט... עס איז שוין בעזונגען די טיעפעניש פון תהום, ווי די הויכקייט פון הימעל, דער האַרטער שנעע אויף די הויכע בערג, ווי די בלאַסע ליליע אין שרון־טהאָל; די וועלט'ס פערגאַנגענהייט איז פאַר אַלעמען ענטפּלעקט, און די פאַנטאַזיען פון דער ווייטער צוקונפט זיינען פאַר קיינעם קיין סוד.

און עס איז געקומען אַ טרויעריגע צייט: דער מאַן האָט פאַר זיין געליעבטער אַלע זיסע רייד אַרויסגעזאָגט, און איז שטיל געבליבען; דער זינגער האָט זיינע ליעדער אויסגעזונגען און די האַרפע האָט זיך פון זיינע פער'חלש'טע הענד אַרויסגעגליטשט. מאַלער האָבען זייערע בילדער געענדיגט און דעם פּענזיל אַוועקגעוואָרפען. און וויסענשאַפטס־מענער האָבען

זייערע ביכער אַנגעשריבען, און די פען איז געוואָרען אויסגעטריקענט צו־זאַמען מיט די טינט...

עס האָבען זיך נאָך געפונען ליעבהאָבער וואָס האָבען פון צייט צו צייט זייערע געליעבטע גע'חנפ'עט, און מאַנכע זינגער האָבען נאָך די האַרפע פון זייערע פערשטאָרטע העגד ניט געוואָלט אַרויסלאָזען, און האָבען, מיט אַ הייזעריגען סקריפּ די סטרונעס בעריהרט; און אַנדערע שווינדלער האָבען, אין נאָמען פון וויסענשאַפט, מיט וואַסערדיגע טינט גראָבע ביכער געשרי־בען, און אַנדערע מאָלער האָבען מיט'ן פּענזיל אויפ'ן לייוועגד בלייכע ביל־דער געמאָלען. דער שעהנער קינסטלער אָבער האָט עס ניט געקענט: זיין נשמה האָט אַ געטליכער פלאַם בעלויכטען, און זי האָט זיך ניט נאַרען גע־לאָזט . . .

און דער שעהנער קינסטלער האָט קיין טהעמאַ געהאַט פאַר זיין ווערק, און דער טרויער האָט זיך איבער איהם געשטאַרקט; זיין שעהנעס שטערען האָט אַ וואָלקען פערצויגען, און פערדונקעלט איז געוואָרען אין זיינע קלאָהרע אויגען דער גלאַנץ; זיין גאָלד־געלאָקטען קאָפּ האָט ער אַראָבגעבויגען און געמאַכט נידערען אויף זיין ברוסט.

און איינמאָל, ווען דער טרויער האָט איהם איבערוועלטיגט, האָט ער אויפגעהויבען זיינע שעהנע אויגען צום הימעל, און זיינע צאַרטע הענד האָט ער צוזאַמענגעלייגט און פון זיין פערקלעמט האַרץ האָט אַ תפלה זיך אַרויסגעריסען:

„גרויסער גאָט", האָבען זיינע בלייכע ליפּען געשעפּצעט, „דו גרויסער שעפּפער, וואָס דו האָסט אָנגעצונדען דעם הייליגען פלאַם אין מיין ברוסט, ענטפּלעק פאַר מיר דעם הייליגען וואָרט, דורך וועלכען איך זאָל קענען דיינע וואונדער לויבען; און אויב די דורות פאַר מיר האָבען שוין אַלע הייליגע ווערטער אַרויסגעזאָגט און קיין נייע זיינען ניט פאַראַן, בעט איך דיך, שעפּ־פער, נעהם מיין נשמה אין דיין אוצר צוריק, און לאָז מיר זיך מעהר ניט פּלאַ־גען אויף דיין וועלט!"

און גאָט האָט פערנומען דאָס געבעט פון דעם שעהנעם, יונגען קינסט־לער, און אַ בת־קול פון הימעל האָט צו איהם געזאָגט:

„געה דו, פון גאָט־געבענשטער, געה, זוך איבער אַלערליי וועגען, און דו וועסט געפינען דאָס, וואָס דיין נשמה פערלאַנגט!"

און אַ פרייד האָט דעם יונגען קינסטלער איבערוועלטיגט, און ער האָט זיין שעהנעם קאָפּ גלייך געמאַכט און אין זיינע קלאָהרע אויגען האָט אויפ־געלויכטען אַ גרויסע האָפנונג, און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין.

---

און געגאַנגען איז דער שעהנער קינסטלער אַ צייט, אַ צייט לאַנג. און ער

איז דורך שטערט און דערפער געגאַנגען, און ער האָט אַלערליי מענשען און זאַכען געזעהן, אָבער קיין זאַך האָט ניט געמאַכט זיין הארץ פרעהען זיך: אומעטום האָט ער בעגעגענט דאָס אַלטע, דאָס איינפאַכסטע און אומע־דיגע, וואָס ער האָט אַלע טאָג געזעהן...

און אויף זיין שעהנעם פּנים האָבען זיך טרויער־שאָטען צולייגט, און מיעד איז געוואָרען זיין פוס.

און איינמאָל האָט ער זיך אין אַ דאָרף פאַר אַ קליין הייזעל אָבגע־שטעלט. און פאַר'ן הייזעל האָט געבליהט אַ פרוכט־גאָרטען, און אויפ'ן גרינעם, זאַפטיגען גראָז אונטער'ן שאָטען פון אַ גרויסען עפּעלבוים איז גע־זעסען אַ יונג מיידעל און אריינגעקוקט אין אַ בוך.

און דער שעהנער קינסטלער האָט דאָס מיידעל בעטראַכט. צאַרט און קינדיש איז געווען איהר געשטאַלט, און אונרוהיג אין איהרע בלויע אויגען דער גלאַנץ. און דער מיידעל'ס בליקען האָבען געשוועבט איבער די בלעטער פון בוך, האַסטיג און פיבערהאַפט; און פּלוצלונג האָט זי געמאַכט דעם בוך פאַלען אין איהר שויס, די אויגען האָט זי צום הימעל ערהויבען, פער־טראַכט און ערשראָקען איז געווען זייער בליק, און איהר יונג קינדיש הארץ האָט זיך האַסטיג און אונרוהיג בעוועגט.

און דעם קינסטלער'ס בליק איז ליכטיג געוואָרען: „דער ערשטער געדאַנק, די ערשטע ספיקות פון אַ יונג קינדיש הארץ!" האָט ער זיך געפרעהט און געוואָלט אָנהויבען שאַפען זיין ווערק.

אָבער די געטליכע שטימע אין זיין הארץ האָט איהם צוגעפליסטערט: „געה ווייטער, דו גאָט־געבענשטער, דאָס האָבען שוין דיינע חברים פאַר דיר געטהאָן!"

און דער שעהנער קינסטלער האָט געפאָלגט די שטימע פון זיין הארץ און איז ווייטער געגאַנגען.

און ווידער האָט זיין אויג פערנומען אומעטום דאָס אַלטע און איינ־פאָרמיגע: די זעלבע מענשען, די זעלבע סטאַטועז, די זעלבע הייזער, וועל־דער און פעלדער. פון די זעלבע אַלט־פערמיגע קלאַנגען האָט זיין אויער גע־שמערצט, און דער טרויער האָט אָנגעהויבען נאַגען זיין הארץ.

און איינמאָל האָט איהם זיין פוס געבראַכט אין אַ גרויסער וועלט־שטאָדט. און די שטאָדט איז געווען מיט זיבען הויכע מויערען ארומגע־צאַמט, און די מענשען פון שטאָדט האָבען פיעל גאָלד און זילבער געהאַט, און די תאוה האָט געברענט אין זייער אויג.

און דער שעהנער קינסטלער האָט אָנגעהויבען ארומוואַנדערען איבער די ברייטע, שטיינערנע גאַסען פון שטאָדט, און זיין אויג האָט אַ סך פער־גאָלדטע פּאַלאַצען געזעהן, און דורך די קריסטאַלענע פענסטער האָבען

ארויסגעקוקט שעהנע יונג־פרויען, און די ראָזיגע ארעמס און בריסטען פון די יונג־פרויען זיינען ענטבלויזטע געווען, און זייערע אויגען האָבען געלויכטען פון ליידענשאַפט, און זיי האָבען געבליקט צום הימעל און געוואַרט עס זאָל צופאַלען די נאַכט...

און אז די נאַכט איז צוגעפאַלען, האָבען טויזענדער לאָמפּען די קריס־טאַלענע פענסטער בעלויכטען, און מוזיקאַנטען האָבען אָנגעהויבען אויף אַלערליי כלים צו שפּילען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ ווילדער, לוסטיגער טאַנץ.

און דער קינסטלער האָט זיך פאַר אַ פענסטער פון אַ פערגאָלדעטען פּאַלאַץ געשטעלט, און פון דאָרט האָט אַ ראָזעווע ליכטיגקייט ארויסגעשטראָמט, און ער האָט אַ קוק געטהאָן אינוועניג, און זיין הארץ האָט געטהאָן אַ האַס־טיגען קלאַפּ: דער ראָזעווער צימער איז געווען אויסגעציערט מיט אַלערליי קאָסטבארקייטען און אַ ריח גן־עדן האָט אָנגעפילט די לופט. פאַר אַ גרויסען קריסטאָלענעם שפּיגעל איז געשטאַנען די שעהנהייטס־קעניגין, אַ וואונדער־שעהנע יונג־פרוי, און צוויי מיידלאַך, אין ווייסען געקליידעט, האָבען זי אָנגעקליידט צום באַל. און אַז איין מיידעל האָט איהר די האָאָר צוקעמט, האָט די שעהנהייטס־קעניגין אַ וויעג געטהאָן איהר שעהנעם קאָפּ און אין ראָזיגען זעפיר האָט זיך אַ גאָלדענע כוואַליע צוואָוויעגט; און איהרע אויגען האָבען געשיינט פון גליק און לייטזעליגקייט, און זי האָט זיך צום שפּיגעל גענעהענטערט, ווי זי זאָל וועלען אַ קוש טהאָן איהר וואונדער־שעהנע גע־שטאַלט. און פּלוצלונג האָט זיך אויף איהר שעהנעם געזיכט אַ שרעק פער־צויגען און אַן אַנגסט־געשריי האָט אוים איהר ברוסט ארויסגעשפּאַרט, בשעת איהרע צושראָקענע אויגען האָבען אין שפּיגעל אריינגעקוקט.

„אַ גרויע האָאָר... די טראַגעדיע פון אונטערגאַנג"... האָט דער שעהנער קינסטלער געזיפצט און געוואָלט אָנהויבען זיין ווערק.

אָבער ווידער האָט איהם די געטליכע שטימע געהייסען ווייטער געהן, און ער האָט געפאָלגט.

און ער איז ווייטער געגאַנגען. און ער האָט איבער ימים געררייזט. און ער האָט געזעהן די בלויע אויבערפלעכע זיך אָקעגען הימעל שפּיגלען, ווי אַ געליעבטע, געהאָרכזאַם ווייב אָקעגען מאַן. און ער האָט געזעהן דעם ים אין ווילדע צאָרן ברויזען ווי אַ צורייצט ריעזען־ווייב, בשעת עס וויל זי בעליידיגען דער מאַן... און ער האָט געזעהן אויף ווייסע שיפלאַך פערליעבטע זינגער שווימען, וועלכע האָבען פאַר די וועלען זייער ליעבעס־וועה דער־ציעהלט. און ער האָט געזעהן ווי פערצווייפעלטע מענער האָבען זיך דעם ים אין די אָרעמס געוואָרפען און די לופט איז פערטויבט געוואָרען פון זייער

געצטען געשריי. אָבער קיין זאַך האָט ניט בעוועגט זיין קינסטלערישע הארץ, און דער טרויער האָט זיך איבער איהם געשטאַרקט.

און איינמאָל האָט ער זיך ביי די ברעגעס פון אַ גרויסען גלאַטען טייך אָבגעשטעלט. פאַרנאַכט איז דאָס געווען. שעהן האָט אויסגעזעהן דער טייך; די זינקענדע זונן האָט איהם רויט געפאַרבען, און דער לויטערער הימעל האָט איהם געפאַרבען בלוי. שטיל איז געווען אַרום. פּלוצלונג איז דעם שעהנעם קינסטלער׳ס בליק געפאַלען איבער דעם טייך, און אַ פריידע האָט אָנגעפילט זיין הארץ.

אין מיטען טייך, אויף אַ ווייסען שטיין, זיינען צוויי מיידלאַך געזעסען, זיי זיינען זיך באָדען געגאַנגען און פערגעסען זיך צוריקקעהרען אהיים. און די מיידלאַך זיינען וואונדערבאַר־שעהנע געווען! זייערע ראָזיגע לייבער האָבען בעלויכטען די זונן, און זייערע ווייסע נאַקענס האָבען בעדעקט כוואַליעס צופלאָסענע האָאר. און איין מיידעל האָט געהאַלטען איהר קאָפּ אָנגעלעהנט אויף דער אַנדערער׳ס נאַקען, און זייערע פערקלעהרטע בליקען זייענען געווען צום הימעל געווענדעט, און זייערע געזיכטער האָט די פאַרב פון אונשולד בעפאַרבען, און אַרום זייערע ראָזיגע ליפּען האָט זיך אַ טרוימערישער שמייכעל געקרייזעלט.

„דער טרוים פון ליעבע!״ האָט זיך דער יונגער קינסטלער געפרעהט, און געוואָלט אָנהויבען זיין ווערק, ווען די געטליכע שטימע אין זיין הארץ האָט איהם צוגעפליסטערט:

„געה ווייטער, דו גאָט־געבענשטער, דאָ איז נאָך ניט אַלץ!״

און דער שעהנער קינסטלער האָט געפאָלגט די שטימע און איז ווייטער געגאַנגען.

און ער האָט געזעהן די הויכע בערג, וואָס זייער פוס איז מיט פריהלינג־בלומען בעציערט, און דער קאָפּ מיט אַ צאַרטען, אייזיגען קרוין, און ער האָט געזעהן די ווילדע וואַסער־פאַלען, וואָס גליטשען זיך מיט אַ שטאָלצען גערויש באַרג־אַראָב, און ער האָט געזעהן די בונט־פאַרביגע בלומענטהאָלען, וואָס פערליעבטע ריעזען־קינדער האָבען געפלאַנצט; און דורך געדיכטע וועלדער האָט ער געאירט, וואָס קיינער האָט קיינמאָל זייער סוף ניט דער־גרייכט, און ער האָט געהערט דאָס געזאַנג פון בונט־פאַרביגע פויגעל, און דאָס ברומען פון אַ צורייצטען לייב אין אַ פינסטערער נאַכט האָט ער געהערט.

אָבער קיין זאַך האָט זיין הארץ בעוועגט. און דער טרויער האָט זיך פערצווייגען איבער זיין געמיטה און זיין שעהנעם קאָפּ האָט ער געמאַכט נידערען אויף זיין ברוסט.

און אַז זיין פוס איז מיעד געוואָרען, האָט ער זיך אָבגעשטעלט, און

געפונען האָט ער זיך אין אַ געדיכטען, ווילדען וואַלד. און, צווישען הויכע בוימער בעהאַלטען, האָט ער אַ ווייס געפּאַרבטען הייזעל דערזעהן.

און פריה איז נאָך געווען. די מוטער־פויגעל האָבען נור וואָס, מיט געזאַנג, זייערע נעסטער מיט די פויגעל־קינדער פערלאָזט. און די יונגע זונן האָט דעם ערשטען קוש געטהאָן די גרין־געלאַקטע בוימער־קעפּ.

און דער שעהנער קינסטלער האָט זיינע טרויעריגע בליקען צום הימעל געשיקט, ווי ער זאָל דאָרט זוכען זיין גליק. און די טיהר פון שטיבעל האָט פּלוצלונג אויפגעפּראַלט מיט אַ גערויש, און פון דאָרט האָט אַ יונג מיידעל אַרויסגעטאַנצט.

און דאָס מיידעל האָט אויף איהר שלאַנקען לייב אַ ווייסען ברייטען קלייד געטראָגען, און איהרע האָר, שוואַרצע, ווי דאָס הייליגע קלייד פון אויבער־פּריסטער, האָבען זיך איבער איהר נאַקען צושאָטען, און איהרע שוואַרצע אויגען האָבען געברענט מיט ליידענשאַפט און לוסט, און אין איהרע ווייסע הענד האָט זי אַ בלומען־קאָרב געהאַלטען.

און דאָס מיידעל האָט זיך אַ וויילע אָבגעשטעלט, ווי זי זאָל דעם מאָרגען בעגריסען, און נאָכדעם האָט זי זיך מיט גיכע טריט געלאָזט אין וועג אַריין צו די בלומען־שטרויכען.

דאָס האָט זי היינט אויף איהר געליעבטען ריטער געוואַרט, וועלכער קומט אויף זיין שטאָלצען פערד צושוועבען, און זי האָט געאיילט בלומען אָנצוקלייבען, און פלעכטען פאַר איהם אַ קראַנץ.

און דאָס פערליעבטע מיידעל איז, ווי אַ יונגע אינדין, געשפּרונגען פון איין בלומען־שטרויך צום אַנדערען ; די שעהנסטע בלומען האָט זי אָבגעפּליקט און אַריינגעטהאָן אין איהר קאָרב, זי האָט אָבער איהר ריטער שטאַרק ליעב געהאַט און זי האָט געוואָלט וואָס שעהנער און וואָס גרעסער מאַכען איהר געשאַנק, און דאַרום איז זי אַלץ ווייטער געלאָפען און אַלץ ווייטער געזוכט. און זי האָט דערווייל ניט בעמערקט ווי די זונן האָט זיך אויפ'ן מיטען הימעל אַרויפגעהויבען און זיך אָנגעהויבען אַראָבלאָזען צוריק. און אַז איהר געליעבטער ריטער איז געקומען, איז זי שוין געווען טיעף פערירט אין וואַלד.

און די ריטער זיינען ניט צו וואַרטען געוואוינט. שנעל ווי אַ בליץ האָט ער אויף זיין שטאָלצען פערד אַוועקגעשוועבט, אפשר צו אַן אַנדער געליעבטע, ווער ווייס ?

און דעם קינסטלער האָט אַן אַנגסט געפיהל בעהערשט, און ער האָט טרויעריג צום וואַלד געקוקט, וואוהין דאָס מיידעל איז פערשוואונדען. און אַז דאָס מיידעל האָט איהר נאַכט־געבעט געענדיגט און זיך אין איהר געליעבטען זינגער'ס אָרעם געוואָרפען, האָט דאָס מיידעל אַרויסגעשלייכט פון

וואַלד. איהר קאָרב איז געווען פול מיט פרישע רויזען, אָבער איהר געזיכט איז געווען טרויעריג און מיעד.

„ציעללאָזעס זוכען, פערלאָרענעס גליק"... האָט דער קינסטלער געזיפצט און געוואָלט אָנהויבען זיין ווערק. אָבער אויך דאָס מאָל האָט איהם די געט־ליכע שטימע אין זיין הארץ געהייסען ווייטער געהן, און ער האָט געפאָלגט.

און דאָס מאָל איז ער געגאַנגען רעכט לאַנג, און טרויעריג און וויסט איז געווען דער וועג.

און נאָך א מאָל האָט ער זיך פאַר א הייליגען וואסער־קוואַל אָבגעשטעלט, וואו מענשען זיינען געקומען שעפען הילף. און ער האָט געזעהן א ריעזיגען מענשען־הויפען, וואָס דער שיקזאַל האָט פערפאָלגט : ביי איינע האָבען די פים געפעהלט, ביי אַנדערע די הענד. און פערטרויערטע אלמנות האָבען אין די הייליגע וואסער א טרייסט געזוכט פאַר זייער צובראָכען הארץ, און בענקענדע יונג־פרויען האָבען מיט'ן הייליגען וואסער צו לעשען געזוכט דעם בענקשאַפט־שמערץ, וואָס נאַגט זייער בלוט...

און דער שעהנער קינסטלער האָט געוואָלט פון דעם זיין ווערק שאַפען, אָבער די פאַרבען זיינען ארויסגעקומען גרויע און עלענדע. און ער איז ווייטער געגאַנגען.

און נאָך א מאָל האָט זיך דער שעהנער קינסטלער אָבגעשטעלט אין א גרויסען רייכען דאָרף. און די מענשען פון דאָרף זיינען הויכגעשטאַלטיגע געווען, און ברוין איז געווען דאָס הויט פון זייער לייב, און שוואַרץ און העלדיש דער גלאַנץ אין זייער אויג.

און ביי די לייט פון דאָרף איז דעם טאָג א גרויסער יום־טוב געווען : דאָס שעהנסטע און רייכסטע מיידעל האָט געפייערט איהר חתונה מיט'ן הויפטמאַן'ס זוהן.

און אַלטע לייט האָבען זיך פערזאַמעל אויף א ברייטען, גרינעם פעלד, און זיי האָבען אויסגעשטעלט פעסער וויין אויפ'ן פעלד, און קערב מיט אַלערליי פירות און עסענוואַרג, און זיי האָבען זיך משמח געווען, און זייערע פרייד־געשרייען האָבען אָנגעפילט די לופט.

און דעם שעהנעם קינסטלער האָט די פרייד איבערוועלטיגט, און ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל און געדאַנקט גאָט. שפּעטער אָבער זיינען פערדונקעלט געוואָרען זיינע אויגען, און א טרויער האָט אָנ־געפילט זיין הארץ.

די זונן האָט זיך הינטער'ן וואָלקען בעהאַלטען. עס איז צוגעפאַלען די נאַכט, און די פרעהליכע דאָרפלייט האָבען זיך איינגעטהיילט אין פּאָאר'ן און פעראירט טיעף אין וואַלד...

און שטיל איז געוואָרען אויפ'ן גרינעם פעלד ; אומעטיג זיינען געווען

די לעערע וויין־פעסער אויפ׳ן צוטרעטענעם גראָז. און פּלוצלונג האָט א האַרץ־רייסענדער זיפץ דורכגעריסען די שטילקייט, און באַלד האָט געפאָלגט נאָך א זיפץ און א דריטער : דאָס זיינען די עלטערע, פערלאָזענע פרויען געזעסען אויף די לעערע וויין־פעסער און זיי האָבען בעוויינט די חורבות פון זייער גליק...

און דער שעהנער קינסטלער איז ווייטער געגאַנגען. און ער האָט די שטעדט און דערפער פערלאָזט, און ער האָט אין די ווילדע מדבריות געאירט, וואו דאָס הייסע זאַמד האָט געברענט זיינע פיס, און די גליהענדע מדבר־זונן האָט געטריקענט זיין קאָפּ.

און א גרויסע מידקייט איז איהם בעפאַלען, און ער האָט זיך אראָב־געלאָזט אויף א גרויסען פעלז, וואָס איז געלעגען אין מיטען וועג, און ער האָט צוזאַמענגעלעגט די הענד אויף זיין ברוסט, און ער האָט טיעף אראָב־געבויגען זיין קאָפּ און זיך פערטראַכט. און פּלוצלונג האָט איהם אָנגעהויבען אויסוויזען, אַז דער פעלז וויגט זיך און הויבט זיך אָן אראָבלאָזען נידעריגער און נידעריגער. און ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געזעהן, ווי דער פעלז האָט דורכגעשוועבט א הייל, וואָס איז געווען פינסטער און לעער, און א צווייטע הייל וואָס איז געווען איינגעהילט אין גרויען שיין און אָנגעפילט מיט שטיינער, און א דריטע הייל, וואָס איז געווען בעלויכטען מיט די פאַרבען פון רעגענבויגען, און אָנגעפילט מיט בונטפאַרביגע שטיקלאַך גלאָז, און א פיערטע הייל, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט זילבער, און א פינפטע — מיט גאָלד, און אין די זעקסטע האָבען שוין געלויכטען דימענטען, און אין די זיבעטע הייל האָט זיך דער פעלז אָבגעשטעלט.

און דער קינסטלער האָט זיך אומגעקוקט. און דאָס זיבעטע הייל איז געווען בעלויכטען מיט א ליכטיגקייט, אזוי קלאָר, ווי די לבנה־ליכט איידער עס איז פון קנאה פערדונקעלט געוואָרען איהר גלאַנץ. און שטיל איז געווען, און דער הייל איז געווען אין צוועלף ווינקלען געפאָרמט. און אין יעדעם ווינקעל איז געשטאַנען א זילבערנע בעט מיט א ווייסען זיידענעם פאָרהאַנג פערהאַנגען, און פאַר יעדעם בעט איז געשטאַנען א זילבערנע כלי אָנגעפילט מיט שמעקעדיגען בוימעל, וואָס האָט געברענט מיט א העלען, רוהיגען פלאַם. און דער קינסטלער האָט זיך גענעהענטערט צו דאָס ערשטע בעט און האָט פערצויגען דעם זיידענעם פאָרהאַנג, און עס האָט זיך ענטפּלעקט פאַר איהם די געשטאַלט פון א שלאָפענדען מאַן. און דעם מאַן׳ס געזיכט איז שטיל און רוהיג געווען, און זיין וויים־זילבערנע באָרד האָט די ברוסט בעדעקט, און זיינע ווייסע לאָקען האָבען געגלענצט אויפ׳ן זיידענעם קישען.

און ער איז געגאַנגען צו דער צווייטער בעט. און דאָרט האָט ער אויך געזעהן ליגען א שלאָפענדען גרייז. און אזוי איז ער געגאַנגען פון בעט צו

בעט, ביז ער האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר דאָס צוועלפטע. און דאָס צוועלפטע בעט איז לעער געשטאַנען, דער זיידענער פאָרהאַנג איז געווען פערצויגען און עס האָבען געבלישצעט די קלאָר־ווייסע, זיידענע בעטצייג. און אַ מיעדקייט איז איהם בעפאַלען, און שווער איז געוואָרען זיין גוף, און עס האָט אָנגעהויבען ציהען, ציהען אין בעט אַריין... און פלוצלונג האָט אַן אינערליכע שטימע אין איהם אויסגערופען: „היט זיך, מענש, דאָ שלאָפט מען אַיין מיט׳ן ווייסען אייביגען שלאָף, פון וועלכען מען ערוואַכט ניט מעהר״.

און אַן אַנגסט־געפיהל האָט איהם בעהערשט, און ער האָט אויסגעשריען פאַר שרעק. און אַז ער האָט אויפגעוואַכט, איז ער געזעסען אויפ׳ן גרויסען פעלז און די מדבר־זונן האָט געברענט זיין קאָפּ.

און דער שעהנער קינסטלער האָט דערשפירט אַ פרייד איהם בעהערשען; און ער האָט זיך אויפגעהויבען פון פעלז. פלינק און קרעפטיג איז געוואָרען זיין פוס; און אין זיין קערפּער האָט ער געשפירט אַ ריעזיגע קראַפט. און ער האָט זיך געאײַלט דעם מדבר צו פערלאָזען. ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין זיין היימאַטה־לאַנד, און ער האָט אָנגעהויבען פערנעהמען דעם לויב־געזאַנג פון די זינגער; ער האָט זיך געפרעהט, ווען מאַלער האָבען זיין בילד געמאָלען, און ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס צו די שעהנע יונג־פרויען; און שפּעטער האָט ער אַליין אָנגעהויבען, מיט אַלעמען גלייך, אויפ׳ן לייווענד בילדער צו מאָלען מיט בלייכען, עלענדען פאַרב, און נאָך שפּעטער איז ער גליקליך געווען מיט זיין אַרבייט און אין זיין נשמה איז פערלאָשען געוואָרען דער געטליכער פונק...

# אָהן אַ ליעד

אין איינע פון די גאָלדענע מאָרגען־שטונדען איז עס געווען, ווען א שֵעהן ווייס פויגעלע האָט זיך אָבגעטהיילט פון איהרע חברים און האָט ניט געוואָלט זינגען מיט זיי צוזאַמען דאָס מאָרגען־ליעד.

— אַלץ די אייגענע ליעדער... דער איינפערמיגער געזאַנג... גענוג ! אַזוי קלעהרט דאָס פויגעלע.

און זי הויבט איהרע אויגעלאַך צום הימעל, אין איהרע ווייסע פליעגעלאַך נעהמט זי אָן פיעל לופט און לאָזט זיך פליהען אין דערהויך...

און דאָס הויך איז אַזוי בעצויבערנד שעהן, אַזוי אַנציהענד און ערהאבען...

— הינטער יענע וואונדערבלויע הימלען... הינטער דער שעהנער גאָלדענער זון...

טראַכט דאָס פויגעלע.

און זי נעהמט אָן אַלץ מעהר און מעהר לופט...

איהרע ווייסע פליעגעלאַך פלאַטערען, און אַלץ העכער און העכער שטייגט זי דורך די זיידענ־פערעמדיגע בלויקייט צום הימעל אַרויף...

— הינטער די וואונדערבלויע הימלען... הינטער דער גאָלדענער זון... צו גאָט'ס געצעלט דערגרייכען... פון מלאכים זיך נייע ליעדער לערנען...

אַזוי פאַנטאַזירט דאָס פויגעלע — און איז שוין ניט ווייט פון דער זון...

— אז איך וועל נייע ליעדער לערנען — פאַנטאַזירט זי ווייטער — וועל איך צוריק צו „זיי" אַראָבפליהען... וועל פאַר „זיי" זינגען... און דער נייער געזאַנג וועט זיך צוטראָגען איבער'ן וואַלד... אַ פרעהליכעס לעבען

וועט זיך פאַר אַלע אָנהויבען... אַלעס וועט ווערען אויפגעפרישט און בע־גייהעט... און איהרע אויגעלאַך שיקט זי אין דער ניעדער, ווי זי זאָל וועלען איהרע פערלאָזענע חברים טרייסטען...

— צו איז דאָרט נאָך גאַנץ דאָס נעסטעלע, וואָס איך האָב געבויט ?

פערקלעהרט זי זיך פּלוצים.

איהר ווייך הערצעלע טהוט אַ צאַפּעל :

פון דאָרט פלעגט זי אַלע אין דער פריה ארויספליהען... זיך צווישען טויזענדער חברים פערמישען... פערהערער, ליעבהאָבער געהאַט...

דאָ איז זי אַליין... און איהרע פליגעלאַך ווערען שווער... זי הויבט זיך אָן אַראָבלאָזען... וואוהין ? דערמאהנט זי זיך — אין זעלבען וואַלד... די אַלטע איינפערמיגע ליעדער זינגען ?...

און זי נעהמט אָן מעהר לופט אין די ווייסע פליגעלאַך : מיט געוואַלט רייסט זי איהרע פערבענקטע אויגעלאַך פון דער ניעדער... זי טראָגט זיי צום הימעל... מיט עקשנות רייסט זי זיך... און פליהט אַלץ העכער און העכער...

און זי האָט די הויכקייט דערגרייכט... זי איז שוין אין גאָט׳ס געצעלט...

און מלאכים מיט שעהנע ווייסע פליגעל און לאַנגע גאָלדענע לאָקען, מיט אַ שכינה־גלאַנץ אין בלויע אויגען און מיט אַ געטליכען שמייכעל אויף רויזען־ליפּען זיינען איהר אַקעגען געקומען און מיט אַ זילבער־קלינגענדער שטימע נאָך איהר בעגעהר געפרעגט...

— נייע ליעדער וויל איך דאָ פון אייך לערנען... די וואַלד־ליעדער זיינען איינפערמיגע, אַלטע און אומעטיגע, דערצעהלט זיי דאָס פויגעלע.

און זי האָט נאָך ניט אויסגעשפּראָכען איהר וואונש, ווי רויזען־ליפּען האָבען זיך אָנגעהויבען בעוועגען און זילבער־שטימען האָבען אָנגעהויבען זינגען אַ מאָטיוו... און דאָס פויגעלע עפענט ברייטער איהרע אויגעלאַך ; מיט׳ן האַלב־אָפענעם פּיסקעלע זאַפּט זי איין דעם מלאכים־געזאַנג... זי שטוינט...

דער מלאכים־געזאַנג קומט איהר אויס בעקאַנט...

בעקאַנטע טענער... דער אייגענער געזאַנג ווי דאָרט אונטען... דאָס זעלבע אַלט־קלינגענדע איינפערמיגע ליעד פון וועלכעס זי איז אַנטלאָפען...

— ניט דאָס ! ניט דאָס ! רופט אויס דאָס פויגעלע — נייע ליעדער וויל איך, נאָך נייע ליעדער בין איך געקומען, פאַר דער ערד בין איך געקומען נייע ליעדער בעטען !

די קאַפּעלע בלייבט פּלוצלונג שטיל און אַ טרויעריגע שטימע ענטפערט ערגעץ פון דער ווייטען:

— נייע? וואו זאָלען מיר נעהמען? דער הימעל איז נאָר דער אָבּגלאַנץ פון דער ערד; אונזער געזאַנג איז נאָר דאָס ווידער־קול פון אייערע ליעדער!

און עס דערהערט זיך פּלוצלונג אַ דונער, וואָס האָט אין די הימלען אַריינגעשלאָגען — און זיי הויבען אָן קנאַקען און איינפאַלען, און דאָס פויגעלע אַנטלויפט פון הימעל, וואָס פאַלט איין. מיט דער גאַנצער קראַפט פון איהרע פליעגעלאַך שניידט זי דורך די בלויע מיט גאָלדענע־פעדים געוועבטע לופט און לאָזט זיך צוריק אַראָב אין דער ניעדער... און קומענדיג צוריק אין וואַלד, האָט זי איהר נעסטעלע צושטערט געפונען... די פערעהרער און ליעבהאָבער האָבען געשפּעט פון איהר... מיט די חברים צוזאַמען זינגען האָט זי מעהר ניט געקאָנט און עלענד, איינזאַם פליהט דאָס פויגעלע פון איין בוים צום אַנדערען, עלענד אָהן חברים, אָהן אַ היים און אָהן אַ ליעד...

# דאָס פעלד פון זינד

(אַ מעשה'לע)

## דערצעהלט פון אַן אַלטען וואַנדערער

---

...— און אונזער נייער קעניג איז נאָך גאָר אַ יונגער געווען, און אַזאַ שעהנער ! זיין געשטאַלט האָט איבער אונזער אַלעמענ'ס קעפּ אַריבערגעקוקט, זיין ראָזיגען פּנים האָט אַ גאָלדענער פוך בעזוימט, און זיינע אויגען האָבען געלויכטען ווי די ערשטע זונן וואָס האָט זיך אויפ'ן לויטערן הימעל בעוויזען, און אַזאַ גוטער ! דורך זיינע ליכטיגע אויגען האָט זיין גוט הארץ אַרויסגעלויכטען, און אַ פרייד האָט דורכגענומען יעדערען אויף וועמען עס איז געפאַלען זיין בליק...

און בשעת מ'האָט אונזער קעניג צום ערשטען מאָל דעם ווייסען קעניגליכען בגד, בעזעצט מיט דימענטען, אָנגעטהאָן, האָבען שטראַהלען געשלאָגען פון זיין ליכטיגען פּנים ; און ער האָט אויפגעהויבען זיינע בלויע אויגען צום פאָלק און מיט אַ קול וואָס איז געגליכען צו זיסען שטאַרקען וויין, האָט ער געזאָגט :

„מיין ליעב פאָלק ! איך שווער, אַז דאָס לאַנד איבער וועלכע איהר האָט מיך בעוויליגט צו קעניגען זאָל זיין ריין פון זינד, אַזוי ריין ווי די ווייסקייט פון מיין קעניגליכען בגד, און די מדות טובות זאָלען לייכטען ווי די דימענטען מיט וועלכע דער בגד איז בעציערט !"

און אַ געשריי פון פרייד האָט דאַמאָלס אַרויסגעשפּאַרט פון אונזער אַלעמענס ברוסט.

און בשעת די כהנים האָבען איהם דעם גאָלדענעם שווערד דערלאַנגט, האָט ער איהם אויפגעהויבען אין דער הויך, ער האָט אַ בלישץ געטהאָן אַקעגען זונן און אויפגעהויבען אַ בונט שטראַהלען, און זיין קול האָט ווידער געקלונגען :

„מיין ליעב פאָלק ! איך שווער, אַז דער שווערד זאָל ניט בעפלעקט ווערען מיט דאָס בלוט פון מיינע אונטערטהאַנען כל זמן איך וועל קעניגען !"

און מיר, דאָס גאַנצע פאָלק, זיינען מיט די פּנים'ער צו דער ערד גע־

פאַלען. די נאָהנטע און גליקליכערע האָבען דעם זוים פון דעם שעהנעם קעניג'ס קלייד געקושט, און מיר, די ווייטערע, האָבען געקושט די לופט וואָס אונזער נייער קעניג האָט איינגעאָטהעמט...

און דער נייער קעניג האָט זיך אויף זיין גאָלדענעם טהראָן געזעצט און אָנגעהויבען צו קעניגען.

און די זונן האָט קוים בעוויזען דעם אַנדערען טאָג צו בעלייכטען, האָבען זיינע שרים, גוטהאַרציגע אַזוי ווי ער אַליין, געקניהט פאַר איהם און איהם פערקינדעט:

„גוטער קעניג! הינטער'ן טיהר האַלטען די דינער אַ זינדיגען מאַן געפאַנגען וועלכען מ'דאַרף משפט'ן!"

און דער יונגער קעניג האָט געלאָזט דעם זינדיגען פאַר זיין טהראָן פיהרען, און זיינע שעהנע אויגען האָבען זיך פערוואָלקענט ביים אַנבליק פון זינדיגען מאַן: דער זינדיגער איז אַ הויכער, בריטשולטעריגער געווען, זיינע אויגען האָבען געפונקעלט מיט אונהיימליכען גלאַנץ, זיין געזיכט איז ווילד פערוואַקסען געווען און צוריסענע קליידער האָבען בעדעקט זיין לייב.

„אין וואָס בעשטעהט זיין זינד?" האָט דעם יונגען קעניג'ס קול געציטערט.

„ער האָט זיין אייגענע מאַמען געשאָכטען", האָבען די דינער געענטפערט מיט גרויעל.

„איז דאָס וואָהר?" האָט זיך דער קעניג צום זינדיגען געווענדעט.

און אַ האַרטער, רויהער קול האָט געענטפערט:

„יאַ!"

„נאָך וואָס האָסטו דאָס געטהאָן?"

און אַ האַרטער בייזער קול האָט ווידער געענטפערט: „נאָך וואָס זי האָט מיך אויף דער וועלט געבראַכט און זיך ניט געזאָרגט פאַר מיין גליק!"

„האָסטו חרטה אויף דיין בייזען טהאַט?"

„ניין!" האָט געדונערט דעם זינדיגען'ס קול.

און דער גוטער קעניג האָט זיך מיט זיינע שרים בעראַטהען, און זיי האָבען אוועקגעשיקט דעם זינדיגען אין גאַטעס-הויז כדי ער זאָל תשובה טהאָן, און, אַז דער זינדיגער האָט זיבען טעג און זיעבען נעכט פערבראַכט אין גאָטעס-הויז און קיין תשובה ניט געטהאָן, האָט דער קעניג מיט זיינע שרים זיך ווידער בעראַטהען.

און שווער איז געווען צו געפינען אַ ראַטה: דאָס לאַנד האָט, ווי דער קעניג האָט געשוואָרען, בעדאַרפט זיין ריין פון זינד, און זיין שווערד האָט ניט געטאָרט בעפלעקען דאָס בלוט פון די אונטערטהאַנער. אַנ'עצה האָבען זיי דאָך געפונען:

ווייט, גאנץ ווייט פון אונזער לאנד וואס האט זיך גערופען : „דאס לאנד פון געגאד" האט זיך געפונען א גרויסער, וויסטער פעלד, און אזוי גרויס איז געווען דאס פעלד, אז קיינער האט קיינמאל זיין סוף ניט דער־גרייכט. און אויף יענעם פעלד האט מען געלאזט אויסבויען א הויז, אין הויז האט מען אויף א סך יאהרען עסענווארג אנגעגרייט, און דארט האט מען דעם מוטער־מערדער פערשיקט. דעם פעלד האט מען אנגעהויבען רופען : „דאס פעלד פון זינד".

און דער יונגער קעניג האט ווידער געקעניגט. און קיין צייט האט ניט געדויערט, האבען זיינע שרים ווידער געקניהט פאר איהם און איהם פערקינדעט :

„גערעכטער קעניג ! הינטער'ן טיהר האלטען דיינע דינער געפאנגען די „מכשפה" וועלכע מ'דארף משפט'ן !"

און דער קעניג האט זי געהייסען אריינפיהרען.

און אריינגעפיהרט האבען זיינע דינער ניט קיין אלטער, אהנציינער־דיגער מכשפה מיט א פארמעט־הויטיגען פנים, זאנדערן א וואונדער־שעה־נע יונג־פרוי מיט א ליליען־בלייכען געזיכט און מיט תאוה־לייכטענדע אויגען.

און אונזער שעהנער קעניג איז נאך אונשולדיג געווען ווי דער ערשטער טאג וואס האט די וועלט בעלויכטען, די נאהענטקייט פון א פרוי איז איהם נאך געווען פרעמד... און, אז ער האט אויף דער „מכשפה" א קוק געטהאן, און, אז זיינע ריינע, ליכטיגע אויגען האבען זיך בעגעגענט מיט איהר בליק, איז ער אונרוהיג געווארען...

„אין וואס בעשטעהט איהר זינד ?" האט דעם קעניג'ס קול גע־ציטערט.

און איינער פון זיינע דיענער האט זיך געבוקט פאר איהם און געזאגט :

„גרויסער קעניג ! די דאזיגע פרוי ברענגט זינד אויף דער לאנד : צוויי מענער האבען זיך איינס דאס אנדערע געשאכטען צוליעב איהר כישוף, און אויף וועמען זי שיקט איהר בליק, דער ווערט פול מיט זינדיגע מחשבות"...

און דער יונגער קעניג האט שוין געפיהלט זיך וועבען ביי איהם אין מוח די זינדיגע מחשבות... און ער האט שוין געפיהלט די שטריק פון זינד זיך פלעכטען ארום זיין הארץ... און ער האט פורכט געהאט ניט געשטרוי־כעלט צו ווערען, דארום דאט ער גיך ארויסגעגעבען דעם פסק־דין צו פער־שיקען דער „מכשפה" אויפ'ן „פעלד פון זינד".

זיין בעפעהל איז אויסגעפיהרט געווארען, און ער האט ווידער גע־קעניגט.

און אין א צייט ארום האט מען געבראכט פאר איהם צו מ[illegible]'ן :

מיטעל־יצהריגען מאַן וואָס האָט זיין אייגען קינד דערוואָרגען, און, אַז דער קעניג האָט איהם געפרעגט, נאָך וואָס ער האָט עס געטהאָן, האָט דער קינדער־מערדער, מיט אַ רוהיגען קול, געענטפערט:

„איך בין אַן ארבייטער, אַ גאַנצען טאָג ארבייט איך זעהר שווער, ביי־נאַכט פלעגט דאָס קינד שרייען און רויבען מיין רוה און מיין שלאָף פון מיר, דעריבער האָב איך עס שטיל געמאַכט"...

און דער קעניג האָט אויך דעם קינדער־מערדער אויפ'ן „פעלד פון זינד" געשיקט. און ער האָט ווייטער געקעניגט.

און טאָג איין טאָג אויס האָט מען אַנגעהויבען פאַר'ן קעניג אַלץ נייע זינדער צו ברענגען, און אונזער לאַנד, „דאָס לאַנד פון גענאַד" האָט געמוזט ריין זיין פון זינד, און דערום האָט ער זיי אַלעמען אויפ'ן „פעלד פון זינד" פערשיקט.

און אַז די זינד האָט זיך געשטאַרקט, איז אונזער גוטער קעניג טרוי־עריג געוואָרען און ער האָט אַנגעהויבען פערברענגען אין תשובה און תפלה גאַנצע טעג, און איינמאָל האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע שרים, זיין שטי־מע האָט געקלונגען טרויעריג און ער האָט געזאָגט:

„מיינע טרייע אונטערטהאַנען! אין דאָס לאַנד, איבער וועלכע מיר איז בעשערט צו קעניגען, האָט זיך געמאַכט אַ נעסט פון זינד. איך שווער, אַז פון היינט אָן זאָלען מיינע אויגען די מערק און גאַסען פון מיין לאַנד ניט אַנזעהן ביז זיי וועלען ניט אין גאַנצען געלויטערט ווערען!"

און די שרים האָבען געוויינט פאַר צער און זיי האָבען זיך פאַרגענומען צו לויטערען זייער לאַנד.

און אַזוי האָט די זונן זיך אַ סך מאָל איבער'ן וועלט־רוים געדרעהט, צייטען זיינען פערפלאָסען, און אונזער גוטער קעניג האָט זיין פּאַלאַץ ניט פערלאָזט. ביז אין איין טאָג זיינען געקומען זיינע שרים, האָבען זיך געבוקט פאַר איהם און האָבען פערקינדעט:

„גערעכטער האר! דיין לאַנד איז איצט ריין פון זינד; אַזוי ריין ווי דער זעפיר וואָס האָט דעם ערשטען מאָל אַנגעפילט די לופט, און ריינער ווי דער חלום פון אַ שלאָפעדיגען קינד".

און אונזער קעניג האָט זיך זעהר געפרעהט, און ער האָט זיך אַנגע־קליידעט אין זיינע יום־טוב'דיגע קליידער, און, ארומגערינגעלט פון זיינע שרים, איז ער געגאַנגען שעפּען תענוג פון זיין זויבערער שטאָדט.

צו יענער צייט האָט זיך שוין דעם קעניג'ס גאָלדענער פּוך ארום גע־זיכט אויף אַ זילבערנעם פערטוישט, און די בערד פון זיינע שרים זיינען מילך־ווייסע געוועזן.

צוריק אין זיין פּאַלאַץ האָט זיך דער קעניג אומגעקעהרט מיט אַ פער־

וואָלקענטען געזיכט : די גאַסען און מערק פון שטאָדט זיינען מיט גראָז פערוואַקסען געוועזן, און פאַר די הייזער זיינען געזעסען מענער מיט זילבערנע בערד און פרויען מיט איינגעשרומפּענע לייבער...

און דער קעניג האָט פון דאָמאָלס אָן אָנגעהויבען ארומגעהן פערטראכט, און א טרויער האָט דורכגענומען זיין זעעל...

און איינמאָל האָט דער טרויעריגער קעניג זיין פּאַלאַץ פערלאָזט, זיך אָנגעטהאָן אין פּאַסטוך־קליידער, און איז געגאַנגען אָנקוקען דעם „פעלד פון זינד”.

---

און אונזער קעניג האָט די ברעגעס פון „זינדען־פעלד” דערגרייכט צוגלייך ווי די מאָרגען־רוטהקייט האָט אָנגעהויבען בעלייכטען די ערד, און זיין גוט האַרץ האָט אָנגעהויבען שטאַרק קלאַפּען, און אַ אונרוהיגקייט האָט אָנגעפילט זיין וועזען :

אנשטאדט אַ וויסטען טרויעריגען פעלד, האָט דאָ איצט דער קעניג אַ וואונדער־שעהנע לאַנד געטראָפען. פאַר זיינע פיס האָבען זיך בליהענדע פעלדער און לאָנקעס צושפּרייט, שעהנע, זויבערע דערפער האָט ער בעגעגענט אין זיין גאַנג, אויף די לאָנקעס האָבען זיך פּעטע שאָף און רינדער געוויידעט, און די איינוואוינער פון די דערפער זיינען אַזעלכע שעהנע, געזונטע און קרעפטיגע !... אונזער קעניג איז געגאַנגען אַלץ ווייטער און זיין פערוואונדערונג איז געוועזן זעהר גרויס.

און ענדליך איז ער צו אַ גרויסע שטאָדט געקומען, און אוים זיין ברוסט האָט אַ זיפץ אַרויסגעשפּאַרט : ברייטע געפּלאַסטערטע גאַסען האָבען דורכגעקרייצט די שטאָדט, הויכע שטיינערנע הייזער האָבען, ווי פעראייניגטע ריעזען, אַרומגעזוימט די גאַסען, הויכע טעמפּלען מיט פערגאָלדעטע דעכער האָבען געבלישצעט אַקעגען זונן, אין מיטען שטאָדט לוסט־גערטנער, מאַרמאָרנע סטאַטועז, קינסטליכע וועלדער...

און דער קעניג האָט געלאָזט זיין קאָפּ זינקען און איז ווייטער געגאַנגען. און ער האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר אַ גרויסען צויבער־שעהנעם פּאַלאַץ. און די ווענד פון פּאַלאַץ זיינען פון געשליפענעם גלאָז געוועזן, און דער קעניג האָט אַריינגעקוקט אינעווייניג, און ער האָט געזעהן אַ סך מענער און פרויען, וואונדער־שעהנע פרויען אין טהייערע קליידער מיט דימענטען בעהאַנגען, מיט געבלויזטע בריסטען און מיט תאוה'דיגע האָאָר, און די מענער אַלע פון ריטער־געשטאַלט, און גאָלדענע מעדאַלען האָבען זייערע קליידער בעהאַנגען. און דער קעניג האָט געקוקט טיעפער אין זאַל, און ער האָט געזעהן אויף אַ גאָלדענעם טהראָן אַ מאַן זיצען, און דער מאַן איז געוועזן איינגעהילט אין אַ פּורפּורנעם מאַנטעל און זיין קאָפּ האָט אַ טהייערע קרוין

בעציערט, און דעם קעניג האָט דורכגענומען א גרויעל : דער געקרוינטער מאַן איז געווען דער מוטער־מערדער וועלכען ער האָט אמאָל פערשיקט אהער, און ביי זיין רעכטער האנד אויף א גאָלדענעם שטוהל איז געזעסען א וואונ־דער־שעהנע פרוי אָנגעטהאָן אין טהייערע קליידער און בעהאנגען מיט דיי־מענטען, און דער קעניג האָט אין איהר דער „מכשפה" דערקענט און ביי זיין לינקער האנד איז געזעסען אַן׳אַלטער מאַן מיט גאָלדענע מעדאַלען בעהאנגען, און דער קעניג האָט דערקענט אין איהם דעם קינדער־מערדער, און אין פיעלע פון די בליהענדע מענער און פרויען האָט ער דערקענט די זינדער וועלכע ער האָט אהער פערשיקט.

און אונזער גוטער קעניג האָט געמאַכט זיין קאָפּ זינקען נאָך ניעדעריגער און א טרויעריגער, האָט ער זיך אומגעקעהרט צו זיך אין שטאָדט, און ער האָט דערצעהלט אַלעס וואָס ער האָט געזעהן, פאַר זיינע שרים, און זיי זיי־נען אויך טרויעריג געוואָרען.

און פון דאַמאָלס אָן האָט אונזער קעניג ווי א שאָטען אָנגעהויבען ארומוואַנדלען ביי זיך אין פּאַלאַץ. זיין הויכע, גלייכע געשטאַלט איז געוואָרען איינגעבויגען, און זיינע שעהנע אויגען זיינען געוואָרען אַלץ טיעפער, אַלץ טרויעריגער, אַלץ מעהר פערטראַכט.

און איינמאָל האָט ער בעפוילען זיינע טרייע קנעכט, אז זיי זאָלען איהם לאָזען די גאַנצע נאַכט אליין. זיין בעפעהל איז אויסגעפיהרט געוואָרען. א גאַנצע נאַכט האָבען זיינע טרייע דינער פון דער אַנדער זייט טיהר, זיינע שטילע אומעטיגע טריט געהערט, און אויפ׳ן אַנדערען טאָג, אז זיי האָבען די טיהר פון זיין צימער געעפענט, האָבען זיי איהם געפונען ליעגען טויט אויף זיין גאָלדענער בעט, און דער שווערד, וועלכער איז ניט בעפלעקט גע־וואָרען מיט די בלוט פון זיינע אונטערטהאַנען, האָט געשטעקט אין זיין אייגענער ברוסט...

אויף א שטיין האָט מען שפּעטער געפונען אויסגעקריצט זיין כתב די ווערטער :

„בשעת עס בליהט די זינד, מוז די עהרליכקייט שטאַרבען"...

# פּערוועלקט

אַ יונגער, איינזאַמער וואַנדערער איז ער געווען, און איינמאָל, וואַנדערענד אין אַ וויסטע, האָט ער אויף אַ ווילדען בלומען־שטרויס אַ וואונדערשעהנע און גרויסע רויז דערזעהן. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און זי בעטראַכט. אין זיינע בלויע, טרוימערישע אויגען האָט זיך פּלוצלונג אַ ווייכער אויסדרוק בעוויזען; ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע צאַרטע הענד און מיט זיינע איידעלע פינגער דעם רויז׳ס בלעטלאַך בעריהרט... זיינע רויטע ליפּען, וואָס זיינען צו רויזען־בלעטלאַך עהנליך געווען, האָבען אָנגעהויבען ציטערען, מיט אַ ווייכער צערטליכקייט האָט ער די בלום געקושט, זי נאָכדעם לאַנגזאַם אָבגעפּליקט און גענומען צו זיך אויף דער ברוסט... פון דעמאָלט אָן האָט זיך דער יונגער וואַנדערער ווי אומגעביטען: זיינע בלויע, פער׳חלום׳טע אויגען האָבען זיך אַלץ עפטער און עפטער אויף דער בלום׳ס רויטע בלעטלאַך געשפּיגעלט, און זיי האָבען אַ גלאַנץ בעקומען... זיין בלוט איז געפלאָסען האַסטיגער... זיין אָטהעם איז וואַרימער געוואָרען... און ער האָט זי, די רויז, געקושט גאָר אָפט, גאָר אָפט...

און יאָהרען פערגעהען, און ער, מיט דער בלום אויף דער ברוסט, זעצט לוסטיג פאָרט זיין וואַנדער־לעבען...

און איין אַנדער וואַנדערער קומט איהם אַקעגען, און דערזעהט די רויז אויף זיין ברוסט.

— נאָך וואָס טראָגסטו זי? זי איז דאָך שוין פּערוועלקט! — בעמערקט איהם יענער.

— פּערוועלקט?... — וואונדערט ער זיך, און געהט ווייטער.

— זעה ווי אַלט די בלום איז! — דערמאָנען איהם אייניגע יאָהר שפּעטער אַנדערע וואַנדערער.

— אַלט?... ער בעטראַכט די בלום: — זיי זיינען גערעכט...

ער וואַרפט אַוועק די אַלטע רויז און לאָזט זיך צוריק אויף די בלומען־שטרויסען, זוכען איין אַנדערע, אַ פרישערע...

און ער האָט געפונען...

און ווידער האָט אַ גרויסע, אַ וואונדערשעהנע רויז מיט רויטע סאַ־מעטענע בלעטלאַך דעם וואַנדערער׳ס ברוסט בעציערט... און ער וויל זיך מיט איהר פרעהען, נאָר זיין פערלאָשענער בליק קען ניט אויפלייכטען... איהרע בלעטלאַך זיינען פרישע, רויטע, זיי ווינקען... רופען צו זיך... זיינע מאָגערע פינגער, אָבער, ציטערען, און ער קען זיי ניט אָנריהרען... ער וויל זי קושען, זיינע בלייכע ליפען שעפטשען, בעוועגען זיך, נאָר קושען זיינען זיי מעהר ניט אימשטאַנד...

# אַ זינדער

אז ער איז אַ גרויסער זינדער געווען, האָט מען געקענט דערקענען אין דעם רעש, וואָס עס איז ענטשטאַנען אין פמליא של מעלה, בשעת מען האָט איהם בעדאַרפט משפט'ען. פון אַלע זיעבען הימלען זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען נייגיעריגע מלאכים דעם זינדער צו בעטראַכטען. און דער געריכטס־זאַאַל איז געוואָרען איבערפילט.

ווען דער אב־בית־דין האָט דעם זינדער'ס שטאָלצע ריטער־געשטאַלט און שוואַרצע, ברענענדיגע אויגען דערזעהן, איז ער עטוואָס אומעטיג געוואָרען: „עס וועט זיין אַ האַרטער ביסען"... האָט ער געקלעהרט. „אַ גוט שטיקעל אַרבייט"... האָט ביי זיין אַנבליק אַ טראַכט געטהאָן דער קטיגור. „מיין מיה וועט שוין דאָ גאָר ניט העלפען"... קלעהרט זיך דער מליץ־יושר. און ביי די מלאכים־צושויער, קוקענדיג אויף איהם, האָבען אויפגעפלאַמט די אויגען: „עס וועט זיין אינטערעסאַנט", האָבען זיי צוגעפליסטערט איינע די אַנדערע.

ווען מען האָט איהם דורכ'ן זאַאַל געפיהרט, האָבען די קייטען אויף זיינע הענד און פיס, נאָכ'ן טאַקט פון זיינע בעוועגונגען געקלונגען אַזוי שפּאַטיש און להכעיס'דיג, אז אַלע האָבען געציטערט...

ווען ער האָט מיט זיינע ברענענדיגע אויגען דעם אב־בית־דין אין די אויגען אַריינגעקוקט, האָט יענער זיינע אונרוהיג אַרונטערגעלאָזט... דאָס איינענע איז אויך געשעהן מיט אַלע פערזאַמעלטע...

ווען דער מליץ־יושר האָט איהם, שטאַמלענדיג, אָנגעהויבען פערטהיידיגען, האָט ער איהם איבערגעשלאָגען: „ניט נויטהיג קיין „פאַרמאַליטעטען", האָט ער געשפּעט. דערפאַר, אָבער, אז דער קטיגור האָט געלייענט דעם בעשולדיגונגס־אַקט, האָט זיך זיין שטאָלצעס ריטער־געשטאַלט נאָך מעהר אויסגעגלייכט, און ער האָט זיך צוגעהערט מיט אַ שפּאָטיש־לייכטע רוהיגקייט... „ער האָט אַלע מאָל אין גאָט געלייקענט", לייענט דער קטיגור פון בעשולדיגונגס־אַקט; (אַן'אַלגעמיינעס ציטערען...) „נאָך איצט אויך!" קלינגט שפּעטיש דעם זינדער'ס שטימע. „פון הימעל", לייענט

ווייטער דער קטיגור, „פון גן ערן, פון גיהנום, פון מלאכים, פון אליז, וואס ביי אנדערע איז הייליג, האט ער געשפעט"... (אנ'אלגעמיינער טומעל...) „איצט שפעט איך אויך..." כאפט אונטער דער זינדער. — „ביי די גרעסטע יסורים וואס מען האט איהם דערפאר דארט אנגעטהאן", לייענט יענער ווייטער, „האט ער קיינמאל ניט געוואלט קיין תשובה טהאן..." (אנ'אלגע־מיינער כעס...) „איצט וויל איך אויך נישט", רייצט זיך דער זינדער.

„איצט ווילסטו אויך נישט ?" האט דער אב־בית־דין, וועלכער האט זיך די גאנצע צייט קוים איינגעהאלטען פאר כעס, אויסגעפלאצט, „איצט ועסטו מוזען וועלען ! ביזט אין אונזער רשות ! דא איז ניט יענע וועלט מיט די שוואכינקע מענשעלאך... מיר וועלען דיר געבען דאס גיהנום צו פער־זוכען, און דו וועסט שוין מוזען תשובה טהון !" „און, אז איך וועל פארט נישט וועלען", הערט ער זיך נישט אויף צו רייצען. „מען וועט זעהן", קאכט דער אב־בית־דין און רופט אויס הויך : „צו'ם ערשטען מאל פרעג איך : האסטו חרטה אויף דיינע זינד, און נעהמסטו אויף זיך פון איצט אן תשובה צו טהאן ?"

— ניין !

— ניין ? נו, צום צווייטען מאל, צום דריטען מאל : האסטו חרטה ? ועסטו תשובה טהון ?

— ניין, ניין, און נאך א מאל ניין ! — ענטפערט דיעזער.

— אין גיהנום נעהמט איהם ! — קאמאנדירט דער אב־בית־דין צו די דיענער און, ווענדענדיג זיך צום שטן, זאגט ער : „דו טהו מיט איהם, וואס דו קאנסט, ער מוז זיך בויגען און תשובה טהון"... דער שטן האט א שמייכעל געטהאן, ווי ער וואלט זאגען : „איך וועל שוין טרעפען", און אויף זיין וואונק, האבען מלאכי־חבלה, אין שווארצען געקליידעט, דעם זינדער אונטער די הענד געכאפט און ארויסגעפיהרט פון זאל. אלע האבען פרייער אבגעאטהעמט . . . עס האט ניט לאנג געדויערט, און דער שטן איז מיט אנ'עקסטרא מיטטהיילונג צו'ם בית־דין של מעלה געקומען.

— הכלל ? — בעגעגענט איהם דער אב־בית־דין.

— קיין זאך העלפט ניט. — ענטפערט בייז דער שטן.

— און סקילה ?...

— שאדט איהם ניט... — ענטפערט דער שטן נאך בייזער, דארט ברעכט מען מיט הארמאטען מויערען... שטיינער פליהען, ווי האגעל... און נאך ערגער ווי שטיינער אויך... ער האט זיך שוין דערין איינגעוואוינט, און איהם האט עס ניט געשאדעט...

— און שריפה ? — פרעגט שוין היציגער דער אב־בית־דין.

— שריפה ? — צארענט דער שטן, — דערין האבען זיי איהם שוין

דאָרטען אויף איינגעוואוינט : ברענענדיגע פאפיראָסען לעשט מען אָן נאַקעטע לייבער... עס שאַדעט איהם ניט...

— און וואו איז הרג ? און וואו איז חנק ? — רופט שוין מיט׳ן גאַנצען אימפעט דער אַב־בית־דין.

— הרג, חנק, — חזר׳ט איבער דער שטן, — צו אַלץ האָבען זיי איהם דאָרט אויף דער ערד צוגעוואָהנט... קיין זאַך נעהמט איהם ניט... מאַכסט איהם וואונדען, פערציהען זיי גלייך, טויטסטו איהם, לעבט ער גלייך צוריק אויף... און ער שפּעט־אויס אונז אַלעמען, און ווער רעדט פון תשובה טהאָן...

— איז וואָס וועט זיין ?

— דאָס בין איך דאָך געקומען פרעגען, געפין אַנ׳עצה... אַזוי קען ווייטער ניט בלייבען, — טרייסעלט זיך דער שטן, — אין מיין גיהנום ממשלה איז אַ גאַנצע איבערקעהרעניש... די דיענער רעדט ער אָן, זיי זאָלען אונז ניט פאָלגען... און אונז ? אונז שטעכט ער מיט זיינע אויגען... פון זיינע אויגען געפינען מיר זיך קיין אָרט ניט...

— פון זיינע אויגען דאַרף מען אויך ליידען ? וואונדערט זיך דער אַב־בית־דין, — מען קען זיי איהם ניט אויסשטעכען ?

— מען קען ניט, — ענטפערט דער שטן, — מען האָט עס שוין גע־פּרופט, נאָר זיי שיטען מיט פלאַמען, מען קען זיך צו זיי ניט צוריהרען... אָה, אַנ׳עצה גיב, וואָס טהוט מען מיט איהם ?

דער אַב־בית־דין קלעהרט אַ ווײַלע און פרעגט :

— אַ געליעבטע האָט ער דאָ ?

— ער האָט — ענטפערט דער שטן, און ער גיט באַלד צו : — ווען ניט זי, וואָלט איהם דער מלאך־המות אויף קיין פאַל ניט געקענט ברענגען אַהער : ער האָט זיך אַמאָל שטאַרק פערבענקט נאָך איהר, שלאָף געוואָרען, און דאַמאָלס האָט דאָס מעסער געווירקט...

— מען זאָל זי שענדען פאַר איהם אין די אויגען, — עצה׳ט דער אַב־בית־דין, און פערשעהמט זיך עטוואָס פאַר זיך אַליין.

— חאַ, חאַ, חאַ, — לאַכט דער שטן, — מען האָט דאָס שוין אויך געטהאָן, איך האָב דערויף שכל געהאַט...

— נו ?

—אויך ניט געהאָלפען... דאָרטען, זאָגט ער, האָט מען עס פאַר איהם אין די אויגען זיין מוטער, זיין שוועסטער, זיין געליעבטער און ענדליך זיין צוועלף־יעהריגעס קינד געטהאָן... און ער האָט זיך אויך ניט געבויגען...

— הכלל, וואָס טהוט מען ?

— עס איז שלעכט, — ברומט דער שטן.

דער אב־בית־דין קלערט א לענגערע צייט, און רעדט ענדליך, ווי פאר זיך: „מען דארף אנהויבען מיט גוטען מיט איהם".

דער שטן שפּרינגט אויף: „אין אונזער ממשלה האט מען נאך אזוינס ניט געהערט!"...

— קאנסט אנדערש מאכען?

דער שטן פערקלערט זיך:

— מילא, — ברומט ער, — ערגער ווי שלעכט קען דאך ניט זיין...

---

אין א קורצע צייט ארום האט דער שטן ווידער אנגעקלאפּט אין בית־דין־של־מעלה־טיהר, דאס מאל ברענגענדיג א פרעהליכע בשורה.

— איינגענומען? — בעגעגענט איהם אויפ'ן שוועל דער אב־בית־דין.

— איינגענומען! — טריאומפירט דער שטן.

— ווי אזוי? דערצעהל. — ער בעט איהם ווייטער אריין.

— איך האב איהם געזאגט, אז דו ביזט איהם מוחל זיינע זינד, אז דו האסט אויף איהם רחמנות...

— נו?

— נו, און ביים ווארט רחמנות האבען זיך עפּעס מאדנע זיינע אויגען צוברענט... און אלע, אלע וואונדען, אפילו יענע, וואס ער האט פון דארטען מיטגעברענגט, האבען זיך פלוצלונג געעפענט און אנגעהויבען בלוטען... און נאך ווי בלוטען... וואלסט זעהן...

— און ער האט זיך אונטערגעגעבען, און וויל תשובה טהאן? — פרעגט זיך דער אב־בית־דין.

דער שטן ווערט אומעטיג.

— דאס גראד נישט, — ענטפערט ער בייז, — ער איז נאך פערשייטער געווארען...

— איז וואס האסטו אויסגעפיהרט?

— אויסגעפיהרט? — זאגט דער שטן, אויסגעפיהרט מיט דעם, וואס איך האב געפונען א מיטעל, ווי איהם ווען צו טהאן...

דער אב־בית־דין האט געמאכט א אונצופריעדענע מינע, און דער שטן האט זיך פערטראכט...

# ליטעראטור

**אנדרעיעוו'ס** געזאמעלטע ווערק.
פון דעם בעריהמטען רוסישען שריפטשטעלער לעאניד אנדרעיעוו. איבערזעצט אין אידיש פון מ. קאטץ.

אינהאלט פערצייכניס:

## ערשטער באנד

די מארסעליעזע.
געלעכטער.
דער גלאקען קלאנג.
דאס שווייגען.
דער תהום.
אזוי איז געווען.
די וואנד.
אין קעלער.
וואליא.
חשך.
די קריסטין.
א פריינד.

## צווייטער באנד

אן אריגינעלער מענש.
די פערטהיידיגונג.
שטאבס קאפיטאן קאבלוקאוו.
יום טוב.
מיינע כתבים.
א מעשה וועגען סערגיי פעטראוויטש.
שעהן איז דאס לעבען.
די ערשטע שכירות.
דער מלאך'ל.

## דריטער באנד

אין טומאן.
פערבייפאהרענדיג.
אן ערצעהלונג וועגען זיעבען געהאנגענע.
די שטאדט.
ס'האט געדארפט פארקומען א גנבה.
אויף א באהן סטאציאן.
דאס ווערק.
די יוגענד.
אין פריהלינג.

## פיערטער באנד

אנפיסא.
ואהבת לרעך.
פאלשקייט.
דער אשמדאי.

ענטהאלט איבער 1000 זייטען, געדרוקט אויף רעגאל פאפיער און געבונדען אין 4 פראכטפאלע סילק קלאטה בענדער 1.50

היברו פאבלישינג קאמפאני, ניו יארק.

פרייז

**אפאטהעקער, 137** הומאריסטישע ערצעהלונגען, פון דוד אפאטהעקער (הינקידינער שלים מזל), איינגעטהיילט אין 13 סעריען ווי פאלגט:

1. פארטרעגע איבער די מענשליכע גליעדער.
2. פערזאמלונגען.
3. די וועלט אויסבעסערונג.
4. צרות פון שרייבער און רעדאקטערע.
5. בייזע חלומות.
6. לכבוד יום טוב.
7. מאנאלאגען.
8. דער קיבעצער.
9. פוסטע פילאזאפיע.
10. די ביאגראפיע פון א דאלאר.
11. צווייידייטיגע סקיצען.
12. געמישטע סקיצען.
13. שפעטערע געדיכטע.

געדרוקט אויף רעגאל פאפיער און געבונדען אין 2 סילק קלאטה בענדער .75

**גארדין'ס, יעקב, שריפטען** אין 4 פראכטפאלע קלאטה בענדער. ענטהאלט איבער 1000 זייטען, מיט אן איינלייטונג און אונטער דער רעדאקציאן פון מאררים ווינטשעווסקי.

פרייז

אינהאלט פערצייכנים:

**ערשטער באנד**

ווינטשעווסקי'ס איינלייטונג,

**בילדער און פאנטאזיעם:** א מאמע'ס הארץ, גאט מענש און טייפעל, גליקליך, דער ערשטער אנשטוים, דריי שרעקליכע יאהר, דער פייער מענש, דאס איז דער מענש, פערקעהרטע טראגעדיען, קין דער ברודערמערדער, דער זומער איז אוועק, די שרעקליכע נאכט, די וואהרע ליעבע, צווישען צוויי שפיגלען, ער איז דאס, די בעשערטע, בילדונג, דער אידישער גייסט.

**אמעריקא:** צוויי פישלאך, קאפע מיט נייעס, אן אונמוטהיגער אקקארד, די פערבלאנזעטע נשמה, פיער בריעף, די נייע קאפעריישאן, איהר קענט איהם? נויארקער חברה ערברב, העלדען, אלעס אין ארדנונג, קאנטראסטען, צוויי עקסקורשאנס, די בליהענדע יוגענד, ווי אזוי איך בין אוים מיליאנער געווארען, ניט געראטען, יא געראטען, אדם א מענש.

**לאדזשען און כלי קודש:** ארונטער מיט די פיאטעס, צוויי נפשות, ניין! ניט פיק און ניט ניק, דאס גרויסע געווינס, בני

פרייז

תרח'ם לאדזש, נו ? א תקיעה
גדולה, א געשיכטע.

## צווייטער באנד

**פאמיליען בילדער :**
זעקס טעג אויפ'ן ים, דער ער־
שטער וואלקען, צוויי טויטע,
צוויי ווארענדעס, א שווערע
וואך, דער מלך איז ברוגז, פיק
ניק, ארויסגעשטויסען, די שטו־
מע ליעבע, א תקיעת כף.

**אונגליקליכע און עלענ־
דע :** קענט איהר דאס בעשריי־
בען ? א בלעטעל פון א שאפ־
מיידעל'ס טאגעבוך, א בלום
אויף זיין קבר, וואס זאגט די
דאלל ? א פאקט, פערשטערט,
די מערדעריו, אן אונגליק, אהן
א היים, מיין אויבערראק, איין
מענש און ארום זיינען שטיינער,
אסטאר'ס טרעמפ, זי איז גע־
שטארבען אין פלעטבוש, מיט
מארד אמוזירען זיי זיך, קענדי
און טרעהרען, א שלעכטע מו־
טער, א גוטע דרשה, נאך איינע,
נאך איין אפפער, אהן א טיקעט,
איך בין הונגעריג.

**סאטירע און הומאר :**
דער הימעל עפענט זיך, חיים
יענקיל דער וויסענשאפטליכער,
יעזוס קריסטוס און קארל מארקס
צו גאסט אין ניו יארק, מוסף

פרייז

של ראש השנה, די גרויסע,
משוגע'נע וועלט, ליעבע פאעזיע
און ביזנעס, ווארום ער האט
זיך געשמד'ט, ניין ! איך קען
ניט שרייבען ! דער ערמאר־
דעטער טויטער אהן א קאפ,
גראף קנישיק, אהער גיעב דעם
פיטום, א שמחה אין שטעדטיל,
אמעריקאנער שדוכים, מלחמה,
די נסיונות פון יוקיל קאזיראק,
ניו יארקער חברה קנאקער, פאר
וואס חיים יענקיל ציקאוועס איז
משוגע געווארען, א טשאריטי
קנעפיל, די אבלאווע, די העלדען
פון עללים איילאנד, א פערקעהר־
טע וועלט, קען דאס זיין ?

## דריטער באנד

**רייזע בילדער.**

**פערשיעדענעס :** פיער
זומער נעכט, א ווייב פער־
משכונ'ט און פערקויפט, ווי
אזוי איך האב אנגעכאפט דעם
גליק פאר'ן עק, דער בעל חוב,
דער ארגעל בלאזער.

**קריטיק :** סעי, אנקעל,
וואס איז רעאליזמוס ? ר' יענ־
קיל בעל תשובה דערצעהלט די
ווארהייט, פון מיין בריעף קאס־
טען, עסעקס מארקעט פאלים
קאורט, א סמוקער, דער אנאר־
כיסט, איינינע קריטישע בעמער־

פרייז

קונגען וועגען ה׳ ליבין און ה׳ קאבריז, לעבען וואלהאלא האלל, גראנט'ס פאראד, לייבאר דעי, אלפיי'ס חלום.

**בילדער פון גאליציען:** די איינזאמע וועלטען פון דער ארימער גאליציען, אויפ'ן וועג צו א גאליציאנער צדיק, אין דעם רבינ'ס שלאס, ווער עס פאהרט און וואס מען בעט ביי דעם בעלזער רבי'ן, צוריק פון רבי'ן, א אידישע שטעדטיל ביים רוסישען גרענעץ, וויעדער אין לעמבערג, אבשיעד פון גאליציען.

**טרויעריגע געדאנקען:** טרויעריגע געדאנקען פון א קליין שטעדטילדיגען פילאזאף, סאציאלאגישע עטיודען.

## פיערטער באנד

**די גרויסע וועלט דראמא.**

**דראמא און דראמא־טורגען:** דראמא, טהעאטער ביי די אלטע גריכען, טהעאטער ביי די רוימער, קורצע ביאגראפיען, מאליער, געטהאלד, אפרים לעססינג, נאך וואס דארף מען טהעאטער? אילוזיאן און דראמא, דראמא און ראמאן, קאמיסארזשעווסקאיא'ס קונסט אין אמעריקאנער גלות, זודערמאן'ס

פרייז

ליכט און שאטען בעוויזען אין שמעטערלינגס שלאכט, אסטראווסקי'ס און קאמיסארזשעווסקאיא'ס נאציאנאלע דראמא, גארקי'ס „די קינדער פון דער זונה", טשעכאוו'ס „אנקעל וואניא", „נארא" און ווי אזוי קאמיסארזשעווסקאיא שפיעלט זי, קאמיסארזשעווסקאיא און בראוויטש אין איבסען'ס „בוימייסטער", „דאס לעבען פון א מענשען", „גאט פון נקמה", געדאנקען וועגען א סופליער, רעאליזמוס און ראמאנטיזמוס, אונזערע קריטיקער.

**פערשיעדענעס:** סנפיר וקשקשת, קריטישע עטיודען, וואס איז א סטיל? ווער זיינען אונזערע וועג־ווייזער? וואלטער, די געשיכטע פון קריסטענטהום, איינינע בעמערקונגען וועגען יודישען דעבס, ציוניזמוס און רעוואלוציאן, נאציאנאליזמוס און אסימילאציאן, הענרי וואדסווארטה לאנגפעללאו, וואו ליענט די שולד? אלט און נייע גריעכענלאנד.

פרייז פיר אלע 4 בענדער 1.50

**געטהע,** געקליבענע שריפטען פון י. וו. געטהע, איבערזעצט פון ד. מ. הערמאלין. ענטהאלט אי־

פרייז

בער 1200 זייטען געקליבענע ווערק פון זיינע בעסטע שאפ־פונגען.

אינהאלט פערצייכניס:

**ערשטער באנד:**

געטהעס ביאגראפיע.

ווערטהער'ס ליידען.

דאס מיירכען.

**צווייטער באנד:**

פאוסט.

עגמאנט.

**דריטער באנד:**

די משוגעת פון פערליעבטען.

די וועטטע.

געטץ פון בערליכינגען מיט דער אייזערנער האנד.

**פיערטער באנד:**

קלאוויגא.

דער בירגער גענעראל.

די אויפגערעגטע.

געבונדען אין 4 בענדער אין פראכטפאלען סילק קלאטה 1.50

**הערמאלין'ס זשורנאליסטי־שע שריפטען,** ענטהאלט אן אויסוואהל פון זיינע בעסטע צייטונגס ארטיקלען וועלכע ער האט געשריעבען איבער די פאל־גענדע געגענשטענדע:

אידען און אידישקייט.

פרויען און מענש.

עלטערען און קינדער.

פרייז

איבער דעם מענשען'ס אויפ־פיהרונג.

דאס לעבען אין בילדער.

געדרוקט אויף רעגאל פאפיער און געבונדען אין סילק קלאטה .60

**ווערן'ס (זשול),** געוועהלטע ווערק, אין 8 דיקע פראכטפאלע בענדער.

זשול ווערן איז בעריהמט אלס אינטערעסאנטער און וויסענ־שאפטליכער ערצעהלער, ווייל אין זיינע ראמאנען און ערצעה־לונגען מאכט ער דעם לעזער בע־קאנט מיט פאקטען פון דער ווי־סענשאפטליכער וועלט, און ער־האבענע בילדער פון א שעהנעם צוקונפט ווען די מענשהייט וועט עררייכען א העכערע שטופע פון ציוויליזאציאן און בילדונג.

זשול ווערן'ס רייזע בעשריי־בונגען, וועלכע מאכען בעקאנט דעם לעזער מיט פערשיעדענע לענדער און פעלקער, ווי אויך מיט פערשיעדענע ים־בראים און ים־ערשיינונגען האבען בע־גייסטערט די גאנצע לעזענדע וועלט.

זשול ווערן איז געווארען גרויס און בעריהמט דאדורך וואס ער ענטדעקט פאר'ן לעזער אין זיינע ערצעהלונגען די

פרייז

אוצרות פון דער נייעסטע וויסענשאפט גאנץ לייכט אהן שוועריגקייטען. ער דערצעהלט איהם אז אינטערעסאנטע און שפאנענדע ערצעהלונג פון וועלכע ער קען זיך נים אפרייסען לעזענדיג, און אין דער זעלבער צייט מאכט ער איהם אויך בעקאנט מיט די נייעסטע וויסענשאפטליכע ענטדעקונגען.

זשול ווערן'ס ווערק זיינען איבערזעצט געווארען אין אלע אייראפעאישע שפראכען און זיינען ביי אלע ציוויליזירטע פעלקער מיט גרויס בייפאל אנגענומען געווארען.

זשול ווערן'ס געוועהלטע ווערק איבערזעצט אין אידיש, זיינען די בעסטע וועלכע ער האט געשריעבען. זיי ענטהאלטען צוואמען ביינאהע 4000 פיידזשעס.

אינהאלט פערצייכניס:

**ערשטער באנד:**

1. אנקעל בענעדיקט.
2. די שקלאפען הענדלער אין אפריקא.
3. א רייזע אין א לופט־שיף.
4. אונבעקאנטע געגענדען.
5. א רייזע איבער קאמעטען.

**צווייטער באנד:**

פיער טויזענד מייל אונטער'ן וואסער.

פרייז

**דריטער באנד:**

א רייזע אויף א פיראטען שיף.

**פיערטער באנד:**

מענשען פרעסער.

**פינפטער באנד:**

1. א רייזע ארום דער וועלט אין אכציג טעג.
2. דער בלינדער פאסאזשיר.

**זעקסטער באנד:**

1. א רייזע צום נארד פאל.
2. שווארצע דיאמאנטען.

**זיעבעטער באנד:**

ערשטע אינדיאנער פעלקער.

**אכטער באנד:**

די גאלד זוכער אין אמעריקא.

געדרוקט אויף דעם בעסטען פאפיער און שעהן געבונדען אין 8 קלאטה בענדער. 4.00

**זעווין'ס** געקליבענע שריפטען, י. י. זעווין (תשר"ק, יודקאוויטש). ענטהאלט 119 הומאריסטישע און קאמישע ערצעהלונגען פון „חיים דער קאסטאמער פעדלער", „דזשאו דער וויימער", „שמחה דער שמש" און „בעריל דער בוטשער באי".

דיעזע זאמלונג פון 119 ערצעהלונגען זיינען די בעסטע וואס תשר"ק האט געשריעבען.

געדרוקט אויף רעגאל פאפיער, געבונדען אין סילק קלאט .60

# ליטעראטור

פרייז

**זאלא'ס** (עמיל) געוועהלטע ווערקע, אין 4 דיקע פראכטפאלע בענדער. ענטהאלט פאלגענדע ווערקע:

1. פאריזער דאמען.
2. ליעבעס נאכט.
3. די דארפס־מיידעל.
4. די מענשליכע בעסטיעס
5. היינט־מאדישע חתונות.
6. היינט־מאדישע קבורות.
7. לעבען און טויט.
8. די בלוטיגע חתונה.
9. נאנטאס.
10. פרויען ליעבע.
11. א גלח'ס זינד.
12. ווייבערשער גן עדן.
13. דער טויט־שלעגער.
14. נאנא.
15. דער פערגיפטעטער קוס.

עמיל זאלא, דער פראנצויזישער שריפטשטעלער, און זיינע ווערק פערנעהמען דעם העכסטען פלאץ אין דער ליטעראַרישער וועלט, וויל זיינע ראמאנען און ערצעהלונגען אין וועלכע דער לעזער ווערט אזוי פעראינטערעסירט גלייך ביים אנפאנג לעזען, שטעלען פאר אמת'ע בילדער פון לעבען. יעדער טיפ, יעדער כאראקטער, יעדער העלד אדער העלד־ין איז אזוי נאטור־טריי געשילדערט, דאס אייך דוכט זיך דאס איהר זעהט זיי לעבעדיג ווי זיי שאפען און ווירקען.

עמיל זאלא צייכענט זיך אויס מיט זיין רעאלע שילדערונג וועגען ליעבע, הייראטה און פאמיליען־לעבען. עמיל זאלא איז דער גרעסטער מייסטער פון דער רעאליסטישער שוהלע, דער גרעסטער קענער אין דער מענשליכער נאטור און דער גרעסטער מאהלער פון דער מענשליכער נשמה.

פרייז

געדרוקט אויף דעם בעסטען פאפיער און זעהר שעהן געבונדען אין 4 קלאטה בענדער — 2.00

**טאָלסטאָי'ס** (גראף לעאָ) געוועהלטע ווערקע, אין צוויי דיקע פראכטפאלע בענדער. ענטהאלטען פאלגענדע ווערקע:

1. טאלסטאי'ס ביאגראפיע.
2. די קרייצער סאנאטא.
3. איך און מיין מאן.
4. מיין פריינד'ס פרוי.
5. איוואן איליטש'עס טויט.
6. צוויי דורות.
7. פאליקושקא.
8. אננא קארענינא.
9. דער נסיון.
10. די פערפיהרונג.

**היברו פאבלישינג קאמפאני, ניו יארק.**

פרייז

11. איוואן דער נאר.
12. מיין ווידוי.
13. קריעג און פריעדען.

גראף טאלסטאי'ס ווערק זיינען איבערזעצט געווארען אין אלע אייראפעאישע שפראכען און זיי־נען איבעראל פערקויפט געווארען אין די מיליאנען ; עס איז כמעט ניטא איין ציוויליזירטער מענש, וואס זאל ניט האבען גע־לעזען טאלסטאי'ס ווערק.

גראף ל. טאלסטאי'ס גרויסקייט ליעגט אין דעם, וואס ער גיט אי־בער זיינע הויכע אידעאלען און פילאזאפישע געדאנקען אין אינ־טערעסאנטע און שפאנענדע ראמאנען, און אז מען לעזט זיינעם א ראמאן איז אויסער וואס מען איז זעהר שטארק פעראינטערע־סירט אין דער ערצעהלונג, לערנט מען אויך דערביי פיעלעס וועגען געוויסע פראגען אין לע־בען.

געדרוקט אויף רעגאל פא־פיער און געבונדען אין 2 סילק קלאטה בענדער 1.50

**טורגעניעוו.** געקליבענע שריפ־טען פון איוואן סערגעיעוויטש טורגעניעוו, איבערזעצט אויס דעם אריגינעלען פון לעאן קאב־רין.

אינהאלט פערצייכניס :

## ערשטער באנד

אסיא. די ערשטע ליעבע. דער קליינשטעדטילדיגער רופא. א צוזאמענקונפט. דער טאגעבוך פון א איבעריגען מענשען.

## צווייטער באנד

**פאעזיע און פראזא** (ער־שטער טהייל) : א בעמערקונג פון דעם איבערזעצער. די דארף. דער געשפרעך. די אלטע. דער הונד. א געגנער. דער ארימאן. ווען דו וועסט דערהערען דעם אורטהייל פון נאר. דער צו־פריעדענער מענש. א פראקטישע עצה. די וועלט אונטערגאנג. מאשא. דער שוטה. א מזרח־לע־גענדע. צוויי פיערפערזיגע. שאר־בענס. דער גראבער ארבייטער און דער מאן מיט די ערדלע־הענטלאך. די ראזע. צום אנדענ־קען פון וו. פ. ווערעווסקאיא. די לעצטע בעגעגעניש. א בעזוך. **Necessitas vis Libertatis.** נדבות. דאס אינסעקט. בארשץ. אזור בלויע קעניגרייך. דער אל־טער. א קארעספאנדענט. צוויי ברידער. דער עגאאיסט. די סעודה ביים כביכול. דער שפער־לינג פויגעל. די נימפען. פריינד און פיינד.

**פאעזיע און פראזא** (צווייטער טהייל) : א שטייז,

פרייז

טויבען. מארגען, מארגען. די
נאטור. וואס וועל איך טראכ־
טען ? ווי גוט ווי פריש זיינען
געווען די בלומען. א ים־רייזע.
צו נ. נ. האלט. דער מאנאך. מיר
וועלען נאך שטרייטען. תפלות.
די רוסישע שפראך. דאס ליעד
פון דער טריאומפירענדער ליע־
בע. צוויי פריינד. קלארא מי־
ליטש.

## דריטער באנד

מומו. וואלד און סטעפע. דריי
פארטרעטען. אין א פערוואר־
פענעם ווינקעל. דריי מאל בע־
געגענט. טוק טוק טוק.

## פיערטער באנד

טשערטאפכאנאוו און נעדאפיוס־
קין. טשערטאפכאנאוו'ס סוף.
דער הונד. א הפקר מענש. א
חלום. א לעבעדיגער הייפעל ביי־
נער. יאקאב פאסינקאוו. אנדרעי
קאלאסאוו.

ענטהאלט איבער 1200 זיי־
טען געדרוקט אויף רעגאל פא־
פיער, געבונדען אין 4 פראכט־
פאלע סילק קלאטה בענדער 1.50

**טשעכאוו,** געקליבענע שריפטען
פון אנטאן טשעכאוו, איבערזעצט
אויס דעם אריגינעלען פון לעאן
קאברין.

פרייז

אינהאלט פערצייכניס :

## ערשטער באנד

די נקמה. וואס אן אנגעקלאג־
טער האט דערצעהלט. א בעקאנ־
טער מאנספערשוין. א גליקלי־
כער מענש. א רפואה געגען
שכרות. א טהעאטער דירעקטאר
אונטער א זאפע. די ענגלענדע־
רין. דער אויסרופונגס־צייכען.
דער רעדנער. א קונסט ווערק.
דער נצחון פון א זיעגער. דער
ממזר. אן עלענדע בעשעפעניש.
א טהייערע קינד. אויס די שריפ־
טען פון א אויפגערעגטען. מענ־
שען. זומער געסט. א רעטהזעל־
האפטע נאטור. דער טויט פון א
בעאמטען. די מכשפה. נערווען.
דאס איז געווען זי. איבערגע־
זאלצען. איבעריגע מענשען.
דער שלעכטער אינגעל. א מעשה
מיט א שוהל אינגעל. א שריפט־
שטעלער. אן אונגעוועהנליכער
מענש. דער קרומער שפיגעל. א
פאמיליען פאטער. א גוטער סוף.
אין באד 1. אין באד 2. דאס
לעזען. דער ערשטע ליעבהאבער.
די פאסירונג. דער פאסאזשיר
פון דעם ערשטען קלאס. אונפאר־
זיכטיגקייט. דער קלוגער וועכ־
טער. די שטיוועל.

## צווייטער באנד

דער אנטלאפענער. א בלבול.

פרייז

פינסטערניש. לעבעדיגע סמנים. דעם קאפיטאן'ס יוניפארם. דער מאן. די פאלאטע נומער 6. אז אונגליק. די ארומשפרינגערקע. אריאדנא. גנבים. נו פובליקום.

## דריטער באנד

די ליידענדע. די דאמען. אין דער פאסט אבטהיילונג. ביים בארבער. דער שפיגעל. די שכנים. דער אונטערזוכונגס ריכ־טער. שונאים. די דאמע מיט'ן הינטעל. א צרה. וייבער. א פאל פון פראקטיק. וואלאדיא דער קליינער. שטארקע געפיהלען. שווערע מענשען. אננא. אויף דער האלז. א נערוועזער אנפאל. קליינינקייטען פונ'ם לעבען.

## פיערטער באנד

ווינקא. שלאפען ווילט זיך. אניוטא. וואס זי האט דער־צעהלט. דער געבורטסטאג. די פויערים. וואלאדיא. נשמה'ניו. אהן א נאמען. דער פאטער. קעסטניקעס. די אפטהעקערשע. דאס וייב. די מהומה. די כא־ריסטקע. די פערבלאנדזשעטע. בענקעניש. אגרעסע.

ענטהאלט איבער 1200 זייטען געדרוקט אויף רעגאל פא־פיער, געבונדען אין 4 פראכט־פאלע סילק קלאטה בענדער 1.50

פרייז

**יהואש** (ש. בלומגארטען), **נייע שריפטען.**

## ערשטער באנד

(נייע ליעדער)

אינהאלט פערצייכניס:

**פראלאג,** איך האב גע־שיפט זיך אויף דעם שנעלען פלום.

**פון אלטען ברונען:** קריעת ים סוף. פאר מתן תורה. דור המדבר. עמר לגלגלת. שאול. הורקנוס. מלכת שבא, 1, 2, 3, 4, 5. גאטס גערעכטיגקייט.

**בין השמשות:** דער טויטער מארשאלעק. די בייזע האליאסטרע. דער מגפה־ווינקעל. דער וואסער־טרעגער. איינטאני־גע מלאכים. ליל שמורים 1, 2. לא ינום ולא יישן שומר ישראל. דער נגון. די עברות צו תשליך.

**פון בארג און טהאל:** פראלאג. דעם בוים'ס נשמה. בארג און אקעאן. דאס טייכעל. הערבסט־אבענד. בארג־געוויטער נאכ'ן שטורם. אבענד־קלאנגען 1, 2, 3. שטערען־שימער. שטורם־נאכט. פריהלינג־שנעע 1, 2. ערב פריהלינג פון די קעטסקיל בערג. פראלאג 1 ביז 14. דער

פרייז

הערבסט בוים. דער ערשטער
שנעע. נעכט אין דער גרויסער
שטאדט 1, 2, 3.

**הארץ ווערה** : פראלאג.
דיין בילד. אבשייד. פארקעהרט.
פאלשע קאמערציע. מיין עשירות.
ביידע געביטען. עבר פעדים. צו־
ריסען. פערגיפטעט. כף הקלע.
שיריים פון גליק. שטערען פונ־
קען. דער דונקעלער צווייפעל.
דלילה. אויסגעגליהט. זעלבסט־
נארעריי. געלד און פסולת. רענד־
לאך פאר פרוטות. נאכוועהענים.
ליעבעס הבטחות. בלומען גיפט.
די געעפענטע וואונד. זומער־
נאכט־טרוים. פראסט־בלום. איצט
לאך איך. דיין שעהנע טויט־גע־
שטאלט.

**טרוימען און טרעלען** :
דאס ניט געזונגענע ליעד. כאטש
א מרעהר. א טרוים. פרעמד. פון
פריה ביז שפעט. מיין שטערען.
אן עולם קטן. ווער ווייס. ווער־
טער־דאמפף. שפעטע בלומען.
דעם שיקזאל'ס שפאס. כת
ליצנים. א יום טוב. א יאהרצייט.
מיין סוד. אויר וואנדערער.
שמערץ־שכרות.

געדרוקט אויף רעגאל פאפיער
און געבונדען אין סילק קלאטה .90

פרייז

## יהואש (ש. בלומגארטען), נייע שריפטען.

## צווייטער באנד

אינהאלט פערצייכניס :

**לעבען און גלויבען** :
פראלאג. דער גבול. פון ליפ
צו ליפ. שוין וויעדער ניחא.
שכל במקום גאט. פערלארענע
אמונות. גאט זוכענים. א לעבענס־
שיפעל. וויל און מוז. און איך
אליין. דאס מעכטיגסטע. ביים
טויער פון לעבען. די נייע גע־
טער. שיקזאל. שאטענס.

**געשטאלטען און שא־
טענס** : קינסטלער־ווערה. א
דועל. צדקה. א וידוי. אפט גע־
הערט. נאכט מחשבות. דער גע־
וועזענער נביא. טויט 1, 2, 3,
4, 5. די ווייסע פעסט. דער
טהורעם־מאן. די מצורעים.

**צייט־ליעדער** : פיהרער־
שאפט. פון א רעוואלוציאנער'ס
ספור. גטרוימטער זיעג. דור
ומנהיגו. אז אלבום פאלק. ציון
ליעבע. די האגער קירכען־גלא־
קען. פון א בריעף. מיין ניט־
בעצאהלטער חוב. א ליכטעל דא,
א ליכטעל דארט. שבט ראובן און
שבט גד. א מאטטא. און איצ־
טער ?

פרייז

**פערשיעדענע ליעדער:**
פון אמאר כאיאם. סאקיא מוני. זאטע פילאנטראפיע. צו מארים ווינטשעווסקי. שטענדיג אין חדר. דער האהן און די פלעדערמויז. וואו גלויבען העלפט ניט.

**אין לאך־שפיגעל :**
דער עולם. א דור הפלגה. חא־חא־חא, א קאנסטיטוציע. וחלקלקות און זמזומים. דער שקל־איד. א הימלישער איינפאל. פון מעפיס־טאפעל'ס ליעדער־בוך. אייזעל־יזם. דער באק און דער פערד.

**פראזא :** ווי האט ער עס געמיינט ? אלי האסאן. ווי מע קוקט צוריק אין טהאל. דער עפעל־בוים. משה רבינו'ס טויט. דער דיכטער. דער זעהער. אונ־זערע פראפעסארען. דער פיעדעל שפיעלער אהן הענר.

געדרוקט אויף רעגאל פאפיער און געבונדען אין סילק קלאטה .90

**ליבין'ס** געקליבענע שריפטען. ענטהאלט א זאמלונג פון לי־בין'ס פערשיעדענע סקיצען, גלות־בילדער, ליעבע, סוזשעטען, בילדער פון ארימען לעבען אין ניו יארק, דער קריזיס, ערנסטער שפאס, און נאך פערשיעדענע ארטיקלען.

פרייז

געדרוקט אויף רעגאל פא־פיער און געבונדען אין סילק קלאטה .65

**מענדעלע מוכר ספרים** (ש. י. אבראמאוויטש), **לעצטע שריפטען**, ענטהאלט די פאל־גענדע לעצטע ווערק וואס דער זיידע פון דער אידישער ליטע־ראטור האט געשאפען :

איבער א שטאדט אין מזרח.
די ענטדעקונג פון וואהלין.
א גרויע האאר.
ספר הגלגולים.
ספר הבהמות.
שם ויפת אין א וואגען.
אין יענער צייט.
אויף אסיפות.
א פריהמארגען אין גלופסק.
איידעל.
ישראל'יק.

געדרוקט אויף רעגאל פאפיער פיין בראשירט .35
געבונדען אין סילק קלאטה .50

**מענדעלע מוכר ספרים** (ש. י. אבראמאוויטש) **פאלשטענ־דיגע געזאמעלטע שריפ־טען.** ענטהאלט אלע זיינע ווערק וואס ער האט ביז יעצט גע־שאפען.

## ערשטער באנד

1. דאס קליינע מענשעלע.
2. פישקע דער קרומער.

פרייז

3. די טאקסע.
4. די קליאטשע.
5. דער פריזיוו.

## צווייטער באנד

1. יודעל.
2. א רייזע בשרייבונג פון בנימין דעם דריטען.
3. דאס ווינשפינגעריל.
4. די אלטע מעשה.
5. שלמה ר' חיים'ס.
6. איבער א שטאט אין מזרח.
7. די ענטדעקונג פון וואהלין.
8. די גרויע האאר.
9. ספר הגלגולים.
10. ספר הבהמות.
11. אויף אסיפות.
12. א פריה מארגען אין גלופסק.
13. איידעל.
14. ישראל'יק דער משוגענער.

געדרוקט אויף רעגאל פאפיער און געבונדען אין צוויי פראכטפאלע סילק קלאט בענדער 1.50

**עדעלשטאדט'ס** שריפטען. א זאמלונג פון דוד עדעלשטאדט'ס פאעטישע שריפטען און פראזא. בראשירט .10

געבונדען אין קלאטה .18

**עדעלשטאדט'ס שריפטען, פאלשטענדיג.** א זאמלונג פון עדעלשטאדט'ס פאעטישע שריפטען אין פראזא און פאעזיע.

פרייז

ענטהאלט אלעם וואס דער בע־ריהמטער אנארכיסטישער פאעט האט געשריבען. געדרוקט אויף רעגאל פאפיער און געבונדען אין פראכטפאלע סילק קלאטה .75

**פרוג'ס אלע שריפטען.** א זאמלונג פון שמעון פרוג'ס אלע לידער, פאעמען און שריפטען.

אינהאלט פערצייכניס:

## ערשטער באנד

**גלות לידער:** צומיי־גע לעזער. האט רחמנות. דער רויטער קראנץ. די מצבה. צוויי טראיקעס. אויף קבר אבות. מזבח אדמה. שווער צו זינגען. צוואנ־ציגסטער פעברואר. דער פריה־לינג. משה רבינו'ס קבר. דריי (דער עלטער־זיידע, דער זיידע, דאס אייניקעל). מיין ליעד. זאמד און שטערען. אין וועהטאג־בעט. אויפ'ן בית עלמין. דאס אידיש קינד. דער צייכען.

**ארבייטער און פריי־הייטס לידער:** ליעד דער ארבייט. צום שרייבער. די תפלה. די פאהן. ס'איז צייט. פריהלינגס ליעד. וויעגען ליעד.

**נייע יאהר און יום טוב לידער:** ניי יאהר, צום ניי יאהר 1889. דאס ניי־יאהר ליעד. אויף נאווי גאר. תקיעה

פרייז

גדולה. דאס קוויטעל. על חטא. מיין סוכה. אין סוכה (חלום ביל־דער). די לאקשענברעט. הושענות. דער הימעל שפאלט זיך. שמחת תורה. הגדה ליעדער, 1. דער חשבון. 2. ארבע כוסות. 3. מה נשתנה. שבועות ליעד. שבועות. מתן תורתנו. ל"ג בעומר. חנוכה שפיעל. חמשה עשר. צוויי בילדער. די מלכה. שלח מנות. (א פורים ליעדעל). שלח מנות (א גראם ליעדעל). דער פורים טאסט. זים (א ליעדעל צום פורים שפיעל).

**לעגענדען** : דער הויפעז ערד. דעם שמש'ס טאכטער. חתן תורה. דער גאלדענער שליסעל. דער פרומער שד.

**בילדער פון פארציי־טען** : מחוץ למחנה. איוב. נבוזראדן. המן. די שרפה. פרעה. מתתיהו. א וכוח (פאנטאזיע).

## צווייטער באנד

**ציון ליעדער** : פראלאג. קרבנות. וואס מאכט די מאמע דער מאמע'ס קלאג. אהן אן ענט־פער. אייניקלאך. דער עגל. ביז משיח וועט קומען. שטעה אויף. שולמית. די תפלה. א בלעטעל וידוי. ציון. איכה. חנוכת הבית. תחית המתים. אויפ'ן וועג. דער גבור.

פרייז

**ראמאנטישע און ליריש־שע ליעדער** : פאראוים. די פיעדעל. דער װאלד חלום. דער אדלער. די ווילדע טויב. חברים. צוויי אויגען. דריי וועלטען. די נאטור. פריהלינג ליעד. זומער ליעדער. א זומער נאכט. הערבסט ליעדער. א הערבסט ליעדעל (פאר הדר אינגלאנד). ווינטער ליעדער. אין א ווינטער נאכט. ווינטער בילדער. פון טאג־בוך. צו מיכל גארדאן'ס קבר. א חלום. אונוויליגע קרבנות. צוויי טאסטען.

**קריטישע און סאטירי־שע ליעדער** : פאנטאזיע. די קארטענוואָרפערקע. נאכט ביל־דער. משיח'ס צייטען (ער געהט). משיח'ס צייטען (די פא־פירענע בריק). אין שמוינעווקע (רייזע בילדער). נאכט ליעדער. דער נייער מלמד. חברה הוליעט. סטיאפקא. דריי טעמים. בלייבט א קשיא. דער פרעהליכער גיהנום. ביים רויטען פייער'ל (א חלום אויפ'ן וואהר). דער טויטער חתן. סקיצען. דער נייער ראבינער. א מעשה'לע פון א געוועזענעם ערד־ארבייטער.

## דריטער באנד

**ליעדער אין פראזא** :

**פיין געבונדען אין קלאטה** 1.50